# אלע ווערק
# פון מרדכי
# ספעקטאר

מרדכי ספּעקטאָר

# מײַן לעבן

ערשטער טײל

## קינדעריאָרן

*

פאַרלאַג „אחיספר“
בײַ געז. „צענטראַל“
װאַרשע נאַװאָליפּקי 7.

Digitized by Touro College Libraries
For Project Zikaron
www.zikaron.tourolib.org
2021

Printed in Poland.

Druk. Sikora i Mylner. Warszawa, Nowolipki 6.

Digitized by Touro College Libraries
For Project Zikaron
www.zikaron.tourolib.org
2021

## קאפיטל איינס.

פון צוויי פארשידענע וועלטן בין איך אויף גאטס ערד געקומען, די צוויי וועלטן זענען אין מיינע קינדעריארן באשטאנען פון דער מאמעס צד און פון דעם טאטנס צד.

מיין ערשטע וועלט איז געווען פול מיט נשמות, קראפט, מאכט, שטארקייט מיט נאקעטער פראזע; און די צווייטע וועלט — פול מיט רוחניות און פאעזיע, שיינקייט, פראכט, א סך הימלען מיט פיל וונדן און גאנצע וועלטן, אין וועלכע איך האב אין מיינע קינדעריארן ארומגעשוועבט.

פון מיין מאמעס צד האב איך געהאט פינף פעטערס, שטארקע און געזונטע, ווי די דעמבעס און הויכע ווי די סאסנעס. איינער איז געווען א רב, דער צווייטער — א שוחט און דריי זענען געווען גרויסע סוחרים. איינער האט געלעבט הונדערט מיט צוויי יאר, דריי זענען אריבער די ניינציק, נאר מיט איינעם האט זיך געטראפן אן אומגליק: ער איז געקראכן אויפן בוידעם, אראפגעפאלן פון לייטער. קראנק געווארן און איז געשטארבן פאר דער צייט: צו פינפאונאכציק יאר...

נאר מיינע פינף פעטערס (מיין מאמעס ברידער) זענען אלע געשטארבן מיט מער שווארצע האר, ווי גרויע, קיינמאל ניט קראנק געווען, א חוץ איינער, ווי איך האב שוין געזאגט, איז אומגליקלעך אראפגעפאלן פון לייטער. זיי האבן זייערע גאנצע לאנגע יארן ניט געוווסט פון קיין דאקטוירים מיט רעצעפטן און מען האט דערציילט, אז זיי זענען נישט געשטארבן, נאר אנטשלאפן געווארן.

מיינע אלע פינף פעטערס, געדענק איך, פלעגן רעדן הויך און שטאלץ, מיט לייבן-שטימען. זיי האבן געהאט פארביקע פנימער, און קנייטשן אויף די שטערנס, לאנגע, שיינע, האלב-גרויע בערד, און

איך געדענק זיי אויך, אַ דאַנק זייערע „שלום-עליכם-געלט״, וואָס זיי פלעגן מיר געבן, ווען זיי פלעגן קומען צו אונדז צו פאָרן פון זייערע שטעטלעך: באַהאָפּאָליע, קריוואָזע און אַנדערע, ווו זיי האָבן שטענדיק געוווינט. דער רב פלעגט מיר געבן אַ זילבערנעם פּערציקער שלום-עליכם-געלט. די דריי סוחרים — צו גאַנצע זילבערנע רובלס און דער שוחט — אַ קופּערנע מטבע.

איך געדענק אויך, ביים טיש, אַז וואָס די מאַמע פלעגט אָנגרייטן צוליב די געסט, פלעגן זיי עסן מיט גרויס אַפּעטיט און פאַרטרינקען מיט אַ סך וויין, און קיינמאָל איז ביים טיש גאָרנישט איבערגעבליבן, וויפל די מאַמע האָט נישט צוגעגרייט צוליב די געהייבענע און אנגעלעגטע געסט.

יעדער פון מיינע פינף פעטערס האָט געהאַט די מאַכט אין די שטעטלעך, ווו זיי האָבן שטענדיק געוווינט. אַלע האָבן געציטערט פאַר זייער פיזישער קראַפט און אויסזען. מען האָט דרך ארץ געהאַט פאַר זייער גרויסע לומדות, אַלע זענען געווען גרויסע „גמרא-קעפּ״ און ווי איז געווען צו דעם, וואָס האָט זיי אין עפּעס ווידערשפּעניגט!

גאָר אַן אַנדער וועלט איז פאַר מיר געווען דעם טאַטנס צד.

וועגן מיין טאַטן, וועלכער איז פאַר מיר זייער יונג אָפּגעשטאָרבן, האָב איך אין מיינע קינדעריאָרן געהערט ווונדערלעכע מעשות פול מיט פּאָעזיע.

מיין זיידע (מיין טאַטנס פאָטער), פון וועלכן עס געפינען זיך ביי מיר אין כתב-יד צוויי ספרים מיט פּרושים אויף תורה, ווו ער שרייבט זיך אונטער „יצחק אייזיק מגזע חיות״, איז געקומען פון גאַליציע קיין אוקראַינע, ווו ער האָט חתונה געהאַט אין אומאַן. צוויי יאָר נאָך דער חתונה איז ער קראַנק געוואָרן און די דאָקטוירים האָבן געזאָגט, אַז ווען ער וועט ניט פאָרן קיין בערלין צו די דאָרטיקע גרויסע דאָקטוירים זיך היילן, וועט ער מוזן שטאַרבן.

אַמאָליקע יאָרן, ווען קיין באַנען זענען נאָך אויף דער וועלט נישט געווען, איז דאָס געווען אַ רייזע אויף חדשים לאַנג און אפשר אויף יאָרן. האָט ער מיין באָבן, דאָבריטש גיטל, געגעבן אַ תנאי-גט און זי איבערגעלאָזט מיט אַ זויגעדיק קינד יענקל (מיין פאָטער), און מיין זיידע האָט זיך אָוועקגעלאָזט אין דעם ווייטן געפערלעכן וועג קיין בערלין צו די דאָרטיקע גרויסע דאָקטוירים, און די גאַנצע שטאָט אומאַן האָט אים באַגלייט, געוויינט און אים געווונטשן אַ רפואה שלמה.

די צייט איז געגאַנגען, און מיין זיידן האָט מען אין שטאָט כמעט שוין ווי פאַרגעסן, און פּלוצלונג, נאָך אַכצן חדשים, איז מיין זיידע גע־קומען צוריק אַהיים קיין אומאַן, און ווען ער איז אַריינגעפאָרן אין שטאָט איבער דעם בריק און איז פאַרבייגעפאָרן דאָס געסל, ווו עס געפינט זיך די גרויסע שול, האָט ער באַגעגנט שפּילן קלעזמער מיט מחותנים און מען האָט געפירט חתן־כלה צו דער חופּה. מיין זיידע האָט עס אָנגענומען פאַר אַ גוטן סימן, וואָס ביי זיין אָנקומען פון אַזאַ וויטן און לאַנגן וועג אין זיין שטאָט האָט ער באַגעגנט אַ חתונה און נישט חס ושלום קיין לויה. ער האָט אָפּגעשטעלט זיין בויד לעבן דער שול, וווּ מען האָט אינדרויסן, אונטערן היכל, געשטעלט די חופּה און ער האָט ביי די פאַרבייגייער געפרעגט: וועמער האָט עס חתונה? האָט מען אים געענטפערט: דאָבּרוש גיטל, וואָס איר מאַן יצחק אייזיק האָט איר איבערגעלאָזט אַ תנאי־גט און איז אַוועק קיין בערלין זיך היילן ביי די דאָרטיקע גרויסע דאָקטוירים און איז שוין געוויס דאָרטן לאַנג געשטאָרבן.

דער זיידע איז בלאַס און דערשראָקן געוואָרן, ווייל ער האָט זייער ליב געהאַט זיין יונג ווייבל, וועלכע איז געווען אַ גרויסע שיינ־הייט און האָט זייער ליב געהאַט דאָס קינד, וואָס ער האָט מיט איר געהאַט. און דער זיידע האָט געפרעגט:

— ווי זשע קומען קלעזמער מיט אַ חופּה פאַר דער שול, זי איז דאָך אַ גרושה?

— ווייל דער חתן איז אַ בחור,—האָט מען אים געענטפערט

דער זיידע האָט געקלאָגט און געוויינט, פאַרוואָס ער איז נישט געקומען אַהיים פאַר דער צייט, ווען דער תנאי־גט האָט זיך געענדיקט. ער איז נאָכאַמאָל קראַנק געוואָרן און איז זייער יונג פאַר דער צייט געשטאָרבן.

און נאָך אַ וווּנדערלעכע געשיכטע האָב איך געהערט וועגן מיין טאַטן.

ווען מיין פאָטער איז געווען אַ קליין קינד, וואָס מען האָט נאָך געטראָגן אויף די הענט, האָט זיך געטראָפן אַזאַ מעשה:

קיין אומאַן זענען אָנגעקומען קאָמעדיאַנטן, וועלכע האָבן גע־האַט אַ מאַלפּע וואָס האָט געטאַנצט און געמאַכט קונצן.

איינמאָל אין די דינסט מיט מיין טאַטן אויף אירע הענט אויך

געגאנגען אין באלאגאן זען די קאמעדיאנטן מיט דער וואונדערלעכער מאלפע.

די דינסט מיט דעם קינד אויף די הענט האבן געקוקט אויף דער מאלפעס קונצן און האבן שטארק אנגעקוואלן. פלוצלונג האט די מאלפע א שפרונג געטאן צו דער דינסט און ארונגעכאפט דאס קינד אויף אירע הענט און נישט אפגעלאזט, ווייל די דינסט האט נישט געשריען און געוואלדעוועט.

מען האט געמיינט, אז דאס קינד איז שוין פארפאלן. אלע, וואס האבן זיך געפונען אין באלאגאן האבן געשריען און געוויינט פון גרויס שרעק, מענטשן האבן געחלשט. נאר דאס קינד האט נעלאכט און געשפילט זיך מיט דער מאלפע. נאר דא זענען אנגעלאפן די קאמעדיאנטן און מיט שטעקנס האבן זיי קוים אפגעטריבן די מאלפע. און דאס קינד האט אלץ געלאכט.

אט די צוויי שיינע מעשיות האט מיר דערציילט די מומע פריידע, מיין טאטנס שוועסטער פון איין מאמען, וועלכע האט חתונה געהאט מיט דעם בחור.

די מומע פריידע, זיצנדיק לעבן מיין בעטעלע, האט די צוויי מעשיות מיר דערציילט אזוי שיין און אזוי באריכות, אז עס האט זיך אין מיר איינגעגראבן אויף אלע מיינע קינדעריארן. איך פלעג וויינען אויף מיין זיידנס ביטער מול, וואס ער איז געקומען פון בערלין אהיים שוין נאך דער צייט פון תנאי־גט. אין מיינע אויערן האבן געקלונגען טרויעריקע טענער פון די קלעזמער, וואס האבן געפירט מיין באבען צו דער חופה מיט א פרעמדן בחור און ווי דאס הארץ פון מיין זיידן האט געוויינט, ווען די קלעזמער האבן געשפילט.

און יעדעס מאל, ווען איך פלעג זיך דערמאנען אן דער וואונדערלעכער געשיכטע מיט מיין זיידן יצחק אייזיק, פלעג איך וויינען מיט ביטערע טרערן, און וועגן דער מאלפע, וואס האט ארויסגעכאפט מיין טאטן, ווען ער איז א קליין קינד געווען, פלעגט מיר באנג טאן, וואס די קאמעדיאנטן האבן די מאלפע געשלאגן מיט שטעקנס, זי זאל אפלאזן דאס קינד. און מיט מיין קינדערשער פאנטאזיע האב איך זיך פארגעשטעלט, וואס עס וואלט געווען, ווען מען זאל די מאלפע נישט שלאגן, וואלט זי מיט מיין טאטן אוועק אין א גרויסן וואלד, ווו עס איז אזוי שיין און דארטן וואלט ער געלעבט מיט די מאלפעס אויף די דריגע ביימער. די מאלפעס וואלטן דאס קינד ווייער

ליב געהאַט, זיי וואָלטן אים געגעבן אַ סך מילך און נאָך גוטע זאַכן, און דאָס גאַנצע שיינע לעבן אין גרינעם גרויסן וואַלד האָב איך געזען פאַר מיינע אויגן, וועג מיין מומע פריידע האָט אַזוי שיין דערציילט און עס האָט זיך מיר אויך געוואָלט, אַז אַ מאַלפע זאָל מיך אַרומכאַפּן און מיך אַוועקפירן אין וואַלד.

זי האָט מיך אויך דערציילט, אַז ווען איך בין געווען גאָר אַ קליין קינד, האָט מען מיך נישט געוויגט אין אַ וויגעלע, וואָס הענגט אויף פיר שטריקלעך, נאָר אין אַ מולטער, ווי מען קנעט ברויט, האָט מען מיך געוויגט און דאָרטן בין איך געשלאָפן.

— פאַרוואָס אין אַ מולטער? — האָב איך געפרעגט אַ באַליידיק-טער, ווייל איך האָב געזען, אַז נאָר אָרעמע קינדער וויגט מען אין אַ מולטער, ווייל עס איז נישטאָ קיין געלט צו קויפן אַ וויגעלע...

— נאַריש יינגעלע, — האָט מיר די מומע פריידע געענטפערט, — נישט דערפאַר, וואָס מען האָט פאַר דיר נישט געוואָלט קויפן קיין וויגעלע, אַפילו אַ גאָלדן וויגעלע וואָלט מען פאַר דיר געקויפט, נאָר אין אַ מולטער וויגט מען אַלע ציטערדיקע קינדער... אָט, למשל, אַ בן יחיד, וואָס בלייבט פון אַ סך קינדער, נישט פאַר קיינעם געדאַכט, איז אַ גרויסע סגולה פאַר אַלערליי שדים און רוחות צו וויגן אין אַ מול-טער. די אַלע האָבן דאָן צום קינד קיין שליטה נישט.

— איך בין דען אַ בן יחיד, איך האָב דאָך שוועסטער און ברי-דערלעך? — האָב איך געפרעגט.

— דו ביזט אָבער אַ ציטערדיקער, אַ מווינקל ביזטו, דאָס יינגסטע, דאָס ליבסטע... דיין טאַטע, ער זאָל האָבן דעם ליכטיקן גן עדן, ווען דו ביזט געבוירן געוואָרן, איז ער געפאָרן צום טאַלנער רבין, און ווען ער איז צוריקגעקומען, האָט ער געהייסן דיך וויגן אין מולטער.

איך האָב זיך נישט צו באַקלאָגן אויף מיינע קינדעריאָרן — איך האָב זיי געהאַט, און אַלע פּלענער אויף מיר-זאָגן, אַז איך בין אין אַ הייבל (העמדל) געבוירן געוואָרן.

פון דאָס רוב יידן האָב איך געהערט זאָגן, אַז זיי זענען קינ-דער געווען און האָבן קיין קינדעריאָרן נישט געהאַט, זיי זענען יונג געווען און האָבן קיין יוגנט נישט געהאַט.

און איך זאָג, אַז עס איז נישטאָ קיין שענערס אויף דער וועלט, ווי די קינדעריאָרן ביי יידן, און איך קוק שטענדיק מיט רחמנות אויף

די אומגליקלעכע יידישע קינדער. וועלכע האָבן נישט געהאַט קיין יידישע קינדעריאָרן, וואָס זענען אַזוי שיין און פול מיט פּראַכט און גלאַנץ.

נישט אומויסט האָט זיך אונדזער פּאָעט ח. נ. ביאַליק מיט אַזוי פיל ליבע אַרויסגעריסן פון זיינע קינדעריאָרן דידאַזיקע ווערטער:

אונטער די גרינינקע ביימעלעך
שפּילן זיך משהלעך, שלמהלעך,
ציצית, קאַפּאָטקעלעך, פּאהלעך.
— — — — — — — — — — —
אוי, מיר זאָל זיין, יידישע קינדערלעך,
פאַר אייערע כשר׳ע אייגעלעך.

נאָר ביי דעם, וואָס האָט געהאַט שיינע יידישע קינדעריאָרן, האָבן זיך געקענט אַרויסרייסן אַזעלכע שורות פול מיט ליבע צו יידישע קינדער.

## קאַפּיטל צוויי.

יעדעס מאָל, ווען איך טראַכט וועגן מײַנע קינדעריאָרן, שווימט מיר אַרויף די פֿראַגע: וויפֿל בין איך אַלט געווען, ווען איך האָב אָנגעהויבן זיך געדענקען און אַלץ, וואָס האָט מיך אַרומגערינגלט אין מײַן קינדער-וועלטעלע?

און נאָך פֿיל אויסרעכענונגען, בין איך געקומען צו אַ ריכטיקן חשבון, אַז איך געדענק זיך, מענטשן, זאַכן און געשטאַלטן, אַלץ אַזוי קלאָר און דײַטלעך, ווי גלײַך עס איז ערשט נעכטן פֿאָרגעקומען — ווען איך בין אַלט געווען דרײַ יאָר מיט דרײַ חדשים.

איך האָב געהאַט די מעגלעכקייט ריכטיק אויסצורעכענען דערפֿאַר, ווײַל אויף מײַן טאַטנס מצבה אויף דעם בית עולם אין אומאַן איז עד-היום אויסגעקריצט, אַז ער איז געשטאָרבן ה׳ תרכ״ב, י׳ שבט (1862) און איך בין געבוירן געוואָרן ראש חודש אייר התרי״ח (אין חודש מאי 1858).

דאָס ערשטע, וואָס איך געדענק, איז מײַן פֿאָטער, מיט וועלכן איך האָב פֿאַרבראַכט ל״ג בעומר אונטערן שטאָט. דאָס איז געווען ניין חדשים פֿאַר מײַן פֿאָטערס טויט.

געשען איז דאָס אַזוי: איך בין געשטאַנען פֿאַר אונדזער שטוב, וווּ עס איז געווען אַ גרויסער פּלאַץ. ווײַט אויף דעם פּלאַץ זענען שטענדיק געשטאַנען צוויי „איזוואָזשטשיקעס״, וואָס די שטאָט אומאַן האָט דאַן פֿאַרמאָגט. בײַדע זענען געווען יידישע און איינעם געדענק איך, ווי ער שטייט און גייט אפֿילו מיט דעם נאָמען. מען האָט אים גערופֿן „משה דער גראָבער״. ער איז געווען אַזוי דיק און פֿעט, אַז ער האָט פֿאַרנומען די גאַנצע קעלניע, און פֿלייש האָט ברייטלעך אַראָפּ-

געהאנגען איבער דער גאַנצער קעלניע אַרום און אַרום. און ער האָט שטענדיק געפּראַכט פון פּעסקייט.

ביידע דראָשקעס זענען געווען אַלטע, אָפּגעקויפטע ביי פּריצים אויף ברעך-אייזן. די רעסאָרן פון די דראָשקעס זענען נישט געווען קיין גלייכע, און ווען אויף דער דראָשקע האָבן זיך געזעצט צוויי פּאַסאַזשירן, איז איינער געזעסן אינדערהויך און דער צווייטער אינ-דערנידער.

ווען איינער האָט באַדאַרפט פאָרן, איז ער נישט צוגעגאַנגען צו דעם אָרט, ווו די צוויי „איזוואָשטשיקעס" זענען געשטאַנען, נאָר ער פלעגט איבערן פלאַץ אָנהייבן שרייען: „איזוואָשטשיק!" און ביידע פאַרבייגייער האָבן געפונען פאַר זייער חוב מיטהעלפן שרייען: „איזוואָשטשיק!" ווער שמועסט נאָך קינדער. און אַזוי לאַנג האָט מען גע-שריען, ביז זיי האָבן דערהערט, און דאַן האָט זיך ערשט אָנגעהייבן די אמתע בהלה: ביידע איזוואָשטשיקעס האָבן אָנגעהייבן לויפן, ווי פאַזשאַרנע פערד אויף אַ שׂרפה, ווייל יעדער האָט געוואָלט פאַרכאַפּן דעם פּאַסאַזשיר, פלעגן זיי אַפּט לויפנדיק צעקאַליטשען מענטשן און אויך די אייגענע פערד, ווייל זיי פלעגן אַריינפאָרן איינס דאָס אַנדערע מיט די „דישלעס" און מיט די רעדער. חוצדעם, פלעגן זיי אַריינ-פאָרן אין די פּנימער איינס דאָס אַנדערע מיט די בייטשן און זיך צעבלוטיקן, און ביידע האָבן שטענדיק געהאַט אויף די פּנימער לאַנגע צייכנס פון די שמיץ מיט די בייטשן. דאָך, ווען קיין פּאַסאַזשירן זענען נישט געווען, פלעגן די ביידע קאָנקורענטן שטיין אויף דעם פּלאַץ און רעדן בשלום צווישן זיך.

און ווי איך שטיי אַזוי ביי דער שטוב און קוק אויף דעם דרויסן, גייט אַרויס מיין טאַטע, די מאַמע און אונדזער משרת מענדל. מיין טאַטע הייסט מענדלען רופן דעם איזוואָשטשיק משה דעם גראָבן, ווייל פרומע יידן פלעגן נאָר פאָרן מיט משהס דראָשקע, אין וועלכע עס האָבן זיך געפונען קישעלעך אויף צו זיצן אָן שעטנז.

מענדל האָט מיט אַ קול פון אַ ליידיק פאַס אָנגעהייבן שרייען: „איזוואָשטשיק!" אַלע פאַרבייגייער האָבן זיך, ווי דער שטייגער איז, אָפּגעשטעלט און אויך אָנגעהייבן שרייען, נאָר אַזוי ווי משה דער גראָבער איז איצט גראָד געשטאַנען איינער אַליין אויף דעם פּלאַץ, ווייל זיין קאָנקורענט איז מיט זיין דראָשקע געווען ערגעץ פאַר-נומען, איז משה צוגעפאָרן צו אונדזער הויז אָן געפּילדער.

און ווען די דראָשקע האָט זיך לעבן אונדז אָפּגעשטעלט, האָט דער טאַטע מיך גענומען אויף די הענט, אַנידערגעזעצט אויף דער דראָשקע און צו מיר געזאָגט:

— קום, שייגאָץ, וועסט מיט מיר פאָרן „אויף ל״ג בעומר״.

ער האָט זיך געזעצט לעבן מיר און די מאַמע האָט אים מיט־געגעבן אין אַ פאַרבונדענער פאַטשיילע „עפּעס פאַר מיר". איך זאָל אויף דעם וועג, חס ושלום, נישט פאַרחלשט ווערן פון הונגער.

ווען איך האָב זיך אַנידערגעזעצט אויף דער דראָשקע לעבן טאַטן, האָט ער אויסגעזען זייער הויך, ווייל אין מיין זייט זענען געווען די נידעריקע רעסאָרען און עס האָט זיך מיר אויסגעוויזן, אַז איך זיץ אין אַ גרוב. דאָך האָב איך זיך געפילט פאַר דעם גליקלעכסטן אין דער וועלט — אַ קלייניקייט צו זאָגן: אַזאַ אומגעריכט גליק — איך פאָר!..

וויפל פורלעך און דראָשקעס בין איך עס נאָכגעלאָפן און געבעטן זיך, ווי ביי גוזלנים, מען זאָל מיך אַ ביסל אַרויפנעמען אויף דעם וואָגן און קיינער האָט נישט געוואָלט, און מיר נאָך אָפּגעטריבן מיט דער בייטש, ווי עפּעס אַ הינטל אָדער אַ ציג.

מיין טאַטע האָט געשוויגן און נאָר מיר צוגעהאַלטן, איך זאָל נישט אַראָפּפאַלן. אָבער וואָס הער איך אים און די גאַנצע שטאָט — איך פאָר און העצקע זיך אין מיין גריבל!

ווען מיר זענען אַרויסגעפאָרן העט־העט ווייט אונטער דער שטאָט, האָב איך דאָס ערשטע מאָל אין מיין לעבן דערזען אַ נייע וועלט, וואָס איך האָב קיינמאָל פריער נישט געזען: פעלדער גרינע, פעלדער שיינע, אָן היינער, אָן פאַרקנס מיט פּלויטן און אַ גרויסן אומענדלעכן קיילעכיקן הימל. האָב איך דאָס ערשטע מאָל דערזען.

אַזוי זענען מיר מיט די פעלדער געפאָרן מער ווי אַ האַלבע שעה און דערנאָך האָט זיך די דראָשקע אָפּגעשטעלט ביי אַ גרויסן אַלטן וואַלד, וועלכן מען רופט עד־היום דער „גרעקעווער וואַלד" און אין וועלכן עס האָבן זיך אַמאָליקע יאָרן אויסבאַהאַלטן די פּאַליאַקן, ווען זיי האָבן זיך געשלאָגן מיט די היידאַמאַקעס איבער דער שטאָט אומאַן.

משה גראַבער מיט זיין דראָשקע האָבן זיך אָפּגעשטעלט ביים אָנהייב וואַלד און איך מיט דעם טאַטן זענען אַריין טיפער־טיפער אין וואַלד.

דער טאַטע האָט אַרויסגענומען פון דער הינטערשטער קעשענע אַ גרויס קאָלירט טיכל, עס פאַרשפּרייט אויף אַ דיקן אָפּגעהאַקטן דעמב, זיך אַנידערגעזעצט און מיר גישט געשטערט אַרומצולויפן ווו־אַהין איך האָב נאָר געוואָלט. ער האָט מיר נאָר אָנגעזאָגט. איך זאָל נישט ווייט אַנטלויפן פון אים.

די אָזויפיל הויכע און גרינע ביימער, דאָס זינגען און פּיפּטשען פון אַזויפיל פייגעלעך האָט מיר פאַרדרייט דאָס קעפּל, און דאָ אויף דער ערד, אויף גרינע בלעטעלעך, קריכן אַווינע שיינע פליגעלעך, זשוקעלעך און ווערעמלעך, און איך ווייס נישט אויף וואָס פריער צו קוקן און אין וועלכער זייט איך זאָל פריער זיך לאָזן לויפן.

אָט לאָזן זיך אַראָפּ מיטאַמאָל עטלעכע פייגעלעך אין קאָמפּאַניע, זיי שטעלן זיך אויף אַ נידעריק צווייגעלע אַזוי נאָענט צו מיר, אַז איך קען זיי מיט מיין הענטל באַלד דערלאַנגען. גיי איך צו צו די פייגעלעך און וויל זיך מיט זיי שפּילן, ווי מיט חברים. איך פיל, אַז איך האָב זיי שטאַרק ליב און וויל זיי קיין שלעכטס נישט טאָן, נאָר איך וויל זיי קושן... גיי איך צו צו די פייגעלעך, נעמען זיי און פליען אַוועק און זיי לאָזן מיך איבער אַליין...

— שלעכטע פייגעלעך!—זאָג איך צו זיי ברוגזדיק מיט שטייענדיקע טרערן אין די אויגן, און גיי צו צו די צווייגעלעך, וואָס וואַקסן נידעריק צו דער ערד, אויף וועלכער עס קריכן שיינע פאַרביקע פייגעלעך מיט זשוקלעך און ווערעמלעך אַ סך און וויל זיך מיט זיי שפּילן — אַנטלויפן זיי אויך פון מיר. צעוויין איך זיך און לויף צום אָפּגעהאַקטן בוים, וווּ מיין טאַטע זיצט.

— וואָס וויינסטו? — פרעגט ער מיך. — דו האָסט זיך אַ וצק געטאָן?

— ניין, זיי ווילן זיך מיט מיר נישט שפּילן, — כליפּע איך.

— ווער? — פרעגט ער און קוקט זיך אַרום.—עס זענען דען דאָ אין וואַלד קינדער?

— ניין, די פייגעלעך ווילן זיך מיט מיר נישט שפּיקן! איך גיי צו צו זיי, אַנטלויפן זיי אַלע פון מיר און לאָזן מיך איבער אַליין...

— נאַרעלע, — גלעט מיך דער טאַטע און טוליעט מיך צו זיך,— זיי דאַרפן זיך מיט דיר נישט שפּילן.

— פאַרוואָס, טאַטע? איך האָב זיי דען געטשעפּעט?

— זיי דאַרפן זיך מיט דיר נישט שפּילן, — זאָגט ער נאָכ־אַמאָל.

— פאַרוואָס דאַרפן זיי נישט?

— גאָט האָט זיי אַזוי געהייסן, אַז זיי זאָלן זיך שפּילן נאָר מיט זייערע, און דו דאַרפסט זיך שפּילן מיט דײַניקע — מיט ייִנגעלעך.

— און ווער איז גאָט? איך האָב אים קיינמאָל נישט געזען? — טו איך פּלוצים אַ פרעג.

— גאָט זיצט אין הימל! און קוקסטו אַן אָט דעם גרויסן שיי־נעם וואַלד מיט די אַלע פייגעלעך, פליגעלעך און ווערעמלעך, דאָס האָט גאָט באַשאַפן, און צלך און אַלעם און מיך און דיך האָט גאָט באַשאַפן.

מיר איז שטאַרק געפעלן געוואָרן, וואָס דער טאַטע דערציילט, אַז עס איז דאָ איינער, וואָס קען אַזאַ שיינעם וואַלד מיט פייגעלעך באַשאַפן. און, אונטערשפּרינגענדיק, האָב איך דעם טאַטן געזאָגט:

— איך וויל זײַן גאָט...

שמייכלט דער טאַטע און ענטפערט מיר:

— אים קענען נאָר זײַן צדיקים. אַז דו וועסט אַמאָל ווערן אַ צדיק, וועסטו אים אויך זײַן.

— וויאַזוי ווערט מען, טאַטע, אַ צדיק?

— ווען מען איז אַן ערלעכער ייִד, מען טוט אַ סך תּפילה צו אים, אַזוי ווי אונדזער טאַלנער רבי ר׳ דודל, זאָל מאריך ימים זײַן — אונדזער צדיק ר׳ דודל קען זײַן גאָט...

# קאַפּיטל דריי.

— ביזט שוין אַוודאי הונגעריק ?—פרעגט מיך פּלוצים דער טאַטע און האַקט מיטאַמאָל איבער אונדזער שמועס.

און, אַזוי פרעגנדיק, נעמט ער די פאַרבונדענע גרויסע פּאַטשיילע, וואָס די מאַמע האָט מיטגעגעבן: ער נעמט אַרויס פון דאָרטן אַ פלאַש צבלקוואַס, קיכלעך, האַרטע אייער, געקאָכטע אַרבעס און הייסט מיר עסן און אַליין עסט ער גאָרנישט.

איך עס אָבער זייער ווייניק, אָן שום אַפּעטיט, נישט קוקנדיק דערויף, וואָס פריער אַ ביסל בין איך געווען הונגעריק. פּלוצים גאָך דעם שמועס מיטן טאַטן וועגן גאָט און וועגן דעם צדיק ר׳ דודל, האָט עס מיטאַמאָל צוגענומען ביי מיר דעם גאַנצן אַפּעטיט צום עסן, ווייל מיין קינדערש קעפּל האָט זיך אינגאַנצן פאַרטראַכט וועגן דעם זעלטענעם גאָט, וואָס האָט געקענט באַשאַפן אַזאַ גרויסן שיינעם וואַלד מיט אַזויפיל פייגעלעך, ושקעלעך, ווערעמלעך און מיך און מיין טאַטן האָט ער אויך באַשאַפן.

מיין מוח איז אויך געווען פאַרנומען מיט דעם צדיק ר׳ דודל, וואָס נאָר ער קען זען גאָט.

איך האָב מיטאַמאָל זייער ליב באַקומען דעמדאָזיקן גאָט מיט דעם צדיק ר׳ דודלען. איך האָב מיין טאַטן נישט אויפגעהערט צו באַשיטען מיט פראַגן און צו בעטן, ער זאָל מיך פירן צו זיי, וואָרים איך וויל זיי ביידע זען.

דער טאַטע האָט אין אָנהייב מיר געענטפערט אויף מיינע פראַגן, אַז יעדער ייד, וואָס טוט אַ סך תפילה צו גאָט, קען אים זען און ווערן אַזאַ צדיק, ווי ר׳ דודל, נאָר דערנאָך האָט דער טאַטע אויף מיר אָנגעשריען, איך זאָל אים אויפהערן צו דולן אַ קאָפּ:

— דו וועסט אויסוואַקסן אַ פרומער ייד, ווע‌סטו פון אַלעם וויסן, נעם און עס בעסער, דו האָסט זיך שוין אַוודאַי אויסגעהונגערט.

איך האָב צוליב געטאָן דעם טאַטן, און געשטופּט אין זיך די אייער מיט די אַרבעס, כאָטש איך האָב נישט געוואָלט עסן. עס האָט מיר אָנגעהייבן שטאָפּן אין האַלדז. האָט מיר דער טאַטע געהייסן פאַרטרינקען מיט קוואַס און געזאָגט, אַז אויב איך בין נישט הונגעריק, זאָל איך נישט עסן. דער טאַטע האָט אויך אויסגעטרונקען אַ גלעזעלע קוואַס און דערביי אין אַ ווערטל פריילעך צו מיר געטרונקען „לחיים” און מיר געווונטשן, איך זאָל אויסוואַקסן אַ פרומער ייד.

און נאָכדעם, ווען איך האָב פון מיין טאַטן געהערט די שיינע מעשה וועגן גאָט און וועגן דעם צדיק ר׳ דודל, האָב איך אויף זיך גענומען מיט דעם גאַנצן האַרצן, אַז איך זאָל אויסוואַקסן אויך אַ פרומער ייד און ווערן אַ צדיק און קענען זען גאָט, גלייך ווי ר׳ דודל.

נאָכן עסן איז דער טאַטע פריילעך געוואָרן און האָט זיך אָנגעהייבן מיט מיר שפּילן. ער לויפט מיט מיר צווישן די ביימער, ער וויל מיך כאַפּן און מאַכט אַזוי, אַז ער קען מיך נישט כאַפּן. דערנאָך לויף איך אים נאָך און ער טוט אַזוי, אַז איך כאַפּ אים יאָ און איך לאַך אַזוי, אַז איך קען זיך נישט איינהאַלטן פון געלעכטער, וואָס דער שטענדיק בייזער שווייגנדיקער גרויסער טאַטע שפּילט זיך מיט מיר, ווי אַ קליין ייִנגעלע.

נאָך מער האָב איך געקייכט פון געלעכטער און אָנגעקוואָלן, ווען דער טאַטע האָט מיר געהייסן אָנגעמען די אונטערשטע פּאָלע פון זיין לאַנגער קאַפּאָטע און איך בין געלאָפן, פּונקט ווי מיט מיינס אַ פערדל און דערנאָך האָט ער אָנגענומען מיין סטענדיל און איך בין געוואָרן אַ פערדל.

עס האָט אָנגעהייבן שפּעט צו ווערן, די נאַכט האָט זיך אָנגעהייבן זעצן, די שפּיצן פון די ביימער זענען אָנגעטאָן געוואָרן אין גין-באָלד און עס האָט אויסגעזען, ווי די ביימער ברענען מיט אַ גרויס פייער פון אַלערליי קאָלירן.

ווען מיר האָבן זיך אויפגעהערט צו שפּילן, האָט דער טאַטע מיך אַנידערגעזעצט אויף דעם אָפּגעהאַקטן דעמב, ווו ער איז פריער גע-

זעסן, און האָט מיר אָנגעזאָגט, איך זאָל פונדאַנען נישט אַוועקגיין, ביז ער וועט נישט אָפּדאַווענען מנחה.

דערנאָך האָט ער אָנגעריבן זיינע הענט איך גראָז און אין אַ בוים, זיך געשטעלט נישט ווייט פון מיר, אָנשפּאַרנדיק זיך ביי אַ בוים, און אָנגעהייבן צו דאַווענען.

ער האָט זיך שטאַרק געשאָקלט מיט אַלע אבֿרים, אַרויסגעלאָזט אַלע מאָל פאַרשידענע קולות, און געזונגען זיס און שיין, און זיינע געזאַנגען האָבן זיך הילכיק צעטראָגן איבער דעם גאַנצן וואַלד. און די פייגעלעך האָבן אויך זיך אַזוי שיין צעזונגען, אַז די אַלע שיינע זיסע קלאַנגען פון מיין טאַטנס זינגען צוזאַמען מיט די פייגעלעך און די פאַרגאָלדעטע ביימער פון דער פאַרגאַנגענער זון זענען מיר אַזוי געפעלן, אַז ווען דער טאַטע האָט גאָכן דאַווענען מיר געזאָגט: איצט וועלן מיר פאָרן אַהיים, האָב איך זיך געטראַכט: צו וואָס דאַרף מען פאָרן אַהיים? בעסער וואָלט געווען, ווען דער טאַטע זאָל שיקן משה דעם גראָבן, ער זאָל ברענגען מיט זיין דראָשקע דער מאַמען אַהער אין וואַלד אַריין און דאָ זאָלן מיר שוין אויף שטענדיק בלייבן—צו וואָס אַהיים?

דער טאַטע האָט אָבער נישט געטאָן, ווי אַזוי איך האָב געוואָלט, ער האָט מיך אָנגענומען ביים הענטל און געזאָגט:

— איצט וועלן מיר פאָרן אַ היים.

— איך וויל נישט,—האָב איך געזאָגט און געצויגן פון זיין האַנט מיין הענטל צוריק.

— וואָס דען ווילסטו? — האָט ער געפרעגט.

— איך וויל, אַז די מאַמע זאָל קומען אַהער און דאָ זאָלן מיר בלייבן.

— נאַריש קינד,—האָט ער מיר דערויף געענטפערט און פעסטער געהאַלטן מיין הענטל און מיך געפירט ביז צום עק, ווו איך האָב דערזען שטיין די דראָשקע, אין וועלכער עס איז געלעגן איינגע-דרייט אין דרייען משה דער גראָבער מיט דער בייטש אין דער האַנט, און געשמאַק געשלאָפן. דער טאַטע האָט אים קוים אויפגעוועקט.

מיר זענען געפאָרן מיט גרינע פעלדער, אַ טייל פאַרגאָסן מיט גאָלד פון דער פאַרגאַנגענער זון און אַ טייל האָבן שאָטנס פאַר-דעקט. פויערים מיט פויערטעס, פערד און אָקסן מיט אַקערס זענען לאַנגזאַם געגאַנגען פון זייערע פעלדער אַהיים.

אויף דעם וועג זענען מיר פלוצלונג מיט אונדזער דראָשקע אַריינגעפאָרן צווישן אַ סך קי און קעלבלעך. עס האָט זיך אויפגע-הייבן אַ הויכער געדיכטער שטויב און עס האָבן מיר פֿערפּאַראָשעט די אויגן.

די שטעטישע טשערעדע איז אויך געגאַנגען פון די פעלדער אַהיים...

קומענדיק אַהיים, האָט די מאַמע געשטופּט אין מיר די וועט-שערע און מיך אַנגעהייבן באַלייגן שלאָפן. יעדן אָוונט פאַרן שלאָף האָט זי מיט מיר געלייענט קריאת-שמע און איך פלעג, ווי אַ מאַ-שין נאָכזאָגן און אָפט איבערהיפּערן אַ סך ווערטער אָדער זיי איינ-גאַנצן איינשלינגען, און צו די לעצטע ווערטער לישועתך קויתי ה׳ פלעג איך שוין שלאָפן, נאָר היינטיקן אָוונט האָב איך דאָס ערשטע מאָל פרום און מיט האַרץ נאָכגעזאָגט דער מאַמען יעדעס וואָרט, מורא האָבנדיק, איך זאָל, חס ושלום, עפּעס נישט אַרויסלאָזן.

נאָך קריאת-שמע האָט די מאַמע מיך אָפּגעשפּראָכן מיט אַ שפּרוך, געמישט מיט אוקראַיִנישע און יידישע ווערטער, אַז שדים און רוחות זאָלן צו מיין שלאָף קיין שליטה נישט האָבן.

און ווען זי האָט געענדיקט, מיינענדיק, אַז איך שלאָף שוין און געוואָלט אַוועקגיין, האָב איך זיך פלוצלונג אָנגערופן:

מאַמע, איך וויל זען גאָט, ווי דער צדיק ר׳ דודל...

זי האָט מיר גאָרנישט געענטפערט, נאָר זי האָט מיך אָפּגעשיט מיט קושן און ביי דער שיין פון דעם חלבענעם ליכט, האָב איך גע-זען ווי מיין שיינע יונגע מאַמע שיינט פון גליק, און אונטער אירע הייסע קושן בין איך איינגעשלאָפן.

אויף מאָרגן פרי בין איך אויפגעשטאַנען אַ פרישער נייגעבוי-רענער מענטש. איך האָב דערפילט אין זיך, אַז איך בין אַ ייד, וואָס האָט מיטאַכאַל באַקומען אַ סך אַרבעט אויף דער וועלט. איך דאַרף אָנהייבן ווערן פרום, ביז איך זאָל קומען צו דער מדרגה פון דעם צדיק ר׳ דודל — איך דאַרף אויך ווערן אַ צדיק!

## קאפיטל פיר.

אין די ניין חדשים, וואס איך האב געקענט מיין פאסער, גע־דענק איך, א חוץ ל״ג בעומר, נאך א פאר געשעענישן:

עס איז געווען ווינטער, אינדרויסן א שניי מיט א גוטן שליט־וועגס. ווען מענטשן זענען געגאנגען, האט געסקריפעט אונטער די פיס און די יידן, וואס זענען געקומען צו אונדז פון גאס, האט אויף זייערע בערד געהאנגען שטיקלעך אייז, וואט מען האט גערופן „סטרעמפלעך".

עס איז געווען שפעט ביינאכט, טאטע־מאמע זענען שוין גע־שלאפן און אינדרויסן איז געווען ליכטיק פון זילבערנעם שניי און פון דער פולער לבנה. נאר מיין עלטערער ברודער, זיינע צוויי חברים, מיט וועלכע ער האט געלערנט ביים גמרא־מלמד און מענדעל דער משרת זענען נישט געשלאפן. עפעס האבן זיי געטאן און גערעשט, אז איך האב נישט געקענט אנטשלאפן ווערן.

מיין ברודער האט באמערקט, אז איך שלאף נישט, איז ער צו־געגאנגען צו מיין בעטל און מיר געזאגט:

— דו זאלסט קיינעם נישט אויסזאגן, וואס מיר טוען. דו זאלסט שווייגן.

און פאר מיין שווייגן האט ער מיר געגעבן א קאפיקע און צוגעזאגט, אז מארגן וועט ער מיך דורכשליטלען מיט אונדזער פערד און שליטעלע, וואס איז געשטאנען ביי אונדז אין שטאל.

איך האב צוגעזאגט שווייגן, אבער איך האב געפאדערט, מען זאל מיר דערציילן, וואס וויל מען טאן, און איך האב זיך דערוווסט, אז מיין עלטערער ברודער מיט זיינע חברים און אויך מענדל, וועלכן זיי האבן אונטערגעקויפט, האבן פארטראכט ארויסצושלעפן פון שטאל

דאָס שליטעלע און דאָס פערד און מען זאָל אין דער ליכטיקער נאַכט זיך שליטלען אַ פּאָר שעה, כל זמן טאַטע-מאַמע שלאָפן און הערן נישט.

פאַרטראַכט איז דאָס געווען נישט שלעכט, נאָר ווי אַזוי טוט מען עס, אַז דאָס שליטעלע וועט באַלד אָנהייבן סקריפּען, דאָס פערד קלאַפּן, וועט זיך דאָך דער טאַטע אויפכאַפּן. איז ביי זיי געבליבן, אַז מען זאָל דאָס שליטעלע אַרויסטראָגן אויף די הענט פון שטאָל ביז העט-ווייט אינדרויסן.

וואָס טוט מען אָבער מיט דעם פערד, ער זאָל נישט קלאַפּן מיט זיינע פּאָדקאָוועס? דער טאַטע וועט זיך דאָך אוודאי אויפכאַפּן און מיינען, אַז גנבים פירן אַרויס דאָס פערד פון שטאָל?

חברה האָבן שטאַרק געטראַכט וועגן דעם. איינער פון מיין ברודערס חברים האָט פאָרגעלייגט אַ פּלאַן, אַז מען זאָל דאָס פערד אויך אַזוי אַרויסטראָגן אויף די הענט, ווי דאָס שליטעלע און ער האָט דערביי דערציילט אַזאַ מעשה: צו זיין טאַטן איז איינמאָל געקומען צופאָרן אַ מאָסקווער סוחר, אַ קאַצאַפּ, מיט וועלכן ער האָט יאָרנלאַנג געהאַנדלט. האָט זיך דער קאַצאַפּ אַזוי אָנגעשכורט און איז אַזוי פרעך געוואָרן, אַז ער האָט זיך אָנגעהייבן באַרימען, אַז ער איז אַ גרויסער גבור און קען זיך שלאָגן קעגן צען און צוואַנציק מענטשן. נאָר אַזויווי קיינער האָט זיך מיט אים נישט געוואָלט שלאָגן, האָט ער געזאָגט, אַז ער וועט וויַיזן אַ קונץ, אַז ער וועט דעם טאַטנס קו צ׳וויסטראָגן אויף זיינע פּלייצעס פון דער שטאָל אינדרויסן אַרויס.

— און איך האָב אַליין געזען,—האָט מיין ברודערס חבר וויי־טער דערציילט,—ווי דער קאַצאַפּ האָט אונדזער קו אויף זיינע פּליי־צעס אַרויסגעטראָגן פון שטאָל אינדרויסן אַרויס. היינט פאַרוואָס זאָלן מיר אַלע צוזאַמען מיט מענדעלען נישט אַרויסטראָגן דאָס פערד? מיר זענען דאָך אַ סך און מענדעלע איז דאָך אויך אַ גבור?!

— אַ קו איז אַ שטילע בהמה,—האָט מיין ברודער געזאָגט,—און אונדזער פערד איז אַ טייער פערד, אַ ספּריטנעס, אַ שטאַרקס. עס ער וועט אונדז מיט זיינע פּאָדקאָוועס אויסטעצן אַלע ציין. אַ קו האָט נישט קיין פּאָדקאָוועס. איך וואָלט געוואָלט זען, ווי דער קאַצאַפּ זאָל טראָגן אונדזער פערד אויף די פּלייצעס!

דאָך האָבן די חברים זיך דערטראַכט צו אַן עצה. מען האָט אַרויסגעטראָגן פון שטאָל אַ סך שטרוי, געמאַכט אַ ווייכע סטעזשקע

און שטיל, בשלום, אויף איר איבערגעפירט דאָס פערד אינדרויסן אַרויס.

וויפל צייט די ווייסע חברה האָט זיך געשליטלט, ווייס איך נישט, ווייל איך בין אַנטשלאָפן געוואָרן און אויפגעוועקט האָט מיך אַ געשריי...

וואָס איז געשען? ווען חברה איז געקומען צוריק, האָט מען שוין דאָס שליטעלע נישט געטראָגן אויף די הענט, ווי פריער, נאָר מען איז פון גרויס שמחה, וואָס מען האָט זיך גוט אָנגעשליטלט, גלייך אַריינגעפאָרן אין שטאַל, אַריין ווי פריצים, און די טקריפעריי האָט גלייך דעם טאַטן אויפגעוועקט. חברה איז זיך צעלאָפן, דאָס פערד איז פול געווען מיט ווייסע מילינקעס; מיין ברודער האָט געכאַפּט אַ פּסק און מענדלען האָט מען אַרויסגעטריבן פון שטוב, און איך בין געלעגן אין מיין בעטל אין איין ציטערניש, טאָמער דערוויסט זיך דער טאַטע, אַז איך האָב געוווּסט פון אַלעם און האָב נישט דערציילט, באַקומענדיק דערפאַר אַ קאַפּיקע פאַרן שווייגן.

מיט מיר האָט זיך געענדיקט בשלום, איך בין נאָר געבליבן ביי דער קאַפּיקע, און געשליטלט, ווי מען האָט מיר צוגעזאָגט, האָב איך זיך נישט.

אין אַ פּאָר טעג אַרום, זענען צו אונדז געקומען מענדלס טאַ-טע-מאַמע און מיט טרערן אין די אויגן געבעטן מיין טאַטן, ער זאָל צוריק נעמען מענדלען: ער וועט שוין זיין גוט און פרום, און מער נישט אָפּטאָן אַזעלכע מעשים.

מענדל איז ביי אונדז אין הויז נאָך געווען פון יינגלווייז אָן, זייער אַן אָרנטלעכער, נאָר אַ גרויסער פרעסער. שטענדיק איז ער געווען הונגעריק, כאָטש ער האָט געגעסן ביים טיש גלייך מיט אונדז אַלע און די מאַמע האָט קיין עסנוואַרג קיינמאָל נישט פאַרשלאָסן, אַ חוץ דעם געפרעגלטן איינגעמאַכטס און אַנדערע נאַשערייען. דאָך האָט מענדל געקייט און מעלה-גרהט דעם גאַנצן טאָג ביז ער איז געגאַנגען שלאָפן.

מענדל איז געווען אין אונדזער הויז אַ משרת, ער האָט גע-פאָלגט יעדן. מען האָט מיט אים פאַרשטופּט אַלע לעכער. מען האָט אים געשיקט אַ גאַנג אַמאָל, און האָט געניאַנטשעט די קינדער. ער איז גע-ווען אַן אָנטרייבער ביי די פערד און געגעבן זיי עסן און טרינקען.

אַלץ צלץ, האָט ער גפטאַן, נאָר ער איז געווען ביי אונדז אַן איי-געגער, היימישער מענטש. מען האָט אים געקליידט און געשוכט גלייך מיט אונדז, און אַלע האָבן אים ליב געהאַט.

ווען זיין טאַטע-מאַמע זענען געקומען בעטן פאַר אים, האָט מיין מאַמע אויך געבעטן פאַר מענדלען, ווייל זי האָט שטענדיק ליב געהאַט שלום-בית. זי האָט קיינמאָל נישט דערלאָזט, אַז עס זאָלן פאַר-פאַרקומען מחלוקת. אויך איצט, אַ דאַנק איר, האָט זיך מיט מענדלען געענדיקט בשלום און ער האָט ווידער, צו אַלע קינדערס פרייד, זיך אומגעקערט צו אונדז אין הויז.

מיין טאַטע איז געווען אַ קאַפּריזנער. פון אַ קלייניקייט האָט ער זיך געקענט אָנצינדן און שרייען, נאָר ער איז געווען זייער אַ גוטער און ווען עמעצער האָט אים עפּעס געבעטן, האָט ער קיינמאָל נישט אָפּגעזאָגט.

ווען דער טאַטע איז געווען שטאַרק אין כעס, האָט זיך באַדאַרפט באַווייזן מיין שטענדיק רויקע און שטילע מאַמע און זאָגן איין וואָרט, איז כּיטאָמאָל דער כּעס ביי אים פאַרשוווּנדן געוואָרן און ער איז דאַן ווידער געוואָרן גוט צו יעדן.

איינמאָל, אין אַ שבת, איז דער טאַטע געווען זייער אומרויק, אַז ער האָט זיך קיין אָרט נישט געקענט געפינען, וואָס דאָס איז מיט אים קיינמאָל אין דעם הייליקן טאָג נישט פאָרגעקומען. פאַר-קערט, שבת פלעגט ער האָבן פאַר יעדן אַ גוט וואָרט. נאָר אין דעמדאָזיקן שבת האָט ער געשוויגן, מיט קיינעם נישט גערעדט. די מאַמע האָט זיך דערשראָקן, געמיינט, אַז עס איז, חס ושלום, פאָרגעקו-מען עפּעס שלעכטס. האָט זי אים געפרעגט און דער טאַטע האָט גע-ענטפערט, אַז עס איז גאָרנישט פאָרגעקומען.

שבת-צו-נאַכטס, נאָך דער הבדלה, האָט ער געהייסן מענדלען שפּאַנען דאָס פערד און ער האָט געזאָגט, אַז ער דאַרף פאָרן אין דער אַלטער שטאָט אויף אַ שעה וועגן געשעפט און וועט באַלד קו-מען צו מלוה-מלכּה.

געווען איז גאָר עפּעס אַנדערש:

ביי אונדז אין הויז האָט פון לאַנגע יאָרן געאַרבעט אַ סטאָליאַר, ר' לייזער, אַן אַלטער ייד. געאַרבעט האָט ער אויפן יאָר, דאָס הייסט סאָמער איז אין שטוב עפּעס קאַליע געוואָרן: דער דאַך, די טירן,

דאָס מעבל און אַלץ וואָס האָט געברויכט אַ סטאָליאַר, איז ער גע-קומען און פאַרריכט, און ער האָט באַקומען וואַכן-געלט אַפילו דאַן, ווען עס איז קיין אַרבעט נישט געווען.

דעם לעצטן פרייטיק האָט דער סטאָליאַר געאַרבעט ביי אונדז אין הויז, איז דעם טאַטן עפּעס נישט געפעלן געוואָרן זיין אַרבעט, האָט ער אויף אים אָנגעשריען.

פרייטיק-צו-נאַכטס, ביים דאַוונען, האָט זיך דער טאַטע דער-מאָנט אין סטאָליאַר און עס האָט זיך אים אויסגעוויזן, אַז ער האָט מבייש געווען אַן אַלטן ייד, איז ער געווען אַ גאַנץ שבת אומרויק. און דאָס איז ער איצט געפאָרן אין דער אַלטער שטאָט צום סטאָליאַר אים איבערבעטן.

דידאַזיקע געשיכטע האָט דער אַלטער סטאָליאַר ר׳ לייזער לייב געהאַט צו דערציילן יאָרנלאַנג נאָך מיין פאָטערס טויט און איך האָב עס אויך געהערט פון אים.

— ווען ר׳ יענקעלע גולקעס (אין יענע צייטן האָט מען אַלע אָנגעזעענע מענטשן פאַרצויגן און גערופן מיט אַ צונעמעניש) איז אין דעם שבת-צו-נאַכטס געקומען צו מיר, האָב איך זיך שטאַרק דערשראָקן. איך האָב געמיינט, אַז אַן אומגליק האָט, חס ושלום, גע-טראָפן. נאָר ר׳ יענקעלע האָט מיר געזאָגט: אַ גוטע וואָך, ר׳ לייזער, איך בין געקומען אייך איבערבעטן, אַז איר זאָלט מיר מוחל זיין, וואָס איך האָב אייך מבייש געווען, בעת איר האָט היינ-טיקן פרייטיק געאַרבעט ביי מיר אין הויז. קוק איך אָן ר׳ יענ-קעלען און זאָג: וואָס פאַר אַ מבייש זיין, וואָס איך זאָל אייך מוחל זיין? זאָגט ער: ניין! ער וועט נישט אַוועקגיין ביז איך וועל אים מוחל זיין. האָב איך אים געמוזט מוחל זיין, כאָטש איך האָב נישט געוווּסט, פאַרוואָס. ר׳ יענקעלע איז געוואָרן זייער פריי-לעך און זאָגט, איך זאָל פאָרן צו אים אויף מלוה-מלכּה. פרעג איך: צו וואָס דאַרף מען דאָס? זאָגט ער: איך זאָל נאָר פאָרן, ווען נישט, וועט עס נישט זיין קיין גאַנצע מחילה. בין איך אַוודאי גע-פאָרן, און ווען ער איז מיט מיר אַרויסגעגאַנגען פון מיין שטיבל, האָט ער מיין ווייב איבערגעלאָזט אַ גאַנץ „דרייערל״ אויף „אַ פולע וואָך״. מיין ווייב האָט נישט געוואָלט נעמען, האָט ער אָנגעשריען

אויף איר און זי האָט געמוזט נעמען. וואָס פאַר אַ מלוה-מלכּה עס איז געווען, קען איך אייך שוין נישט דערציילן. ר׳ יענקעלע האָט מיך געזעצט אויבנאָן לעבן זיך. עס זענען געקומען אַ סך חסידים, מען האָט געגעסן, געטרונקען, געטאַנצט און געזונגען ביז נאָך האַלבע נאַכט.

## קאפיטל פינף.

שבת-צו-נאכטס און אין די גרויסע ימים טובים, פלעגט מען ביי אונדז טרינקען טיי פון א זילבערנעם סאמאוואר, וועלכער איז א גאנצע וואך געשטאנען אין דער גלעזערנער שאפע פאר א צירונג גלייך מיט די זילבערנע לייכטער, בעכערס, טעצלעך, דאס זילבערנע הדסל מיט בשמים, וואס מען שמעקט ביי דער הבדלה-מאכן, דאס חנוכה לעמפל און נאך פיל זילבערנע זאכן.

מיין טאטע איז נישט געוועזן קיין גרויסער גביר. נאר ווי מען זאגט, „א שיינער באלעבאס און האט ליב געהאט צו לעבן ברייט — מעשה פריץ, שטענדיק געקליידט אין נייע מלבושים און אין שטוב געטראגן דעם טייערסטן זיידענעם כאלאט מיט קאטעסן, וועלכע ער האט ליב געהאט צו דרייען, בעת ער האט גערעדט. זיין שבתדיקע קאפאטע איז געווען פון בעסטן שווארצן אטלאס און די „ראדזיווילקע" (אן אויבערשטער מאנטל) פון זיידנס.

ער האט געהאט צוויי פערד מיט א געקאוועטער און געפארבטער בריטשקע, מיט וועלכער ער פלעגט פארן אין די דערפער צו די רייכסטע פוילישע פריצים, מיט וועלכע ער האט געהאט געשעפטן. אויך אלע יאר, אין חודש יאנואר, פלעגט ער פארן קיין קיעוו אויף „קאנטראקטן", וו ער פלעגט באגעגענען זיינע פריצים, מיט וועלכע ער האט געהאנדלט, פארקויפן און קויפן פאר זיי גיטער און וועלדער.

קומענדיק אהיים פון די קיעווער קאנטראקטן, פלעגט ער ברענגען שיינע מתנות דער מאמען און אלע קינדער און אפילו מענדלען. נאר די גרעסטע און טייערסטע מתנות פלעגט ער ברענגען פאר דעם טאלנער רבין ר' דודל.

ער איז געווען א פארברענטער טאלנער חסיד, און ווען ער איז אמאל אויף ראש השנה געפארן קיין טאלנע צום רבין (פערציק ווערסט

פון אומאַן), האָט ער געהייסן אַזוי טרייבן די פערד, אַז איין פערד האָט נישט אויסגעהאַלטן און געפּלאַצט אינמיטן וועג און שוין נישט אויפגעשטאַנען. מיין טאַטע האָט זיך אפילו קיין קרים נישט געטאָן און האָט נאָר געזאָגט: אַט אַזוי דאַרף מען פאָרן צום רבין!

דער רבי מיט זיין הויף פלעגן אים אָפּקאָסטן גאַנצע פאַרמעגנס.

דער טאַלנער רבי פלעגט טראָגן נאָר די קליידער, וואָס מיין טאַטע האָט פאַר אים געקויפט. די טייערסטע זיידענע שטאָפן פלעגט ער יעדעס יאָר אויף די קיעווער קאָנטראַקטן קויפן און שיקן פאַר דעם רבין.

מיין טאַטע איז אויף דעם חסידישן אופן געווען אַ הוליאַק, אַן אויס-ברענגער, געלעבט אָן אַ חשבון, ליב געהאַט צו פאַרברענגען מיט די טאַלנער חסידים אַ גוטן טאָג. אַלץ האָט ער ליב געהאַט צו טאָן מיט דער „ברייטער האַנט" און „צוקנאַקן מיט דער בייטש". ער פלעגט אַ סך פאַרדינען און כמעט אַלץ פאַרלעבן, פאַרהוליען ביים רבין אָדער מיט חסידים.

די סביבה פון די רייכע פוילישע פריצים, צווישן וועלכע ער האָט זיך יאָרנלאַנג געפונען, האָט געווירקט אויף אים.

די פוילישע פריצים האָבן ליב געהאַט צו לעבן ברייט, אָן אַ חשבון און זיך אויסצופיינען פאַר דער וועלט.

מיין טאַטע האָט אונטער זייער ווירקונג אויך אַזוי זיך אויפגע-פירט אין אַ קלענערן מאַסשטאַב.

די פריצים האָבן אויסגעבראַכט זייערע פאַרמעגנס אויף שיינע פרויען, אויף קאַרטן, פּאַלאַצן, אויף די טייערסטע ערד און קאַרעטן, און מיין טאַטע האָט אויסגעבראַכט זיין געלט אויף חסידות.

ער האָט חתונה געמאַכט מיין עלטערע שוועסטער און האָט איר געגעבן צווייטויזנט רובל נדן. האָט ער צו דער חתונה אַראָפּגעבראַכט דעם טאַלנער רבין ר' דודל מיט אַלע זיינע גבאים און נאָענטע מענטשן, און דאָס פאַרגעניגן, אַז דער רבי זאָל זיין אויף זיין קינדס חתונה, האָט אים אָפּגעקאָסט מער מיט טויזנט רובל, ווי דער נדן האָט אָנ-געטראָפן.

דעם רבינס קומען אויף דער חתונה האָט מיין טאַטן אָפּגעקאָסט דרייטויזנט רובל.

גאַנצע אַכט טעג האָט מען מיט דעם רבין און מיט די חסידים געהוליעט אויף דער חתונה. מען האָט געגעסן, געטרונקען און געטאַנצט. דערנאָך, ווען דער רבי האָט באַדאַרפט אַוועקפאָרן און איז שוין גע-

זעסן אין דער קארעטע, ארומגערינגלט מיט חסידים, מיט דער גאנצער שטאט ווייבער און אלע האבן געוואַרט, דער רבי זאל הייסן פארן, האט ער פלוצלונג א קוק געטאן אויף דעם גאנצן עולם און געפרעגט:
— ווו איז יענקעלעס ווייב?

דאס הייסט, ער האט געפרעגט אויף מיין מאמען און זיך געוואלט מיט איר געזעגענען, ווייל דער רבי איז די גאנצע צייט איינגעשטאנען ביי אונדז אין הויז.

ווען דער רבי האט די ווערטער ארויסגערעדט, האבן אלע ווייבער א ציטער געטאן און געמאכט א וועג פאר מיין מאמען, זי זאל קענען צווישן גרויסן עולם דורכגיין צו דער קארעטע, ווו דער רבי איז געזעסן.

מיין מאמע א פארציטערטע און א פארשעמטע, איז מיט גרויס פחד צוגעגאנגען נענטער צום רבינס קארעטע.

דער גרויסער עולם האט מיט גרויס ציטערניש געוואַרט, וואס וועט דא פארקומען, ווען דער רבי אליין האט געפרעגט אויף ר׳ יענקעלעס ווייב.

און ווען מיין מאמע איז געשטאנען נאענט ביי דער קארעטע, ווו דער רבי איז געזעסן, האט ער א קוק געטאן אויף איר און אן ווערטער האט ער צו איר א שאקל געטאן מיט דעם קאפ, און די קארעטע האט זיך גערירט. דער רבי איז אוועקגעפארן...

דער גרויסער עולם ווייבער האט שטארק מקנא געווען מיין מאמען און געזאגט, אז נישט יעדע איז זוכה צו אזא כבוד, וואס דער רבי האט פאר זיין אוועקפארן זיך דערמאנט אן ר׳ יענקעלעס ווייב, זי געהייסן רופן און א שאקל געטאן מיט דעם קאפ צו איר...

דערדאזיקער גרויסער כבוד האט מיין טאטן אפגעקאסט דריי-טויזנט רובל. דאס איז אזא גרויסער קאפיטאל אין יענע צייטן, אז מען קען עס איצט גארנישט אויסרעכענען. דאס איז א גאנץ פארמעגן!

און מיין טאטע האט זיך געפילט גליקלעך, איבערגליקלעך, וואס זיין ווייב האט זוכה געווען צו אזא גרויסן כבוד.

צו מיין טאטנס גרויסקייט און גדולה איז קיין גלייכן נישט געווען אין דער גאנצער שטאט. איז אבער באשערט געווען אן אומגליק, וואס באווייזט נאכאמאל, אז פאר א בשר ודם איז נישטא קיין פול-קומענער גליק אויף דער וועלט, אפילו ווען א מענטש דערגרייכט די גרעסטע גדולה.

אין דעם צווייטן הויז פון אונדזער שטוב האָט געוווינט אַ שרעקלעכער אפּיקורס מיט דעם נאָמען משה לאַסקער, און ער פלעגט שטענדיק חוזק מאַכן פון מיין טאַטנס חסידים און פון זיין גדולה. אפילו פון רבין אַליין פלעגט ער אָפּלאַכן.

אין אומאַן האָבן זיך דאַן געפונען נאָך אַ פּאָר אפּקורסים, נאָר אַזאַ אַנשיקעניש, ווי דער משה לאַסקער, איז נישט געווען נישט נאָר אין אומאַן, נאָר אין גאַנץ אוקראַינע.

די אַנדערע אפּקורסים פלעגן זיך האַלטן מער אָדער ווייניקער לייטיש. זיי פלעגן נישט חוזק מאַכן, נאָר אַמאָל זיך אַרויסגעבאַפּט מיט אַ ווערטל וועגן רבין און חסידים, זיי פלעגן זיך בערשטלען אום שבת די מלבושים, פוצן די שיך, געגאַנגען מיט קירצערע פּיאות און געטראָגן אַ קאַפּאָטע מיט אַ שפּאַלט, געלייענט בסוד אַן אַפּיקורסיש ביכל, אָבער ווייטער זענען זיי געווען גלייך, ווי אַלע יידן, געגאַנגען אין שול דאַוונען, נאָר זיך נישט געשאָקלט ביים דאַוונען.

אָבער דערדאָזיקע משה לאַסקער איז געווען עפּעס אַ הפקר-מענטש און פאַר קיינעם קיין מורא נישט געהאַט.

ער איז געגאַנגען קורץ נעקליידט, די באָרד געגאָלט, געטראָגן אַ קאַפּעליוש, שבת געגאַנגען מיט אַ שטעקל, און דער חזירניק, וואָס פלעגט פאַרקויפן טריפהנעם קאַלבאַס אויף דעם מאַרק, פלעגט דערציילן, אַז משה לאַסקער קויפט ביי אים קאַלבאַס און חזיר פונטנווייז.

געוווינט האָט ער איינער אַליין אויפן צווייטן שטאָק אין דעם געמויערטן הויז, אין דער נייער שטאָט. דאָס הויז האָט ער געירשנט פון זיינע עלטערן, אויך אפּיקורסים. דעם אונטערשטן שטאָק האָט ער פאַרדונגען אויף אַ וויינשענק און דעם אויבערשטן, וואָס איז באַשטאַנען פון פינף צימערן מיט אַ קיך, האָט ער איינער אַליין באַוווינט, ווייל ער איז געווען אַן אַלטער בחור פון אַ יאָר עטלעכע און דרייסיק און האָט קיינמאָל נישט חתונה געהאַט. ער פלעגט אַליין קאָכן דעם חזיר און פרעסן.

און אָט דערדאָזיקער משה לאַסקער פלעגט פאַרביטערן מיין טאַטן די יאָרן מיט זיין חוזק מאַכן פון רבין און פון די חסידים.

אויך איצט, ווען דער רבי איז אַוועקגעפאָרן נאָך מיין שוועסטערס חתונה, האָט משה לאַסקער אָפּגעלאַכט און חוזק געמאַכט,

וואָס מיין טאַטן האָט אָפּגעקאָסט דעם רבינס קומען אויף דער חתונה אַזאַ פאַרמעגן פון גאַנצע דרייטויזנט רובל!

— ווען איך זאָל חתונה האָבן, — האָט משה לאָסקער מיין מאַמען געזאָגט, — וואָלט איך אַפילו נישט אַריינגעלאָזט דעם רבין צו מיר אויף דער חתונה.

— ביי דיר, משה, — האָט אים די מאַמע געענטפערט, — וועט נישט זיין קיין חתונה, נאָר אַ „באַסלערע" *).

מיין טאַטע האָט איינמאָל פאַרטראַכט אָפּצוקויפן ביי אים דאָס הויז, ער זאָל פטור ווערן פון אַזאַ שכן. האָבן גוטע פריינט אָבער געוואָרנט, ער זאָל דאָס נישט קויפן, ווייל אין די פינף צימערן, וווּ לאָסקער וווינט איינער אַליין, איז פול מיט רוחות און שדים, נישט-גוטע און „דאָמאָוואָיעס", און ווען לאָסקער ווערט ביינאַכט אַנטשלאָפן, טאַנצן דאָרט אָט די אַלע נישט-גוטע מיט די שדים, און ביז עס ווערט טאָג, זעט מען דאָרט פייער אין די פענסטער.

און ווי האָט אַנדערש געקענט זיין, אַז נישט קיין שדים מיט רוחות? וווּ איז דאָס געהערט געוואָרן, אַז אַ מענטש זאָל אַליין וווינען אין די פינף צימערן מיט אַ קיך? סיידן, האָבן די פריינט געזאָגט, מיין טאַטע וויל אָפּקויפן דאָס הויז, צעוואַרפן עס און אויסבויען אַ נייַ הויז.

מיר, קינדער, האָבן אויך זייער פיל געליטן פון דעם שרעקלעכן אַפּיקורוס. מיר פלעגן מורא האָבן פאַרבייגיין פאַר זיין הויז איבער דידאָזיקע שדים און רוחות, וועלכע טאַנצן דאָרט גאַנצע נעכט, און ווען עס איז אונדז אַמאָל אויסגעקומען, אַז מען האָט געמוזט פאַרבייגיין, פלעגן מיר איבערלעבן טויט-שרעק.

קיינער האָט מיט משה לאָסקער נישט געהאַט קיין מגע ומשא און ער האָט געפירט אַ באַזונדער לעבן פאַר זיך.

איך, פון מיין זייט, האָב אים זייער פיינט געהאַט און האָב אים געהאַלטן פאַר דעם גרעסטן רשע אויף דער וועלט, און פסח ביים סדר, ווען איך האָב געזען אין דער הגדה אויסגעמאָלט די פיר בנים: דעם חכם, רשע, תם און דעם שאינו יודע לשאול, האָב איך געגלויבט, אַז מיט דעם רשע פון דער הגדה מיינט מען נישט קיין אַנדערן, נאָר משה לאָסקער.

מיין שנאה צו אים איז געווען אַזוי גרויס, אַז איך פלעג בעטן גאָט, אַז עס זאָל זיך עפענען די ערד און זי זאָל דעם רשע איינשלינ-

*) דאָס װאָרט „באַסלערע" האָט מען אין אוקראַינע אויף אַ גויִשע התונה.

געןן אַזוי ווי קרחן. וועגן וועלכן די מומע פריידע האָט מיר דערציילט אַ שיינע מעשה.

מיין כעס און שנאה צו אים פלעג איך שטילן דערמיט, וואָס איך בין געווען זיכער, אַז פאַר משה לאַסקער איז אויף יענער וועלט שוין אָנגעגרייט דער גיהנום מיט פייערדיקע ריטער. מען וועט אים בראָטן און ברענען. נאָר דערווייל אָבער פלעגט ער זיך אַרומגיין שטענדיק אויסגעפוצט, ווי אַ פריץ און קויפן ביים חזירניק קאַלבאַס מיט חזיר.

## קאַפּיטל זעקס.

דאָס לעצטע מאָל געדענק איך מיין טאַטן, ווען ער האָט מיך איינמאָל אָפּגעשמיסן.

די מאַמע איז געזעסן לעבן אַ וואַרעמער הרובע ביי אַ חלבנעם ליכט און האָט געאַרבעט אַ זאָק.

פון דער הרובע האָט געזעצט אַ מחיהדיקע וואַרעמקייט און איך האָב זיך עפּעס געדרייט אַרום דער מאַמען. איך געדענק נישט, וואָס איך האָב עפּעס אָפּגעטאָן, נאָר דער טאַטע, וואָס האָט זיך אויך געפונען אין דעמזעלבן צימער און אַריינגעקוקט אין אַ ספר, האָט מיך געכאַפּט, אַנידערגעלייגט אויף זיינע קני און מיט אַ קאַנטשיק מיך אַזוי געשמיסן, אַז עס האָט מיר גאָרנישט וויי געטאָן. נאָר גע-שריען און געוויינט האָב איך אַזוי, גלייך ווי מען האָט מיך געקוילעט און נישט דערקוילעט. דאַן האָט די מאַמע מיך איינגענומען און איך בין אויף אירע הענט אַנטשלאָפן געוואָרן.

מער געדענק איך נישט מיין טאַטן. מער האָב איך אים שוין קיינמאָל נישט געזען...

* * *

אין אַ פראָסטיקן פרימאָרגן, ווען דער שניי איז געלעגן אויף דער ערד, האָט די מומע פריידע אין גרויס איילעניש מיך געכאַפּט און צוזאַמען מיט מיין שוועסטערל, וואָס איז געווען עלטער פון מיר מיט אַנדערהאַלבן יאָר, האָט זי אונדזביידן אַריינגעשטופּט אין אַ צימער, פאַרשלאָסן די טיר און צוגענומען דעם שליסל.

ווייזט אויס, אַז ביי אונדז אין הויז איז פאַרגעקומען אַזעלכעס, וואָס די מומע פריידע האָט נישט געוואָלט, אַז קינדער זאָלן עס זען. זי האָט אָבער פון גרויס איילעניש פאַרגעסן, אַז אין דעם צימער האָבן זיך געפונען צוויי פענסטער, וועלכע זענען אַרויסגעגאַנגען אין גאַס, און מיר, איידער צו שרייען און וויינען, וואָס מען האָט אונדז פאַרשלאָסן, האָבן פריער פאַר אַלץ זיך געוואָרפן־צו די פענסטער און מיר האָבן דערזען...

דער גאַנצער גרויסער פּלאַץ פאַר אונדזער הויז איז געוואָרן שוואַרץ פון מענטשן, אַלע האָבן געקוקט אויף אונדזער שטוב.

פּלוצלונג האָבן זיך די קעפּ פון די מענטשן אַ ריר געטאָן: פון אונדזער שטוב האָבן יידן אַרויסגעטראָגן אויף די אַקסלען צוויי דרענגלעך, אויף וועלכע עס איז עפּעס געלעגן מיט שוואַרצן באַדעקט. עס האָבן זיך געהערט געוויינען מיט געוואַלדן פון ווייבערשע קולות. איך האָב נישט געוויינט. נאָר איך האָב זיך שרעקלעך דערשראָקן, אַז איך האָב קיין וואָרט נישט געקענט זאָגן מיין שוועסטערל, וואָס איז געווען פאַרשלאָסן מיט מיר.

די יידן, וואָס האָבן געטראָגן אויף די אַקסלען עפּעס שוואַרצעס, זענען גיך געגאַנגען, און אַלע מענטשן, וואָס זענען געשטאַנען פאַר אונדזער שטוב, זענען אין איילעניש נאָכגעגאַנגען, און באַלד איז דער גרויסער פּלאַץ פאַר אונדזער הויז ליידיק געוואָרן פון מענטשן, אַז קיין איינציקער איז נישט געבליבן.

באַלד דערנאָך האָט זיך אויפגעשלאָסן אונדזער טיר און עס איז אַריין די מומע פריידע מיט פאַרווײנטע אויגן. מיך אָנגענומען ביים האַנט און נישט אָפּגעלאָזט פון זיך, און ווו זי איז געגאַנגען, בין איך נאָכגעגאַנגען. איך האָב נישט גערעדט און נישט געפרעגט — איך בין געווען דערשראָקן. איך בין מיט דער מומען נישט געגאַנגען, נאָר זיך נאָכגעשלעפּט.

נישט זי און נישט איך האָבן גערעדט, נאָר שווייגעוודיק איז זי געווען אַזוי גוט צו מיר, אַזוי גוט, און זי האָט מיך אַלץ געגלעט און געטוליעט צו זיך.

פאַרנאַכט האָט זי מיך אַריינגעפירט אין עסצימער און איך האָב געזען אַזוינס, וואָס איך האָב קיינמאָל נישט געזען:

די מאַמע, מיין עלטערער ברודער — אַ חתן־בחור, מיין צווייטער ברודערל פון אַ יאָר אכט און מיין שוועסטערל זענען געזעסן

אויף דער ערד. אויך איז געזעסן לעבן זיי מיין עלטערע אויסגעגע־בענע שוועסטער נחמה, פון מיין טאטנס ערשטער פרוי. זי האט גע־וווינט מיט איר מאן אין דער אלטער שטאט, און איצט זיצט זי דא ביי אונדז אויף דער ערד.

אויפן פענסטער איז געשטאנען א גלאז וואסער און אויף א טשוועקל איז געהאנגען א ווייס שטיקל לייוונט. דער שפיגל איז געווען באדעקט מיט א ווייס לייליעך. אין שטוב האבן געברענט א ליכט, כאטש עס איז נאך געווען טאג. אלע האבן געהאט פארוויינטע רויטע אויגן, אבער קיינער האט נישט געוויינט.

ווען די מאמע האט מיך דערזען, האט זי מיך גענומען אויף די קני, מיך געטוליעט צו זיך, און איך האב דאס ערשטע מאל גע־הערט פון איר די ווערטער:

— מיין טייער יתומל.

באלד זענען אנגעקומען א סך יידן ווערכע האבן אנגעפילט דאס גאנצע צימער.

איך האב זיך געפלאנטערט צווישן זיי און האב דערהערט, ווי איינער האט געזאגט, אז מיין טאטע איז אלט געווען דרייאונפערציק יאר און א צווייטער האט געזאגט פיראונפערציק, און אז מיין מאמע, די אלמנה, איז אלט צווייאונדרייסיק יאר.

אלע האבן געקוקט אויף מיר ערנסט און מיט א רחמנות-פנים. מען האט מיך געגלעט, אבער קיינער האט מיר נישט געגעבן א קניפ אין בעקל, ווי עס איז געווען שטענדיק, ווען א פרעמדער ייד איז געקומען צו אונדז.

אויף א קליינעם טישל, ביי א וואנט, האט מען אנגעצונדן ליכט, ווי אין בית המדרש און מען האט זיך געשטעלט דאווענען.

פלוצים איז צוגעגאנגען צו מיר א ייד מיט א צעפלאטשטער נאז און מיט א גרויסער בארד. ער האט מיך צוגעפירט צום טישל, וווּ די ליכט האבן געברענט און וווּ דער חזן איז געשטאנען. ער האט מיך אויפגעהייבן און ארויפגעשטעלט אויף א בענקל און מיט א האנט, וואס איז אויך געווען פארוואקסן מיט א סך האר, האט ער מיט זיינע צוויי פארגעלטע פינגער פון טאבאק-שמעקן מיך אנגענומען ביי מיין מארדעלע און געזאגט צו מיר מיט א פאנפאוואטע נאז:

— זאג מיר נאך, יינגעלע: „יתגדל ויתקדש“. האב איך נאכ־געזאגט: „יתגדל ויתקדש“.

— גיין, זאָגט ער, זיי אַ וואויל יינגעלע און זאָג מיר נאָך פּאַ־וואָליע: „יתגגל ויתנקדש”. זאָג איך ווידער נאָך, ווי ער זאָגט: „יתגגל ויתנקדש.”

ווענדיק, אַז ער קען מיט מיר גאָרנישט מאַכן, איז צוגעגאַנגען אַן אַנדער ייד און אויך מיט געלע פינגער פון טאַבאַק אָנגענומען מיין מאַרדעלע און געזאָגט:

— זאָג מיר נאָך, יינגעלע: יתגדל ויתקדש שמיה רבא. האָב איך נאָכגעזאָגט און עס איז געווען גוט ביז צום סוף „ואמרו אמן.”

און ווען איך האָב געזאָגט קדיש, האָב איך דערהערט, ווי די מאַמע און אַלע, וואָס זענען געזעסן אויף דער ערד, האָבן שטאַרק געוויינט.

ווען איך בין געשטאַנען אויפן בענקל און געזאָגט קדיש, האָב איך געוואָלט אַרויסרייסן מיין מאַרדעלע פון דעם יידס געלע פינגער, ווייל עס האָט מיר דאָרטן געביסן און געשטאָכן...

כאָלד נאָך דעם קדיש זאָגן בין איך צוגעלאָפן צו דער מאַמען און זיך שטאַרק צוגעהאַלטן ביי איר קלייד, דער ייד זאָל מיך מער נישט אָננעמען מיט זיינע האַרטע געלע פינגער.

אַזוי האָט מען מיך געמוטשעט אַ גאַנצע וואָך. אינדערפרי און אויפדערנאַכט, ביז אונטער מיין מאַרדעלע זענען מיר אויסגעוואַקסן קליינע פרישטשיקלעך, וועלכע האָבן מיך געביסן.

דערנאָך האָט מען אויפגעהערט צו דאַווענען ביי אונדז אין שטוב. דעם לייַלעך פון שפיגל האָט מען אַראָפּגענומען, דאָס גלאָז וואַסער מיט דעם שטיקל ווייסן לייוונט איז שוין אויך נישט געווען און ליכט האָבן שוין מער נישט געברענט בייטאָג.

קיינער איז שוין ביי אונדז מער נישט געזעסן אויף דער ערד.

דעם לעצטן טאָג, ווען מען האָט אויפגעהערט ביי אונדז צו דאַוונען, איז די מאַמע ערגעץ אַוועקגעגאַנגען. האָב איך געפרעגט: וווּ איז די מאַמע? האָט מען מיר געענטפערט: די מאַמע איז געגאַנגען באַגלייטן די נשמה...

## קאפיטל זיבן.

מיין יונג מוחל האָט אָנגעהייבן אַרבעטן: וואָס הייסט די מאַמע איז געגאַנגען „באַגלייטן די נשמה?"

איך האָב זיך צוגעטוליעט צו מיין מומע פריידע און האָב זי וועגן דעם געפרעגט.

— דיין מאַמע איז נאָך שבעה געגאַנגען באַגלייטן דיין טאַטנס נשמה, — האָט זי מיר דערקלערט.

— און ווו געפינט זיך דעם טאַטנס נשמה, אין דער אַלטער שטאָט? איך וויל אויך צוהין גיין.

איך האָב זיך פאָרגעשטעלט, אַז מיין טאַטנס נשמה געפינט זיך אין אַ צימער, ערגעץ אין דער אַלטער שטאָט. מיין עלטערע שוועסטער נחמה וווינט אויך דאָרטן.

די מומע פריידל האָט מיר געענטפערט מיט אַ שמייכל:

— דו ביזט אַ נאַרעלע, דיין טאַטנס נשמה געפינט זיך אויף דעם הימל...

— איך וויל אויך גיין אויף דעם הימל צום טאַטן, — האָב איך מיט שמחה זיך אַ כאַפּ געטאָן.

— דו ביזט נאָך אַ קליין נאַרישע יינגעלע, דו דאַרפסט נישט גיין אויף דעם הימל. וועסטו אויסוואַקסן, וועסטו אַלץ וויסן, — האָט זי מיר געענטפערט און אַוועקגעגאַנגען און מיך איבערגעלאָזט אַליין.

באַלד איז אָנגעקומען די מאַמע, אַ שווייגענדיקע און אַ פאַרטראַכטע. איך האָב זי באַקוקט און באַטראַכט אויף אַלע זייטן דאָס ערשטע מאָל, ווייל איך בין זיכער געווען, אַז זי איז איצט געקומען גלייך פון דער אַלטער שטאָט, נאָר פון דעם הויכן הימל.

און איך האב געהאלטן אין איין טראכטן: ווי אזוי איז וואס די מאמע ארויפגעקראכן אויף דעם הימל און ווי אזוי איז זי פון דארטן אראפגעקראכן? דער הימל איז דאך אזוי הויך? און באלד האט זיך פאר מיר אלץ פארענטפערט. איך האב זיך דערמאנט, ווי די מאמע האט מיר נישט לאנג דערציילט א שיינע מעשה, ווי יעקב אבינו איז געגאנגען פון באר שבע נאך חרן. ווען עס איז נאכט געווארן, האט ער גענומען א שטיין צוקאפנס און זיך געלייגט שלאפן, און ער האט געזען — א לייטער איז געשטאנען אויף דער ערד און זיין שפיץ האט דערגרייכט ביז צום הימל און גאטס מלאכים זענען אויף אים ארויפגעגאנגען און אראפגעגאנגען.

און ביי מיר איז געבליבן, אז ערגעץ אונטער דער שטאט, ווייט-ווייט, ווו דער הימל גייט זיך צוזאמען מיט דער ערד, שטייט א לייטער אנגעשפארט אויף דער ערד און זיין שפיץ דערגרייכט ביז צום הימל, און מיין מאמע איז אויף דעם לייטער געגאנגען אויפן הימל ארויף צום טאטן און זיין נשמה געפינט זיך דארטן.

און עס איז פעסט ביי מיר געבליבן, אז זומער ווען עס וועט זיין ווארעם, (איצטער איז ווינטער און קאלט), וועל איך זיך אוועקלאזן אונטער דער שטאט אויפזוכן דאס ארט, ווו דער לייטער שטייט און איך וועל אויך ארויף אויפן הימל צום טאטן, און איך האב וועגן מיין פלאן קיינעם נישט אויסגעזאגט. אבער פון דעם טאג אן, ווען עס איז נישט געווען אזוי קאלט און איך בין געשטאנען אינדרויסן לעבן אונדזער שטוב, פלעג איך נישט אויפהערן צו קוקן אויף דעם הימל, ווו מיין טאטע געפינט זיך און אין דער זייט, ווו מען האט פונדערווייטנס געזען אויף א בארג א וואלד: דארטן איז זיך צונויפגעגאנגען דער הימל מיט דער ערד און דארטן איז געשטאנען דער לייטער ביז צום הימל. אין דערדאזיקער זייט האב איך אויך נישט אויפגעהערט צו קוקן.

* * *

נאך שבעה, ווען מען האט ביי אונדז אין שטוב אויפגעהערט צו דאווגען, איז יעדן אינדערפרי און פארנאכט געקומען צו אונדז לייבל, וואס איז געווען א באהעלפער ביי גאדל דעם גרויסן דרדקי-מלמד און מיך אויף זיינע פלייצעס געטראגן אין בית המדרש זאגן

מיט מיר קדיש, און ווען עס איז געווען אַ שיינער טאָג, פלעגט ער מיך פירן ביים הענטל.

איך האָב גלייך ליב באַקומען דאָס בית המדרש. איך האָב דאָרטן געפונען פאַר מיר אַ נייע וועלט, אַ נײַ לעבן, נאָר מיט איין זאַך בין איך נישט געווען צופרידן: מיט אַלע ייִנגלעך האָט מען גערעדט אַנדערש, מיט מיר האָט מען כמעט גאָרנישט גערעדט. אַלע האָבן געקוקט אויף מיר מיט אַ רחמנות-פנים, און ווען עלטערע מענטשן האָבן צו מיר עפּעס געזאָגט, האָט מען גערעדט ערנסט.

אַלע קינדער פלעגן זיך שפּילן פרייַלעך, נאָר ווען איך האָב זיך מיט זיי אויך אָנגעהייבן שפּילן, איז עס נישט געגאַנגען. די גאַנצע פרייַלעכקייט איז מיטאַמאָל פאַרשוווּנדן געוואָרן, די שפּיל האָט זיך נישט געקלעפּט מיט מיר, און אָפט בין איך אומבאַמערקט, אַרויסגעוואָרפן געוואָרן פון דער שפּיל, און איך האָב נאָר פון דער זייט געמוזט צוזען, ווי די קינדער שפּילן זיך און איך נישט.

איך האָב געפילט, אַז דאָס איז דערפאַר, ווייל איך בין אַ יתום. האָב איך זיך יאָ אַמאָל געשפּילט, האָט דאָס שוואַכסטע ייִנגל געוואַגט מיך צו טשעפּען און אָפט אָנפאַלן אויף מיר, כאָטש איך בין געווען שטאַרקער פון אים. נאָר איך האָב געשוויגן, ווייל איך און מיינע חברים האָבן געוווּסט, אַז איך בין אַ יתום. איך האָב נישט קיין טאַטן און קען נישט שרייען, ער זאָל מיר קומען צו הילף, ווען איינער שלאָגט מיך אָדער באַליידיקט מיך, ווי עס טוען ביי אַזאַ פאַל אַנדערע קינדער.

ווען אַ ייִנגל האָט מיך אַ מאָל זאַטשעפּעט אָדער באַליידיקט, פלעג איך זיך אַמאָל באַקלאָגן פאַר דער מאַמען, ווען איך פלעג קומען אַהיים, פלעגט זי וויינען און זאָגן: מיין יתומל, ווען דער טאַטע זאָל לעבן, וואָלט אוודאי אַזוי נישט געווען. איך האָב נישט ליב געהאַט, אַז די מאַמע זאָל וויינען, פלעג איך איר מער נישט דער-ציילן און האָב אַלץ שווייגנדיק שטיל איבערגעטראָגן.

נאָר די ייִנגלעך, וואָס זענען געגאַנגען אָרעם געקליידט, מיט צעריסענע קאַפּאָטקעלעך און אַלטע שיכלעך, פלעגן מיך נישט באַ-ליידיקן און פרייַלעך שפּילן זיך מיט מיר.

אין בית המדרש פלעג איך זיצן אויף מיין טאַטנס שטאָט ביי דער מזרח-וואַנט לעבן, ארון קודש, און מיינע שכנים פון מזרח-וואַנט האָבן אָפט געזאָרגט פאַר מיר, דעם יתום, מיך צו פירן אין דרך הישר.

איינמאָל, שפּילנדיק זיך, מיט די אָרעמע קינדער, אויפן הויף פון בית המדרש, איז אַרויסגעגאַנגען פון בית המדרש ר׳ שייע שמוט-קעס, וואָס איז געזעסן מיט מיר אין מזרח-וואַנט. ער האָט געטראָגן אונטערן אָרעם אַ גרויסן תפילין-זאַק, און ווי ער האָט מיך דערזען זיך שפּילן, האָט ער מיך אַ רוף געטאָן און מיר געזאָגט:

— עס פּאַסט נישט פאַר ר׳ יענקעלעס זון זיך צו שפּילן מיט קינדער פון וואַסערפירערס און בעלי-מלאכות.

איך האָב נישט פאַרשטאַנען וואָס ער רעדט צו מיר. איך האָב זייער ליב געהאַט זיך צו שפּילן מיט מיינע חברים אין אַלטע צעריסענע קאַפּאָטקעלעך, און די באַלעבאַטישע קינדער האָב איך פיינט געהאַט, ווי תויר. ווייל זיי פלעגן זיך טשעפּען מיט מיר און מיך באַליידיקן.

שפּעטער האָב איך דערפילט, אַז ביי מיינע אָרעמע חברים איז אַ גרויסער יחוס, וואָס איך, ר׳ יענקעלעס זון, שפּיל זיך מיט זיי, און דערפאַר האָבן זיי מיך קיינמאָל נישט באַליידיקט. פאַרקערט. אין אונדזערע שפּילן בין איך שטענדיק געווען דער עלטסטער. האָט מען זיך געשפּילט אין „סאָלדאַטן״, בין איך געווען דער אָפיציר; האָט מען זיך געשפּילט אין „ציידע-באָבע״, בין איך געווען דער זיידע, וואָס האָב אויף אַלעמען געמעגט שרייען און וואָס איך האָב געזאָגט, האָט מען מיר געמוזט פאָלגן.

° °
•

נאָך די שלשים פון מיין טאַטנס טויט זענען זיך צעגויפגעפאָרן פון די פרומיקע שטעטלעך אַלע פינף פעטערס מיט די מומעס פון דער מאַמעס צד. די משפחה פון טאַטנס צד, וועלכע האָט געוווינט אין שטאָט, איז אויך געקומען.

מען האָט גערעדט, געעצהט זיך, וואָס וועט זיין מיט די יתומימלעך, מיט דער מאַמען און מיט פּרנסה.

אין דער קורצער צייט, וואָס מיין טאַטע איז געשטאָרבן, האָב איך צופיל איבערגעלעבט און צוגעזען, אַז איך בין מיטאַמאָל עלטער געוואָרן און פאַרשטאַנען פיל זאַכן, נישט נאָך מיינע יאָרן.

ביי אונדז אין הויז האָט מען גערעדט פון אינדערפרי ביז שפּעט אין דער נאַכט.

אַלע זענען געוואָרן חכמים און בעלי־עצות. באַזונדערס האָט מען פיל גערעדט וועגן דער מאַמען: אַזאַ יונגע, בלוט און מילך, אַזאַ שיינע, אינגאַנצן קוים צוויי־און־דרייסיק יאָר און שוין אַן אַלמנה.

מיינע צוויי עלטערע אויסגעגעבענע שוועסטער פון מיין טאַטנס ערשטער פרוי, זענען אויך געקומען און פאַרלאַנגט זייער חלק ירושה.

גאַנצע צוויי וואָכן האָט מען גערעדט, געטענהט, יעדער האָט דערציילט גדלות פון טאַטן, אַז ער איז נישט געווען קיין מענטש, נאָר אַ צדיק און געשטאָרבן איז ער אויך, ווי אַ צדיק.

## קאַפּיטל אכט.

ערשט איצט האָב איך זיך דערוווסט, אַז ווען מיין טאַטע איז געפערליך קראַנק געוואָרן, איז מען „געלאָפן“ קיין טאַלנע צום רבין און דער רבי האָט געשיקט פאַר דעם חולה פאַרשידענע סגולות, צווישן זיי אויך זאָקן. ער האָט זיי אַראָפּגעצויגן פון זיינע פיס און געשיקט זיי, אַז דער חולה זאָל זיי אָנטאָן און ער וועט האָבן אַ רפואה שלמה.

נאָך מיין טאַטנס טויט האָט דער הפקר-אפיקורוס משה לאַסקער געהאַט צו שפּאָטן און צו לאַכן אַ גאַנץ יאָר וועגן דעם טאַלנער צדיקס זאָקן, און די מער שטילע אפיקורסים האָבן אַ צייט לאַנג אויך אונטערגעשמייכלט און זיך געוווערטלט.

איך האָב דידאָזיקע עטלעכע אפיקורסים, וואָס האָבן זיך געפונען ביי אונדז אין שטאָט, זייער פיינט באַקומען. איך בין זיי אַלע געווען אַ דם-שונא און, פאַרשטייט זיך, מער פון אַלע האָב איך תכלית-שנאה פיינט געהאַט דעם רשע לאַסקער.

איך האָב באמונה שלמה געגלויבט, אַז דעם רבינס זאָקן האָבן געקענט ראַטעווען מיין טאַטן פון טויט, נאָר מסתמא האָט זיך דאָ אַריינגעדרייט עפּעס אַ קליפּה, וואָס דער רבי האָט נישט באַמערקט. קאַרג קליפּות וענען דאָ אויף דער וועלט, ווען עס לעבט אין שכנות מיט אונדז אַזאַ רשע, ווי משה לאַסקער, ביי וועלכן אין זיינע פינף צימערן אויף דעם אויבערשטן שטאָק טאַנצן גאַנצע נעכט שדים מיט רוחות?! אפשר איז ער, דער רשע אַליין, שולדיק אין דעם, וואָס דעם רבינס זאָקן האָבן נישט געהאָלפן.

כמעט דיזעלבע מיינונג וועגן דעם רבינס זאָקן האָבן אויך אַרויסגעזאָגט אייניקע פון דער משפּחה, וואָס זענען זיך צוזאַמענגעקומען צו אונדז אין הויז נאָך שלשים פון מיין טאַטנס טויט.

אין דערזעלבער צייט, ווען אַלע האָבן גערעדט וועגן אַ תּכלית פֿאַר די יתומים און דער יונגע אלמנה און וועגן דער ירושה, איז איינ־מאָל, אין אַ פֿרימאָרגן, געקומען מיין עלטערע אויסגעגעבענע שוועסטער נחמה פֿון דער אַלטער שטאָט צו אונדז אין דער נייער שטאָט, ווו מיר האָבן געוווינט.

זי איז געווען זייער פֿאַרוויינט, און ווען די משפּחה און אַלע אין שטוב האָבן זי מיט שרעק געפֿרעגט: וואָס איז אַזוינס געשען? האָט זי געענטפֿערט, אַז זי האָט געזען דעם טאַטן אין חלום...

דערהערט אַזאַ מעשה, האָבן זי אַלע אַרומגערינגלט, מען האָט זיך אויסגעזעצט אַרום טיש און אָנגעהייבן בעטן, זי זאָל דערציילן איר חלום, ווי אַזוי זי האָט געזען מיין טאַטן.

מיין שוועסטער נחמה, וועלכע האָט זיך שטענדיק אויסגעצייכנט מיט איר קענען שיין דערציילן, האָט זיך אַנידערגעזעצט, פֿאַרשנירע־וועט איר פּיסקעלע און מיט אַ פֿרום פּנים אָנגעהייבן צו דערציילן.

דער גאַנצער עולם האָט מיט איינגעהאַלטענע אָטעמס געהערט.

— זינט דער טאַטע איז געשטאָרבן, — האָט מיין שוועסטער נחמה אָנגעהייבן לאַנגזאַם און זיך אַלעמאָל אָפּגעשטעלט אויף די אינטערע־סאַנטע ערטער, אַז דער עולם איז אַלעמאָל פֿאַרכאַפּט געוואָרן, ווילנדיק וויסן דעם סוף, — יאָ, — האָט זי ווייטער דערציילט, — זינט דער טאַטע, עליו השלום, ער זאָל האָבן דעם ליכטיקן גן־עדן, איז געשטאָרבן, האָב איך שוין אויסגעוויינט מיינע אויגן און איך הער נישט אויף צו וויינען. היינטיקע נאַכט בין איך אַנטשלאָפֿן געוואָרן פֿול מיט טרערן אין די אויגן. פּלוצלונג זע איך אַרום מיר אַ שיין העל ליכטיק פֿייער. עס ברענט און עס ברענט און קיין זאַך ווערט נישט פֿאַרברענט. איך קוק מיך צו, דערזע איך, אַז עס איז גאָרנישט קיין פֿייער, נאָר אַ ליכטיקע גרויסע זון, טויזנט מאָל גרעסער, ווי אונדזער זון, וואָס מיר זעען דאָ אויף דער ערד מיט אונדזערע אויגן. און פֿון דער דאָזיקער זון זע איך אַ ווייסע געשטאַלט דערנענטערט זיך צו מיר אַלעמאָל נענטער און נענטער... איך דערשרעק זיך זייער, איך וויל שרייען און קען נישט, איך וויל עפּעס זאָגן און קען נישט. דאָס פֿייער ברענט און עס בריט מיך נישט, דאָס פֿייער ווערט אַלעמאָל ליכטיקער און ליכטיקער, העלער און העלער, רויטער און קיין זאַך ווערט נישט פֿאַרברענט.

– נו, און וואָס איז געוואָרן פון דער ווייסער געשטאַלט, וואָס דו האָסט געזען? – האָט אייגער פון מיינע פעטערס נישט אויסגעהאַלטן פון נייגעריקייט און געוואָלט וויסן, וואָס גיכער דעם סוף.

איך בין דעמדאָזיקן פעטער זייער דאַנקבאַר געווען, וואָס ער האָט מיין שוועסטער געטריבן צום סוף, ווייל איך האָב געפילט, אַז אונטער מיר ברענט די ערד. מיין פנים, און דערהויפט די אויערן, האָבן מיר געפייערט פון גרויס נייגעריקייט צו וויסן דעם סוף פון דעם חלום. נאָר מיין שוועסטער נחמה איז ווי אַ קאַלטער גוזלן געזעסן רויק אויף איר אָרט, געהאַט צייט אַרויסצושלעפן איר נאָזטיכל פון קעשענע, אויסגעשנייצט די נאָז און זיך צעוויינט.

פאַרשטייט זיך, אַז קיינער האָט שוין נישט געוואַגט איר איבער־צושלאָגן און, ווילנדיק, נישט ווילנדיק, האָט מען מיט דער גרעסטער געדולד געמוזט וואַרטן ביז זי וועט זיך אויסוויינען.

איך אָבער האָב נישט געהאַט קיין געדולד און האָב געפילט, אַז ווען זי וועט באַלד נישט אָנהייבן ווייטער צו דערציילן, וועל איך פאַרברענט ווערן און וועל נישט דערלעבן צו הערן דעם סוף פון מיין שוועסטערס חלום.

ענדלעך האָט זי ווידער אויסגעשנייצט די נאָז און אָנגעהייבן ווייטער צו דערציילן.

– מלאכים מיט פליגלען זענען אַרומגעפלויגן אין פייער און אַפילו זייערע פליגלען האָבן זיך נישט אָנגעצונדן און די ווייסע געשטאַלט האָט זיך פון די מלאכים אַלעמאָל דערנענטערט צו מיר... איך האָב ווידער געוואָלט אָנהייבן שרייען און האָב נישט געקענט... איך האָב זיך שטאַרק דערשראָקן און געוואָלט אָנהייבן צו לויפן, האָב זיך נישט געקענט רירן מיט קיין אבר פון אָרט. ווען די ווייסע געשטאַלט איז שוין געווען גאָר נאָענט צו מיר, האָב איך דערקענט, אַז עס איז דער טאַטע...

דאָ האָט מיין שוועסטער אויסגעשאָסן מיט אַ געוויין.

די מאַמע, קוקנדיק אויף איר, האָט זיך אויך צעוויינט צוזאַמען מיט אַלע אירע קינדער און איך אויך.

און דער איבעריקער עולם, וואָס איז געזעסן אַרום טיש, האָט מיט גרויס אפשיי טרויעריק געשוויגן.

נאָכדעם, ווען מיין שוועסטער און אַלע האָבן אויפגעהערט צו וויינען, האָט זי זיך אויסגעווישט די אויגן און ווייטער דערציילט:

— דער טאַטע האָט לאַנג געקוקט אויף מיר און געזאָגט:

„זאָלסט גיין און זאָגן, אַז די ירושה, וואָס איך האָב איבער-געלאָזט פאַר מיין פרוי און פאַר מיינע קינדער, זאָלן זיך אַלע צע-טיילן גלייך אויף גלייך... טעכטער און זין זאָלן נעמען גלייכע חלקים *).

דער טאַטע איז אין דעם העליש פייער פאַרשווונדן געוואָרן און איך, פון גרויס שרעק, האָב זיך אויפגעכאַפּט פון שלאָף...

ווען מיין שוועסטער האָט געענדיקט איר חלום, ווי זי האָט גע-זען דעם טאַטן, איז אַרום טיש אַזוי שטיל געוואָרן, ווי גלייך קיינער איז אין שטוב נישט געווען.

די עלטערע מענטשן האָבן זיך איבערגעקוקט און דערנאָך האָט איינער פון מיינע פעטערס, דער שוחט, אַרויסגעלאָזט אַ וואָרט:

אַזוי?!...

ער האָט מיט דעמדאָזיקן וואָרט „אַזוי?!...“ זיך אַלץ געווענדעט צו מיין שוועסטער און יעדעס מאָל עס אַרויסגעלאָזט און צעצויגן מיט אַ לאַנגן געדרייטן פּזר און מיט דעמזעלבן ניגון, וואָס מען איז מעביר די סדרה.

מער האָט קיינער קיין וואָרט נישט גערעדט, אַלע האָבן געשוויגן.

פּלוצים האָט זיך אין דער גרויסער שטילקייט מיין מאַמע אָנ-גערופן:

— איך בין אייך אַלעמען מודיע, אַז נאָך אַזאַ מאַן, וואָס איך האָב געהאַט, וועל איך קיינמאָל מער נישט חתונה האָבן... געלויבט זיין ליבער נאָמען, וואָס איך בין נישט געבליבן אַליין אויף דער וועלט, איך האָב, ב"ה, קליינע קינדערלעך, וואָס איך דאַרף זיי אויס-האָדעווען און שטעלן אויף די פיס. ווען די קינדער וועלן, אי"ה, אויס-וואַקסן, וועט מען זיך קענען טיילן מיט דער ירושה.

נאָך מיין מאַמעס רייד איז זיך דער עולם צעגאַנגען און אויף מאָרגן זענען אַלע פעטערס, מומעס און אַנדערע קרובים זיך צעפאָרן, און איך האָב געהאַט אַ סך „זיי-געזונט“-געלט...

---

*) בײַ מיר איז אַ מנהג, אַז טעכטער דאַרפן פון ירושה נאָר נעמען אַ זיבעטן חלק.

## קאפיטל נײַן.

דער ווינטער איז אַוועק און עס איז געקומען דער ליבער, וואַרעמער יום-טוב פסח.

אַזוי ווי אַלע יאָר, האָט מען בײַ אונדז אויך איצט געראַמט, געכשרט און געפוצט אַלץ לכבוד דעם גרויסן יום-טוב.

צום סדר האָט מען צערוקט דעם טיש אויף אַלע ברעטער און מען האָט אים שיין אויסגעדעקט מיט דעם גאַנצן זילבער, וואָס איז געשטאַנען אַ גאַנץ יאָר אין דער גלעזערנער שאַפע.

אַלע זענען געווען אָנגעטאָן יום-טובדיק און די מאַמע אויך, נאָר קיין נײַע מלבושים און קיין נײַע שיך האָט מען קיינעם נישט געמאַכט אויף הײַנטיקן פסח.

אַלץ איז בײַ אונדז אין דעם פסח געווען, ווי אַלע יאָר, נאָר אויף אויף דעם טאַטנס אָרט איז געזעסן אָנגעלענט אויף קישנס מיט ווײַסע אויסגענייטע ציכן מײַן עלטערער ברודער, דער חתן-בחור, און האָט געפּראַוועט דעם סדר.

לייבל, דער באַהעלפער, האָט מיר אויסגעלערנט אויף אויסווייניק צו פרעגן די פיר קשיות, און איך האָב זיי געפרעגט מײַן עלטערן ברודער.

מײַן מאַמע מיט די קינדער און אַן אורח אויף יום-טוב, וואָס מײַן ברודער האָט מיט זיך מיטגעבראַכט פון בית המדרש, זענען געזעסן אַרום טיש.

די מאַמע האָט געהאַט פאַרווײנטע אויגן, אָבער זי האָט נישט געוויינט. פאַרקערט, זי האָט זיך געמאַכט פרייליך און מיט יעדן געוועזן ליבלעך און פרײַנטלעך.

די מאַמע איז געגאַנגען אָנגעטאָן אין אַ העל קלייד מיט אַ ווייס-זיידן טיכל אויפן קאָפּ, לאַנגע אוירינגלעך און עטלעכע שנירלעך פּערל אויף דעם האַלדז, און זי איז געווען אַזוי שיין, אַזוי שיין...

נאָך יום-טוב איז זי ווידער אַריין אין אירע טונקעלע קליי-דער, אויסגעטאָן איר צירונג און איז געוואָרן טרויעריק און פאַרטראַכט.

דעם גאַנצן זומער פלעגט די מאַמע יעדן פאַרנאַכט זיצן אויף דער באַנק, וואָס האָט זיך געפונען ביי אונדזער שטוב.

די באַנק איז געווען אַזוי נידעריק, אַז איך האָב זיך אויך געקענט זעצן און מיינע פיסלעך האָבן דערגרייכט ביז צו דער ערד.

איך האָב שטענדיק ליב געהאַט צו זיצן לעבן דער מאַמען, אָנ-שפּאַרנדיק זיך אויף איר.

אָפט פלעגט זי מיך נעמען אויף די הענט, מיך אַנידערלייגן אויף איר קני, ביז איך בין אַנטשלאָפן געוואָרן.

איינמאָל, אין אַ זומערטאָג, איז די מאַמע פאַרפאַלן געוואָרן אויף אַ גאַנצן טאָג. עסן האָט מיר געגעבן אונדזער דינסט, אידאס. איך האָב זי געפרעגט, וווּ איז די מאַמע, האָט זי מיר געענטפערט, אַז זי ווייסט נישט.

אַן אַנדערער האָט מיר געזאָגט, אַז זי איז אַוועק אין דער אַלטער שטאָט. נאָר אין דעם פאַרנאַכט, ווען זי איז מיט מיר גע-זעסן אויף דער באַנק און איך האָב זי געפרעגט, וווּ זי איז געווען, האָט זי מיר געענטפערט:

— ביים טאַטן בין איך געווען...

— וואָס האָסטו ביי אים געטאָן, מאַמע?

— איך בין געגאַנגען אים בעטן, ער זאָל זיין אַ גוטער מליץ פאַר אונדז... ער זאָל בעטן גאָט, מיר זאָלן אַלע זיין געזונט... עס זאָל זיך מיר אַזוי שווער נישט לעבן און מיר זאָלן האָבן אַ גרינגע פּרנסה.

איך האָב זיך אַ ביסל פאַרטראַכט און ווידער געפרעגט:

— וווּ איז זיצר טאַטע?

— אויפן הימל, — האָט זי געזאָגט.

איך האָב דער מאַמען מער נישט געפרעגט. נאָר זיצנדיק אויף דער באַנק לעבן איר, האָב איך נישט אַראָפּגענומען די אויגן פון הימל.

דער הימל איז געווען פאַרוואָלקנס מיט אַ סך, אָן אַ שיעור, קליינע קוטשעראַווע וואָלקנדלעך, גרעסערע און קלענערע, און ווען איך האָב אַזוי לאַנג זיך איינגעקוקט אויף די וואָלקנדלעך, האָב איך געזען אויף דעם הימל גאַנצע מחנות וועלף, שאָף און נאָך אַלערליי חיות מיט קעפּ און מיט פיס. פון אונטער די גרעסערע וואָלקנס האָט אויף די אַלע טשערעדעס חיות געשיינט אַ ליכטיקייט, און זיי זענען געווען אַזוי שיין.

— מאַמע, — האָב איך געזאָגט. — זע נאָר אויף דעם הימל... אַזויפיל חיות און שאָף אויך, און אָט, זעסטו, — איך האָב אָנגעוויזן מיט מיין פינגער אויף אַן עק הימל, — דאָרט לויפן גרויסע אָקסן מיט גרויסע הערנער. זע נאָר, ווי עס איז אַזוי שיין!

— גאָטס וועלט איז אַוודאי שיין, נאָר גישט פאַר מיר, — האָט זי טרויעריק געענטפערט. — אויף דעם הימל, — האָט זי געזאָגט, — זענען דאָ נישט נאָר אַלערליי חיות, נאָר מענטשן אויך... אַלץ איז דאָ אויף דעם הימל, און מיר וועלן אויך אַ מאָל זיין אויף דעם הימל.

— ווען וועלן מיר זיין אויף דעם הימל? — האָב איך געפרעגט מיט שמחה.

— הער שוין אויף צו פרעגן נאַרישקייטן. ווען גאָט וועט אונדז רופן, וועלן מיר אַלע זיין אויפן הימל.

— און דער טאַטע איז אויך דאָ אויפן הימל? — האָב איך זי איבערגעפרעגט.

— אַוודאי איז ער דאָרט דאָ.

— מאַמע, איך וויל אויך גיין אויפן הימל מיט דיר, אַזויווי דו ביזט דאָרט היינט געווען...

— דו ביזט נאָך צו יונג... וועסט אַ ביסל אונטערוואַקסן, וועל איך דיך מיטנעמען, ווען איך וועל גיין צום טאַטן.

עס האָט אָנגעהייבן זיך אָנצוזוקן די נאַכט. צווישן די וואָלקנדלעך האָבן זיך אָנגעהייבן באַווייזן די ערשטע שטערן און די מאַמע האָט מיר דערציילט, אַז יעדער מענטש האָט אויף דעם הימל זיין שטערן.

איך בין אַנטשוויגן געוואָרן. מער האָב איך שוין דער מאַמען נישט געפרעגט, ווייל איך בין געווען באַשעפטיקט דערמיט, וואָס איך האָב אָנגעהייבן זוכן אויף דעם הימל מיין שטערן, מיין מאַמעס, און באַזונדערס האָב איך געוואָלט געפינען דעם טאַטנס

שטערן, כאָטש איך האָב זיך נישט אָפּגעגעבן קיין חשבון, וואָס פאַר סימנים און בכלל ווי אַזוי דערקענט מען וועמענס שטערן עס איז.

איך האָב נאָר געהאַלטן אין איין זוכן אויף דעם הימל און אַלעמאָל האָב איך געוואָגט, אָנווייזנדיק מיט דעם פינגער אויף דעם הימל:

— אַ יאָ, מאַמע, אָט דער ליכטיקער שטערן, וואָס פינקלט אַזוי, איז מיין טאַטנס שטערן?

זי האָט נישט געענטפערט און אַפילו ניך נישט אומגעקוקט אויף מיר.

אינדרויסן האָט אָנגעהייבן בלאָזן אַ מחיהדיק קיל ווינטעלע. די וואָלקנדלעך מיט די אַלערליי חיות האָבן אויפן הימל גיכער אָנגעהייבן צו לויפן, און אויף דעם פלאַץ פאַר אונדזער שטוב האָבן זיך אויפגעהייבן אינדערלופטן שטרוי, וואָס זענען געפלויגן צוזאַמען מיטן שטויב.

— קום אַריין אין שטוב, — האָט די מאַמע מיך אָנגענומען ביים הענטל, — באַלד וועט אָנהייבן גיין אַ רעגן.

אין דערדאָזיקער נאָכט האָב איך באַלד נישט געקענט איינשלאָפן. איך האָב אַלץ געטראַכט וועגן דעם וווּנדערלעכן הימל און וועגן דעם, איך זאָל וואָס גיכער אויסערוואַקסן. דעמאָלט וועט די מאַמע מיך אויך מיטנעמען אויף דעם הימל, ווען זי וועט גיין צום טאַטן...

## קאפיטל צען.

מיין טאטנס באקאנטע פריצים, מיט וועלכע ער פלעגט פירן געשעפטן, פלעגן נאך מיין טאטנס טויט אויך פארפארן צו אונדז, ווען זיי פלעגן פון זייערע דערפער קומען צו פארן מיט זייערע קא-רעטעס אין שטאט אריין.

דער חלוק פון פריער ביז איצטער איז געווען דאס, וואס צו די פריצים פלעגן אוועקפארן, פלעגן זיי אריינקומען צו דער מאמען און באצאלן פאר דער צייט, וואס זיי האבן ביי אונדז געוווינט.

דעם טאטנס פריצים פלעגן רעקאמענדירן אנדערע פריצים, זיי זאלן אויך האלטן ביי אונדז סטאנציע, און אזוי צו ביסלעך איז מיט דער צייט אין אונדזער שטאט צוגעקומען נאך א „פריציש איינפאר-הויז" צו די דריי, וועלכע האבן זיך פון פריער געפונען ביי אונדז אין שטאט.

פון אונדזער שטוב איז געווארן א „פריציש איינפארהויז", וווהין עס זענען אויך שוין אריינגעפארן פרעמדע פריצים, און די מאמע, די אלמנה, האט אנגעהייבן פאר דער צייט עלטער ווערן און פלעגט זארגן, ווען די צימערן זענען אמאל געשטאנען ליידיק און פריצים זענען נישט געקומען.

מיין טאטעס האט איבערגעלאזט א גרויס הויז פון צוועלף צימערן מיט צוויי קיכן: איינע א כשרה פאר זיך, און א צווייטע, א טריפע פאר זיינע באקאנטע פריצים, וועלכע פלעגן קומען מיט זייערע הויפן און מיט אייגענע קיכערס, וואס פלעגן קאכן אין דער טריפער קיך.

דאס הויז האט געהאט צוויי גרויסע שטאלן מיט א סך קאמערן, און א גרויסן הויף מיט א הילצערנעם פארקן ארומגעצוימט.

מיין טאַטע האָט איבערגעלאָזט אַ סך צירונג, זילבער, מעבל און אַנדערע באַלעבאַטישקייט.

מזומן געלט האָט ער איבערגעלאָזט ווייניק.

עס איז אים געקומען אַ סך געלט פון פּריצים און פון יידן, אָבער נישט אַלע האָבן אָפּגעגעבן.

מען האָט זיך באַדאַרפט לאָדן, וואָס דאָס קאָסט אַ סך געלט, האָט די מאַמע זיך נישט געלאָזט. ווער עס האָט געוואָלט, דער האָט אָפּגעגעבן, און ווער עס האָט נישט געוואָלט, ביי דעם איז פאַרפאַלן געוואָרן.

איינמאָל איז זי יאָ געפאָרן אויף קיעווער קאָנטראַקטן איינמאָנען געלט, אָבער זי האָט קוים אויסגעשלאָגן די הוצאות. אַלע בעלי-חובות האָבן צוגעזאָגט צו באַצאָלן שפּעטער.

איינער פון מיין טאַטנס בעסטע פריינט, קרושעוויטש, זייער אַ רייכער גוטסבאַזיצער און אַ גרויסער פּוילישער מיוחס, פלעגט מער פון אַלע רעקאָמענדירן זיינע באַקאַנטע פּריצים, זיי זאָלן פאַרפאָרן צו אונדז, ווען זיי קומען אין שטאָט.

ווען ער פלעגט קומען אין שטאָט, איז ער נאָר איינגעשטאַנען ביי אונדז.

אַז ער איז געקומען אָן דער פאַמיליע, פלעגט ער אָפט צוזאַמען ביי אונדזער טיש עסן דעם כשרן מיטאָג: געפילטע פיש, יויך מיט לאָקשן און צימעס און ער פלעגט לויבן דעם מיטאָג ביז אין הימל אַריין.

אויף די פּוילישע תגאות פלעגט ער קומען מיט זיין גאַנצער פאַמיליע, וואָס איז באַשטאַנען פון אַ פרוי מיט פיר קינדער און אַ דערוואַקסן טעכטערל פון אַ יאָר אַכצן, וועלכע מען האָט גערופן מאַרטאַ.

דאַן פלעגט קרושעוויטשעס פאַמיליע ביי אונדז פאַרנעמען אַלע צימערן. ער פלעגט קומען מיט עטלעכע קאַרעטן, טייערע פערד און פּראַכטע לאַנגע פויערשע פורן מיט קליינע פערדלעך, לאַקייען, קיכערס און דינסטן.

מען האָט מיט זיך געבראַכט טעפּ, טעלער, לעפל און אַנדערע געשיר.

זיי פלעגן אַמאָל ביי אונדז אָפּשטיין אַ פּאָר וואָכן און איך פלעג זיך אָפט שפּילן מיט זיינע קינדער אויף אונדזער גרויסן הויף

אויף אַ בערגל שטיינער אָדער אויף די קלעצער, וואָס זענען געלעגן אויף דעם הויף, זינט איך געדענק זיך.

אין, אַ יינגעלע, מיט געדרייטע פּאותלעך, מיט אַ שוואַרץ זייזן היטעלע אויפן קאָפּ, מיט אַ טלית-קטנדל, און אַ פּאָר מייטקעלעך מיט אַ סטענדל אונטן, און זיי, די „פּאַניטשעס", מיט געשוירענע בלאָנדע קעפּלעך, פּלעגן אַרומלויפן שעהנוויז אויף דעם הויף און זיך שפּילן מיט מיר.

אָפט פלעגט דער פּריץ מיט זיין פּריצטע ערגעץ אוועקפאָרן און איבערלאָזן די קינדער מיט דער דערוואַקסענע פּאַנע מאַרטאַ און זייערע גוווערנאַנטקעס אויף דער מאַמעס השגחה, ביז זיי פלעגן קומען צוריק.

איינמאָל האָב איך זיך מיט די פּאַניטשעס בעתן שפּילן צעקריגט און מיר האָבן זיך געשלאָגן.

אויף אונדזער געשלעג זענען זיך אָנגעלאָפן קרושעוויטש מיט זיין פרוי, די גוווערנאַנטקעס און אויך מיין מאַמע.

אונדזער קריג האָט זיך געענדיקט דערפון, וואָס איך האָב געזאָגט, אַז דער יידישער גאָט איז בעסער פון דעם גויישן גאָט און זיי האָבן געדרונגען פאַרקערט, ביז עס איז געקומען צו קלעפּ.

קרושעוויטש מיט זיין פרוי, דערווייסנדיק זיך די סיבה פון אונדזער קריג, האָבן זייער געלאַכט און דער פּריץ האָט געזאָגט, אַז אַלע געטער זענען גוט, מען דאַרף נאָר זיין פרום און גוט און אָפּ-היטן זייערע געבאָטן.

מען האָט צווישן אונדז שלום געמאַכט און מיר האָבן זיך ווייטער געשפּילט, נאָר מער האָבן מיר וועגן גאָט נישט גערעדט, ווייל די מאַמע האָט מיר שטאַרק אָנגעזאָגט, איך זאָל מיט די „פּאַניטשעס" נישט רעדן וועגן דעם.

איינמאָל, ווינטערצייט, אויך אויף אַ פּוילישן יום טוב, איז דער פּריץ קרושעוויטש געקומען צו פאָרן מיט זיין טאָכטער מאַרטאַ. נאָך זיי זענען געקומען צו פאָרן אַזויפיל פּריצים, אַז מען האָט פאַרנו-מען אַלע צימערן. עס איז געווען אַזוי ענג, אַז עטלעכע האָבן גע-וווינט אין איין צימער צוזאַמען.

אויפדערנאַכט זענען געקומען אַ סך געסט און מען האָט פאַר-בראַכט די גאַנצע לאַנגע ווינטערנאַכט ביז אין ווייסן טאָג.

די מאַמע, וואָס פלעגט זיין שטענדיק צעפרידן, ווען עס פֿאַרמאָגט זיך אַן אַ סך פּריצים, איז די גאַנצע נאַכט נישט געשלאָפן און איז געווען בלאַס און דערשראָקן.

ווען איך בין אַ ביסל עלטער געוואָרן, האָב איך זיך דערוווּסט, אַז אין דערדאָזיקער נאַכט איז אין אונדזער הויז געווען אַ צוזאַמענפֿאָר פון די פּוילישע „מיאַטעזשניקעס" אין יאָר 1863. און האָב ערשט דאַן פֿאַרשטאַנען און וואָס פֿאַר אַ גרויס געפֿאַר מיר אַלע זענען געווען אין דערדאָזיקער ווינטערנאַכט.

וואָס ווייטער, זענען מיין טאַטנס באַקאַנטע פּריצים וועניקער געוואָרן. עס איז נאָר געבליבן דער רייכער פּריץ קרושצוויטש און נאָך אַ פּאָר אָרעמע פֿאַרשוילדיקטע פּריצים, פון וועלכע אונדזער „איינפֿאָר-הויז" האָט וועניק הכנסה געהאַט. און אין אונדזער הויז האָבן אָנגעהייבן פֿאַרפֿאָרן אומבאַקאַנטע און ווער עס האָט נאָר געוואָלט. דאָך האָט זיך אונדזער הויז גערעכנט פֿאַר דעם ערשטן „פּריצישן איינפֿאָר-הויז" אין שטאָט און עס זענען פֿאַרפֿאָרן נאָר אַזעלכע געסט, וואָס האָבן געקענט באַצאָלן פֿאַר אַ גאַנצן צימער.

די מאַמע איז וואָס אַ טאָג עלטער און מער פֿאַרזאָרגט געוואָרן, און איינמאָל האָב איך באַמערקט, ווי אונטער איר קאָפּטיכל האָבן זיך אויף איר יונג שיין פּנים אַרויסגערוקט איניקע גרויע האָר.

מען האָט געדאַרפֿט חתונה מאַכן מיין עלטערן ברודער. דעם חתן-בחור, מיט וועלכן דער טאַטע האָט נאָך אַ שידוך געטאָן פון פּאַדאָליע.

די מחותנים זענען געווען איינגעטונקען אין רבנים. די מאַמע, די אַלמנה, וואָלט אַזאַ גרויסן שידוך מיט אים נישט געקענט טאָן. די חתונה האָט באַדאַרפֿט זיין נאָך צוריק מיט צוויי יאָר, נאָר איבער דעם טאַטנס טויט האָט די חתונה געמוזט אָפּגעלייגט ווערן.

מיין ברודער איז שוין געווען אַן אַלטער בחור פון אַכצן יאָר. עס שפּראָצט אים שוין אַ שיין בערדל, און עס איז אַ בזיון צו פירן אַ חתן אונטער דער חופה מיט אַ בערדל. נאָר וואָס האָט מען געקענט טאָן, צו גאָט האָט אַזוי געוואָלט און צוגענומען דעם טאַטן.

אַנדערע אין מיין ברודערס יאָרן, זיינע חברים, האָבן שוין אַ פּאָר קינדערלעך און ער דרייט זיך נאָך אַרום אַ בחור.

מען מוז אים חתונה מאַכן. מען דאַרף אָבער פֿאַר דער חתונה אײַנלייגן דעם נדן און די מאַמע האָט נישט מיט וואָס. זי ווייסט,

אַז די מחותנים פון דער כלהס צד וועלן זיין צעפרידן, ווען מען וועט אין דער צייט נישט איינלייגן דעם נדן, וועט מען האָבן אַ תּירוץ אָפּצולאָזן דעם שידוך, ווייל פריער, ווען דער טאַטע האָט געלעבט, איז עס געווען פאַר זיי אַ גוטער שידוך און איצט נישט. איצט איז דער חתן אַ יתום, זיין מוטער, אַן אַלמנה מיט קינדער, אָרעמער געוואָרן, וועט מען אָבער לייגן אין דער צייט דעם נדן, וועט מען דעם שידוך נישט קענען אָפּלאָזן. און די מאַמע זאָרגט טאָג מיט נאַכט, ווו זאָל זי נעמען געלד אויף נדן, אויף חתונה־הוצאות און מלבושים.

פונוואַנען זאָל זי דאָס אַלץ נעמען?

די קינדער וואַקסן אונטער, די הוצאה ווערט גרעסער און די פּרנסה ווייניקער. אַלע קינדער גייען שוין אין חדר. אַפילו מיינע שוועסטערלעך גייען שוין אין חדר זיך אויסצולערנען דאַווענען, און איך גיי שוין אויך אין חדר צום גרויסן דרדקי־מלמד גאַדל. וועלכן מען צאָלט זעקס קערבלעך אַ זמן פאַר מיר.

איך וואָלט געקענט לערנען ביי אַ ביליקערן מלמד, פאַר דריי קערבלעך אַ זמן, נאָר דאָס פּאַסט נישט פאַר מיין מאַמען. אַלע קינדער פון די אויסגעגעבענע שוועסטער מיט דעם ברודער, דעם חתן־בחור, האָבן אָנגעהייבן לערנען ביי גאַדלן אין חדר, דאַרף איך אויך דאָרט לערנען.

מען דאַרף די קינדער קליידן מען זאָל זיך נישט שעמען פאַר לייטן, מען דאַרף צאָלן קיין עין הרע אַזויפיל שכר־לימוד, ווו־זשע זאָל מען נעמען אויף חתונה מאַכן אַ קינד? און חתונה מאַכן דעם עלטן בחור מוז מען, עס איז שוין אַזוי אויך אַ בזיון פאַר לייטן. און דערהויפּט, זאָרגט זיך מיין מוטער, וואָס זי האָט מורא, מען זאָל נישט אָפּלאָזן דעם שידוך, און נאָך אַזאַ גרויסן שידוך, וועט זי, די אַלמנה, נישט קענען טאָן מיט אַ קינד.

מיינער צ פעטער און נאָך אייניקע פון אונדזער משפּחה, וועלכע זענען נאָך מיין טאַטנס טויט געוואָרן די בעלי־עצות ביי דער מאַמען און אומגעבעטענע זאָרגערס און טאַטעס איבער די יתומים, האָבן געראַטן, מען זאָל לייען געלט אויף אונדזער הויז און חתונה מאַכן מיין ברודער.

נאָך דאָ האָט מיין מאַמע געזאָגט:

— די נחלה, וואָס דער טאַטע פון מיינע קינדער האָט איבערגעלאָזט פאַר זיינע קינדער, וועל איך קיינמאָל נישט פאַרקויפן און נישט פאַרבאַרגן, ביז זיי וועלן אויסוואַקסן און דערנאָך, ווען איך וועל דערלעבן זען מיינע קינדער שוין מענטשן, זאָלן זיי טאָן מיט דער נחלה, ווי אַזוי זיי וועלן פאַרשטיין.

דערביי האָט עפּעס די מאַמע אַזאַ קוק געטאָן אויף מיר, איר יינגסט קינד, אַז איר בליק האָט דערגרייכט צו מיר טיף אין האַרצן און אין מיינע אויגן האָבן זיך באַוויזן טרערן.

איינער פון דער משפּחה האָט גערדרונגען, אַז עס איז נישט קיין אומגליק צו לייגן אויף דער שטוב. גאָט וועט העלפן, וועט מען באַצאָלן דעם חוב און די שטוב וועט ווידער בלייבן ריין פון חובות. נאָר די מאַמע איז פעסט געשטאַנען אויף אירן, אַז די נחלה וועט זי נישט רירן, זי האָט באַוויזן, אַז זי דאַרף נאָר די ערשטע הלוואה מאַכן אויף דעם הויז, וועט שוין דאָס הויז נישט זיין אירס, זי וויל נישט אַריינפאַלן צו די פּראָצענטניקעס אין די הענט.

„וואָס-זשע טוט מען?“ — האָט ווידער איינער פון דער משפּחה זיך אָנגערופן, — מען קען זיך דאָך נישט לאָזן ווייטער זיצן אַזאַ פּלטן בחור?“

נאָך פיל רעדן, האָט זיך צום סוף אָנגערופן די מאַמע, אַז זי וועט פאַרקויפן אירע פּערל און וועט חתונה מאַכן מיין ברודער.

דערביי האָט זי זיך צעוויינט, אַלע האָבן דערביי געשוויגן. אין שטוב איז שטיל געוואָרן.

## קאפיטל עלף.

איך בין שוין אַלט געווען זעקס–זיבן יאָר, ווען מען האָט מיר געזאָגט, אַז מען וועט מיך אויך מיטנעמען אויף מיין ברודערס חתונה און איך וועל אויך פאָרן גלייך מיט אַלע מחותנים.

איך וועל אויך „פאָרן”! אין מיין לעבן בין איך נאָך קיינמאָל נישט געפאָרן נישט נאָר אין קיין אַנדער שטאָט אָדער דאָרף, נאָר אַפילו ווייט פון אונדזער שטאָט, ווייטער פון „גרעקאָוון וואַלד” אָדער אויף דער צווייטער זייט נישט ווייס פון בית-עולם. ווּהין מיר פלעגן יעדעס יאָר פאָרן אויף ל״ג בעומר מיט דעם רבין אָדער מיט דעם באַהעלפער און מיט אַלע חדר-יינגלעך. און דאָ וועל איך פאָרן ווייט, ווייט, אפשר פיר טעג און פיר נעכט!

ווּהין איך וועל פאָרן און אין וועלכע שטאָט, וואָס פאַר אַ שטעט און דערפער איך וועל פאַרבייפאָרן אָדער זיך אָפּשטעלן, האָב איך נישט געוווּסט און עס האָט מיך נישט אינטערעסירט, די הויפּט-זאַך: איך וועל פאָרן ערגעץ ווייט, ווייט. און איך בין אין דעמדאָזיקן זומער שיעור נישט משוגע געוואָרן פון גרויס גליק, וואָס מיר שטייט פאַר!

דאָס לערנען אין חדר איז מיר ווייניק געקראָכן אין קאָפּ, איך האָב כמעט גאָרנישט געלערנט, כאָטש איך האָב יעדן טאָג געמוזט גיין אין חדר, נאָר אין דער צייט, ווען איך בין געזעסן מיט אַ האַלבע מאה יינגלעך און נאָכגעשריען דעם רבין, וואָס ער האָט געשריען, איז מיר מיין קאָפּ געווען ערגעץ ווייט, ווייט, ווו האָב איך אַליין נישט געוווּסט, גאָרנישט אין חדר. עס האָט מיך מיט מיינע אַלע רמ״ח אברים ערגעץ געצויגן, ווי מיט אַ מאַגנעט אין דערדאָזיקער אומבאַוווּסטער ווייטקייט.

פאנצערשטיק. ווען יעדעס יינגל האט באדארפט אליין איבערזאגן אלץ, וואס מען האט געלערנט צוזאמען א גאנצע וואך, האב איך קיין איינציק ווארט נישט געוווסט, ווי גלייך איך בין די גאנצע וואך גאר אין חדר נישט געווען.

דער רבי איז געווען אויסער זיך. איך האב זיך געראכנט פאר איינער פון די בעסערע יינגלעך און דא, פלוצלונג בין איך געווארן אזא „פארשטאפטער קאפ״, דער גרעסטער פון אלע.

איך האב פון רבין געכאפט קלעפ, וואס דאס איז כמעט קיינמאל נישט פארגעקומען מיט מיר, דער באהעלפער האט אויך נישט געשוויגן און אין מיר ארייננעלייגט זיין חלק, די יינגלעך האבן חוזק געמאכט און מיך גערופן: „גוי״.

נאך די אלע קלעפ מיט די בזיונות האט מיך איצטער געהארט חי דער פארציאריקער שניי.

איך האב נישט געפילט דעם ווייטיק פון דעם באהעלפערס קלעפ, איך האב נישט געענטפערט מיינע חברים אויף זייער חוזק מאכן, ווי גלייך עס האט זיך מיר דאס אלץ נישט אנגעקערט, מיין גאנצער „איך״ איז געווען ערגעץ אין א ווייטע ווייטקייט, וואס איך ווייס אליין נישט וואס דאס איז.

איך האב דעם רבין מיט דעם באהעלפער מיט דעם גאנצן חדר נישט באמערקט, אזוי האבן זיי אלע אויסגעזען קליין אין מיינע אויגן קעגן דער ווייטע ווייטקייט וווהין איך וועל פארן. אפשר פיר טעג און פיר נעכט.

עס איז געקומען דערצו, אז עטלעכע טעג פלעג איך אינגאנצן נישט קומען אין חדר, פארשפעטיקן אדער אנטלויפן פון חדר פריער פאר אלע קינדער, און יעדעס מאל האב איך געמוזט אויסטראכטן פאר דעם רבין פארשידענע תרוצים, וואס זענען נישט געשטוינן און נישט געפלויגן און עס האט זיך געענדיקט מיט פארשידענע שטראפן פון רבין און בזיונות.

און ווי אזוי האב איך געקענט גיין אין חדר, אז אונדזער שטוב איז געגאנגען כאדאראם:

אין אלע צימערן זענען געזעסן שניידער מיט זייערע „יינגען״, די האבן גענייט חתונה-מלבושים פאר דעם חתן, פאר דער מאמען, פאר אלע אונדזערע קינדער און פאר מיר אויך א נײַ שווארץ זיידן קאפאטקעלע מיט הייזלעך און א זשילעטקע, ווי פאר א גרויסן. די „שניי־

דער-יינגען" האָבן געניייט און געזונגען אַווינע שיינע יידישע לידלעך, וואָס איך פלעג זייער אָנקוועלן.

אין קיך האָבן זיך געפונען גערונגענע סאָרוועריגס, דיקע יידענעס מיט פאַרקאַטשעטע אָרבל און מען האָט געבאַקן גאַנצע בעקנס ווייסן און קאָרענעם לעקעך, פלאָדן, שטרודל, קאַמיש-ברויט, מאַנדל-בייגעלעך און פיינקוכן.

דאָס אַלץ האָט מען געפּאַקט אין קאַסטנס, מען זאָל מיטנעמען אויף דער חתונה.

פון אינדערפרי ביז אויפדערנאַכט, ביי יעדן בעקן, וואָס די סאָרוועריגס האָבן אָרייגערוקט אין אויוון, האָבן זיי געוווּנטשן דער מאַמען, אַז זי זאָל דערלעבן חתונה מאַכן אַלע קינדער און מיר אויך.

פון אונדזער קיך, האָט פון אינדערפרי ביז אויפדערנאַכט גע-שמעקט פון די זיסע געבעקסן — אַ מחיה.

די שניידער מיט זייערע „יינגען", וועלכע פלעגן יעדן טאָג באַקומען בראָנפן מיט לעקעך, פלעגן טרינקען „לחיים" און אויך אָנגע-וווּנטשן דער מאַמען, אַז זי זאָל דערלעבן אַלע קינדער פירן צו דער חופה, און מיר זאָל זי אויך פירן אונטער דער חופה.

די מאַמע מיט שטענדיקע טרערן אין די אויגן, נאָר מיט אַ שיינענדיק געזיכט, פלעגט זיי אַלע ענטפערן:

— גם אתם, איר זאָלט דערלעבן אין עושר און אין כבוד ביי אייערע קינדער, און צו די „יינגען" — די בחורים, פלעגט זי צו-וווּנטשעווען:

— גאָט זאָל אייך צושיקן אייער זיווג און איר זאָלט אַליין ווערן באַלעבאַטים.

די יינגען פלעגן דערביי לאַכן, אַז זיי האָבן זיך קוים איינגע-האַלטן פון גרויס געלעכטער.

און איך, יעדעס מאָל, ווען מען האָט געוווּנטשעוועט דער מאַ-מאַמען, אַז זי זאָל דערלעבן מיך פירן צו דער חופה, פלעג איך טראַכטן, וועגן מיין זיידענע קאַפּאָטקע מיט די קאָרטענע הייזלעך און זשילעט. וואָס מען האָט פאַר מיר דאָס ערשטע מאָל געניייט, ווי פאַר אַ גרויסן.

איינמאָל קומענדיק אין חדר אַ פאַרשפּעטיקטער מיט אַ פריש-געבאַקענעם תירוץ, האָט מיך דער רבי נישט באַשטראָפט און ער האָט גערעדט צו מיר מיט גוטן.

„ערשט איצט פֿאַרשטיי איך, פֿאַרוואָס דיר קריכט נישט אין קאָפּ דאָס לערנען — דו האָסט זיך געמאַכט חתונה, כאָטש צו דיין ברודערס חתונה איז נאָך ווייט — ערשט שבת נחמו. זאָג מיר צו, אַז ווען דו וועסט אי״ה קומען צוריק פֿון דער חתונה, וועסטו גוט לערנען״.

איך האָב מיין רבין מיט דעם גאַנצן האַרצן צוגעזאָגט „אַזוי ווי איך בין אַ ייד, אַז איך וועל גוט לערנען״.

פֿון דעם טאָג אָן בין איך כמעט אין חדר נישט געגאַנגען.

די מאַמע האָט זיך ווייניק דערויף אומגעקוקט, זי איז געווען דעם גאַנצן טאָג פֿאַרנומען מיט וויכטיקערע זאַכן, ווי זיך אומצוקוקן אויף מיר.

מיין גאַנצע צייט בין איך געזעסן מיט די שניידערס און אַלע מאָל אַריינגעשמעקט אין קיך צו די סאַרווערינס און בכלל געפּלאָנטערט זיך יעדן אונטער די פֿיס.

עטלעכע מאָל האָבן די שניידערס מיר אָנגעמאָסטן מיין זיידן קאַפּאָטקעלע מיט די קאַרטענע הייזלעך און זשילעט, אַלע האָבן געזאָגט, אַז איך בין אַ „שיין ייִנגעלע״ און די מאַמע האָט מיך געקושט, געהאַלדזט און געזאָגט: — רבונו של עולם, איך זאָל נאָך מיין מוזשיניקל דערלעבן צו זייען זיינע חתונה־מלבושים, מער פֿאַרלאַנג איך פֿון דיר גאָרנישט, רבונו של עולם!

* * *

עס האָט זיך דערנענטערט די גליקלעכע צייט, ווען מען האָט שוין באַדאַרפֿט דינגען פֿורן צו פֿאָרן אויף דער חתונה.

מען האָט געדונגען דריי פֿויערשע פֿורן, נאָר פֿאַר דעם חתן מיט די הויפּט־מחותנים האָט מען באַדאַרפֿט האָבן צוויי קאַרעטן. איינע האָט מען געדונגען ביי יענקל באַלטער, אַזוי האָט מען גערופֿן דעם איינציקן בעל־עגלה, וואָס האָט פֿאַרמאָגט אַ קאַרעטע, מיט וועלכע ער פֿלעגט פֿאָרן נאָר אויף חתונות, און אַזוי האָט ער געהאָט אַ בויד מיט וועלכע ער פֿלעגט שטענדיק פֿאָרן פֿון אומאַן קיין באַלטע און צוריק.

דאָס איז געווען די איינציקע קאַרעטע אין שטאָט, וועלכע מען האָט געקענט דינגען.

און ווען יענקל דער באַלטער איז אַמאָל פאַרבייגעפאָרן אברהם זשעליאַזניקס קראָם, האָט ער געזען שטיין די קאָרעטע און האָט זי ביי אים אָפּקעקויפט איידער אברהם זשעליאַזניק האָט זי צעבראָכן אויף אייזן.

יענקל באַלטערס קאָרעטע האָט די גאַנצע שטאָט געקענט און אַלע זענען געווען באַקאַנט מיט איר געשיכטע:

די קאָרעטע האָט אַמאָל געהערט צום פאַרוואַלטער פון פירשט ליובאָמירסקי, וועלכער האָט געהאַט אַ סך גיטער, וועלדער און מילן אַרום אומאַן. די קאָרעטע איז אַמאָל געווען אַ שיינע, אַ גרויסע, אַ ברייטע. אַ צוואַנציק דרייסיק יאָר איז דער פאַרוואַלטער מיט איר געפאָרן, ער האָט זי אַלע מאָל געלאַטעט, נייע אַקסן געמאַכט און זיך נישט געוואָלט צעשיידן מיט דער קאָרעטע. ענדלעך איז זי אַזוי אַלט געוואָרן, אַז מען האָט זי מער נישט געקענט פאַרריכטן, האָט ער זי פאַרקויפט אברהם זשעליאַזניק, וואָס האָט געהאַנדלט מיט אַלטע אייזן, אויף ברוך.

און פון דעמאָלט אָן, ווען איינער האָט באַדאַרפט פאָרן מיט אַ חתן אויף אַ חתונה אָדער באַגעגענען אַ חתן, וואָס איז געקומען קיין אומאַן צו דער חופה, פלעגט מען דינגען ביי יענקל באַלטער זיין קאָרעטע.

אמת, די קעלניע און די הילצערנע שפּיצן פון די רעדער זע־נען אייניקע געווען פאַרבונדן מיט שטאַרקע שטריקלעך, אמת אויך, אַז אין אייניקע ערטער האָט מען געזען אַרייננעקלאַפּט פּראָסטע טשוועקעס און די לעז׳ער פון ביידל איז געווען פול מיט לעכער, אָבער פאָרט אַ קאָרעטע!

אָן אַ קאָרעטע צו פאָרן אויף אַ חתונה פון באַלעבאַטישן גראַד האָט נישט געפּאַסט.

די צווייטע קאָרעטע האָט אונדזו געליען אונדזער פריץ קרושע־וויטש, זי איז געווען אַן אמתע קאָרעטע, אַ שיינע, אַ גאַנצע, אַ גרויסע און האָט געגלאַנצט, אַז מען האָט אין איר געקענט זיך גוט אָנ־שפּיגלען — אַ טייערע קאָרעטע, נאָר אָן פערד. פערד האָבן מיר באַ־דאַרפט דינגען, האָבן מיר געדונגען פיר פויערשע קליינע פערדלעך, ווייל דריי האָבן זי נישט געקענט שלעפּן.

און ווען מען האָט איינגעשפּאַנט דעם פריצס קאָרעטע מיט די

פויערשע פערדלעך, האָט מען באַלד געקענט דערקענען, אַז עס איז נישט קיין אייגענע קאָרעטע, נאָר אַ געליענע און די פערדלעך געדונגענע.

עלץ איז שוין געווען פאַרטיק, אַז מען זאָל פאָרן צו דער חתונה: די מלבושים, דער לעקעך מיט פלאָדן, אַלץ איז געווען איינ־געפּאַקט, נאָר איין זאַך האָט געפעלט: די מאַמעס פערל, וועלכע מען האָט פאַרקויפט צוליב דער חתונה און עס איז געוואָרן אַ פראַגע, ווי אַזוי קען די מאַמע פאָרן אויף איר זונס חתונה אָן פערל? ווייל דאָרטן, די עלטערן פון דער כלהס צד, ווייסן, אַז זייער מחותנתטע, דעם חתנס מוטער, טראָגט שיינע פערל. די מחותנתטע פון דער כלהס צד טראָגט אויך פערל, היינט ווי איז דאָס מעגלעך, דעם חתנס מוטער זאָל קומען אויף דער חתונה אָן פערל?

עס איז נישט שיין, עס פּאַסט נישט, און ווער ווייסט, וואָס דערפון קען חס ושלום אַרויסקומען?—די מחותנתטע פון דער כלהס צד, וואָס טראָגט יאָ פערל קען זיך אָנהייבן בלאָזן אויף דער מחותנתטע, וואָס טראָגט נישט קיין פערל, און דערפון זאָל אַרויסקומען אַ פאַר־שטערטע חתונה און ווער ווייסט, וואָס נאָך? ווען מחותנים קומען זיך צונויף, דאַרף יעדער באַהאַלטן ווי מעגלעך דעם קבצן, ווען נישט קען, חס ושלום, קומען צום צערייסן די תנאים.

דאָס איז געווען אַזאַ וויכטיקע זאַך, אַז די מאַמע איז געצוווּנגען געווען בעטן איינע פון אירע באַקאַנטע גבירטעס אין שטאָט, אַז יענע זאָל איר לייען איבער דער־חתונה אירע פערל.

די גבירטע, צוליב דער גרויסער מצווה צו באַשיינען יענעמס חתונה, האָט איר נישט נאָר פאַרגעלייגט די פערל, נאָר איר גאַנץ צירונג: פינגערלעך, אויערינגלעך, בראָשן, „הערצלעך” און קייטלעך. נאָר די מאַמע האָט מער נישט גענומען, ווי די פערל, די איבעריקע „שמאָכטעס” האָט זי געהאַט בענוג.

די געליענע פערל זענען געווען שענערע און גרעסערע, ווי דער מאַמעס, נאָר זי האָט געזאָגט, אַז די געליענע פערל „ברענען איר דעם האַלדז” און זי איז געוואָרן זייער טרויעריק, ווען זי פלעגט זיי אָנטאָן, נאָר וואָס טוט מען נישט צוליב אַ קינד, האָט זי געזאָגט.

## קאַפּיטל צוועלף.

גאַנץ פֿרי, אין אַ שיינעם זומערדיקן פֿרימאָרגן האָבן מיר, מחותּנים פֿון חתנס צד, זיך אויסגעזעצט אין צוויי קאַרעטן מיט דריי פֿורן און אַרויסגעפֿאָרן פֿון שטאָט.

די מאַמע, מיט מיינע שוועסטער, ברידערלעך און איך זענען געפֿאָרן אין דער פּריצישער קאַרעטע. דער חתן מיט די מאַנסבילן, פֿעטערס, זענען געפֿאָרן אין יענקל באַלטערס קאַרעטע און אין די דריי פֿויערשע פֿורן זענען געזעסן קרובֿים: אין איין פֿור מאַנסבילן און אין צוויי פֿורן ווייבער.

מען איז אַרויסגעפֿאָרן אונטער דער שטאָט אין אַ נייער זייט, וואָס איך האָב קיינמאָל נישט געזען און נישט געוווּסט, אַז מען קען דורך דאָרטן אויך אַרויספֿאָרן פֿון שטאָט. מען האָט עס גערופֿן „הייסינער וועג“.

אונטער דער שטאָט האָבן די בעלי עגלות און די פֿויערים זיך אָפּגעשטעלט און באַטראַכט אַרום און אַרום צי זייערע שפּאַנען זענען אין אָרדענונג און מען האָט אָנגעהייבן פֿאָרן; פֿריער די פּריצישע קאַרעטע, דערנאָך יענקל באַלטערס קאַרעטע און הינטן: די פֿויערשע דריי פֿורן.

אַלע זענען געווען פֿריילעך, די מאַנסבילן האָבן זיך געווערטלט מיט פֿאַרשידענע פּשטלעך פֿון דער גמרא און מדרש, געוויצלט זיך מיט דעם חתן און די צוויי פֿורן ווייבער האָבן געפּילדערט ווי צוויי פֿורן גענדז, בלויז די מאַמע און דער חתן זענען געווען ערנסט.

איך בין געזעסן אויבן-אָן, לעבן דער מאַמען און בין געווען ווי פֿאַרטשאַדעט פֿון דעם, וואָס איך האָב געזען אַרום זיך און וואָס

מיין יונג הערצל האט געפילט. מיין קאפ איז געפלויגן און די אויגן האבן געברענט.

איך האב מער נישט געזען ארום זיך, נישט די צוויי קארעטן, נישט די פורן און נישט די מענטשן, אפילו נישט מיינע שוועסטער און ברידער, וואס זענען געזעסן אקעגן מיר און נישט דער מאמען מיט מיין עלטערן ברודער — זיעם תחן, האב איך אויך נישט באמערקט. איך האב נאר געזען די גרינע פעלדער, וועלדער און דעם בלויען הימל, וועלכע מיינע אויגן האבן נישט געקענט פארכאפן מיטאמאל, ווייל פארנדיק, האב איך אלעמאל שוין געזען נייע באצויבערנדע בילדער און לאנדשאפטן, נישט האבנדיק זיך אנגעזעטיקט מיט דעם אלעם שיינעם, וואס מיר זענען פארבייגעפארן.

איך האב געפילט, ווי מיינע אויגן קריכן מיר ארויס פון זייערע ערטער, ווילנדיק ארייגכאפן און גוט באטראכטן דידאזיקע שיינע גרויסע נייע וועלט, וואס איך האב איצט געזען פאר מיר.

אין חדר האב איך שוין פיל מאל געהערט דערציילן וועגן דעם זעלטענעם שיינעם גן עדן, ווו אונדזערע אבות אברהם, יצחק ויעקב מיט יוסף הצדיק, משה רבנו און דוד המלך זיצן מיט אלע צדיקים, נאר דאס, וואס איך האב געזען פאר זיך איצט איז אין מיינע אויגן אויסגעקומען פיל שענער און פרעכטיקער, ווי דער גן עדן. און איך האב זיך איצט געטראכט: ווען איך בין גאט, וואלט איך די אבות מיט אונדזערע צדיקים איבערגעפירט פון גן עדן אט אויף די גרינע פעלדער, פארוואקסענע וועלדער אונטער דעם גרויסן, גרויסן בלויען הימל, ווו עס שמעקט אזא מחיהדיקע לופט פון אלצרליי בשמים.

נאר שפעטער, ווען מיר זענען אפגעפארן נאך א שעה, האב איך חרטה געקריגן: נישט דא וואלט איך פון גן-עדן איבערגעפירט אונדזערע אבות מיט אונדזערע צדיקים, נאר אט אויף דעם נייעם ארט, וואס איך זע איצט:

מיר פארן בארג אראפ. אקעגן אונדז איז אויך א פארוואק־סענער גרינער בארג, וואס מען זעט נישט דעם סוף פון זיינע ביידע זייטן אין דער לענג, אין מיטן לויפט א קלארער טייך מיט לויטער וואסער, די ברעגן, וואס ציען זיך פון זיינע ביידע זייטן אין דער לענג, זענען אזוי ווייט, אז מען זעט נישט קיין סוף.

אויפן בארג אקעגן מיר זענען אויסגעשיט קליינע ווייסע שטי־בעלעך איינגעוואקסן אין גרינע ביימלעך, אז מען זעט זיי קוים

פרויס. אויף איין זייט באַרג, ווו קיין שטיבלעך און קיין בוימלעך זענען נישטאָ, פּאַשען זיך אויף דער גראָז שאָף, בהמות און קעלבלעך.
איך זע, ווי צום טייך גייען לאַנגזאַם צוויי קי אַן אַ פּאַסטוך. זיי גייען צו צום ברעג, שטעלן אַריין די פיס אין טייך, זיי טרינקען און טרינקען, הייבן אויף די מאָרדעס און פון זייערע ברייטע מיילער פאַלן טראָפּנס וואַסער אין טייך אַריין און עס ווייזט זיך מיר אויס, אַז פון זייערע מיילער פאַלן בריליאַנטן אין טייך אַריין, אַזוי לויטער זענען זיי.
און איך טראַכט איצט: ווען איך בין גאָט וואָלט איך אונדזערע אבות מיט די צדיקים איבערגעפירט פון גן עדן און זיי באַזעצט דאָ אויף דעם גרינעם באַרג אין די שטיבלעך, וואָס טונקען זיך אין גרינס.
מיר זענען געפאָרן באַרג אַראָפּ. דערנאָך אַריבערגעפאָרן אַ ווייטע בריק, וואָס איז אָפּגעשיט מיט שוואַרצע ערד און מיט אָפּגע- האַקטע גרינע צווייגן. נאָר ווען עס איז געקומען באַרג אַרויף, האָבן די פיר קליינע פערדלעך נישט געקענט אַרויפשלעפּן אונדזער ברי- צישע קאַרעטע. מיר זענען אַלע אַראָפּגעגאַנגען פון דער קאַרעטע, עס זאָל ווערן גרינגער. די פערדלעך האָבן נעבעך געטריי געשלעפּט, נאָר עס האָט נישט געהאָלפן, די קאַרעטע האָט זיך אַ ריר געטאָן איין שפּאַן פאָרויס און באַלד זיך געשלעפּט צוויי שפּאַן צוריק צוזאַ- מען מיט די פערדלעך.
אַלע מאַנסבילן מיט די בעלי-עגלות האָבן אונטערגעשטופּט די קאַרעטע צוזאַמען מיט מיין פעטער משה, וואָס האָט זיך גערעכנט פאַר אַ גבור, און איך האָב אונטערגעשטופּט דעם פעטער, נאָר עס האָט נישט געהאָלפן. מען האָט געמוזט אויסשפּאַנען פון אַן אַנדער פור צוויי פערד, זיי צוגעשפּאַנט „נאַשפּיך" צו די פיר פערדלעך און מען האָט ענדלעך אַרויפגעשלעפּט אויפן באַרג אונדזער פריצישע קאַרעטע.
מיט יענקל באַלטערס קאַרעטע איז אויך נישט געווען אַזוי גלאַטיק, עפּעס אַ „רעסאָר" אין זיין קאַרעטע האָט זיך שטאַרק אָראָפּ- געזעצט. האָט מען זי געמוזט איבערבינדן מיט שטריקלעך.
דאָס אַלץ האָט צוגענומען אַן איבעריקע שעה צייט. די פויערים, וואָס זענען מיט זייערע פירן גרינג אַרויפגעלאָפן אויף דעם באַרג, אפילו נישט געהייסן די פאַרשוינען אַראָפּקריכן, האָבן אַנגע-

מייבן „וועסטשען", וואָס זיי האָבן פאַרלוירן אַן איבעריקע שעה איבער די קאַרעטן. נאָר מען האָט זיי פאַרשטופּט די מײַלער מיט אַ פלעשל בראַנפן און פאַרבײַסן מיט לעקעך טאַקע דאָ אויף דעם אָרט, אויף דעם באַרג, און זיי זענען געוואָרן גוט כאַטש צו אַ מכה זיי צולייגן.

די מאַנסבילן זענען אויך געווען אומרויִק, וואָס מען האָט פאַר־לוירן אַן איבעריקע שעה, ווײַל עס איז געווען אָפּגערעדט, אַז אין דער „וואָראָניער קרעטשמע" זאָל מען זיך שטעלן דאַווענען און עפּעס נעמען אין מויל אַרײַן און דאָ ווערט דער זמן שחרית אַזוי שפּעט, און דער עולם, פאַרנדיק, האָט דעריבער אָנגעהייבן זאָגן פון „פאַרנט און פון הינטן אַרום דאַווענען" אַלע האָבן געמאַכט מיט די ליפּן אויסווייניק, איינער האָט אַרויסגענומען אַ תהילימל און האָט שאָקלענדיק „געזאָגט פאַר זיך", ווײַל ער איז זיך שטענדיק נוהג בײַם דאַווענען יעדן טאָג תהילים זאָגן.

ווען מען איז שוין געווען אויפן באַרג, האָט מען אָנגעהייבן צו פאָרן, אָבער איצטער זענען די פויערשע דרײַ פורלעך געפאָרן פריִער און די קאַרעטן האָבן זיך געשלעפּט הינטן.

ווען מען איז געקומען צו אַ צווייטן באַרג און מיר האָבן ווידער געמוזט אַראָפּגיין פון דער קאַרעטע, האָב איך געבעטן דער מאַמען, זי זאָל מיך לאָזן פאָרן אין דער פויערשער פור מיט די מאַנסבילן.

די מאַמע, וועגנדיק, ווי איך האָב שוין דאָס צווייטע מאָל באַ־דאַרפט אַראָפּקריכן און גיין אויף דעם באַרג צופוס, האָט, צו מײַן גליק געפונען פאַר נויטיק מיר צוליב טאָן.

איך אָבער האָב דערבײַ געהאַט גאָר אַן אַנדער מיין. איך האָב געוואָלט זיצן אויף דער קעלניע לעבן פויער, אים אונטערקויפן, ער זאָל מיך לאָזן אַ ביסל האַלטן די לייצעס פון די פערד.

דאָסזעלבע האָב איך אין דער קאַרעטע נישט געקענט מאַכן, ווײַל ערשטנס, וואָלט די מאַמע נישט געלאָזט, איך זאָל זיצן אויף אַזאַ הויכע קעלניע און צווייטנס, איז מיר צו ווייט געווען איך זאָל קענען מאַכן נאָענטע באַקאַנטשאַפט מיט דעם אַנטרייבער.

און אַזוי גייענדיק באַרג אַרויף, בין איך צוגעגאַנגען צום פויער פון דער מאַנסבילשער פור און האָב אים אינדערשטיל געזאָגט, אַז איך וויל צים נעבן „אויף בראַנפן", ער זאָל מיך לאָזן פאָרן אויף

דער קעלניע און דערביי האָב איך אים געגעבן אַ גרויס שטיק לע־קעך מיט מאַנדלבייגעלעך, וואָס די מאַמע האָט מיר אַריינגעלייגט אין קעשענע, טאָמער וועט מיר קלעמען דאָס הערצל.

דאָס געשעפט איז געמאַכט געוואָרן און איך האָב זיך אַ גליק־לעכער געזעצט אויף דער קעלניע, גלייך מיט דעם פויער.

צו מיין גליק איז קיין גלייכן נישט געווען, ערשטנס, זיצנדיק אויף דער קעלניע האָב איך בעסער, אָפענער און פרייער געזען פאַר מיר די שיינע גרינע וועלט, מיט דעם גרויסן־גרויסן הימל; צווייטנס, האָט מיר דער פויער צוביסלעך געגעבן האַלטן די לייצעס און, דריטנס, בין איך געפאָרן מיט גרויסע — מיט די מאַנסבילן.

די מאַנסבילן האָבן, פאַרנדיק, שוין אַרומגערעדט פון „פאַרנט און פון הינטן" און דער וואָס האָט געזאָגט פון תהלימל האָט עס שוין אויך פאַרמאַכט און די „וואַראַניער קרעטשמע" האָט מען נאָך אַפילו פון ווייטנס נישט געזען.

איינציקע אויף מיין פור האָבן געקוואַלן פון דעם שיינעם וועטער, וואָס עס גייט נישט קיין רעגן און וועגן דעם, ווי שיין עס זענען די גרינע פעלדער, די וועלדער און דער בלויער הימל.

מיינער אַ פעטער, וואָס האָט געהאַנדלט מיט תבואה, האָט געזאָגט:

— געלויבט דער אויבערשטער, היינטיקס יאָר וועט זיין אַ גע־ראָטעניש.

אַ צווייטער קרוב, וואָס האַנדלט מיט פרוכטן, האָט געזאָגט, אַז עס וועט זיין אַ גרויס געראָטעניש אויף פירות, דערהויפט אויף פלוימען מיט ווייַנשעל.

און אַ דריטער קרוב האָט גלאַט גערעדט וועגן גאָטס שיינע וועלט, וואָס מיר אַלע האָבן איצטער געזען פאַר אונדזערע אויגן.

— די בעלי חוקרים זאָגן, האָט ער גערעדט מיט פאַרגלאָצטע אויגן, דאָס דער עיגול פון דער גאַנצער וועלט איז גרויס פינפטויזנט מיילן און די זון וואָס לייכט אַזוי שיין איז הונדערט און פינפאון־זיבעציק מאָל אַזוי גרויס, ווי די גאַנצע וועלט און וויַיט פון דער ערד איז זי צוואַנציק מיליאָן מיילן.

און אויך ביי די שטערן אין הימל געפינט זיך אַזוינע גרויסע שטערן, ווי די גאַנצע וועלט איז. איצטער שטעלט אייך פאָר די גרויס פון די הימלען, וואָס די אַלע זיבן כוכבי לכת און צוועלף

מזלות, וועלכע געפונען זיך דאָרטן צווישן די הימלען! דאַן ערשט איבער דעם אַלעמען, וואָס איך האָב אייך דאָ אויסגערעכנט איז דער עולם המלאכים, וואָס די גאַנצע וועלט מיט די הימלען איז גערעכנט קעגן זיי, ווי אַ קאָרנדל.

— אָט די אַלע עולמות, האָט ער נצחונדיק געענדיקט, איז גאָרנישט קעגן אונדזער גרויסן בורא, כּי אין לו ראשית ואין לו תכליות, צו דעם וואָס לעבט אייביק איז נישטאָ קיין אָנהייב און קיין סוף.

דער עולם האָט געשוויגן. בײַ אײנעם האָט זיך באַוויזן קנייטשן אויפן שטערן און שטאַרק געשוויצט, אַ צווייטער האָט געזיפצט, און בײַ מיר האָט זיך פאַרדרייט דאָס קעפּל, נישט אויפהערנדיק אַלע־מאָל צו קוקן אויף דעם הימל, נאָר קיין איינציק וואָרט האָב איך נישט פאַרשטאַנען און איך האָב זיך געטראַכט, אַז מען וואַקסט אויס ווייסט מען פון אַ סך הימלען.

דאָס איינציקע, וואָס איך האָב געטראַכט איז געווען, וויאַזוי קומט מען אויף די הימלען און ווו געפינט מען דאָרטן גאָט.

מײַן קרוב האָט ווייטער געוואָלט דערציילן, וואָס עס טוט זיך אויף דעם עולם המלאכים און איך האָב אַזוי געברענט צו הערן, האָט אָבער פּלוצים איינער מיט שמחה אויסגעשריען:

— איר זעט פון ווייטנס די „וואָראָניער קרעטשמע?!“

אַלע זענען מיטאַמאָל פריילעך געוואָרן.

אין אַ האַלבער שעה אַרום איז מען אָנגעקומען צו דער קרעטשמע.

דער עולם האָט זיך אויף גיך געשטעלט דאַוונען, דערנאָך האָט מען געשמאַק פאַרביסן און געטרונקען לחיים.

עס איז אין קרעטשמע אַרײַנגעקומען דער אַנטרייבער פון די פיר פערדלעך, וואָס האָבן געשלעפּט אונדזער פריצישע קאַרעטע און האָט מודיע געווען, אַז ווייטער, ווי ביז דעם שטעטל טעפּליק, וועט ער נישט פאָרן, ווייל די קאַרעטע איז צו שווער פאַר אַזעלכע פיר פערדלעך.

ביים ערשטן רעגן וועט מען בלײַבן אין וועג און זיך פון אָרט נישט קענען רירן.

דער עולם האָט זיך דערשראָקן, מען האָט אים אָנגעהייבן בעטן,

צוגעזאָגט צו דערלייגן. אָבער ער האָט געטענהט, אַז ער קען ניטס, ווייל צו אַזאַ קאַרעטע דאַרף מען האָבן אַנדערע פערד.

מיינע פעטערס האָבן זיך באַטראַכט, אפשר איז ער טאַקע גע־רעכט, מיט אַזעלכע פערדלעך קען מען פאַרשפעטיקן צו דער חתונה, און נאָך פיל טראַכטן איז געבליבן, אַז אין טעפליק זאָל מען דינגען נאָך צוויי פערד און זיי צושפאַנען „נאַשפּיץ" צו די פיר.

דער אַנטרייבער איז דערויף באַשטאַנען און די מאַמע האָט אויך געמוזט דערויף באַשטיין, מען קען זיך דאָך פאַרשפּעטיקן צו דער חתונה!

פון טעפליק איז אונדזער קאַרעטע אַרויסגעפאָרן מיט זעקס פערד, און זי איז ווידער געפאָרן די ערשטע.

די געדונגענע צוויי פערד האָבן געקאָסט איבעריק געלט, אָבער דערפאַר האָבן מיר געהאַט גרויס נחת.

אויף דעם שליאַך, האָבן אונדז אַלע, וואָס זענען געפאָרן אַקעגן, אָפּגעטרעטן דעם וועג, דערזעענדיק, ווי עס פאָרט אַ קאַרעטע גע־שפּאַנט „נאַשפּיץ" מיט זעקס פערד, ווי ביי די גרויסע רייכע פּוילישע פּריצים.

אַ סך פּויערים און אפילו פּריצים, באַגעגענענדיק אונדזער זעקס פערדיקן שפּאַן, האָבן מיט דרך ארץ אונדז אָפּגעטרעטן דעם וועג, געלאָזט אונדז דורכפאָרן, שוין האָבן אפילו פאַר אונדז אַראָפּגענומען די היטלען, אייניקע אָבער, ווען זיי האָבן דערנאָך דערזען, ווי עס פאָרן יידן, האָבן אויסגעשפּיגן און אונדז מכבד געווען מיט דעם וואָרט „זשידי" א. אז. וו. נאָר ווער האָט זיך אומגעקוקט אויף די ערלים. דערויף זענען זיי דאָך גוים! מיר זענען ווייטער פריילעך געפאָרן און דער אַנטרייבער פון דער פּריצישער קאַרעטע, וואָס האָט באַדאַרפט אַנטרייבן זעקס פערד האָט נישט אויפגעהערט צו קנאַקן מיט דער לאַנגער בייטש.

# קאַפּיטל דרייצן.

דעם גאַנצן ווינט האָב איך פּלעגמאָל געביטן מיין אָרט, אט זיצנדיק לעבן פויער אויף דער קעלניע, האָב איך זיך פאַרבענקט נאָך דער מאַמען, בין איך אַריבערגעגאַנגען אין דער קאַרעטע און אַט האָט זיך מיר פאַרגלוסט האַלטן אַ ביסל די לייצעס, בין איך אַרי־בער צו דער פויערשער פור פון די מאַנסבילן.

און איינמאָל, זיצנדיק לעבן דער מאַמען, האָב איך געטראַכט וועגן דעם, פאַרוואָס זענען אַלע אַזוי פריילעך און די מאַמע מיט מיין ברודער, דער חתן, זענען אַזוי ערנסט און פאַרזאָרגט, מען פאָרט דאָך אויף חתונה, דאַרפן זיי דאָך אויך זיין פריילעך?

נאָר איינמאָל, אַזוי פאָרגדיק, האָב איך געהערט אין קאַרעטע אַזאַ שמועס:

— מאַמע, ווי זעט אויס מיין כלה? האָט שטיל און פאַרשעמט געפרעגט מיין ברודער, דער חתן.

— זייער אַ ווויל קינד און ס׳איז נישט קיין וווּנדער, זי קומט דאָך אַרויס פון אַזאַ גרויסן יחוס, די משפחה איז פול מיט רבנים און זיי זענען ווייטע קרובים פון גוטע יידן, מיט דעם שפּאָלער און מיט דעם זינקאָווער רבין קערן זיי זיך אויך אָן. דאָרטן איז אַ שטוב פול מיט תורה.

מיין ברודער האָט טרויעריק געשוויגן און מיין מאַמע האָט ווייטער גערעדט.

— איך, אַ ביטערע אַלמנה, וואָלט אַוודאי מיט דיר היינט נישט געקענט קומען צו אַזאַ גרויסן שידוך, נאָר דיין טאַטע, ער זאָל האָבן דעם ליכטיקן גן עדן און ער זאָל זיין פאַר אונדז אַ מליץ יושר, האָט געקענט צו אַזאַ גרויסן שידוך צוקומען.

מיט מיינע איבעריקע קינדער, וועל איך אוודאי נישט קענען טאָן אזוינע גרויסע שידוכים. סיידן גאָט וועט וועלן און וועט אין זכות פון דיין טאַטן מיך באַגליקן.

מיין ברודער, האָט ווידער, טרויעריק געשוויגן און מער נישט גערעדט, נאָר דאָ האָט זיך אַריינגעמישט מיין עלטערע אויסגעגעבענע שוועסטער און האָט זיך אָנגערופן:

— וואָס פאַרשטייסטו נישט, מאַמע (זי פלעגט איר רופן „מאַמע" כאָטש זי איז איר אַ שטיפמאַמע געווען) — איציקל מיינט די קניידלען נישט די הגדה, וואָס דו דערציילסט אים.

דערנאָך האָט מיין שוועסטער צוגעגעבן:

— איציקל וויל וויסן, ווי זעט אויס זיין כלה, צי זי איז אַ שיינע, אָדער אַ מיאוסע, און מיין שוועסטער האָט געלאָזט אַ טרער, זאָגנדיק דערביי:

— ווען דער טאַטע, — זאָל האָבן דעם ליכטיקן גן עדן, זאָל איצט לעבן, און זאָל הערן פון זיין זונעניו צזעלכע דבורים, וואָלט ער געבאַפּט פעטש פאַר דער תתונה, נאָר גאָרנישט... איצט איז פּר אַ הפקר-מענטש, דער טאַטע איז נישטאָ. פאַר וועמען האָט ער מורא צו האָבן, פאַר דער מאַמען, וואָס איז אַ וויסטע אלמנה, זאָל ער מורא האָבן?

און מיין שוועסטער האָט זיך צעוויינט.

מיין ברודער האָט אָפּגעענטפערט דער שוועסטער מיט שטעכווערטער:

— וואָס מיינסטו, עס איז די ירושה, וואָס דער טאַטע איז דיר געקומען צו חלום, אַז מען זאָל דיר געבן אַ גלייכן חלק מיט די זין?

— זיך צערעדט אַ ביסל, נישט איך און נישט מיין מאַן, האָבן ביז נאָך דער חופה זיך נישט געזען און נישט געפרעגט, און פונדעסטוועגן אויף אַלע יידן געזאָגט געוואָרן אַזאַ גוט לעבן, און ער האָט זיך צערעדט אַ ביסל. ווער האָט אים עפּעס אַ דעה צו זאָגן, אַ פרייער מענטש, נישטאָ קיין טאַטע, וואָס זאָל אים זאָגן.

מיין שוועסטער האָט נישט אויפגעהערט אָנצופאַלן אויף דעם ברודער, ער האָט איר געוואָלט שטאַרק אָפּענטפערן, נאָר ער האָט דערזען, ווי די מאַמע לאָזט אַ טרער, האָט ער זיך איינגעהאלטן

און געשוויגן. מיין ברודער האָט זייער ליב געהאַט דער מאַמען און האָט נישט געקענט צוזען אירע טרערן.

די מאַמע האָט נישט געוויינט דערפאַר, וואָס מיין ברודער איז אַ „הפקר-מענטש" און פרעגט, ווי זעט אויס זיין כלה. די מאַמע האָט געוויינט, ווייל יעדעס מאָל, ווען מען האָט דערמאָנט דעם טאַטן, בפרט נאָך איצטער, ווען זי איז אָן אים געפאָרן אויף דער חתונה פון איר עלטערן זון, און ער, דער טאַטע, איז נישטאָ.

איר האַרץ איז איר אָנגעוויינט נאָך פון נעכטן, ווי זי איז מיט מיין ברודער געווען אויפן בית-עולם „בעטן דעם טאַטן אויף דער חתונה", זי איז נעכטן געקומען אַהיים מיט רויטע אויסגעוויינטע אויגן און איצטער האָט זי זיך ווידער דערמאָנט אין אים.

דער שוועסטער האָט זי געזאָגט, אַז עס איז נישט אַזאַ עוולה, וואָס דער חתן וויל וויסן, ווי זיין כלה זעט אויס, אַז ער האָט גע-פרעגט, וואָס מען דאַרף נישט, איז דאָס דאָך אָבער הייִנטיקע קינדער, וואָס קען מען טאָן מיט זיי?

— נישט מיין טאַטנס קינדער דאַרפן זיך אַזוי אויפפירן, — האָט די שוועסטער נישט אָפּגעלאָזט, אָבער די מאַמע האָט איר פאַר-באָטן מער צו רעדן וועגן דעם און עס איז שטיל געוואָרן.

מיין ברודער האָט דערפאַר געפרעגט דער מאַמען אויף זיין כלה, ווייל זי האָט געקענט די כלה און ער האָט קיינמאָל פון קיינעם נישט געהערט ווי לויבן, אַז זי איז אַ שיינע, דעריבער איז ער געווען אומרויִק.

מיין ברודער איז געווען פון די געלונגענע יונגעלייט און האָט זיך מיט אַ סך זאַכן אויסגעצייכנט. ער איז געווען פרום און ליטיש, אויך אַ גרויסער חסיד פון טאַלנער רבין, אַזוי ווי דער טאַטע. און פלעגט ביים דאַווענען נאָכמאַכן אַלע זייערע תנועות. ער האָט געקענט לייענען אין דער תורה, און דאַווענען פאַר דעם עמוד, און ווען מען האָט אים אויפגערופן צו דער תורה, האָט ער געזאָגט מפטיר מיט אַזאַ שיינעם ניגון, אַז די מאַמע און אַלע האָבן אָנגע-קוואָלן אין דער ווייבערשער שול.

נאָר באַזונדערס האָט ער זיך אויסגעצייכנט דערמיט, וואָס ער איז געווען אַ שיינער און פול מיט חן. ער האָט זיך אויך אויסגע-צייכנט צווישן זיינע חברים דערמיט, וואָס ער איז געווען אַ שלאַנקער מיט אַ גלייכע פלייצע, וואָס דאָס איז זעלטן ביי יידן. אויך האָט ער

זיך אויסגעצייכנט דערמיט, וואס ער איז געווען זייער א ריינער, א ציכטיקער. אלץ וואס ער האט געטראגן אויף זיך, אפילו אין זיינע וואכעדיקע קליידער, איז געווען אויסגערייניקט, אויסגעפוצט און אויסגעבערשטלט, זיינע שטיוועלעך האבן שטענדיק געגלאנצט ביי אים ווי א שפיגל און שבת אדער יום-טוב, ווען ער פלעגט זיך אנטאן אין זיין אטלעסענער קאפאטע מיט דער זיידענער ראדזיווילקע און מיט דעם שווארצן סאמעטן היטל, האט ער פראכט געשיינט. אלע מלבושים זענען אויף אים שטענדיק געלעגן אויסגעגאסן ווי אויף א טאק, נאר וואס פון דער נאדל ארויס.

צו יעדן האט ער זיך באצויגן איידל, און מיט דרך־ארץ. דאס האט אים צוגעגעבן א באזונדער שיינקייט.

אין דער גאנצער שטאט האט ער א נאמען געהאט פאר איין איידעלסטן לייטישן יונגנמאן.

ער איז געווען א גרויסער מפונק און האט ליב געהאט אלץ שיינס.

אפילו אונדזער בריצס שיינע יונגע טאכטער, מארטא, פלעגט זאגן אויף מיין ברודער, אז ער איז א שיינער און זי האט ליב געהאט צו רעדן מיט אים, נאר צר פלעגט זי, ווי מעגלעך אויסמיידן.

ווען מיר זענען איצטער פארבייגעפארן פארשידענע שטעטלעך, דערפער און קרעטשמעס, וווּ אין א טייל האט מען זיך אפגעשטעלט, האט מען באלד נאך אונדזערע דריי פורן מיט די צוויי קארעטעס דערקענט, אז עס פארט א חתן, האבן ווייבער און מיידלעך געזאגט, אז עס איז א שיינער חתן און די שיקסעס אין די דערפער האבן געזאגט: „הארגע כלאפיעץ”.

מיר האבן זיך אפגעשטעלט אין הייסין. דא האב איך געהאט א מומע, מיין מאמעס א שוועסטער, מיר האבן דא איבערגענעכטיקט, אין דער קורצער צייט, וואס מיר האבן פארבראכט אין שטעטל, האב איך זיך באקענט מיט עטלעכע יינגלעך, מיט וועלכע איך האב זיך געשפילט. נאר געענדיקט האט זיך דערמיט, אז זיי האבן מיר צע־גראבלט דאס פנים, אז בלוט איז געגאנגען. אויף מיין געשריי איז אנגעלאפן די מאמע, די שוועסטער און די הייסינער מומע מיט דעם פעטער, מען האט מיר אפגעוואשן דאס בלוט פון פנים און אלע האבן געזאגט: „נישט קיין אומגליק, ביז מיין חתונה, וועט זיך מיין פנים פארהיילן”.

אזוי בין איך ארויסגעפארן פון הייסין מיט א צעגראבלט פנים, נאר דערפאר, איז צו אונדזער קאמפאניע צוגעקומען נאך א פור, ווו עס איז געפארן די מומע מיט דעם פעטער און זייערע קינדער און עס איז נאך פרייליכער געווארן.

אויף דעם פערטן טאג אינדערפרי, האבן מיר זיך אלע אפגע-שטעלט אינמיטן פעלד, פונדערווייטנס אויף א בארג האט מען געזען א קלויסטער מיט א געגילטן דאך, וועלכן די זון האט באגאלדעט, דערנאך הייזלעך א סך.

אייניקע האבן אנגעוויזן, אז זיי זעען פונדערווייטנס די שטאט-קלייסן, די שול און להבדיל די באד, נאר איך האב מער נישט געזען, ווי אלערליי הייזלעך, גרעסערע און קלענערע, געדעקט מיט גרינעם בלעך, שינדלען, טשערעפעס און מיט שטרוי.

דאס איז געווען דאס שטעטל וו., ווו עס דארף זיין די חתונה פון מיין ברודער.

אפשטעלנדיק זיך פאר דער שטאט, אין פעלד, האבן מיינע פעטערס מיט די אנדערע קרובים זיך געהאלטן אן עצה, ווע מען מען זאל שיקן אין שטאט אריין אנזאגן, אז דער חתן איז אנגעקומען.

מען האט אויסגעקליבן מיינעם א פעטערס אן אויסגעגעבענעם זון, חיימען. מען האט אויסגעשפאנט פון א פויערישער פור א פערדל, אויף וועלכן חיים האט זיך ארויפגעזעצט רייטנדיק און האט אין איין אימפעט אנגעהייבן לויפן אין שטאט אריין. און איך האב געזען, ווי זיינע לאנגע פיס האבן זיך נאכגעבאמבלט, די צוויי פאלעס פון זיין קאפאטע האבן זיך צעשפרייט, ווי צוויי פליגל און זיינע צוויי פיאות זענען אויך געפלויגן.

און מיר אלע מיט אונדזערע צוויי קארעטעס און פיר פויערשע וועגן, זענען געבליבן דא אויף דעם פעלד ווארטן...

אלע זענען מיר געווען אנגעטאן אין אונדזערע נייע מלבושים, וואס מען האט פאר אונדז גענייט אויף דער חתונה און די איבעריקע מחותנים זענען אויך געגאנגען אנגעטאן יומטובדיק, ווייל גאנץ פרי, ווען מיר זענען ארויסגעפארן פון דער לעצטער קרעטשמע, האבן זיך אלע ארומגעוואשן און זיך אנגעטאן אין די שענסטע מלבושים.

א גאנצע האלבע שעה האבן מיר געווארט אויף דעם פעלד, מען זאל קומען באגעגענען דעם חתן. מיין עלטערע שוועסטער און נאך א פאר מחותנתטעס האבן זיך אנגעהייבן ברוגזן אויף דער כלהס צד,

וואָס לאָזן אַזוי לאַנג וואַרטן דעם חתן מיט די מחותנים. אָבער צו יעדנס גליק, האָט איינער אָנגעהייבן שרייען:

— מען לויפט! „חסידישע קאַזאַקן" לויפן!

דער ברוגזדיקער עולם איז מיטאַמאָל פריילעך געוואָרן און איך האָב דערזען ווי פונדערווייטנס לויפן דריי רייטערס. איך האָב דער־קענט חיימען, וועלכער איז געלאָפן פאָרויס און נאָך אים נאָך צוויי רייטער אין לאַנגע נייע קאַפּאָטעס, צוויי יידן מיט בערד און פּיאות און מיט באַמבלדיקע לאַנגע פּיס.

די צוויי יידן אַראָפּקריכנדיק פון זייערע פערדלעך, האָבן דעם חתן און די מאַנסבילן געגעבן שלום־עליכם און מיר אויך אַרײַנגערוקט גרויסע הענט, און דער מאַמען מיט די איבעריקע ווייבער האָבן זיי געזאָגט: „וואָס מאַכט איר גוטס, מחותנתטעס?"

דאָס פערדל, אויף וועלכן חיים איז געלאָפן אָנזאָגן, אַז דער חתן איז געקומען, האָט מען צוריק איינגעשפּאַנט אין וואָגן און די צוויי פרעמדע יידן, רייטנדיק אויף זייערע פערדלעך, האָבן אונדז אָנגעהייבן אַרײַנפירן אין שטאָט אַרײַן.

מיר זענען אַריבערגעפאָרן די הילצערנע בריק, וואָס האָט זיך געצויגן איבער אַ גרויסן טייך, וואָס איז דאָ געלאָפן און ווען מיר זענען אַריבער דעם בריק, איז די גאַס פון ביידע זייטן געווען שוואַרץ פון מענטשן, דערהויפּט ווייבער, מיידלעך און קינדער אָן אַ שיעור, און ווער עס איז פאַרבייגעגאַנגען האָט זיך אָפּגעשטעלט און געקוקט אויף אונדז.

אַלע האָבן געזוכט דעם חתן, און יעדער האָט פאַרשטאַנען, אַז דער וואָס זיצט אין דער שענסטער קאָרעטע אויבן־אָן און איז ערנסט און פאַרטראַכט, איז געוויס דער חתן.

איך האָב געהערט, ווי עלטע מענטשן, וואָס זענען געשטאַנען בײַ ביידע זייטן גאַס און געקוקט אויף אונדז, האָבן מיט שמחה אויסגעשריען:

— אוי, וואָס פאַר אַ שיינער חתן.

צו מיינע אויערן, האָט אויך דערגרייכט אַ שטימע:

— אַזאַ רויטע מויד און אַזאַ שיינער חתן!

צי מיין ברודער האָט עס אויך געהערט, ווייס איך נישט, נאָר די גאַנצע צייט, איז ער געווען בלאַס און טרויעריק פאַרטראַכט.

לויט דער מנהג, ווי עס איז איינגעפירט ביי יידן אין אוקראַינע, האָבן מיר, מחותנים מיט דעם חתן, זיצנדיק אויף די פורן זיך אַרומגעדרייט אַרום די שטאָט-קלייטן און פּאַרדיס פאַר אונדזערע פורן איז געפאָרן אַ וואַסערפירער מיט אַ פעסל וואַסער נאָר אָן אַ צאַפּן און עס איז אויסגעשפריצט געוואָרן אונדזער וועג מיט וואַסער.

דערנאָך האָט מען אונדז, די מחותנים מיט דעם חתן, פאַרפירט אויף אַ סטאַנציע אין אַ גרויס הויז צו איינעם פון וו—ר גבירים, וועלכער האָט זיך גערעכנט פאַר אַ קרוב פון דער כלהס צד און האָט אָפּגעגעבן זיין גרויס הויז פאַר דעם חתן מיט די מחותנים, וואָס דאָס רעכנט זיך פאַר אַ גרויסן כבוד, אַז ביי אים זאָל איינשטיין דער חתן.

באַלד זענען געקומען מקבל פנים זיין דעם חתן, די עלטערן פון דער כלה מיט נאָנטע מחותנים, און זענען באַלד אַוועקגעגאַנגען.

די מאַנסבילן מיט דעם חתן האָבן אויף גיך אָפּגעדאַוונט, און מען האָט פון דער כלהס עלטערנס הויז געשיקט אויף זילבערנע אָדער גערזילבערטע טאַצן פריש-געבאַקענע פּוטערבולקעס מיט הייסע קאַווע.

אין יענע יאָרן איז אין אוקראַינע פון לאַנג אָן געווען אַ מנהג, אַז ווען אַ חתן איז געקומען צו דער חתונה פון אַן אַנדער שטאָט, פלעגט מען באַלד נאָך דעם דאַוונען שיקן פריש-געבאַקענע פּוטערבולקעס מיט הייסע קאַווע אין די שענסטע כלים, ווען איינער האָט געהאַט ווייניק אַזעלכע כלים אָדער גאָרנישט, פלעגן די פאַרמעגלעכע אין שטאָט אויסלייען זייערע שענסטע כלים, און שפּעטער צו מיטאָג פלעגט מען שיקן געבראָטענע גענדז מיט פיינקוכן און מער נישט.

אַזוי איז ביי אונדז אויך געווען.

מיר האָבן אַלע געגעסן, נאָר דער חתן האָט געפאַסט און איז געווען בלאַס.

די מאַמע האָט אים באַדויערט, וואָס איר קינד הונגערט, נאָר עס העלפט נישט, אַזוי מוז עס זיין, די כלה פאַסט נעבעך אויך. דער עולם אָבער האָט זיך געוועטלט אויף דעם חשבון פון חתן-כלה, איבערהויפּט די ווייבער.

דער חתן, ווייזט אויס, איז נישט געווען בלאַס פון דעם תענית, נאָר פון עפּעס אַנדערש. ער האָט פאַרשטאַנען און געפילט, אַז די כלה איז נישט קיין שיינע און זי וועט אים נישט געפעלן.

ער האָט פּלעמאָל געקוקט אויף דער מאַמען, מיט אַזאַ רחמנות־פּנים, אַז דאָס האַרץ איז איר צעגאַנגען פון יסורים און זי האָט אויך געקוקט אויף איר קינד מיט רחמנות, נאָר ביידע האָבן קיין איינציק וואָרט צווישן זיך נישט אויסגערעדט, כאָטש זיי האָבן זיך זייער גוט פאַרשטאַנען, און ביי זיי אויף די ליפּן איז געלעגן די ווערטער:

— וואָס קען מען טאָן? דער טאַטע, זאָל האָבן דעם ליכטיקן גן עדן, האָט דעם שידוך געטאָן!

די ווייבער און מיידלעך פון אונדזער משפחה, וואָס זענען גע־קומען מיט אונדז צופאָרן אויף דער חתונה, האָבן געברענגט צו זען דער כלה און באַלד ווי זיי האָבן אָפּגעגעסן די געבראָטענע גענדז, האָבן אייניקע פון זיי נישט אויסגעהאַלטן, נישט געוואָרט ביז מען וועט מיט קלעזמער זיי קומען פירן אויף דער חתונה, נאָר האָבן זיך איינציקווייז אַרויסגעכאַפּט און געלאָפן אויף אַ מינוט כאָטש אַ קוק טאָן, ווי עס זעט אויס די כלה און באַלד זענען זיי צוריקגעקומען דערשראָקענע, דערשלאָגענע, כאָטש זיי האָבן פאַר דעם חתן אין די אויגן זיך גע־מאַכט פריילעך.

צוזאַמען מיט די ווייבלעך און מיידעך, בין איך אויך געלאָפן כאַפּן אַ קוק אויף דער כלה, און ווען איך בין צוריקגעקומען, האָט מיך מיין ברודער גענומען אין אַ זייט, מיך אַ קוש געגעבן, עפּעס מיר געשמעקט און געפרעגט מיך:

— ווו ביזטו געווען?

— ביי דיין כלה בין איך געווען.

— זי איז אַ שיינע?

— ניין, — האָב איך געענטפערט, — זי איז אַזאַ רויטע, — האָב איך געזאָגט. קנאַקנדיק דערביי ניסלעך, וועלכע איך האָב געהאַט פולע קעשענעס.

איך האָב געזען, ווי מיין ברודערס אויגן האָבן זיך אָנגעפילט מיט טרערן, כאָטש ער האָט נישט געוויינט. מיין ברודער האָט מיך נאָכאַמאָל אַ קוש געגעבן און מיר געזאָגט: „גיי זיך שפּילן מיט די קינדער", און איך בין אַוועקגעגאַנגען.

באַלד זענען געקומען די קלעזמער און אונדזערע מחותנים פון חתנס צד „אָפּגעשפּילט".

די מאַמע און אַלע ווייבער האָבן געוויינט. אָבער שפּעטער האָט מען אויפגעהערט וויינען, ווייבער און מיידלעך האָבן געטאַנצט

און אייניקע האָבן זיך אין אַ ווינקל געהאַלטן אין איין סודען זיך, געשושקעט זיך און שטיל גערעדט צווישן זיך.

אין אַ צווייטן צימער האָב איך געהערט, ווי מיין ברודער מיט מיין עלטערע אויסגענעבענע שוועסטער נחמה, האָבן זיך איבער עפּעס זיך געקריגט.

— זע נאָר, ווי ער מאַכט נאָך חנדלען, — האָט די שוועסטער געזאָגט, — אַ גראַסאַרטיקן שידוך, וואָס דער טאַטע, זאָל האָבן דעם ליכטיקן גן עדן, האָט געטאָן, און ער קווענקלט זיך נאָך, און אַז די כלה איז נישט אַזאַ יפי־פיה, איז וואָס? וואָס ביזטו, אַ דייטש אָדער אַ פּריץ, וואָס דאַס ווייב דאַרף זיין אַ פּריצטע? זי איז אַ קלוגע, אַ בריה, די גאַנצע פירערין פון דעם מחותנס קראָם, קען זיך אויסטצנהן מיט דעם גרעסטן פּריץ, היינט, וואָס פאַר אַ מיוחסת זי איז! דער טאַטע, ער זאָל זיין אַ גוטער מליץ פאַר אונדז אַלע, האָט געוווּסט, וואָס פאַר אַ שידוך ער האָט געטאָן, היינט וואָלסטו צו אַזאַ שידוך נישט געקענט קומען.

— איך פרעג ביי דיר קיין דעות נישט, — האָט מיין ברודער געענטפערט, — נאָר איין זאַך וועל איך דיר זאָגן, אַז ווען נישט די מאַמע, וואָלט איך אויך קיין זאַך נישט געקוקט און איך וואָלט דעם דישעל אומגעקערט צוריק און באַלד צוועקגעפאָרן אַהיים. נאָר די מאַמע! די מאַמע! איך וועל נישט קענען איבערטראָגן איר בזיון. איך פיל, אַז איך וועל נישט קענען, גיי איך צו דער חופה כאַר אַ קרבן, צוליב דער מאַמען, וועלכע איך האָב אַזוי שטאַרק ליב. איך וועל נישט קענען צוזען די מאַמעס בזיונות.

ער האָט עס געזאָגט מיט אַזויפיל האַרץ, אַז אפילו מיין בייזע שוועסטער, וואָס האָט זיך שטענדיק מיט אים געקריגט, האָט עס גערירט און זי האָט מיט טרערן אין די אויגן זיך אָנגערופן צו אים:

— וואָס־זשע, איציק, אַז די כלה איז דיר־נישט אַזוי ליב, איז בעסער צו שרייבן אַ גט, איידער צו רייסן תנאים.

— ניין, ניין, — האָט מיין ברודער כמעט אויסגעשריען, — אין מיין לעבן וועל איך עס נישט קענען טאָן, איך וועל קיינמאָל נישט דערלאָזן, אַז די מאַמע זאָל האָבן בזיונות און יסורים פון מיר, זי איז אַזוי אויך גענוג אומגליקלעך, זינט דער טאַטע ע״ה איז געשטאָרבן.

די שוועסטער איז געוואָרן זייער גוט צו אים און איז אַוועק פון צימער מיט פאַרוויינטע אויגן.

וואָס ווייטער, האָבן אָנגעהייבן קומען מער מענטשן, מקבל־פּנים זיין דעם חתן. און נאָך מער ווי אַנדערע זענען געקומען ווייבלעך מיט מיידלעך „אָנקוקן דעם חתן" און פון אַלע האָב איך געהערט, ווי זיי קוועלן אָן פון דעם שיינעם חתן.

דער חתן האָט מיט קיינעם נישט גערעדט, נאָר אַלע האָבן אים אָפּגעגעבן „מזל־טוב" און ער האָט געענטפערט: „מיט מזל זאָלט איר לעבן".

אַ יינג מיידל פון אַ יאָר זיבעצן, זייער אַ שיינע מיט שוואַרצע קערשענע אויגן, מיט לאַנגע שוואַרצע צעפּ און אַ ווייס לויטער פּנים, מיט צוויי חן גריבלעך אויף די באַקן, איז צוגעגאַנגען צום חתן און זיך פאָרגעשטעלט, אַז זי איז די כּלהס אַ יונגערע שוועסטערל.

דער חתן האָט זי געבעטן זיצן און האָבן פריינטלעך צווישן זיך גערעדט.

איך בין געזעסן צווישן די קלעזמער לעבן דער גרויסער פּויק און האָב זי געהאַלטן אין איין גלעטן און ווען מען האָט נישט געשפּילט, האָב איך אָריינגעגנבעט אַ פּאָר „סאָראָבאָנעס" איבער דער פּויק מיט מיינע פינגערלעך, דער פּויקער האָט מיר גאָרנישט געזאָגט, ווייל ער האָט געוווּסט, אַז איך בין דעם חתנס אַ ברודערל.

דאָ, צווישן די קלעזמער האָב איך געהערט, ווי איינער האָט געזאָגט אָנווייזנדיק אויף דעם חתן מיט דער כּלהס שוועסטערל:

— אָט זיי וואָלטן געווען אַ שיין פּאָר פּאָלק! און דער כניאַק *) נעמט איר עלטערע שוועסטער...

*) אַ גאַריסטער חסיד.

# קאַפּיטל פערצן.

מיר אַלע פון חתנס צד, זענען געגאַנגען צו דער כלה אין הויז. איך האָב מיין ברודערס כלה געוואָלט בעסער אָנקוקן, נאָר צרום איר זענען געשטאַנען ווייבלעך און מיידלעך און צעפּלאָכטן אירע האָר, און איך האָב מער נישט געזען ווי פּאַטלעס רויטע האָר, וואָס האָבן פאַרדעקט איר פּנים. דערנאָך האָט דער חתן זי איבער-געדעקט מיט אַ ווייסן טוך, האָב איך שוין גאָרנישט געזען.

מען האָט געפירט מיט קלעזמער חתן-כלה איבער די גאַסן צו דער שול, ווו מען האָט פאַר דער טיר פון שול געשטעלט די חופה. אַלע מחותנים און דאָס גאַנצע שטעטל זענען געווען ביי דער חופה.

ערשט ווען מען איז מיט פריילעכע מוזיק געקומען פון דער חופה און מען האָט חתן-כלה געזעצט אויבנאָן און מען האָט זיי געגעבן עסן נאָך זייער פאַסטן, און די כלה האָט פאַרקאַטשעט פון איר פּנים דעם ווייסן שלייער אויפן קאָפּ, האָב איך זי באַטראַכט.

די כלה איז געווען אַ געזונטע, אַ גרויסע, העכער מיט אַ האַלבן קאָפּ און ברייטער פון מיין ברודער, רויטע האָר מיט אַ ביסל רויטע שפּרינקעלעך אויף דעם פּנים, אַ ברייט מויל און גרויע אויגן.

זי איז געווען אין דיזעלבע יאָרן, ווי מיין ברודער, אָבער צוליב איר גרויסע וווקס, האָט זי אויסגעזען עלטער פון אירע יאָרן.

צווישן די יונגע ווייבלעך און מיידלעך, וואָס האָבן זיך גע-האַלטן אין איין שושקען זיך וועגן די חתן-כלה, האָב איך געהערט זאָגן, אַז זי זעט אויס ווי דעם חתנס אַ מאַמע. איך האָב פון אַלע געהערט לויבן דעם חתן און וועגן דער כלה האָב איך אויך געהערט מעלות, אַז זי איז אַ גרויסע בריה, זי האָט אַ פּיסק צום רעדן, אַפילו מיט די גרעסטע פּריצים און אַז זי פירט די גאַנצע קראָם פון

אירע עלטערן, אז דער חתן וועט טאג מיט נאכט קענען זיצן אין בית-המדרש און לערנען, ערשטנס האט דער כלהס צד צוגעזאגט עטלעכע יאר קעסט און דערנאך, ווען זיי וועלן אראפ פון קעסט, וועט זי עפענען א קראם און וועט געבן פרנסה אין שטוב.

די חתונה איז געווען זייער א גרויסע, מען האט אין הויף אויסגעבויט פון ברעטער א גרויסן לאנגן שאלאש מיט א סך גרויסע פענסטער און געדעקט דעם דאך מיט לייוונט און מיט זעק.

אין דער גאנצער לענג פון שאלאש, זענען געשטאנען געדעקטע טישן, ווו עס זענען געזעסן מחותנים און פארבעטענע געסט ביז זעקס הונדערט מענטשן און אפשר נאך מער.

נאך דער חופה, האט דער גרויסער עולם אפגעגעסן די „גילדענע יויך" און מען איז זיך צעגאנגען, אז מען זאל צוועלף ביינאכט צוריק קומען צו דער גרויסער „חופה-וועטשערע". נאר די נאנטע מחותנים משני הצדדים זענען נאך א ביסל געבליבן און צוגעזען, ווי די ווייבער און מיידלעך טאנצן.

חתן-כלה זענען געזעסן צוזאמען און אויך צוגעקוקט, ווי מען טאנצט.

מיין ברודער האב איך קיינמאל נישט געזען אזוי שיין ווי איצטער. און זיין טייערע נייע ויידענע קאפאטע, וואס דער קאלנער מיט די עקן פון די ארבל זענען באנייט מיט שווארצן סאמעט, איז געווען אויסגעגאסן אויף זיין זעלטענע שיינע גלייכע פיגור.

אויפן האלדז איז אויסגעלייגט א ווייסער, ווי זילבער ווייסער קאלנער, מיט לאנגע בענדלעך און פון די ארבל האט ארויסגעשטעקט שטיקלעך ארבל, ווייס, ווי זילבער. ער איז געווען פארטראכט מיט פארחלומטע שווארצע אויגן.

חתן-כלה האבן צווישן זיך די גאנצע צייט קייןווארט נישט גערעדט און דאכט זיך נישט געקוקט איינס אויף דעם צווייטן.

שפעטער א ביסל זענען אלע מחותנים פון חתנס צד צוזאמען מיט דעם חתן אוועק אויף אונדזער סטאנציע זיך אפרוען א ביסל ביז צו דער וועטשערע, נאר מיידלעך מיט יונגע ווייבלעך זענען געבליבן טאנצן.

איך האב, ווי מיין שטייגער איז, זיך פארגראבן צווישן די קלעזמער אין מיין ליב ארט לעבן דער פויק און געוואלט בלייבן,

זען די טענץ, נאָר מיין מאַמע האָט מיך געפֿונען און מיט געוואַלד מיך מיטגענומען, איך זאָל זיך אויך אָפּרוען.

אויף אונדזער סטאַנציע האָבן אַלע, ווו מען האָט נאָר געקענט, זיך אַ ביסל צוגעשפּאַרט אָפּרוען פֿון אַזאַ שווערן טאָג און זיך אָננעמען מיט כּוחות אויף דער גאַנצער נאַכט, ווען צוועלף-איינס אַ זייגער וועט זיך אָנהייבן די חופּה-וועטשערע.

די מאַנסבילן האָבן זיך צוגעשפּאַרט זיצנדיק און די ווייבער, פֿון גרויס ענגשאַפֿט האָבן זיך צעלייגט אין די בעטן אין דער בריים.

דער פֿעטער משה, וואָס איז שטענדיק געווען זייער אַ פֿריי-לעכער ייד און האָט זיך ליב געהאַט צו ווערטלען. האָט זיך אַריינ-געוואָרפֿן צווישן די ווייבער און עס איז געוואָרן אַ גרויס געלעכטער מיט אַ קוויטשעריי, דאָך האָט ער זיי געהערט, ווי דעם פּאַראַיאַריקן שניי און האָט טאַקע געכאַפּט אַ דרימל צווישן די ווייבער אויף אַן עק בעט.

די ווייבער זענען אויך אַנדרימלט געוואָרן און עס איז גע-וואָרן שטיל.

די מאַמע האָט מיך אויך אַנידערגעלייגט לעבן זיך, איך זאָל זיך אָפּרוען, נאָר איך האָב נישט געקענט איינליגן.

אינדרויסן איז געווען וואַרעם, די פֿענסטער אָפֿן, בין איך באַלד, ווי די מאַמע האָט אָנגעהייבן דרימלען, אַראָפּגעקראָכן פֿון בעט, זיך אַוועקגעזעצט אויף דער שאַלאַוואַניע פֿון פֿענסטער און אַרויסגע-קוקט אינדרויסן.

די נאַכט איז געווען אַ שיינע און אַ ליכטיקע, ווי שטענדיק אין דער וואָך פֿון שבת נחמו, ווען די לבֿנה איז אַ גאַנצע.

איך ווייס נישט, ווי לאַנג איך בין אַזוי געזעסן ביים אָפֿענעם פֿענסטער, נאָר אינדרויסן איז געווען שטיל, אַלע אין שטעטל זענען שוין געשלאָפֿן. פֿאַר אונדזער שטוב איז געלעגן אַ קי און מען האָט געהערט איר סאַפּען. פֿון דעם טייך, וואָס איז געווען נישט ווייט פֿון אונדזער גאַס, האָט זיך געהערט דאָס לאַנגע-לאַנגע קראַקען פֿון די זשאַבקעלעך און מיר האָט זיך אויסגעוויזן, אַז זיי שפּילן. פֿון דרויסן האָט געזעצט אַ מחיהדיקע וואַרעמקייט.

פּלוצלונג האָט זיך געעפֿנט די טיר, עס איז אַריינגעקומען צוויי יידן, אָנגעטאָן ווי מחותּנים, נאָך זיי אַלע קלעזמער און די פּויק האָט זיך אויך אַריינגעשטיפּט אין דער טיר.

— מען בעט דעם חתן מיט אַלע מחותנים צו דער וועטשערע! — האָבן די צוויי יידן געזאָגט אויף אַ הויך קול, כאָטש אַלע האָבן נאָך געדרימלט, נאָר אין האַלב געוואַכט.

באַלד אָבער האָבן זיך אַלע אויפגעוואַכט. מען האָט צורעכט גע־מאַכט אויף זיך די צעקנייטשטע קליידער און מען האָט זיך אָנגעהייבן קלייבן גיין צו דער וועטשערע.

דער פעטער משה האָט זיך צערעכט געמאַכט די צעשויבערטע באָרד און פיאות און זיך געווענדט צום חתן און צו דער מאַמען:

— נו, מיר גייען! עי ווייבער, הויבט אָן צו קריכן! האָט ער קאָמאַנדעוועט.

די קלעזמער זענען אַרויס אַלע פון צימער. דער חתן מיט די כאַנסבילן נאָך זיי, דערנאָך אַלע ווייבער, און ווען מיר זענען שוין אַלע געווען אינדרויסן, האָבן די קלעזמער אַ שפּיל געטאָן אַזוי שיין, אַזוי זיס און האַרצרייסנד, אַז די טעגער פון דער מוזיק האָבן זיך צעגאָסן ביי יעדן אין האַרצן, דערהויפּט האָט געוויינט יודלס פידל. דער באַריממטסטער קלעזמער אין גאַנצן פּאָדאָליען.

זיין פידעלע האָט נישט געשפּילט נאָר גערעדט, געוויינט און געקלאָגט ווי אַ לעבעדיקער מענטש.

די קלעזמער זענען געגאַנגען איבער די גאַסן פאָרויס און מיר נאָך זיי.

די זיסע האַרצרייסנדע מוזיק האָט אָנגעפילט די גאַס. די קי, וואָס איז געלעגן אינמיטן גאַס און געסאָפּעט, איז אויפגעשטאַנען.

די מוזיק, מיט אירע זיסע טענער, האָבן אָנגעפילט די גאַסן אין דער שטילער וואַרעמער נאַכט.

פון די אָפענע פענסטער האָבן אַרויסגעקוקט ווייבער אין קופּקעס און האַלב נאַקעטע מיידלעך מיט צעשויבערטע שוואַרצע קעפּ און גלאַנצנדע אויגן, נאַקעטע קינדער זענען אַרויסגעלאָפן פון די הייזער און יודלס פידל האָט זיך געציקלט און געגאָסן אין אַלע הערצער.

קיינער האָט נישט גערעדט און נישט געשטערט. עלע זענען ווי פאַרכישופט געוואָרן אין אַ גרויס שווייגעניש, מען האָט נאָר געהערט דאָס צוקער־זיסע שפּילן פון די קלעזמער, וואָס האָט זיך צעגאָסן אין דערדאַזיקער שטילער נאַכט.

אַזוי האָבן אונדז די קלעזמער אָפּגעפירט ביז אין דעם שאַלאַש,

דאָס איז געווען מיט אַ סך באַלויכטענע פענסטער, ווו עס דאַרף פּאַרקומען די חופּה־וועטשערע.

דאָ האָבן אַלע מחותּנים פון חתנס צד אונדז אַלע באַגעגנט. די קלעזמער האָבן מיטאַמאָל איבערגעהאַקט דאָס פריערדיקע האַרצרייסנדיקע שפּילן און האָבן אָנגעהייבן שפּילן אַ „פריילעכס", און אַלע מחותּנים משני הצדדים האָבן צוזאַמען געכאַפּט אַ טענצל.

דערנאָך האָט זיך איינער אַרויפגעכאַפּט אויף אַ באַנק און אויסגעשריען:

— דער עולם זאָל זיך גיין וואַשן.

גאַנצע פעסער וואַסער האָט מען אויסגעגאָסן אויף דעם הויף פון דעמדאָזיקן וואַשן.

אין אַ האַלבע שעה אַרום, זענען שוין אַלע געזעסן אַרום די לאַנגע טישן, מאַנספּילן באַזונדער און ווייבער באַזונדער.

דער חתן מיט דער כּלה זענען געזעסן אויבנאָן ביי די מאַנסבילשע טישן.

ווען מען האָט אָפּגעגעסן דאָס ערשטע געריכט, האָט דער בדחן זיך אַרויפגעשטעלט אויף אַ שטול, אַז אַלע זאָלן אים קענען זען און ער האָט אָנגעהייבן צו דרשהנען מיט גראַמען. אַלע האָבן געלאַכט און מיר איז אַזוי געפעלן דער בדחן, אַז איך האָב נישט אויפגעהערט צו לאַכן.

פון די מאַנסבילשע טישן, איז דער בדחן אַוועק צו די ווייבערשע טישן, ווידער אָנגעהייבן זאָגן גראַמען. די ווייבער האָבן זיך געקאַטשעט פון געלעכטער און איך האָב נאָך מער געלאַכט.

## קאפּיטל פופצן.

נאָך דעם בדחן האָבן די קלעזמער געשפּילט ביי די מאַנספּילשע טישן און דערנאָך ביי די ווייבערשע.

דאָ האָט דער באַרימטער קלעזמער יודל דער פידלער באַדאַרפט באַווייזן זיין קונסט.

און ער האָט געוויזן, וואָס ער קען! זיין האַנט מיט גאָלדענע רינגלעך, כמעט אויף אַלע פינגער, איז געפלויגן איבער די סטרונעס פון זיין פידעלע און האָט אַרויסגערופן פון זיין כּלי אַזעלכע זיסע טענער. וואָס האָבן דערגרייכט אין דער טיפעניש פון אַלע הערצער. וואָס האָבן זיך געפונען אויף דער חופּה-וועטשערע און ביי אייניקע האָבן זיך פון זיין שפּילן באַוויזן שטייענדיקע גלאַנצנדע טרערן פון גרויס פאַרגעניגן. אַפילו די רבנים. וואָס האָבן זיך געפונען ביים טיש, האָבן אָנגעהייבן זיפצן פון גרויס פאַרגעניגן און זייערע אויגן האָבן געגלאַנצט אַרויף צום הימל, ווו ער לעבט אייביק.

נאָך דער חופּה-וועטשערע, וועלכע האָט געדויערט צוויי-דריי שעה, האָט מען אַרויסגעטראָגן די לאַנגע טישן און מען האָט אָנגעהייבן „גייען טאַנצן מיט דער כּלה" און דערנאָך האָט דער גאַנצער עולם געטאַנצט צוזאַמען אַ „ראָד" און אַ „רקודל".

ווען דער עולם האָט זיך שוין גענוג אָנגעטאַנצט און זיך צו ביסלעך אָפּגערוט אויף די בענק, איז פּלוצלונג געוואָרן אַ רעש: „די רבנים וועלן גייען טאַנצן!"

עס איז שטיל געוואָרן, יעדער איז געבליבן אויף זיין אָרט, ווי פאַרגליווערט, דערנאָך האָבן זיך אַלע גערוקט צו די ווענט, פאַר די רבנים זאָל בלייבן אַ ברייטער פּלאַץ צום טאַנצן.

עס האָט נאָר וואָס אָנגעהייבן שערעיען אויף טאָג, און אין די פיל פענסטער פון גרויסן שאַלאַש האָט אָנגעהייבן אַריינשיינען אַ בלאַסע ליכטיקייט פון די ערשט יונגע גאָלדענע שטראַלן און האָבן אָפגעגילדט די מחותנים, ווייבלעך און מיידלעך אין העלע זײַדענע קליידער.

דער גרויסער עולם האָט געמאַכט אַ וואַרע פאַר די רבנים, וועלכע האָבן אינמיטן שאַלאַש אָנגענומען זיך ביי די הענט און גע־מאַכט אַ „ראָד".

די קלעזמער, וויסנדיק ווער עס וועלן טאַנצן, האָבן מיט התמדה אָנגעהייבן שפּילן אַזאַ יידיש פריילעכס, אַז עס האָט געקענט אויפ־וועקן טויטע פון די קברים און זאָלן אויך אָנהייבן טאַנצן.

רויק און לאַנגזאַם האָבן זיך אין דער „ראָד" געהייבן פיס אין ווייסע, ווי זילבער, זאָקן און שוואַרצע שיך, נאָר וואָס ווייטער האָבן די ווייסע פיס זיך אָנגעהייבן הייבן שטאַרקער און לעבעדיקער, זיי־דענע און אַטלעסענע פּאָלעס פון קאַפּאָטעס, האָבן זיך אויפגעהייבן אינדערלופטן ווי פליגל, און פיאות זענען אויך געפלויגן.

אַלע רבנים האָבן, בעתן טאַנצן געזיפצט, געגלאַנצט מיט די אויגן אַרויף, געדבקעט זיך, אַלע מאָל אַריינגעפאַלן אין עקסטאַז און געמאַכט אַלערליי הוויות.

דעם זינקעווערס אַן אייגן אייניקל, וואָס האָט זיך אַליין אויך גערעכנט פאַר אַ גוטן ייד, אַ צדיק, אַ קליינינקער מיט אַ גרויע לאַנגע באָרד, נאָר זייער אַ שיינער מיט אַ געלייטערט איידל פּנים און מיט גרויסע שוואַרצע פאַרחלומטע אויגן, האָט בעתן טאַנצן נישט אויפגעהערט צו דבקען זיך, זיפצן און שרייען מיט אַלערליי הוויות:

— שטאַרקער, יידן! לעבעדיקער, יידן!

דער גאַנצער עולם, קוקנדיק אויף די רבנים, ווי זיי האָבן אַזוי לעבעדיק געטאַנצט, האָבן געגאַפט פון גרויס אַנטציקונג.

אַ פחד צוזאַמען מיט אַ גוואַלדיקן דרך־ארץ האָט יעדן אַרומ־גענומען דערדאָזיקער רבנישער טאַנץ.

מען האָט באַשיינפּערלעך געזען, אַז קודשא־בריך הוא שמייכלט צופרידנדיק דערמדאָזיקן טאַנץ און אַז פמליא של מעלה טאַנצן דאָרטן אויך אויבן און מלאכים אין הימל שפּילן.

בעת די רבנים האָבן גענטאַנצט אַ ראָד, בין איך געזעסן אויף אַ באַנק לעבן דער מאַמען, לעבן איר די חתן-כלה און האָבן געקוקט, ווי די רבנים טאַנצן.

איך האָב דאָס ערשטע מאָל געזען, ווי די מאַמע שעפּט נחת, וואָס ביי איר קינדס חתונה געפונען זיך אַזויפיל רבנים און טאַנצן אויף איר זונס חתונה.

דאָס ערשטע מאָל האָב איך אויך באַמערקט אַ צעפרידנהייט אויף מיין ברודערס פּנים, ערשט איצט, ווייזט אויס, האָט ער פאַר-שטאַנען, וואָס פאַר אַ גרויסן שידוך אונדזער טאַטע האָט געטאָן מיט אים און, אַז מיט אַלע מעלות איז אויף דער וועלט קיין שידוך נישטאָ.

איך האָב אויך דאָס ערשטע מאָל באַמערקט אויף מיין ברו-דערס פּנים אַ שמייכל, און ווי ער האָט זיך איבערגעוואָרפן מיט אַ פּאָר ווערטער מיט זיין כלה.

איך האָב געהערט, ווי די מאַמע האָט אַ גליקלעכע געזאָגט צו מיין ברודער, דעם חתן:

— אין דיין ווייבס משפּחה געפונען זיך מער ווי הונדערט רבנים, נאָר געקומען זענען נאָר עטלעכע און צוואַנציק.

— זיי האָבן אַלע נישט געקענט קומען, — האָט די כלה זיך אָנגערופן, — אייניקע וווינען זייער ווייט, אַ טייל האָבן נישט גע-קענט פאָרן, ווייל זיי זענען נישט געווונט און אַלט, נאָר אַלע האָבן צוגעשיקט זייערע ברכות און אַ סך האָבן אויך געשיקט דרשה-געשאַנק.

גאַנצע אַכט טעג האָט מען געהוליעט אויף דער חתונה.

אַ סך מחותנים זענען זיך צעפאָרן פריער, נאָר די נאָענטסטע זענען געבליבן אויף דעם צווייטן שבת, ווען עטלעכע הונדערט ווייבער האָבן געפירט די, כלה און ביידע מחותנתטעס אין שול אַריין.

אויף מאָרגן, זונטיק, זענען מיר, מחותנים פון חתנס צד, אָפּ-געפאָרן פון דער חתונה. מען האָט געוויינט, געלאַכט, זיך געפרייט ביים געזעגענען זיך און מען האָט ווידער געוויינט.

מיין מאַמען האָט געריסן דאָס הערץ, וואָס זי לאָזט איבער איר קינד, אָבער זי איז אַוועקגעפאָרן מיט אַ פול הארץ פרייד און נחת, וואָס זי האָט זוכה געווען חתונה צו מאַכן איר עלטערן זון, מיט וועלכן דער טאַטע ע״ה האָט אַזאַ גרויסן שידוך געטאָן.

איך, פאַרנדיק צוריק פון דער חתונה, האָב איך נאָר געטראַכט וועגן דער גרויסקייט פון די רבנים, וואָס האָבן געטאַנצט.

איך האָב געוווסט, אַז נישט יעדער איז זוכה אַריינצופאַלן אין אַזאַ גרויסער מיוחסדיקער משפחה און מיין גרעסטער ווונטש איז געווען, אַז איך וועל אַמאָל אַ חתן ווערן, זאָל אויף מיין חתונה אויך טאַנצן אַ „ראָד" פון רבנים.

באַזונדערס האָב איך נישט אויפגעהערט צו טראַכטן וועגן דעם זינקעווערס אייניקל, וועלכער האָט זיך אויך גערעכנט פאַר אַ צדיק.

איך האָב גענומען אויף זיך, איך זאָל אויסוואַקסן אַזוי ווי ער, אַז אַלע זאָלן רעדן וועגן מיר, ווי אַלע האָבן אויף דער חתונה גערעדט וועגן זינקעווער.

זינט איך בין געווען אויף מיין ברודערס חתונה, בין איך געוואָרן פרומער, ווי איך בין געווען.

איך האָב קיינמאָל נישט פאַרפעלט דאַווענען אינדערפרי און אויפדערנאַכט, נישט געלייגט זיך שלאָפן אָן קריאת-שמע, געוואַשן זיך פאַר דעם עסן, געבענטשט נאָך דעם עסן, אין דער פרייער צייט „אַריינגעקוקט" אין אַ ספר, כאָטש איך האָב נאָך נישט גוט פאַרשטאַנען, וואָס דאָרטן שטייט געשריבן.

דאָך האָב איך געוווסט אַלץ וואָס עס טוט זיך אויף יענער וועלט, אַז דאָרטן איז דאָ אַ גן-עדן און אַ גיהנום, וויאַזוי די צדיקים לעבן אין דעם שטענדיקן זומערדיקן פּרעכטיקן גן-עדן מיט זיינע שיינע גערטנער, ווו עס וואַקסן די טייערסטע פירות און וויאַזוי די רשעים לעבן אין פינסטערן גיהנום, ווו מען בראָט און מען ברענט און מען שמייסט מיט אייזערנע גליענדע ריטער.

איך בין געווען גוט באַקאַנט מיט די מלאכי השרת, וואָס באַדינען די צדיקים אין גן עדן און מיט דעם שרעקלעכן מלאך הדומה און אַנדערע מלאכי חבלה, וועלכע קאָמאַנדעווען אין גיהנום.

שוין זייענדיק אַ יאָר אַכט-ניין, האָב איך וויניק געטראַכט וועגן דער וועלט, איך האָב געהאַט צו טאָן נאָר מיט יענער וועלט, מיינע אַלע געדאַנקען, מיין גאַנצער צוועק אין לעבן, איז צו קומען אויף יענער וועלט גלייך אין גן עדן און זיצן אויבנאָן גלייך מיט אַלע צדיקים.

„אַריינגעקוקט" אין ספרים האָב איך זייער אַ סך און האָב פון זיי געוווסט, אַז די וועלט איז נאָר אַ דורכגאַנג, אַ קאָרידאָר צו די

גרויסע, ליכטיקע, שיינע צימערן און זאַלן — דאָס איז יענע וועלט, אין קאָרידאָר אָדער אין פּאַדערהויז, דאַרף מען רייניקן און אויספּוצן די נשמה, אַז זי זאָל קומען ריין ווי אַ בריליאַנט אין די צימערן און זאַלן פון גן עדן אויף יענער וועלט.

דאָרטן, אויף יענער וועלט איז פאַר מיר אָנגעגרייט דער גן-עדן, אַ שיינע, ליכטיקע, גאָלדענע וועלט, איך דאַרף נאָר אָנגעמען מיטלען איך זאָל אַהין קומען.

און איך האָב אַזעלכע מיטלען אָנגענומען.

די ספרים, וואָס מיין טאַטע האָט איבערגעלאָזט האָב איך נישט געלייענט, נאָר געשלונגען, „אַריינקוקן" אין אַ ספר איז ביי מיר געווען דאָס חיות, אַפילו ביים עסן האָב איך זיך נישט געקענט איינהאַלטן און „אַריינגעקוקט". אַזוי שטאַרק האָב איך ליב געהאַט ליינען.

צו נייַן-צען יאָר, האָב איך אַלע ספרים, וואָס עס האָט זיך געפונען ביי אונדז אין שאַפע איבערגעלייענט, אַפילו די מאַמעס ספרים אויף טייטש. האָב איך איבערגעלייענט פון אָנהייב ביז צום סוף ווי איר טייטש-חומש, צאינה וראינה, קו הישר און נאָך אַנדערע, און ווי איך האָב נאָר געפונען אַ חסידיש ספר האָב איך עס איינגעשלונגען.

אין איינעם פון זיי האָב איך געפונען אַזאַ מעשה, ווי איינער אַ פּראָסטער ייד, אַן עם-הארץ, וואָס האָט קוים געקענט דאַווענען אין סידור און איז געווען אַ סטעלמעך, וואָס האָט געמאַכט רעדער צו וועגן, האָט געלעבט אַ סך יאָרן און ווען ער איז געשטאָרבן און געקומען אויף יענער וועלט, האָבן אים באַגעגנט די צדיקים, אַריינגעפירט אין גן עדן און אים געזעצט אויף אַ שטול אויף פיר פיסלעך צווישן וועלכע איין פוסל איז געווען אַ גאָלדנס.

דאָס דאָזיקע גאָלדענע פוסל אין דער שטול האָט דער עם-הארץ זוכה געווען דערפאַר, ווייל יעדן טאָג פלעגט ער זאָגן גאַנץ תהילים.

איבערגעלייענט אַזאַ מעשה, האָב איך זיך פאַרטראַכט וויאַזוי קומט מען דערצו, אַז ווען איך וועל איבער הונדערטאונצוואַנציק יאָר קומען אין גן עדן, זאָל איך זיצן אויף אַ שטול מיט פיר גאָלדענע פיסלעך? און נאָך לאַנג טראַכטן בין איך געקומען צו אַ באַשלוס, אַז מען דאַרף פיר מאָל זאָגן גאַנץ תהילים יעדן טאָג, נאָר

אזויווי איך בין נאך א יונג ייִנגעלע און פיר מאל אין טאג זאגן תהילים, וועל איך נישט קענען, זאל איך דערווייל זאגן נאר צוויי מאל אין טאג און ווען איך וועל ווערן א גרויסער, וועל איך זאגן פיר מאל.

אזוי אדער אזוי, נאר דערווייל האב איך זיך פארזיכערט מיט א שטול אין גן עדן אויף צוויי גאלדענע פיסלעך און האב יעדן טאג געזאגט צוויי מאל גאנץ תהילים.

איך האב אזוי לאנג געזאגט ביז איך בין הייזעריק געווארן און ווען די מאמע האט זיך דערפון דערוווּסט, האט זי אנגעשריען אויף מיר. האב איך איר דערציילט די גאנצע מעשה מיט דעם עס־הארץ, האט זי מיר געזאגט, אז איך בין נאך א קליין ייִנגעלע און דארף נישט טראכטן וועגן אזעלכע זאכן, און ווען איך וועל אויס־וואקסן און ווערן א גרויסער, וועל איך מעגן טאן, וואס איך וועל וועלן.

איך בין שטענדיק געווען פארטראכט און פארחלומט און האב זייער ווייניק געקוקט אויף זיך, קיינמאל בין איך נישט געווען פאר־קנעפלט אויף אלע קנעפלען, שטענדיק איז מיין דאשעק פון היטעלע געווען אן א זייט.

די מאמע, דער רבי און דער באהעלפער פלעגן אויף מיר דער־פאר שטענדיק אנשרייען און יעדעס מאל, ווען די מאמע, דער רבי, דער באהעלפער און אזוי גוטע פריינט האבן מיך דערזען, פלעגן זיי מיר איבערדרייען דאס היטעלע אויף דעם קאפ, אז דער דאשעק זאל שטיין גלייך. אויסגלייכן מיינע צעשויבערטע פיאות, און דערביי האט יעדער אנגעשריען אויף מיר אדער מיך געמוסרט.

איך אליין האב פארשטאנען, אז זיי זענען גערעכט, א דאשעק דארף שטיין גלייך, נישט אין דער זייט, נאר איך האב זיך נאר־נישט געקענט העלפן, כאטש איך האב זייער געוואלט זיין א ווויל ייִנגעלע און פאלגן, וואס גוטע מענטשן הייסן און איך פלעג זיך וואונדערן, פארוואס מיין היטעלע דרייט זיך אליין אויף דעם קאפ אן מיין ווילן. איך האב געקענט גיין שווערן, אז יעדעס מאל טו איך אן דאס היטעלע גלייך, ווי עס דארף צו זיין און צום סוף, אז די מאמע אדער אן אנדערער האט א קוק געטאן אויף מיר, איז דער דאשעק געשטאנען אין דער זייט.

אלע האבן מיך ליב געהאט אינדערהיים און אין חדר און

איך האָב אויך יעדן ליב געהאַט, אפילו דעם רבין מיט דעם מאַהעלפער.

איך האָב ליב געהאַט דעם חדר מיט אַלע מיינע חברים, באַזונדערס זומערצייט.

איך האָב ליב געהאַט אונדזער שטעטל מיט אַלע פּלעצער און ווינקעלעך, ווו מיר, יינגלעך, האָבן זיך געקענט שפּילן.

באַזונדערס פלעג איך ליב האָבן די זומער־פאַרנאַכטן, ווען מיר, יינגלעך, פלעגן גיין פון חדר אַהיים גלייך מיט דער טשערעדע און דער באַהעלפער פלעגט מיט אונדז אויך שיין זינגען מיט פסוקים פון חומש.

די זון איז פאַרגאַנגען אַזוי שיין מיט אַלערליי קאָלירן אויף דעם הימל און מיר, קינדער, צוזאַמען מיט דעם באַהעלפער זענען געגאַנגען אַהיים און געזונגען, און די עלטערע קינדער פלעגן דערציילן, אַז אַזוי האָט געזונגען דער בעל־שם, ווען ער פלעגט פירן די קינדער פון חדר.

## קאפיטל זעכצן.

נישט קוקנדיק דערויף, וואָס מיינע אַלע געדאַנקען זענען געווען נאָר אויף יענער וועלט, האָב איך אָבער אויך אויף דער וועלט זייער ליב געהאַט זיך צו שפּילן מיט מיינע חברים.

שפּילן זיך און אַרומלויפן איז ביי מיר געווען דאָס חיות, אָבער אין דעם פלעגט די מאַמע, דער רבי און אַלע מיינע אפּוט־רופּסים מיר שטערן.

אַ לייטיש יינגל, פלעגן זיי מיך מוסרן, דאַרף זיין שטיל, „סטאַטשנע", נישט אַרומלויפן, זיך אויפפירן לייטיש.

מילא, שבת פלעג איך זיך איינגאַנצן נישט שפּילן, ווייל איך האָב געוווסט, אַז שבת דאַרף מען רוען, מען טאָר נישט בויען קיין שטיבלעך פון שטעקעלעך מיט ערד, מען טאָר נישט וואַרפן קיין שטיינדלעך און בכלל טאָר מען גאָרנישט טאָן, נאָר איינדערוואַכן, האָב איך קיינעם נישט געהערט און זיך געשפּילט, באַזונדערס פרייטיק, צוועלף אַ זייגער האָט מען זיך באַפרייט פון חדר. דאַן פלעג איך לויפן אַהיים, אויף גיך אָפּעסן מיין מיטאָג, וואָס איז געשטאַנען באַזונדער אָנגעגרייט פאַר מיר, אָדער, ריכטיקער, געזאָגט: אַריינשלינגען מיין מיטאָג, אַז איך האָב זיך בעת מעשה נעוואָרפן, עס הייסט געשטאָפּט אין האַלדז און האָב געמוזט פאַרטרינקען מיט וואַסער, ביז דאָס עסן איז אַראָפּ־געגאַנגען.

דאָס איילעניש מיט דעם עסן איז געווען—עס זאָל מיר בלייבן מער צייט צו שפּילן זיך.

ביים טיש פלעגן מיר עסן אַלע צוזאַמען פון שבת צו שבת און איינדערוואָכן פלעגט מען מיר איבערלאָזן מיין מיטאָג אין אַ באַזונדער טעפּעלע פאַרדוקט ערגעץ אין אויוון, און ווען איך בין געקומען צולויפן

(פון חדר פלעג איך שטענדיק לויפן, נישט גיין), איז געווען אינדער-היים אונדזער דינסט אידאַס, פלעגט זי מיר געבן עסן, און ווען נישט, פלעג איך אַליין אַרויסרוקן דאָס טעפּעלע און אָפּעסן.

אַ גאַנצע וואָך פלעגט זיך קיינער אויף מיר נישט אומקוקן. די מאַמע איז שטענדיק געווען פאַרנומען, די עלטערע שוועסטער זענען זעלטן געווען אינדערהיים. דערפאַר אָבער שבת האָבן זיך אַלע אויף מיר אומגעקוקט און געלערנט, ווי אַזוי איך זאָל זיצן בײַם טיש, ווי אַזוי איך זאָל האַלטן גאָפּל-מעסער און בכלל מיר געלערנט און מוסר געזאָגט.

ווען שבת איז געקומען צו אונדז איינער פון דער משפּחה, האָט ער געהאַלטן פאַר זײַן חוב, אַלס יתום, וואָס האָט נישט קיין טאַטן, װעלכער זאָל מיר לערנען דרך הישר, מיך אויך לערנען און זאָגן מוסר.

און דערפאַר איז שבת און יום טוב געווען אַן אמת אָפּקומעניש פון די אַלע לערער און אומגעבעטענע אַפּוטרופּסים.

שבת און יום טוב איז בײַ מיר געווען די ערגסטע טעג פון אַ גאַנץ יאָר. איך האָב זיך געפּילט, ווי געקאָוועט אין קייטן. דערפאַר אינדערוואָכן, ווען איך האָב נאָר געהאַט צײַט, האָב איך געלעבט אַ גוטן טאָג — איך בין אַרומגעלאָפן און זיך געשפּילט, וויפל איך האָב נאָר צײַט געהאַט, און כאָטש איך האָב געוווסט, אַז די מאַמע און אַלע מײַנע אַפּוטרופּסים הייסן מיר נישט אַרומלויפן, האָב איך אָבער אויך געוווסט, אַז זיי וועלן מיר גאָרנישט טאָן, ווײַל אינדער-וואָכן האָט קיינער קיין צײַט נישט מיך צו באַשטראָפן.

איינמאָל, ווען איך בין געקומען צו לויפן פון חדר און האָב אַרויסגעשלעפּט מײַן טעפּל פון אויוון, איז צוגעגאַנגען צו מיר אונדזער משרת מענדל, וועלכער איז צוליב דעם „פּריציש איינפאַרהויז" בײַ אונדז געבליבן נאָך מײַן טאַטנס טויט, און האָט זיך צוגעזעצט צו מיר און געקוקט, ווי איך וואָרג זיך אין מײַן איילעניש מיט מײַן מיטאָג.

ער האָט געקוקט און געקוקט און דערנאָך זיך אָנגערופן צו מיר:

— ווייסט, וואָס איך וועל דיר זאָגן?

— וואָס?

— דאַרפסטו זיך וואָרגן מיט דעם מיטאָג? פאַרקויף מיר דײַן מיטאָג, וועסטו פאַרשפּאָרן זיך צו וואָרגן.

איך האָב געוווסט, אַז ער איז אַ גרויסער פרעסער, ער איז שטענדיק הונגעריק און די גאַנצע טעג גייט ער אַרום און מעלה-

גירהס, נאָר אַז אַ מענטש זאָל קענען אויפעסן צוויי מיטאָגן, האָב איך זיך נישט געקענט פאָרשטעלן און האָב אים געפרעגט:

— דו ווייסט דען קען אויפעסן צוויי מיטאָגן?

מענדל האָט זיך צעלאַכט און געענטפערט:

— אַפילו צען מיטאָגן וועל איך מיטאַמאָל אויפעסן.

— וואָס וועסטו מיר געבן פאַר מיין מיטאָג?—פרעג איך.

— אַ קאָפּיקע.

דאָס געשעפט איז מיר געפעלן געוואָרן. ערשטנס, וועל איך פאַרשפּאָרן צו אַרבעט יעדן טאָג צו לויפן אַ פאַרסאַפּעטער פון חדר אַהיים זיך שטאָפּן מיט דעם אָנבייסן (מיטאָג) און וועל האָבן מער צייט זיך צו שפּילן און אַרומלויפן, און, צווייטנס — יעדן טאָג אַ קאָפּיקע! אַ קאָפּיקע גיט מיר יעדן טאָג די מאַמע און אַ קאָפּיקע פאַר מיין אָנבייסן. מיט צוויי קאָפּיקעס יעדן טאָג וועל איך וועלטן איבערקערן און וועל קענען קויפן, וואָס איך וועל נאָר ווילן.

דאָס געשעפט איז געמאַכט געוואָרן. איך האָב פון מענדלען באַקומען פאַרנאַכט אַ קאָפּיקע און איך האָב פאַרשפּאָרט צו לויפן אַהיים זיך וואָרגן מיט דעם עסן.

האָט זיך אָבער געמאַכט, אַז די מאַמע האָט אַמאָל אַ פרעג געטאָן, צי איך בין שוין געוועזן אינדערהיים און געגעסן מיטאָג. האָט שוין מענדל פאַר מיר געענטפערט, אַז איך בין געוועזן און האָב געגעסן.

איך האָב פאַר מיינע קאָפּיקעס געקויפט, וואָס עס האָט זיך נאָר געמאַכט אונטער דער האַנט: אַמאָל אַ בייגל, אַ לעקעכל, וואָס האָט אויסגעזען, ווי אַ פערדל און אַמאָל האָב איך געקויפט אַ נאָדל מיט פאָדעם.

צו וואָס האָב איך באַדאַרפט אַ נאָדל מיט פאָדעם, האָב איך אַליין נישט געוווּסט. איך האָב עס געזען ביים קרעמער, האָב איך געקויפט. דערנאָך, ווען איך האָב געזען, אַז איך דאַרף עס נישט האָבן, האָב איך עס עמעצן אָוועקגעשענקט.

איבערהויפּט האָב איך קיין געלט נישט געקענט איינהאַלטן אין קעשענע. דאָס געלט האָט מיך געבריט און ווען איך האָב נאָר געהאַט געלט, האָב איך געהאַלטן אין איין קויפן.

וואָס קויפן, איז שוין קיין חילוק נישט געווען. איך האָב גע-

קױפֿט דאָס, װאָס עס האָט זיך מיר געװאָרפֿן אין די אױגן. איך האָב געקױפֿט אַלץ, װאָס מען האָט נאָר געגעבן פֿאַר מײַנע קאָפּיקעס.

אײנמאָל, פֿרײַטיק, האָב איך באַקומען אַ גלאָז מילך מיט אַ געבאַקענעם „פּאַדפּאַליק". זיך איך מיר פֿאַר אונדזער שטוב און עס, גײט פֿלוצים אײנער פֿאַרבײַ און שרײַט אױף אַ קול: „קלױקװע-קװאַס! קלױקװע-קװאַס!"

דערדאָזיקער „קלױקװע-קװאַס", האָט זיך ערשט נישט לאַנג באַװיזן בײַ אונדז אין שטעטל און אים פֿלעגן דאָס רוב טרינקען פּריצים און אפּיקורסים. דאָך פֿילנדיק, װי עס בריען בײַ מיר אין קעשענע די פֿאַר קאָפּיקעס, האָב איך אים צוגערופֿן און געהײסן מיר געבן פֿאַר אַ קאָפּיקע קלױקװע-קװאַס.

טרינקען האָב איך נישט געװאָלט, נאָר איך האָב געװאָלט װיסן, װאָס פֿאַר אַ טעם װעט האָבן די מילך, װען איך װעל עס אױסמישן מיט קלױקװע-קװאַס.

אַ װי האָב איך טאַקע געטאָן: איך האָב צוזאַמענגעמישט די מילך מיט דעם קװאַס און פֿאַרזוכט.

איך האָב זיך פֿאַרקרימט פֿון דעם שלעכטן װידערלעכן געטראַנק און האָב אײַנגאַנצן אױסגעגאָסן, און געגעסן אַ ביסנע „פּאַדפּאַליק".

װאָס איז דער חילוק: איך האָב געהאַט געלט, האָב איך באַדאַרפֿט עפּעס קױפֿן.

פֿון זינט איך האָב פֿאַרקױפֿט מײַנע „אַנבײַסנס" מענדלען, האָב איך געצאַצקעט מיט אַ טרוקענעם בױגל, װאָס איך פֿלעג קױפֿן.

לאַנג האָט עס אָבער נישט געדױערט. מיט אײן מאָל איז מײַן גאַנצער מסחר מיט מענדלען אױפֿגעדעקט געװאָרן. ערשטנס, האָט די מאַמע באַמערקט, אַז איך בין בלאַס, און, צװײטנס, האָט די דינסט אַ״דאָס געכאַפּט מענדלען, װי ער האָט אױפֿגעגעסן מײַן מיטאָג.

מענדל האָט געכאַפּט פֿון אידאַסן עטלעכע „קאַטשערעס", פּונקט װי די קאַץ פֿלעגט כאַפּן, װען זי פֿלעגט נאַשן. די מאַמע האָט זיך אױך דערפֿון דערװוסט און פֿון דעמאָלט אָן האָט מען יעדן טאָג אַכטונג געגעבן, איך זאָל עסן מיטאָג.

* * *

פון אַלץ אַפּוטרופּסים, וואָס האָבן אויף מיר, דעם יתום, זיך גענומען דאָס רעכט מיך צו באַשטראָפן, איז געווען דער פעטער משהן

פריצר האָט ער זיך ווייניק אויף מיר אומגעקוקט, ווייל ער איז געווען פאַרנומען מיט זיינע געשעפטן. האָט ער אָבער אויף מיין אומגליק אין דער לעצטער צייט געמאַכט ביי זיך אין שטעטל זייער שלעכטע געשעפטן, געבליבן דאָרטן אָן פּרנסה, איז ער מיט זיין הויזגעזינד איבערגעפאָרן צו אונדז אין שטאָט. ער איז דאָ געוואָרן אַ חלפן, אַנידערגעשטעלט אַ טישל מיט אַ קעסטל פאַר אונדזער הויז און אויסגעביטן געלט, אַזוי, אַז דעם גאַנצן טאָג איז ער געווען ביי אונדז, און אפילו ווען ער פלעגט שוין פאַרנאַכט פאַרנעמען זיין טישל מיט דעם קעסטל, פלעגט ער אויך איבערליגן ביי אונדז אין שטוב.

צייט האָט ער געהאַט גענוג, פלעגט ער שטענדיק אַכטונג געבן אויף מיר און וואָס איך פלעג טאָן, איז אים נישט געפעלן און שטענדיק האָט ער קאָמאַנדעוועט מיט מיר, געזאָגט דער מאַמען אַ דעה און אומעטום געמישט זיך, כאָטש קיינער האָט אים נישט געבעטן, און צרות פון אים האָב איך געהאַט מער פון אַלע.

איינמאָל, פרייטיק, צוועלף אַ זייגער, ווען איך האָב זיך באַפרייט פון חדר, בין איך אַוועק זיך שפּילן אויף אונדזער גאַס, ווו איינער האָט אָנגעהייבן בויען אַ געמויערט הויז. ער האָט אָבער קיין געלט נישט געהאַט צו ענדיקן דאָס הויז, איז נאָר געבליבן אַ גרויסער גרוב מיט אַ געמויערטן פונדאַמענט.

אַט אין דעם גרוב האָב איך אין דעם פרייטיק זיך געשפּילט מיט מיינע חברים.

מיר האָבן זיך געשפּילט אין „מלחמה“ און „סאָלדאַטן“, די נידעריקע ווענטלעך פון דעם פונדאַמענט זענען פאַר אונדז געווען פעסטונגען, וועלכע מיר פלעגן איינגעמען ביים שונא. איך האָב געוואַקסן מיט יעדער מינוט: פון אַ פּראָסטן סאָלדאַט בין איך געוואָרן אַ „פעלדפעבל“, דערנאָך „אָפיציר“, ביז איך האָב זיך דערדינט צו אַ „פאָלנע גענעראַל“ און האָב נעקאָמאַנדעוועט מיט אַ גאַנצער אַרמיי.

איך האָב נישט געדענקט, וויפל צייט איך האָב זיך געשפּילט. נאָר פּלוצלונג האָב איך דערזען פאַר מיר מיין מאַמען מיט דעם פע-

טער משה. וועלכער האָט מיך, דעם גענעראַל, פאַר מיין גאַנצער אַרמיי אין די אויגן אַריבערגעלייגט אויף די קני, אָפּגעשפּיליעט זיין פּאַסיק און מיך אָפּגעשמיסן. דערנאָך האָט מיך די מאַמע צוגעגומעצן פון פעטער, געשלעפּט ביי דער האַנט און געהאַלטן אין איין רעדן:

— ווי אַ ייִנגל ווערט עס פאַרפאַלן! עס פאַרגייט שוין באַלד שבת, איך דאַרף דיך צוואָגן, די גאַנצע שטאָט האָב איך דיך שוין אויסגעזוכט, ביזטו גאָר דאָ!

און אַזוי שלעפּענדיק מיך ביי דער האַנט, האָט זי מיך, אַ פאַרוויינטן, פאַרשלעפּט אַהיים, אָנגעבויגן מיין קאָפּ אין אַ שיסל וואַסער און מיך, דעם גענעראַל, אָנגעהייבן צוואָגן... דאָס וואַסער מיט די זייף האָט מיר געגעסן די אויגן און גענאָסן זיך אונטערן העמד.

מיין לאַגע איז געווען שרעקלעך, איך האָב ביטער געוויינט, אַז נאָר איין גאָט האָט זיך געמעגט אויף מיר מרחם זיין.

דידאָזיקע געשיכטע האָט ביי מיר דאָס ערשטע מאָל אַרויסגערופן אַ גרויסן פּראָטעסט, דערמיט, וואָס איך האָב נישט געוואָלט עסן, נישט קוקנדיק, וואָס איז געווען דער הייליקער טאָג שבת. די מאַמע האָט געפּרוווט מיט בייזן און מיט גוטן: עס האָט נישט געהאָלפן. דער פעטער משה האָט זיך געוואָלט אַריינמישן מיט זיין פּאַסיקל, נאָר די מאַמע האָט אָנגעשריען אויף אים און ער האָט מיך צורו געלאָזט.

ענדלעך האָבן מיך דער מאַמעס טרערן גובר געווען, און איך האָב זיך געלאָזט איבערבעטן, נאָר פון דעם טאָג אָן האָט די מאַמע מיט דעם פעטער משה אָנגעהייבן זאָרגן וועגן מיר. זיי האָבן אָנגעהייבן רעדן, אַז איך גיי אין אַ „שלעכטן וועג" און וואָס וועט זיין דער תכלית פון מיר, אַז איך האָב איבער זיך נישט קיין אויבערהאַר, קיין טאַטן, וועלכער זאָל מיך פירן אויפן דרך הישר. איך בין אַ הפקר-מענטש, וואָס איך וויל, טו איך און האָב פאַר קיינעם קיין דרך ארץ נישט.

דער פעטער משה פלעגט יעדעס מאָל צושיטן זאַלץ אויף די ווונדן און טענהן צו דער מאַמען:

— דו־ביזט אַליין שולדיק אין אַלעמען, דו אַליין לאָזט אים זיין אַ הפקר-יונג, און טאָמער וויל איך אים פירן אויפן דרך הישר, לאָזטו נישט.

די מאַמע פלעגט דערויף ענטפערן מיט טרערן. מיין האַרץ פלעגט אין מיר צעריסן ווערן, זעענדיק דער מאַמעס טרערן איבער מיר. איך האָב געוואָלט צוליב דער מאַמען זיין אַ ווויל ייִנגל און איר אין

אלעמען פאלגן, נאר איך האב נישט געוווּסט, ווי אזוי? ווייל וואס איך האב געטאן, איז געווען שלעכט און איך האב באקומען א נאמען, אז איך גיי אין א שלעכטן וועג און נאר ווייסט, וואס איך וועל אויסוואקסן:

דער פעטער משה האט נישט אויפגעהערט אלעמאל אנצווייזן אויף מיר, אז איך וועל אויסוואקסן וואס אין דער קארט און מען מוז אנ־נעמען מיטלען.

מען האט גערעדט וועגן פארשידענע פלענער, וואס מען זאל מיט מיר טאן, איינער פון די פלענער איז געווען, מען זאל מיך אוועקשיקן צו מיין עלטערן ברודער, וואס האט נישט לאנג חתונה געהאט און איך זאל לערנען אונטער זיין השגחה.

די מאמע האט געזאגט:

— ער איז דער עלטערער ברודער, זאל ער אים זיין א טאטע און זאל ער מיט אים טאן, וואס ער וויל. וואס ווייס איך, אן אלמנה, וואס ער טוט אין חדר, צי לערנט ער, אדער נישט? מיין איציקל וועט שוין אלץ וויסן ער וועט אים יעדן שבת פארהערן... דעם עלטערן ברודער וועט ער מוזן פאלגן. וואס ווייס איך, אן אלמנה?

וועגן דעם פלאן מיך אוועקצושיקן צו מיין עלטערן ברודער יצחקן האט מען דערווייל נאר גערעדט, עס איז אבער נאך געווען זייער ווייט דערצו. דערווייל בין איך געגאנגען אין חדר שוין צו א גמרא־מלמד.

מיין גמרא־מלמד, ר׳ מאירל טאראשטשער, ביי וועלכן איך האב געלערנט א פאר יאר, איז געווען איינער פון די „טייערסטע" מלמדים, ווייל אים האט מען געצאלט שכר למוד מער ווי אלע אנדערע מלמדים, און געצאלט האט מען אים טייערער, ווייל ער האט זיך גערעכנט פאר א גרויסן טאלנער חסיד און ער איז געווען זייער פרום.

ער איז נאך געווען א יונגערמאן מיט זייער לאנגע דיקע פאות. ער האט געהאט א פרוי אין טאראשטשע, האט זי מיט אים נישט געוואלט וווינען, איז ער געקומען קיין אומאן און האט דא באקומען א גוטע קנעלונג, א דאנק די טאלנער פארמעגלעכע חסידים. ער האט געדונגען א צימער ביי הערשל שמש פון דער ניי־שטעטיקער קלויז, ווו מיין טאטע האט געהאט א „שטאט" און ווו איך פלעג דאוונען.

פאר דעם צימער האט ער באדארפט אומזיסט לערנען מיט הירשל שמש דערוואקסן יינגל, חיים, כאטש ער איז געווען עלטער מיט פיר־פינף יאר פון אונדז, חדר־יינגלעך.

דער רבי האָט ווייער אַכטונג געגעבן אויף אונדזער פרומקייט. ער פלעגט אונדז דערציילן וואונדערלעכע מעשיות וועגן צדיקים און באַזונדערס וועגן די טשערנאָבילער, פון וועלכע עס איז אַרויסגעקומען דער טאַלנער רבי ר׳ דודל. פאַר אונדזערע גוטע מעשים פלעגט ער אונדז צוזאָגן דעם גן-עדן פון יענער וועלט און פאַר שלעכטע האָט ער אונדז געשראָקן מיט דעם גיהנם, שדים, רוחות און „דאַמאָוויעס״.

מיר האָבן נעגלייבט אין אונדזער רבין, ווי אין אַ גאָט און וואָס ער האָט אונדז דערציילט, איז פאַר אונדז געווען אַ תורה. קיינער פון אונדז האָט קיינמאָל קיין קשיות נישט געפרעגט. נאָר חיים הערשל דעם שמש בחור האָט אים יאָ עפּעס אַמאָל געפרעגט. וואָס דעם רבין איז נישט געפעלן, האָט דער רבי אים אָפּגעענטפערט מיט אַ פּאָר פּעטש, אַז אַלע פינגער זענען געשטאַנען אויף זיין באַק.

הערשל דער שמש, ווען ער האָט זיך דערוווסט דערפון, איז געווען זייער צופרידן, וואָס זיין זון האָט באַקומען אַזאַ רבין, וואָס זאָרגט פאַר זיין קינדס פרומקייט, און דער רבי האָט טאַקע זייער אַכטונג געגעבן אויף חיימען. ער האָט אים דעם גאַנצן טאָג נישט אָפּגעלאָזט פון זיך און חיים האָט שטענדיק געמוזט זיצן נאָענט לעבן רבין.

פון זונטיק ביז דאָנערשטיק פלעגן מיר צוזאַמען מיט דעם רבין זיצן אַרום טיש און „שרייען איבער דער גמרא״ און דאָנערשטיק האָט יעדער באַדאַרפט זאָגן אַליין דעם בלאַט גמרא פאַר דעם רבין.

זעלטן, ווען איינער האָט פאַרשטאַנען וואָס מען האָט געלערנט. און איך האָב געהאַט אַ טבע, אַז ווען איך האָב עפּעס נישט געוווסט, אָדער עס איז מיר עפּעס געווען קשה, האָב איך ליב געהאַט צו פרעגן פריער די עלטערע און בעסערע יינגלעך, און אויב ווי האָבן מיר נישט געקענט געבן צו פאַרשטיין, פלעג איך נישט אָפּלאָזן דעם רבין מיט מיינע שאלות.

אָבער זייער זעלטן האָב איך עפּעס פאַרשטאַנען פון דעם רבינס אויסטייטשן.

איינמאָל האָב איך געפרעגט חיימען, ער זאָל מיר אויסטייטשן אַן אָרט אין דער גמרא, האָט ער מיר געענטפערט, אַז אונדזער רבי ווייסט נישט, פונוואַנען זאָל איך וויסן?

דאָס ערשטע מאָל אין מיין לעבן בין איך אַריינגעפאַלן אין ספקות: וואָס הייסט אַ רבי ווייסט נישט!

הערשל שמש האט דאך זייער געהאלטן פון אונדזער רבין, וואס האט געלערנט מיט זיין זון און ער פלעגט אין בית-המדרש פאר די באלעבאטים דערציילן גדולות פון ר' מאירל טאראשטשער און אז פון זינט ער לערנט זיין יינגל חיימען, איז ער גאר אן אנדער מענטש געווארן.

איך האב הערשל דעם שמש שטענדיק זייער ליב געהאט, ווייל ער איז געווען דער איינציקער שמש אין בית-המדרש, וואס פלעגט נישט טרייבן און נישט שלאגן קיין קינדער.

צליין א גרויסער ארעמאן, געלעבט שטענדיק אין גרויס דחקות, האט שטענדיק אויף זיין פנים געטרוט א שמייכל.

ער צליין פלעגט מיך אויך זייער ליב האבן, כאטש איך בין געווען א יתום. און אפשר צוליב מיין טאטן, וועגן וועלכן ער פלעגט אפט רעדן און זאגן, אז ער איז פאר אים אפגעשטארבן, ווי אן אייגענער טאטע.

הערשל איז געווען א סך יאר שמש ביי אונדז אין קלויז. עס האבן זיך א סך גבאים געביטן. נאר הערשל איז שטענדיק געבליבן שמש, ווייל קיינער פון די נייע גבאים האט אויף אים קיין שלעכטווארט נישט געקענט זאגן, און ער איז באמת געווען א גרויסער פרומער ייד, וואס האט זיך קיינמאל נישט באקלאגט אויף זיין דחקות און ארעמקייט. אלץ האט ער אנגענומען פאר ליב, ווייל עס איז פון גאט.

הערשל האט צו קיינעם קיין טענות נישט געהאט, נאר איין זאך האט ער געוואלט, אז זיינע קינדער זאלן זיין פרום און קענען לערנען. דעריבער האט ער אויף דעם גאנצן טאג אוועקגעגעבן זיין שטיבל פאר דעם גמרא-מלמד, אבי ער זאל לערנען מיט זיין חיימען און האט זיך געפילט גליקלעך, וואס גאט האט פאר זיין קינד באשערט אזא טייערן מלמד, ווי ר' מאירל, און זיין חיימל לערנט זיך צוזאמען מיט באלעבאטישע קינדער.

ביז ר' מאירל איז געקומען, האט הערשל דער שמש געהאט פון זיין חיימען גרויסע צרות. צאלן א מלמד האט ער נישט געקענט, אומזיסט אין בית-המדרש לערנען מיט די גרויסע בחורים האט חיים נישט געוואלט, און פלעגט מער ארומלויפן אין גאס מיט די שקצים, ווי לערנען אין בית-המדרש, און הערשל פלעגט זיין א גרויסער בעל יסורים, וואס זיין חיימל חברט זיך מיט גוישע קינדער.

איצט זיבער, האַבנדיק אַ מלמד, האָט חיים געמוזט זיצן אַ גאַנצן טאָג אין חדר גלייך מיט אַלע קינדער.

נאָר איינמאָל, אין אַ זומערטאָג, איז חיים פֿאַרפֿאַלן געוואָרן. מען האָט אים אויסגעזוכט די גאַנצע שטאָט און נישט געפֿונען. עס זײַנען פֿאַרגאַנגען עטלעכע טעג און חיים איז ווי אין וואַסער אַרײַן!

קיינער האָט זיך אפֿילו נישט געקענט משער זײַן, וואָס מיט חיימען איז געשען. מען האָט געזאָגט, אַז ביים באָדן זיך האָט ער זיך דערטרונקען און מען מוז וואַרטן גאַנצע צוויי וואָכן, ביז זײַן קערפּער וועט אַרויסשווימען. מען האָט אויך דערציילט, אַז ווייל דער רבי האָט אים געשלאָגן, וואָס ער איז אַרומגעלאָפֿן מיט שקצים, איז ער אַנטלאָפֿן געוואָרן אין אַן אַנדער שטאָט און איז דאָרטן געוואָרן ביי אַ דרדקי-מלמד אַ בעהעלפֿער, און נאָך פֿיל זאַכן האָט מען דער־ציילט וועגן היימען.

נאָר פּלוצלונג, אין אַ טאָג צוויי אַרום, האָט די גאַנצע שטאָט מיט גרויס שרעק זיך דערוווּסט, אַז הערשל שמשס ייִנגל חיים האָט זיך געשמדט...

ווען איך האָב עס דערהערט, האָט מיך אַ קאַלטער און הייסער שווייס באַדעקט פֿון גרויס שרעק.

איך האָב נישט געקענט לערנען, נישט עסן און שלאָפֿן, און איך האָב נישט אויפֿגעהערט מיט גרויס שרעק און ציטערניש צו טראַכטן וועגן דעם משומד חיים. אומעטום, אין בית-המדרש, אין גאַס, צווישן די קליסטן, זענען געשטאַנען רעדלעך און גערעדט וועגן הערשל דעם שמש „בחורעץ" דעם משומד...

און איך בין געגאַנגען פֿון איין רעדל צום צווייטן און געהערט, וואָס מען האָט דערציילט.

אין חדר האָט מען נישט געלערנט, כאָטש די קינדער זענען געקומען און דער רבי איז אויך געווען. עס האָט זיך נישט געלערנט.

דער רבי איז געזעסן, אַ דערשראָקענער, ביי אַן אָפֿענער גמרא און האָט געשוויגן. דערנאָך פֿלעגט ער אונדז הייסן אַרויסגיין אויף דעם פּלאַץ זיך שפּילן און פֿאַרמאַכן די גמרא.

אָבער מיר האָבן זיך נישט געשפּילט, נאָר מיר זענען זיך צע־לאָפֿן פֿון חדר, ווו יעדער האָט נאָר געוואָלט.

אויף מאָרגן איז מען ווידער געקומען אין חדר, איז ווידער אַזוי געווען. און דער רבי האָט אונדז גאָרנישט געזאָגט, פאַרוואָס מיר זענען זיך נעכטן צעלאָפן.

אייניקע קינדער זענען מער נישט געקומען אין חדר. מען האָט געזאָגט, אַז זייערע טאַטעס האָבן זיי מער נישט געלאָזט גיין צו אַזאַ רבין, ביי וועלכן אַ תלמיד האָט זיך געשמדט...

וועגן חיימען האָט מען דערציילט גאַנצע מעשות. וואָס איינע איז שרעקלעכער פון דער אַנדערער:

די גאַנצע צייט, וואָס מען האָט חיימען געזוכט, האָט ער זיך געפונען ביים „דיאַקאָן" פון דעם גרויסן רוסישן קלויסטער, וואָס שטייט אינמיטן שטאָט.

מען האָט אים אויסבאַהאַלטן, גאָר באַלד, האָט מען געזאָגט, ווי דער עלטסטער גלח האָט אים אָפּגעשמדט, גייט היים אַרום פריי אויף דעם גרויסן הויף פון קלויסטער.

אַ ייִנגל האָט דערציילט, אַז ער האָט דורכן טאַרקען פון קלויסטער געזען חיימען דעם משומד. ווי ער האָט זיך פאַרלאָזט די האָר און זיי אונטערגעשוירן, ווי אַ שייגעץ. ער טראָגט אַן אויסגענייט העמד מיט צוויי רויטע בענדלעך. ער האָט געהאַלטן אין די הענט שוואַרץ ברויט מיט אַ שטיק חזיר און האָט צום ייִנגל געשריען: „זשיד פּאַרכאַטי!"

פון דער צייט אָן בין איך געשטאַנען לעבן קלויסטער-פאַרקן, געקוקט אין די שפּאַלטן, אפשר וועל איך דערזען דעם משומד.

מען האָט דערציילט, אַז חיים הייסט איצטער וואַסילי, און אַז ער איז געוואָרן אַ „זוואָנאַר" אין דעמזעלבן קלויסטער, און אַז היינטיקן שבת פאַרנאַכט און דעם גאַנצן זונטיקדיקן טאָג וועט ער קלינגען אין אַלע קלויסטער-גלאָקן, און אַז אַלע וועלן אים דאַן קענען זען, און ביי מיר איז געבליבן, אַז איך מוז שטיין לעבן קלויסטער, ביז איך וועל אים אָנקוקן.

ביי מיין רבין, ר' מאירל, האָט מען אָפּגענומען אַלע קינדער און איך בין געוואָרן אַ פרייער פייגל ביז מען וועט מיך אַוועקגעבן צו אַן אַנדער מלמד.

איך האָב קוים דערלעבט דעם שבתדיקן טאָג.

ווען איך בין שבת אינדערפרי געקומען אין קלויז דאַווענען,

האָבן אַלע דאַוונער גפּרעשט און מען האָט פּיל געדעדט אינמיטן דאַוונען.

ביים באַלעמער איז שוין נישט געווען הערשל דער שמש, וואָס זאָל אַ קלאַפּ טאָן מיט דער האַנט אויף דעם טיש און אויסשרייען:

שאַ...אַ...אַ! לאָזט דאַוונען!

הערשל דעם שמש האָב איך געפונען פאַררוקט אין אַ ווינקל, לעבן דער הרובע, איינגעוויקלט אין זיין אַלטן פאַרשמאַלצעוועטן טלית. ער איז געזעסן און געשוויגן. זיין פנים איז געוואָרן געל־בלאַס, ווי ביי אַ טויטן. ער איז געווען איינגעגראָבן אין זיך און האָט אויסגעזען נידעריקער מיט אַ קאָפּ און די ביינער פון זיין דורכזיכטיקער הויט האָבן זיך אַרויסגעזען. ער האָט געשוויגן און מיט קיינעם נישט גערעדט, נאָר פון צייט צו צייט האָבן זיינע ליפּן גע־שעפּטשעט שטילע תּפילות—ער האָט געדאַוונט...

אין מזרח־וואַנט האָבן די באַלעבאַטים מיט די גבאים ווען עפּעס זיך געאַמפּערט, און דערנאָך, ווען דער חזן האָט שוין באַלד געהאַלטן ביים „אויסנעמען", איז איין גבאי מיט צוויי באַלעבאַטים צוגעגאַנגען צו דער הרובע, וווּ הערשל דער שמש איז געשטאַנען אין זיין ווינקל און האָבן צו אים געזאָגט:

— הערשל, גיי צום „באַלעמער", באַלד וועט זיין „אויסנעמענס"

— איך וועל נישט גיין, איך טאָר זיך נישט צורירן צו דעם טיש, ווו די ספרי־תורהס ליגן... איך טאָר נישט!

— מעגסט גיין אויף דיין אָרט, מיר הייסן דיר! מיר האָבן גערעדט מיט אונדזער רב, ער האָט דיך אויך געהייסן גיין אויף דיין אָרט!

הערשל דער שמש האָט מער נישט געקענט איינהאַלטן זיינע טרערן, וואָס האָבן אים געשטיקט און ער האָט זיך צעוויינט אויף אַ קול:

— רבונו של עולם, פאַרוואָס קומט עס מיר? דו ווייסט, אַז איך האָב זיך קיינמאָל נישט געקלאָגט פאַר דיר, פאַרוואָס־זשע שטראָפסטו מיך אַזוי? פאַרוואָס האָסטו מיך פריער פון דער וועלט נישט צוגענומען!

אַ סך יידן האָבן מיטגעוויינט מיט אים.

פון דער ווייבערשער שול האָבן אַריינגעקוקט אַ פּאָר ווייבערשע קעפּ און צוגעזען, ווי הערשל שמש וויינט אויף זיין גרויסן אומגליק,

און באַלד דערנאָך האָט די גאַנצע ווייבערשע שול אָנגעהייבן וויינען, ווי יום־כּפּור צו כּל־נדרי.

איך האָב מיטגעוויינט גלייך מיט אַלע. אין מיין לעבן האָב איך זיך נישט געפילט אַזוי אומגליקלעך, ווי איצטער. איך האָב געפילט, אַז הערשל שמש אומגליק איז מיין אייגענער אומגליק. איך האָב געגלייבט, אַז אַזאַ זאַך וועט נישט אַזוי גלאַטיק אַפּגיין פאַר אונדזער שטאָט. זי וועט געוויס פון גאָט באַשטראָפט ווערן: גאָט וועט צושיקן אַ פייער און וועט פאַרברענען די שטאָט מיט אַלע מענטשן, אַזוי ווי אין דער שטאָט סדום. און איך האָב אין דעם שבת האַרציק געדאַווענט און געבעטן ביי דעם, וואָס לעבט אייביק, אַז פון דער גרויסער שריפה, וואָס ער וועט אָנשיקן אויף אונדזער שטאָט, זאָל ער כאָטש איבערלאָזן לעבעדיק אַזעלכע פרומע יידן, ווי ר׳ שייע שמולקעס, וואָס איז געזעסן אין מזרח־וואַנט לעבן מיין טאַטנס „שטאָט" און פלעגט דאַווענען לענגער: ווי אַלע, ווי דער רב מיט די דיינים און שוחטים, ווי מיין מאַמע מיט מיינע שוועסטער, מיין עלטערער ברודערל און מיך.

הערשל דער שמש איז טאַקע נישט געגאַנגען צום באַלעמער. ער האָט געטענהט צום גבאי מיט די באַלעבאַטים, אַז היינטיקן שבת קען ער נישט, זאָל זיין שפּעטער, דעם צווייטן שבת, אפשר וועט ער ביז איבערמאָרגן שטאַרבן...

שבת, נאָכן עסן, בין איך מיט נאָך ייִנגלעך געגאַנגען צום קלויסטער און מיר האָבן געקוקט דורך די שפּאַלטן פון פּאַרקן, אפשר וועלן מיר דערזען דעם משומד.

שפּעטלאַנג בין איך געדולדיק געשטאַנען ביים פּאַרקן און אַ פול האַרץ מיט שנאה האָט געברענט אין מיר צו דעם משומד, און איך האָב זיך געטראַכט, אַז ווען איך זאָל נאָר קענען, וואָלט איך אים מיט מיינע אייגענע הענט צעריסן אויף שטיק שטיקלעך. וואָס הייסט עס אַ ייד וואַרפט אַוועק דעם יידישן גאָט און גייט זיך בוקן צו אַ גוייִשן גאָט? און דערפאַר זאָל אומקומען אַ גאַנצע שטאָט!...

ענדלעך, פיר אַ זייגער האָב איך דערהערט דעם ערשטן „באָם" פון דעם גרויסן גלאָק און דערנאָך האָבן אָנגעהייבן קלינגען אַ סך קלענערע גלעקער... איך האָב פאַרריסן דעם קאָפּ אַרויף, ווי ווייט איך האָב געקענט און... האָב דערזען חיימען מיט זיין רויטער פּעסלע האָר, אונטערגעשאָרן ווי אַ שייגעץ און ווי ער ציט ביי די שטריק פון

די גלעקער... איך האָב זיך אַזוי דערשראָקן, מיין האַרץ האָט אַ מיר אָנגעהייבן אַזוי שטאַרק צו פּלאַטערן, אַז איך בין גלייך אַנטלאָפן צו אונדז אין קלויז.

דאָ האָב איך זיך אַנידערגעזעצט אויף אַ באַנק און זיך אָפּגערוט פון דעם היינטיקן שרעקלעכן טאָג, וואָס איז ביי מיר געווען שרעקלעכער פון יום-כּפּור, ווען מען פאַסט.

צו מנחה דאַווענען איז נאָך געווען אַ שעה צייט. אַ פּאָר צענדליק יידן, די עמי הארצים, ווי שניידער, שוסטער און אַנדערע בעלי-מלאכות האָבן זיך אויסגעזעצט ביי אַ לאַנגן טיש און געזאָגט תהלים. איך האָב זיך אויך געזעצט לעבן די יידן אין האָב האַרציק, פריילעך און מיט אַ ניגון אויך געזאָגט מיט זיי תהלים, נאָר דער טריפענער פּרצוף פון משומד, וואָס איך האָב נישט לאַנג געזען אויפן טורעם פון די קלויסטער-גלאָקן איז מיר די גאַנצע צייט געשטאַנען פאַר מיינע אויגן.

אין מיר האָט דער כּעס אויף אים נישט אויפגעהערט צו זידן: אַזאַ משומד זאָל אומגליקלעך מאַכן אַ גאַנצע שטאָט מיט יידן. וואָס דאַרף מען מער ווי דער אפּיקורוס משה לאַסקער! ער האָט זיך נישט געשמדט, וועט ער פאָרט אַמאָל קומען צו קבר ישראל און ער, חיים, וועט פּגרן.

דער ניגון פון די יידן, וואָס האָבן תהלים געזאָגט מיט מיר צוזאַמען, האָט מיינע יסורים און כּעס אַ ביסל באַרויקט.

עס איז אָנגעקומען הערשל דער שמש, אַ בלאַסער, איינגעבויגן אין דרייען און אַ פאַרשעמטער. ער האָט זיך געזעצט צום טיש און האָט אויך געזאָגט תהלים.

פּלוצים האָט זיך ווידער דערהערט דאָס קלינגען פון די קלויסטער גלאָקן. אַלע האָבן געוווּסט, ווער עס קלינגט און אונדזערע הערצער האָבן אַ ציטער געטאָן... קיינמאָל האָבן אין בית-המדרש די קלאַנגען פון די קלויסטער-גלאָקן נישט דערגרייכט צו אונדזערע אויערן, נאָר איצטער האָט זיך יעדער קלאַנג אָפּגעשלאָגן אין אונדזערע הערצער, ווי האַמערס און מיר האָבן העכער און שטאַרקער געזאָגט דעם תהלים, די קלאַנגען פון די גלאָקן זאָלן צו אונדז אַזוי דייטלעך נישט דערגיין.

פּלוצים איז הערשל דער שמש פּנים ווייס געוואָרן און ער איז פון באַנק אַראָפּגעפאַלן.

— ער חלשט! — האָט מען געשריען.—מען האָט אים אָפּגעגאָסן מיט וואַסער, געקוועטשט ביי די שלייפן. ער האָט זיך אויפגעכאַפּט און אַ האַלב טויטן האָט מען אים אָפּגעפירט אַהיים.

הערשל שמש איז שוין נישט אויפגעשטאַנען פון בעט: אין אַ טאָג צוויי איז ער געשטאָרבן, די גאַנצע שטאָט איז געגאַנגען נאָך זיין לויה און אַלע האָבן אים נאָכגעזאָגט שבחים.

איך בין אויך געגאַנגען נאָך הערשל שמש לוויה און האָב ביי מיר נישט געקענט באַשליסן, צי וועט ער אַריינפאַלן אין גן עדן אָדער אין גיהנום.

ווען חיים שמדט זיך נישט, וואָלט הערשל שמש געוויס גע־ווען אין גן עדן, ווייל ער איז געווען אַן אמתער פרומער ייד, אָבער איצט, ווען זיינס אַ קינד האָט זיך געשמדט, ווער ווייסט?

איך האָב געפרעגט מיינע חברים, וואָס זענען עלטער געווען פון מיר און קיינער האָט מיר נישט געוווסט, וואָס צו ענטפערן. דער־פאַר אָבער האָב איך אין עטלעכע טעג אַרום צוגעזען אַ לוויה, נאָר איך בין נישט נאָכגעגאַנגען, און ביי מיר איז געווען קלאָר, אַז דער גייט גלייך אין גיהנום. דאָס איז געווען אונדזער שכן, דער שרעקלעכער אַפּיקורוס משה לאַסקער... ער איז געשטאָרבן אַליין און עלנט. עס זע־נען געקומען פיר מענטשן פון דער חברה-קדישא, וועלכע האָבן אים אויף פיר דרענגלעך אַוועקגעטראָגן אויף דעם יידישן בית-עולם און מען האָט אים מקבר געווען ביים פּאַרקן.

קיין איינציקער ייד איז נאָך זיין לוויה נישט נאָכגעגאַנגען, מען איז נאָר געשטאַנען אויף דער גאַס און צוגעקוקט, וויאַזוי מען טראָגט אַ רשע אויף יענער וועלט גלייך אין גיהנום אַריין, ווו דער מלאך דומה און די מלאכי חבלה וואַרטן שוין לאַנג אויף אים...

## קאַפּיטל אכצן.

איך לערן שוין ביי אַ נייעם גמרא-מלמד, ביי ר׳ הערש בערן. ער רעכנט זיך פאַר אַ גרעסערן גמרא-מלמד, ווי מיין פריערדיקער, צו וועלכן מען איז איבערגעגאַנגען פון אַ דרדקי-מלמד אָנהייבן צו לערנען גמרא, און כאָטש איך האָב ביים ערשטן כמעט גאָרנישט אויסגעלערנט, האָט מען מיך אַריינגעגעבן צו אַ „גרעסערן" מלמד. מיין ערשטן גמרא-מלמד ר׳ מאירן האָט מען געצאָלט שכר-לימוד מער ווי ביים דרדקי, און ר׳ הערש בערן האָט מען געצאָלט נאָך מערער מיט צוויי רובל, ווי דעם פריערדיקן, דאָס הייסט גאַנצע צען רובל אַ זמן, און די מאַמע האָט געזיפצט, וואָס די הוצאות ווערן גרעסער און די פרנסה קלענער.

דעם ערשטן טאָג, ווען איך בין געגאַנגען צו מיין נייעם רבין האָט די מאַמע צו מיר געזאָגט:

— זע, מאָטעלע, דו זאָלסט כאָטש גוט לערנען, דו ביזט דאָך שוין נישט קיין קליין קינד, דו ווערסט שוין באַלד צען יאָר אַלט און דאַרפסט פאַרשטיין, אַז קיין טאַטן האָסטו נישט און איך וועל דאַרפן ציען פון מיר די קליי און צאָלן אַזויפיל געלט שכר-לימוד! זאָלסטו כאָטש גוט לערנען און איך וועל מיט גאָטס הילף צאָלן.

און איך, פון גרויס רחמנות אויף מיין מאַמען, האָב מיט דעם גאַנצן האַרץ גענומען אויף זיך צו זיין אַ ווויל יינגל, פאָלגן דעם רבין און גוט לערנען, פאַרשטייענדיק זייער גוט, ווי שווער עס איז מיין מאַמען צו צאָלן אַזויפיל שכר-לימוד.

און דער נייער רבי האָט טאַקע געהאַלטן פון מיר, געלויבט מיך, אַז איך פאָלג אים און לערן מיט התמדה, איך בין אַ שטיל יינגל און פאַרפיר נישט.

ביי ר׳ הערש בערן האָבן געלערנט אַלע גבירישע קינדער פון מיינע יאָרן, אויך דערפאַר, ווייל ער איז נאָך מצר, ווי מיין פריערדיקער רבי געווען באַוווסט פאַר איינעם פון די גרעסטע טאַלנער חסידים, אַז דער טאַלנער רבי אַליין פלעגט שטאַרק האַלטן פון אים.

נאָר נישט קוקנדיק אויף זיינע אַלע מעלות, וואָס ער איז געווען אַ פרומער ייד, אַ גוטער מענטש און אַ גאַל, מיך ליב געהאַט און פלעגט אָפט צום גוטן דערמאנען מיין טאַטן און זאָגן, אַז אַזעלכע יידן ווי מיין טאַטע איז היינט נישטאָ, האָב, איך פונדעסטוועגן זייער ווייניק געהאַלטן פון אים, ווייל איך האָב נישט קוקנדיק אויף מיינע קינדערשע יאָרן, פאַרשטאַנען, אַז איך וועל זיך ביי אים גאָרנישט אויסלערנען, ווייל אויף מיינע אַלע שאלות, וואָס איך האָב ליב געהאַט צו פרעגן דעם רבין, איז מיר פון זיינע ווערטער קיינמאָל נישט קלאָר געווען, און ווען ער פלעגט אַמאָל שבת קומען צו מיין פעטער משה אָדער צו אַן אַנדער קרוב פון מיין משפחה, מיך פאַרהערן און איך פלעג נישט וויסן, האָט מיין רבי זיך פאַרענטפערט, אַז מען האָט מיך צו פרי אָפּגעגעבן צו אים. דאָס הייסט צו אַזאַ גרויסן גמרא-מלמד ווי הערש בער איז, און אַז מען האָט מיך באַדאַרפט נאָך כאָטש אַ צוויי זמנים האַלטן מיך ביי אַ קלענערן גמרא-מלמד.

דערווייל פלעגן זיך מיינע קרובים פאַררעדן מיט אים אין חויכע שמועסן וועגן טאַלנער רבין און אַנדערע צדיקים און מען האָט אין מיר אינגאַנצן פאַרגעסן.

מיט זיין זאַך בין איך יאָ צעפרידן געווען: ביי אים אין חדר איז מיר געווען פריילעך.

ער אַליין האָט געהאַט אַ סך קינדער, גרעסערע און קלענערע. אַ חוץ, וואָס ער האָט געקנעלט מיט די גבירישע קינדער, האָט ער מיט דער רביצין געהאַט נאָך עטלעכע פרנסות.

ער אַליין פלעגט מאַכן טאַבאַק צום שמעקן. וועלכע האָט געהאַט אַ שם פאַר די בעסטע אין שטאָט און יידן פלעגן קומען צו אים און געקויפט קליינע פעקעלעך שמעק-טאַבאַק.

אין פרייע צייט פלעגט ער אויסמישן אַ גאַנצן באַרג מיט טאַבאַק-שטויב און די גאַנצע צייט האַלטן אין איין הוסטן, אַז מען האָט געקענט הערן אין דער צענטער גאַס. דאָס גאַנצע האַרץ פלעגט ער דערביי אויסהוסטן, אַז ער פלעגט אַזש שפייען מיט בלוט,

מיר, חדר-יינגלעך, אין פרייע צייט, פלעגן אים אפט העלפן מישן דעם טאבאק, פלעגן דערביי נישט אויפהערן צו ניסן און עס איז געווען פריילעך.

זיין ווייב, די רביצן פלעגט האנדלען מיט עופות און שטענדיק איז אין חדר ארומגעגאנגען א געוואלדיק גרויסער, שטארקער האן מיט א סך הינער, וועלכע פלעגן זיך האדעווען מיט די ברעקלעך פון אונדזערע איבערבייסנס, וואס מיר פלעגן מיטברענגען אין חדר אריין.

די פאדלאגע אין חדר איז געווען א ערדענע און די הינער פלעגן אויסגראבן גאנצע גריבער, נאר פרייטיק פלעגט די רביצן פארלייגן די גריבער און אויסשמירן די פאדלאגע מיט געלע ליים לכבוד שבת.

איינמאל איז אין חדר פארגעקומען א געשיכטע, וואס די גאנצע שטאט האט גערעדט וועגן דעם.

איינמאל ווען מיר, קינדער, זענען געזעסן מיט אונדזער רבין בעדיכט ארום טיש און געלערנט, האט פלוצלונג איין יינגל, דער יונגסטער פון אונדז אלע, נישט מיט זיין קול אנגעהייבן שרייען, אז ער איז זיך פארגאנגען און זיין פנים איז בלוי געווארן.

ווען ער איז א ביסל געקומען צו זיך, האט דאס יינגעלע נישט אויפגעהערט צו שרייען, אז עס טוט אים שטארק וויי און ער האט אנגעוויזן אויף זיין פוסל. ווי מען האט דערזען, אז דארטן איז אויסגעריסן א שטיקל פלייש און עס גיסט בלוט.

עס האט זיך ארויסגעוויזן, אז ביים יינגעלע זענען אין די הייזלעך געווען א לעכל, או מען האט דאס לייב ארויסגעזען, און אין דער צייט, ווען מיר האבן געלערנט, איז דער גרויסער האן ארומגעגאנגען הינטערן טיש און געפיקט ברעקלעך, האט ער דאס ארויסגעקוקטע לייב אויף דעם יינגלס פוסל אויך אנגענומען פאר א ברעקל און האט אים אויסגעפיקט צוזאמען מיטן פלייש.

דאס יינגל האט אזוי געוואלדעוועט, אז מען האט אים אפגעפירט אהיים און ער איז שוין מער צו אונדז אין חדר נישט געקומען לערנען.

א צווייטע פרנסה האט נאך געהאט אונדזער רביצן: זי פלעגט באקן דארע פלעצלעך, וועלכע פלעגן זיין הארט ווי גלאז, נאר ווען מען האט עס צעקייט פלעגט זיך עס צעשיטן אין מויל.

דידאַזיקע פּלעצלעך, וועלכע מען האָט געמעגט עסן אומגעוואַשן, פלעגט די רביצן פאַרקויפן אין נאָנטן בית המדרש און טאַקע אונדז, חדר־יינגלעך, צוויי פּלעצלעך פאַר אַ קאָפּיקע.

פון די אַלע פרנסות האָט דער רבי געלעבט אין גרויס דחקות און די רביצן פלעגט שטענדיק זיין אין כעס אויף דעם רבין און ער פלעגט פאַר איר מורא האָבן און קיינמאָל איר נישט אָפּגעענטפערט אויף איר שרייען.

עס איז אַוועקגעגאַנגען אַ גאַנצער זמן, אַז איך האָב געלערנט ביי ר׳ הערש בערן, און איך האָב פאַרשטאַנען, אַז איך האָב זיך ביי אים גאָרנישט אויסגעלערנט.

אין די שבתים, ווען דער רבי פלעגט אַמאָל קומען מיט מיר צו מיינע קרובים, מיך פאַרהערן די גמרא, וואָס איך האָב געלערנט איבער דער וואָך, האָב איך קיינמאָל נישט געוווּסט, וואָס צו ענטפערן, נאָר זיי יעדעס מאָל האָבן זיך מיינע קרובים פאַררעדט מיט מיין רבין, וועלכער האָט נעקענט זייער שיין דערציילן וועגן טאַלנער רבין און מען האָט אין מיין לערנען פאַרגעסן.

איינמאָל האָט די מאַמע מיט טרערן אין די אויגן מיך געשטראָפט, פאַרוואָס איך קען קיינמאָל נישט, ווען מען פאַרהערט מיך שבת און פאַרוואָס וויל איך נישט לערנען, זי צאָלט נאָר אומזיסט שכר־למוד און דעריביי האָט זי מיך געשראָקן, אַז זי וועט מיך אָפּנעמען פון חדר און מיך אַוועקגעבן צו אַ שניידער, צו אַ שוסטער אָדער צו אַ סטאָליאַר. האָב איך זיך צעוויינט און געזאָגט, אַז איך בין נישט שולדיק, מיין רבי קען נישט לערנען, און אַז איך וויל זייער לערנען און פאָלגן דער מאַמען. זאָל זי מיך אַוועקגעבן צו אַן אַנדער רבין.

אויף מאָרגן פאַרנאַכט, ווען די מאַמע איז געווען אינדערהיים, איז געקומען דער פעטער משה, זאָל פול מיט כעס, האָט ער אָנגעהייבן שרייען אויף מיר:

— זאָג נאָר, דו טייערער תכשיט, פונוואַנען ווייסטו עס, אַז דיין רבי איז פאַר דיר צו קליין, און אַז ער האָט פאַר דיר קיין תורה נישט? דו קענסט דען עפּעס, וואָס דו ביזט אַזאַ מבין אויף אים?

איך האָב אַ דערשראָקענער, אַ בלאַסער געשוויגן.

דערנאָך האָט זיך דער פעטער משה געווענדט צו דער מאַמען:

— איך האָב דיר שוין לאַנג געזאָגט, אַז פון אים וועט קיין לייט נישט אַרויסקומען, ער וויל נישט לערנען, גייט אַרום פוסטע פּאַס, און אַז מען פרעגט אים, פאַרוואָס ער קען נישט, האָט אַזאַ שנעק עזות צו זאָגן אויף ר׳ הערש בערן, אַז ער קען נישט לערנען! אפילו אונדזער רב ר׳ יחיאלקל האָט פאַר אים דרך־ארץ, אפילו דער טאַלנער רבי, זאָל לעבן, רעדט פון ר׳ הערש בערן, קומט אַזאַ עזות מחוצף פּנים און רעדט אויס כּל רעה שבעולם אויף אַזאַ טייערן יידן. איך זאָג עס רעדט עפּעס אַ מענטש, איז כאָטש נישט קיין פאַרדראָס, אָבער אַזאַ שנעק, אַזאַ שמאַראָוואָז!?

דער פעטער האָט געוואָלט באַלד אויפן אָרט מיר אָפּשטעקן אַ פּאָר פּעטש, נאָר די מאַמע האָט נישט דערלאָזט און דער פעטער משה האָט געקילט זיין האַרץ מיט ווייטער רעדן.

— איך האָב דיר, שוועסטער, שוין לאַנג געזאָגט, אַז אומזיסט ציסטו די קליי און צאָלסט פאַר אים אַזויפיל שכר־לימוד, גיב אים בעסער אוועק צו אַ שניידער אָדער אַ שוסטער און זאָל ער אויס־וואַקסן אַ גראָבער יונג.

די מאַמע האָט געוויינט און איך האָב אויך נישט אויפגעהערט צו וויינען, דער פעטער האָט אָבער נישט אויפגעהערט צו שיטן זאַלץ אויף די וווּנדן:

— וואָס־זשע, האָט די מאַמע דערנאָך געזאָגט, איך וועל אים מוזן אַוועקשיקן צו איציקלען, ער איז אַן עלטערער ברודער און זאָל ער מיט אים טאָן וואָס ער וויל.

דערנאָך האָט די מאַמע ווידער געזאָגט:

— עס איז מיר אַוודאי אַ גרויסער ווייטיק אַוועקצושיקן פון מיר מיין קינד, די סך קינדער וואָס איך האָב? נאָר וואָס קען איך טאָן, איך קען דאָך אים נישט לאָזן אויסוואַקסן אַ הפקר־מענטש!

מיין האַרץ האָט אין מיר געפּלאַצט פון גרויס ווייטיק, וואָס איך ברענג מיין מאַמען אַזויפיל יסורים. מיין מוח האָט זיך שיער נישט איבערגעקערט טראַכטנדיק, וואָס זאָל איך אַזוינס טאָן, אַז די מאַמע זאָל מער נישט יסורים האָבן פון מיין לערנען, איך זאָל זיין אַ וווילער יינגל און גוט לערנען.

עס איז נישט געווען אַזאַ זאַך איך זאָל נישט טאָן, וואָס די מאַמע הייסט, ווייל איך האָב קיינעם און קיין זאַך אויף דער וועלט נישט אַזוי ליב געהאַט, ווי מיין מאַמען. איך האָב שטענדיק געלייגן

מיט אירע ליידן און בין שטענדיק גרייט געווען צוליב טאָן דער מאַמען.

איין גאָט האָט געוווּסט דעם אמת, אַז איך האָב זייער געוואָלט גוט לערנען. נאָר וואָס האָב איך געזאָלט טאָן, אַז מיין רבי האָט מיט מיר נישט געלערנט, אַ גאַנצע וואָך איז דער רבי מיט אונדז חדר-יינגלעך געזעסן אַרום טיש מיט אָפענע גמרות, דער רבי האָט געזאָגט מיט דעם גמרא-ניגון און מיר האָבן אַלע צוזאַמען מיט דעמזעלבן ניגון נאָכגעזאָגט, זיך געשאָקלט איבער די גמרות און איינער האָט פון דעם צווייטן נישט געוווּסט, וואָס מען זאָגט און וואָס מען לערנט. דאַנערשטיק, ווען יעדער פון אונדז פלעגט באַזונדער זאָגן דעם בלאַט גמרא, האָט נישט דער רבי און נישט דער תלמיד געוווּסט, וואָס מען לערנט.

צווישן די חדר-יינגלעך האָבן זיך געפונען אייניקע, וואָס פלעגן אָפּנאַרן דעם רבין אויף זיינע שאלות.

— איצטער קענסטו שוין, איצטער פאַרשטייסטו שוין דעם פשט? — פלעגט דער רבי פרעגן, און די תלמידים פלעגן ענטפערן:

— יאָ, איצטער קענען מיר שוין, מיר פאַרשטייען שוין.

נאָר איך און נאָך מיינע צוויי חברים, וועלכע מען האָט גערופן חיים גענדזל און מענדל הייזעריקער פלעגן כמעט שטענדיק ענטפערן:

— ניין, רבי, מיר פאַרשטייען נישט, מיר קענען נישט.

דאַן פלעגט דער רבי אָנהייבן שטאַרק קנייטשן מיט זיין שטערן, זיך פאַרהוסטן, אויסשפייען מיט בלוט און ווידער אָנגעהייבן פאַרטייטשן יעדעס וואָרט באַזונדער, אָבער צוזאַמענגענומענדיק אַלע ווערטער האָבן מיר גאָרנישט פאַרשטאַנען, נאָר פראָסט פון רחמנות צו אונדזער האַלב-טויטן רבין, פלעגן מיר אַמאָל ענטפערן, אַז „מיר פאַרשטייען שוין, מיר קענען שוין".

מיין אומגליק איז באַשטאַנען אויך אין דעם, וואָס מיין פעטער משה מיט אַנדערע מיינע קרובים, וועלכע פלעגן מיך אַמאָל שבת נאָכן טיש, פאַרהערן, זענען אויך נישט געווען קיין גרויסע למדנים, ווי כמעט אַלע חסידים אין אוקראַינע.

וייער גאַנצע בקיאות איז געווען אין חסידיש און דאָס גאַנצע לערנען, ווי תנ"ך און תלמוד איז ביי זיי געווען אַ ביי-זאַך, אַ מהיכא-תיתי זאַך. פאַר איין וואָרט חסידיש, זענען זיי גרייט געווען אַוועקלייגן אַן אַ זייט דאָס גאַנצע לערנען. איך אָבער מיט מיינע

צווײ חברים, חײם געגדזיל און מענדל הײזעריקער האָבן געוואָלט לערנען, שטאַרק לערנען.

דער חשק צום לערנען האָט בײ אונדז דרײ אַרויסגערופן באַוווּנדערס די קנאה און שנאה צו פיניע שמושקעס, ר׳ שײע שמושקעס אַ בחורל פון אַ יאָר פופצן-זעכצן, וועלכער האָט געדאַווּנט בײ אונדז אין קלויז און דעם גאַנצן טאָג ביז שפּעט אין דער נאַכט פלעגט ער זיצן אין בית-המדרש איבער אַ גמרא אָדער אַ יורה-דעה און מיט אַ ניגון אויפן קול געלערנט, זיך שאָקלען דערבײ מיט גרויס התלהבות, געקנײטשט דעם שטערן, געקלאַפּט אין טיש און געמאַכט אַלערלײ הוויות.

פיניע איז געווען אַ שוואַרצער, מיט דיקע שוואַרצע פּיאות, די הויט פון זײן פּנים איז עפּעס אַרײנגעפאַלן אין אַ מין גרינעם קאָליר. ער איז געווען אַ דאַרער, אַן אויסגעטרוקנטער, אַז די בײנער האָט מען אַרויסגעזען פון דער הויט, נאָר צווײ גרויסע שוואַרצע ברעגנדיקע אויגן האָט ער פאַרמאָגט.

בײ אים האָט אַלץ אויסגעזען בײז און שלעכט און אָפּשטויסנדיק. ער פלעגט זעלטן מיט וועמען רעדן אַ וואָרט און זעלטן זיך אָפּגעריסן פון די ספרים, וואָס ער האָט געלערנט.

ער איז געווען שטאָלץ און שלעכט צו יעדן און קײנמאָל האָט זיך אויף זײן פּנים נישט באַוויזן קײן שמײכל.

פונדעסטוועגן האָט דאָס גאַנצע בית-המדרש פאַר אים מיט מורא דרך-ארץ געהאַט.

מען האָט געזאָגט, אַז ער קען לערנען, אַז ער לערנט קבלה און אַז ער וועט אויסוואַקסן אַ גרויסער למדן.

ער פלעגט לערנען אַלײן, אָן אַ מלמד און אָן אַ חבר.

אָפט פלעגט זיך פיניע קריגן מיט אײנעם אין קלויז איבער אַן אויסטײטש אין תלמוד אָדער אין אַנדערע ספרים און אויף אַ קול מיט אַ ווילדן כעס שרײען: „עם הארץ! גראָבער ײנג!"

אײנמאָל בין איך מיט מײנע צווײ חברים צוגעגאַנגען צו פיניען מיט אַ גמרא אין האַנט און אים געבעטן, ער זאָל אונדז פאַרטײטשן אַן אָרט, וואָס מיר האָבן נישט פאַרשטאַנען, האָט ער אָנגעשריען אויף אונדז, מיר זאָלן גײן פרעגן אונדזער רבין, און אַז מיר וועלן אים דאָס צווײטע מאָל איבערשלאָגן זײן לערנען, וועט ער אונדז געבן פּעטש.

פון דעמאָלט אָן זענען מיר אים געוואָרן שונאים.

מיר האָבן נישט געקענט איבערטראָגן זיין גדלות און איס ווערפאָר פיינט געהאַט, נישט פאַרגינען, וואָס מען האָט געזאָגט, אַז ער קען לערנען.

און איך מיט מיינע צוויי חברים האָבן אויף זיך גענומען, אַז מיר וועלן אַלט ווערן אין זיינע יאָרן, וואָלן מיר קענען בעסער לער־נען פון אים.

מיט גרויס קנאה האָבן מיר אַמאָל צוגעזען, ווי אונדזער רב ר׳ יחיאלקל פלעגט צוגיין צו פיניע דעם שוואַרצן און פּלפּלען מיט אים ווענן עפּעס אַ פּשט אין דער גמרא.

איינמאָל האָבן מיר באַמערקט ביי אונדז אין קלויז אַ פרעמדן ייד, וועלכער פלעגט זייער פרום דאַווענען און איז געזעסן ביי דער הרובע און האָט שטיל געלערנט.

גערופן האָט מען אים „ליטוואַק״ ווייל ער האָט גערעדט אַ ביסל אַנדערש ווי מיר, ווייל אין רעדן האָט ער פאַרביטן אַ „קמץ״ אויף אַ „פּתח״ און אַ „שין״ אויף אַ „סמך״. איך מיט מיינע צוויי חברים האָבן אויסגעפונען, אַז דער ליטוואַק רעדט נישט ריכטיק, אַז מיר רעדן בעסער, נאָר פונדעסטוועגן האָט עס נישט געשאַדט, אַז מיר זאָלן אים ליב באַקומען.

אַלע אין בית-המדרש האָבן ליב געהאַט דעם „ליטוואַק״ פאַר זיין שטילקייט און פאַר זיין שטענדיק זיצן און לערנען.

אַזאַ ליטוואַק, וואָס זאָל זיצן אין בית-המדרש און לערנען האָב איך קיינמאָל נישט געזען.

ביי אונדז אין שטאָט האָבן זיך געפונען נאָר עטלעכע ליטוואַ־קעס: איינער אַ בעקער, וואָס פלעגט באַקן „פראַנזאָליעס״ מיט קליינע ווייסע בולקעלעך. וואָס אַלע יידן און אפילו פריצים פלעגן ביי אים קויפן, דער צווייטער, אַ הויכער לאַנגער ייד מיט אַ גרויסער לאַנ־גער באָרד און אַ גרויסע לאַנגע נאָז, אַלץ אין אים איז געווען גרויס און לאַנג. ער פלעגט דעם גאַנצן טאָג אַרומטראָגן דריי קוישן מיט בייגל, איינע אַ גרויסע אויף די פּלייצעס, וואָס פלעגט הענגען אויף אַ ברייטן לעדערנעם רימען און צוויי קלענערע קוישן פלעגט ער טראָגן אין די הענט. און זיין גאַנצער רוקן איז געווען איינגע־בויגן אפילו שבת, ווען ער פלעגט קיין קוישן מיט בייגל נישט טראָגן.

אויף דעם ליטוואַק, דעם בייגל-טרעגער, פלעגט מען זאָגן, אַז ער קען בעסער לערנען פון אונדזער רב, נאָר קיינער האָט אים קיינמאָל נישט געזען לערנען.

ביי אונדז אין שטאָט האָט זיך אויך געפונען אַ יידענע, אַן אלמנה מיט עטלעכע קינדער, וועלכע פלעגט מיט איר עלטערע טאָכטער, אויך אַן אלמנה, וואַשן די פּאָדלאָגעס און גרעט אין ד גביריש הייזער, פּונקט ווי פּראָסטע די גויע, דער חילוק איז ג ר געווען, וואָס פּראָסטע פלעגט צוויי מאָל אין וואָך זיך אָנשיכורן און די ליטוואַמשקע מיט איר טאָכטער פלעגן נישט טרונקען און נאָך זייער אַרבעט פלעגן זיי אויסזען, ווי אַלע יידישע ווייבער.

און איצט איז צוגעקומען נאָך אַ ליטוואַק, וואָס האָט שטיל געדאַווענט און געלערנט ביי אונדז אין בית-המדרש.

איינמאָל שפּעט נאָך דעם דאַווענען, ווען עס איז געבליבן ווייניק עולם אין בית-המדרש, בין איך צוגעגאַנגען צום ליטוואַק, אים געגעבן שלום עליכם. כאָטש ער האָט זיך געפונען שוין אַ חודש אין בית-המדרש, און האָב אים געפרעגט, פון וועלכן לאַנד ער קומט?

איך האָב מורא געהאַט, אַז ער וועט מיך אָוועקטרייבן פון זיך און מיר גאָרנישט וועלן דערציילן, צום סוף האָט ער מיר געזאָגט, איך זאָל זיך זעצן אויף זיין באַנק און האָט מיר געענטפערט:

— איך קום פון דער ליטע.

— וואָס פאַר אַ מדינה איז „דער ליטאַ”, עס איז ווייט?

— זייער ווייט, — האָט ער געענטפערט.

— לאַנג זענט איר געפאָרן, ביז איר זענט געקומען אין אונדזער שטאָט?

— אפשר זעקס וואָכן.

און ער האָט מיר דערציילט, אַז אין ליטע געפונען זיך אַ סך שטעט מיט יידן, קיין עין הרע, עס איז דאָ אַ סך בתי-מדרשים, ישיבות, וווּ מען לערנט און אַ סך גרויסע למדנים געפונען זיך אין ליטע.

איך און מיינע צוויי חברים פלעגן אָפט נאָך מעריב בלייבן אין בית-המדרש און זיך זעצן אויף דער באַנק לעבן ליטוואַק.

ער פלעגט אונדז דערציילן וווּנדערלעכע מעשיות וועגן דעם ווייטן לאַנד ליטע, באַזונדערס האָט ער ליב געהאַט צו דערציילן,

וועגן דער גרויסער שטאָט ווילנע, כאָטש אַליין איז ער געווען פון גראָדנע.

ווילנע, האָט ער דערציילט, איז אַ שטאָט פול מיט גאונים און למדנים, נאָר אין גראָדנע געפונען זיך אויך גרויסע למדנים.

גערעדט האָט ער שטיל, לאַנגזאַם, נאָר אַזוי דייטלעך, אַז מיר האָבן אַלץ פאַרשטאַנען.

ער פלעגט מיט אונדז עפּעס אַזוי רעדן ווי גלייך ער איז אונדזערס אַ חבר.

אַליין איז ער געווען קליין אין געוואוקס, מיט אַ קליין שפּיציק בערדל, נאָר ער איז געווען אַ ברייטער, אַ שטאַרקער, אַ געזונטער און מיט גוטע קינדערשע אויגן, און מיר האָבן אים טאַקע ליב געהאַט, נישט ווי אַן עלטערן ייד. וואָס איז שוין געווען קרוב צו פופציק יאָר, נאָר ווי אַ חבר, פאַר וועלכן מען דאַרף נישט מורא האָבן און עס האָט זיך מיט אים גערעדט, וואָס עס האָט זיך נאָר געוואָלט.

איינמאָל האָבן מיר דערזען, ווי דער ליטוואַק לערנט די מסכת „פּסחים", דיזעלבע גמרא, וואָס מיר האָבן דעם גאַנצן ווינטער געלערנט ביי אונדזער רבין ר' הערש בער, האָבן מיר אים געבעטן, ער זאָל אונדז ערקלערן אַן אָרט אויף אַ דף, וואָס אונדז איז די לעצטע וואָך קשה געווען און ער האָט מיט אונדז אָפּגעלערנט דעם דף, אַזוי קלאָר, אַז עס איז אונדז ליכטיק געוואָרן אין די אויגן.

עפּעס אַזוי פּראָסט, אַן דריידלעך האָט ער אונדז געגעבן צו פאַרשטיין, אַזוי ווי אַ מענטש דערציילט דעם צווייטן אַ געוויינלעכע מעשה, וואָס איז גאָרנישט אַזוי שווער איבערצונעמען.

מיר האָבן זיך אַזוי באַפריינדעט מיט דעם ליטוואַק, אַז מיר האָבן אים אָנגעהייבן צו פרעגן, וואָס ער טוט ביי אונדז אין שטאָט?

גאָרנישט מיט גאָרנישט — האָט ער אונדז מיט אַ גוטן שמייכל געענטפערט — איך וועל נאָך דאָ בלייבן אַ פּאָר חדשים, וועל איך באַקומען תלמידים איז גוט, ווען נישט וועל איך אַוועקפאָרן אין אַן אַנדער שטאָט.

פון וואָס ער האָט געלעבט האָבן מיר נישט געוווּסט.

מיר האָבן נאָר געהערט, אַז ווען איינער פון די באַלעבאַטים

האָט אים פּרייסיקבונאָכסס נאָך דעם דאַוונען געבעטן אויף שבת גלייך מיט אַלע אַנדערע פּרעמדע „אורחים״, האָט ער זיך אָפּגעזאָגט.

אַז דער ליטוואַק וויל ווערן ביי אונדז אין שטאָט אַ מלמד, איז מיר מיט מיינע צוויי חברים שטאַרק אַריין אין קאָפּ, און מיר האָבן זיך צערעדט וועגן דעם.

— ווייסט וואָס מיר איז איינגעפאַלן? — האָט געזאָגט מיין ערשטער חבר געדאַליה — איך וועל זאָגן דעם טאַטן, ער זאָל מיך אָפּ־נעמען פון רבין הערש בער און מיך אָוועקגעבן צום ליטוואַק.

דאָסזעלבע האָט אויך געזאָגט מיין צווייטער חבר מענדל הייזע־ריקער.

גרינג איז זיי געווען אַזוי צו זאָגן, איך האָב אָבער אַזאַ זאַך נישט געקענט טאָן.

זייערע טאַטעס זענען געווען „פּראָסטע מענטשן״, חיימס טאַטע איז געווען אַמאָל אַ משרת אין אַ קלייט, ער האָט צונויפגעקליבן געלט, חתונה געהאַט, גענומען נדן און איז געוואָרן אַליין אַ בעל הבית.

מענדלס טאַטע איז אַמאָל געווען אַ פּראָסטער שוסטער, דערנאָך זיך געפּערייבן האַנדלען מיט לעדער און איז רייך געוואָרן.

זייערע ביידע טאַטעס זענען איצט אויך געווען פּראָסטע מענטשן, קוים בעקענט דאַוונען, נאָר זיי האָבן זיך אָוועקגעלייגט, אַז זייערע קינדער זאָלן אויסוואַקסן לערנערס און ווער ווייסט, אפשר וועלן זיי אַמאָל ווערן רבנים און דערפאַר האָבן זיי נישט געשפּאָרט קיין געלט און זיי געלערנט ביי די גרעסטע מלמדים, וואָס לערנען מיט נגידישע קינדער.

איך אָבער בין געווען איינגעטונקען אין יחוס, מיין טאַטע איז געווען איינער פון די גרעסטע טאַלנער חסידים, אין אונדזער משפּחה האָבן זיך געפונען אַ סך רבנים, קיין איינציקער בעל־מלאכה, היינט ווי האָב איך געקענט גאָר טראַכטן איך זאָל לערנען ביי אַ ליטוואַק וועגן וועלכן מען האָט דערציילט, אַז אַ ליטוואַק האָט אַ צלם אין קאָפּ.

איך האָב זייער געוואָלט לערנען ביי דעם ליטוואַק, נאָר איך האָב אפילו נישט געטאָרט טראַכטן וועגן דעם, ווער שמועסט נאָך אַ וואָרט אַרויסלאָזן.

מיין פעטער משה וואָלט מיך דערהרגעט, די מאַמע וואָלט ביטער געוויינט, ווי אויף דעם גרעסטן אומגליק, וואָס האָט איר נאָר

געקענט סרעפן, דעריבער, ווען מיינע חברים האָבן גערעדט דערפֿון, האָב איך געשוויגן.

מיינע חברים זענען געווען עלטער פון מיר מיט אַ יאָר אָדער צוויי (ובכלל בין איך אין אַלע חדרים געווען דער ייִנגסטער צווישן מיינע חברים) האָבן זיי געמעגט אַזוי רעדן, אָבער איך האָב מורא געהאַט אַזוי צו רעדן און האָב זיך געטראַכט, אַז איך וועל אַ ביסל עלטער ווערן, וועל איך זאָגן, אַז איך וויל לערנען ביי ר׳ ליטוואַק.

עס איז אַוועקגעגאַנגען אַ שטיקל צייט, האָב איך זיך דער־וווּסט, אַז דער ליטוואַק האָט שוין אַ חדר און מיינע צוויי חברים, חיים און מענדל, לערנען אויך ביי אים.

דאָס האָב איך נישט געקענט איבערטראָגן און האָב נישט גע־רוט, איך האָב זיך געפילט פאַר דעם אומגליקלעכסטן מענטשן אין דער וועלט.

די תלמידים ביים ליטווישן רבין זענען געווען פון פראָסטע נאָר פאַרמעגלעכע עלטערן.

קיין איינציק חסידיש קינד האָט ביי אים נישט געלערנט.

מיינע צוויי חברים, זינט זיי האָבן אָנגעהייבן לערנען ביים ליטוואַק האָבן אָנגעהייבן גרויסן זיך קעגן מיר, אויסגעזען פריינטשאַפט האָט זיך מיטאַמאָל, ווי איבערגעריסן. זיי האָבן זיך געהאַלטן קעגן מיר פאַר גרויסע לערנערס, זיי האָבן זיך אויפגעהערט מיט מיר שפילן און אַרומצוגיין. זיי האָבן זיך געחברט מיט גרעסערע ייִנגלעך און אויף מיר האָבן זיי זיך אפילו נישט אומגעקוקט און ווען יאָ האָבן זיי בעקוקט פון אויבן אַראָפּ.

אַ חוץ דעם איז אין בית־המדרש פאָרגעקומען אַזאַ סקאַנדאַל:

דער שטענדיקער שווייגעוודיקער ליטוואַק האָט זיך אין בית־המדרש אָנגעשטויסן מיט דעם שוואַרצן גרינעם בחור, פּיניע שמולקעס, וועלכן אַלע האָבן געהאַלטן פאַר אַ גרויסן לערנער.

עפּעס האָבן זיי געהאַט אַ פּלפּול וועגן אַ פּשט אין דער גמרא, און דער שווייגעוודיקער שטילער ליטוואַק האָט זיך אַזוי צעהיצט, אַז נישט מיט זיין קול האָט ער זיך צעשריען איבערן גאַנצן בית־המדרש, אַז ער, פּיניע שמולקעס, איז אַ גראָבער ייִנג, אַן עם־הארץ, און אַז זיין קלענסטער תלמיד קען בעסער לערנען פון אים.

דער שוואַרצער בחור פּיניע האָט זיך געוואָרפן שלאָגן דעם

ליטוואַק, ער איז נאָך שוואַרצער און גרינער געוואָרן, נאָר דער עולם האָט נישט דערלאָזט צו קיין געשלעג.

פּיניעס רעפּוטאַציע איז שטאַרק געפאַלן און דער ליטוואַק האָט באַקומען אַ נאָמען פאַר אַ גרויסן למדן.

דאָס אַלץ האָט מיר צוגעגעבן נאָך מער חשק צו לערנען ביים ליטוואַק, נאָר וויאַזוי?

גאַנצע נעכט בין איך נישט געשלאָפן און נישט גערוט און מיט-אַמאָל האָב איך אײַנדערהיים אויסגעשאָסן, אַז מען זאָל מיך אָפּנעמען פון ר׳ הערש בערן און מען זאָל מיך אָוועקגעבן צום ליטוואַק.

ווען מען האָט דאָס אײַנדערהיים דערהערט, איז געוואָרן אַ יללה, די מאַמע האָט געוויינט, דער פעטער משה האָט געשריען און געפאָטשן פעך און שוועבל אויף מיר.

די איבעריקע ביי אונדז אין הויז זענען געוואָרן בלאַס און דערשראָקן.

איך האָב זיך דאָס ערשטע מאָל אין מײַן לעבן אַזוי אײַנגע-עקשנט, אַז נישט קוקנדיק אויף דער מאַמעס טרערן, האָב איך גע-זאָגט, אַז איך וועל סיי ווי סיי מער נישט גיין צו ר׳ הערש בערן, מען זאָל מיך אפילו דערהרגענען.

ווען מען האָט געזען, אַז איך בין אַזוי אײַנגעעקשנט, האָט מען אָנגעהייבן מיט גוטן מיך איבעררעדן.

— וועלכע לייטישע קינדער לערנען ביים ליטוואַק? — האָט מען מיך געפרעגט.

— חיים נענדרול און מענדל הייזעריקער, — האָב איך געזאָגט.—ווי האָט מען אויך אָפּגענומען ביי ר׳ הערש בערן און אַוועקגעגעבן צום ליטוואַק.

דער פעטער משה האָט זיך ביטער צעלאַכט:

— ווייסטו (ער האָט מיך אָנגערופן מיט די שרעקלעכסטע זידל ווערטער) ווער זייערע טאַטעס זענען געווען?

— ווייסטו כאָטש, אַז זיי זענען אַמאָל געווען באַהעלפערס און האָבן דעם טאַטן ע״ה געטראָגן אין חדר אויף די פּלייצעס, ווען ער איז אַ קינד געווען, אוודאי שטייט זיי אָן, אַז זייערע קינדער זאָלן גיין צום ליטוואַק, ימח שמו, אָבער נישט יענקעלע גולקעס אַ קינד!

זײַנע רייד האָט אָבער נישט געהאָלפן.

איך האָב גאָרנישט געענטפערט און געשוויגן.

דער פעטער משה האָט געזען, אַז ער קען מיט מיר גאָרנישט מאַכן, האָט ער פאַר מיר אין די אויגן גערעדט דער מאַמען, אַז מען זאָל מיך אַזוי מקיים פּסק זיין, אַז איך זאָל עס האָבן צו געדענקען.

— אַ פּאָר שטעקנס וואָלט איך אויף אים צעבראָכן, וואָלט ער שוין געפּאַלט — האָט דער פעטער נישט אויפגעהערט צו רעדן פול מיט כּעס.

די מאַמע האָט דאָס ערשטע מאָל אָנגעשריען אויף דעם פעטער משה, אַז ער זאָל זיך מער נישט מישן אין אירע קינדער.

דאָס האָט אויף מיר מער געווירקט, ווי דעם פעטערס סטראַשען, צעברעכן אויף מיר שטעקנס. און ווען דער פעטער איז אַן אַ זיי־געזונט אַוועקגעגאַנגען, האָב איך מיט טרערן אין די אויגן געבעטן דער מאַמען, אַז זי זאָל מיך אַוועקגעבן צום ליטוואַק.

— דו וועסט זען, ווי איך וועל גוט לערנען, — האָב איך מיט מיין גאַנצן ריינעם האַרצן איר צוגעזאָגט.

די מאַמע האָט געשוויגן. קיין איינציק וואָרט נישט אַרויסגערעדט.

עס איז אַוועקגעגאַנגען עטלעכע טעג. צו ר׳ הערש בערן בין איך מער נישט געגאַנגען. דער רבי האָט געשיקט נאָך מיר. דערנאָך איז ער אַליין געקומען. מיר איז זייער שווער געווען זיך צו באַגעגענען מיט דעם קראַנקן צעבראָכענעם רבין, וועלכן איך האָב ליב געהאַט פאַר זיין גוטסקייט. בין איך אַנטלאָפן פון שטוב ביז שפּעט אין דער נאַכט.

מען האָט מיך אומעטום געזוכט און נישט געפונען און ווען די מאַמע האָט מיך דערזען, האָט זי זיך דערפרייט מיט מיין קומען, און האָט מיר שטיל געזאָגט:

— מאָרגן זאָלסטו גיין צום ליטוואַק און אים זאָגן, ער זאָל זיין מטריח זיין צו מיר. איך וויל מיט אים רעדן וועגן דיר.

## קאַפּיטל ניינצן.

די מאַמע האָט מיך געהייסן בעטן דעם ליטוואַק, ער זאָל זיך מטריח זיין צו איר און זי וועט איבעררעדן מיט אים וועגן מיר. אָבער זי האָט מיר געשטעלט אַ באַדינג, אַז דערווייל זאָל איך גיין אין חדר צו ר׳ הערש בערן און איך זאָל נישט אַרומגיין בטל.

זי האָט געזאָגט. אַז מען קען דאָך מיך נישט אָפּנעמען אין מיטן זמן, פּאַרוואָס קומט ר׳ הערש בערן, אַז מען זאָל אים אַנטאָן אומזיסט און אומגיבט אַזאַ בזיון. ער איז דאָך אַן ערלעכער און פרומער ייד, ער קען דאָך מיך צוקלאָגן צום טאַלנער רבין פאַר אַזאַ מעשה. וואָס וועל איך דעמאָלט טאָן?

— באמת, דיר האָט זיך פאַרגלוסט, ביזט דאָך נישט קיין „סאַמאָוואָליעץ”, אַ הפקר-מענטש! הלוואי וואָלט דער ליטוואַק געווען כאָטש אַ העלפט פרום, ווי ר׳ הערש בער, וואָלט מיך שוין גאַרנישט געאַרט, וואָס דו וועסט לערנען ביי אַ ליטוואַק.

איך האָב איר פאַרזיכערט, אַז ער איז זייער אַ פרומער ייד.

— איך זאָג, חס ושלום, גאָרנישט אויף אַ פרעמדן ייד, וואָס האָב איך צו אים? ניי, מיין קינד, דערווייל אין חדר צו ר׳ הערש בערן און איך וועל שוין איבעררעדן מיט דעם ליטוואַק וועגן דיר, און אַז עס וועט זיין באַשערט, וועסטו אָנהייבן ביי אים לערנען פון נייעם זמן, אי״ה.

איך האָב צוגעזאָגט דער מאַמען, אַז פון מאָרגן הייב איך אָן גיין צו ר׳ הערש בערן און דערווייל בין איך מיט דער גרעסטער שמחה געלאָפן צום ליטוואַק, אויסגעוואַרט ווען די קינדער זענען זיך צעגאַנגען אַהיים, דערנאָך בין איך אַריין צום ליטוואַק און

האָב אים געזאָגט, אַז די מאַמע האָט אים געבעטן ער זאָל זיך מטריח זיין צו איר.

— ווייסטו נישט, וועגן וואָס דאַרף מיך דיין מוטער? — האָט דער ליטוואַק געפרעגט.

— זי וויל רעדן מיט אייך וועגן מיר, איך וויל לערנען ביי אייך...

ער האָט צופרידן אַ שמייכל געטאָן, מיך געגלעט איבער מיין בעקל און געזאָגט, אַז מאָרגן אַוונט, ווען די קינדער וועלן זיך צע־גיין פון חדר, וועט ער קומען.

עס האָט אויסגעוויזן, אַז ער איז געווען שטאַרק צופרידן, וואָס מען וויל מיך אָוועקגעבן צו אים אין חדר. ער איז אפשר געווען נישט אַזוי צופרידן מיט מיר, נאָר וואָס פון אַזאַ חסידיש הויז וועט מען אים אָוועקגעבן אַ קינד לערנען, ווייל קיין איינציק חסידיש יינגל האָט ביי אים נישט געלערנט.

אויף מאָרגן איז דער ליטוואַק געקומען צו אונדז.

ווען ער איז אַריינגעקומען האָט ער אַ קוש געטאָן די מזוזה, אָוועקגעשטעלט זיין גראָען שטעקן אין אַ ווינקל און געזאָגט:

— אַ גוטינקער אָוונט אייך, איר וועט דאָש זיין ר׳ יענקעלעס פרוי?..

דערהערט אַזאַ לשון, האָט זיך די מאַמע אין אָנהייב אַ ביסל דערשראָקן. עס האָט אויסגעוויזן, אַז איר האָט שוין באַנג געטאָן, וואָס זי האָט מיר נאָכגעגעבן און אים געשיקט רופן. זי האָט מיט אַ טרויעריקן זיפץ אַ קוק געטאָן אויף מיר און אים גע־בעטן זיצן.

אין אָנהייב האָט זי אים געפרעגט, ווי קומט עס, וואָס ער האָט זיך געלאָזט פון אַזאַ ווייט לאַנד, אַזש צו אונדז אין שטאָט, דאָ קנעלן, זי האָט אים אויך געפרעגט, צי האָט ער אַ ווייב מיט קינדער.

ער האָט אַ שמייכל געטאָן און געענטפערט אויך מיט אַ פראַגע:

— וועלכער ייד האָט עס נישט אַ פרוי מיט קינדער? עס איז דאָ דאַנקען גאָט דאָ אַ פרוי מיט אַ סך קינדערלעך, דער גאַנצער פאַרשטאַנד פון גראָדנע, ווו איך האָב געהאַט אַן אייגענע הייזקע, איז פאַר צוויי יאָר אָפּגעבראַנט געוואָרן, עטלעכע גאַסן וועגן אויך

אָפּגעבּרענט געוואָרן, מען דאַרף עס צוריק אויפבויען, פּרנסה איז אויך נישטאָ, האָב איך זיך געלאָזט צו אייך קיין אוקראַינע.

דערנאָך איז מען איבערגעגאַנגען וועגן מיר.

זי האָט אים דערציילט, ווי איך וויל נאָר לערנען ביי אים, און זי וואָלט געוואָלט ער זאָל מער אַכטונג געבן אויף מיין פרומ-קייט, איך זאָל גיין אין דרך הישר.

דער ליטוואַק האָט מיך געלויבט ביז אין הימל אַריין, אַז איך בין אַ ווויל יינגל און אַז איך דאַרף לערנען.

ער האָט גערעדט שטיל, בנעימותדיק און וואָס ווייטער, האָט ער געמאַכט אַ בעסערן איינדרוק אויף דער מאַמען.

פון דעם שמועס איז געבליבן, אַז באַלד נאָך פּורים זאָל ער ווידער קומען צו אונדז און אַז פון נייעם זמן זאָל איך אָנהייבן לערנען ביי אים.

ביים אַוועקגיין האָט ער ווידער געזאָגט דער מאַמען, אַז איך בין זייער אַ ווויל יינגל, איך דאַרף נאָר לערנען און ער האָפט, אַז אין אַ יאָר אַרום, ווען איך וועל לערנען ביי אים, וועט זי מיך נישט דערקענען און וועט אין מיר פיל נחת האָבן. וואָס עס געהער זיך אָן צו פרומקייט, האָט ער געזאָגט, איז אויף אַלע קינדער, וואָס לערנען ביי אים, גיט ער אַליין אַכטונג, אַז זיי זאָלן נישט גיין אין שלעכטן וועג, ער אַליין וועט, זיי זאָלן אַלע טאָג דאַוונען, זיך וואַשן און בענטשן ביי עסן און אַלץ, וואָס אַ ייד דאַרף אָפּהיטן.

די מאַמע האָט גרינג אָפּגעזיפצט און פריינטלעך זיך געזעגנט מיט דעם ליטוואַק.

ביז צום נייעם זמן בין איך געגאַנגען צו ר' הערש בערן. ער האָט שוין געוווסט, אַז מען וויל מיך אָפּנעמען פון אים. דאָס האָט אים שוין איבערגעגעבן מיין פעטער משה, וואָס האָט אים געעצהט, אַז ער זאָל מיך נעמען שטאַרקער אין די הענט אַריין: דאָס האָט געהייסן זיין שטרענגער מיט מיר און אויך בעסער לערנען מיט מיר.

נאָר צו וועלכן מלמד מען האָט מיר שוין בכעס ווי אַוועקגע-געבן, האָט ער נישט געוווסט, ווייל דער פעטער משה האָט אויך נישט געוווסט. נאָר איבער אַ באַזונדער צופאַל האָט דער פעטער משה אויך

געמוזט שווייגן, ווען ער האָט זיך שפּעטער דערוווּסט, אַז דער ליטוואַק, איז שוין געווען ביי אונדז אין שטוב און גערעדט מיט דער כאַמען וועגן מיר.

דער צופאַל איז געווען אַזעלכער:

עס איז געווען די וואָך, וואָס מיר האָבן געלערנט די שווערסטע סדרה „משפּטים״. אין דערזעלבער וואָך האָבן מיר געלערנט דעם בלאַט גמרא, ווו עס האָט זיך גערעדט וועגן געבן חליצה אַ ברודערס אַ פרוי, וואָס איז געבליבן אַן אלמנה אָן קינדער.

ווי דער שטייגער איז, האָבן אַלע עטלעכע און צוואַנציק קינדער געלערנט צוזאַמען, דאָס הייסט, מיר האָבן צוזאַמען מיט דעם רבין אַ גאַנצע וואָך געשריען און איינער פון דעם צווייטן האָט נישט געוווּסט נישט פּשט און נישט קיין טייטש. ערשט דאָנערשטיק, פלעגט יעדערער זאָגן באַזונדער פאַר דעם רבין און ער פלעגט אַמאָל פאַר־ריכטן, ווען דער תּלמיד האָט נישט געוווּסט.

דעם היינטיקן דאָנערשטיק האָב איך אויך פאַר דעם רבין איבער־געזאָגט אַלץ, וואָס איך האָב געלערנט די גאַנצע וואָך און ער האָט מיך נישט אָפּגעשטעלט: ווייזט אויס, אַז איך האָב גוט געקענט, אָדער ער האָט נישט דערהערט מיינע גרייזן.

שבת האָט דער פעטער משה מיט נאָך איינעם אַ קרוב מיך געוואָלט פאַרהערן און אפשר האָבן זיי געוואָלט ווייזן מיין מאַמען, וואָס פאַר אַ גוטער רבי ר׳ הערש בער איז.

שבת איז צו אונדז געקומען מיין רבי. די מאַמע האָט דערלאַנגט צום טיש שבת־אויבס און מיך האָט מען גענומען צום צימבל, דאָס הייסט צום פאַרהערן.

דער רבי איז געווען זיכער אין מיר און איך האָב אָנגעהייבן קנאַקן די גמרא, וואָס איך האָב געלערנט די וואָך.

עס איז געקומען צו די ווערטער אין דער גמרא: **היו לו שנים — אחד חולץ ואחד מיבם.**

פרעגט מיך איינער פּלוצלונג:

— וואָס איז דער טייטש יבום?

טראַכט איך אַ ביסל און דערמאַן זיך, אַז איך האָב געהערט, ווי דער ליטוואַק האָט געזאָגט אויף אַ סאָלדאַט יון און אויף אַ סך סאָלדאַטן יונים. נעם איך און ענטפער מײַנע פאַרהערער, אַז יבום איז דער טײַטש — אַ סאָלדאַט.

דער פעטער משה האָט אויסגעשאָסן מיט אַ געלעכטער, און מײַן רבי איז געבליבן זיצן פאַרשעמט.

— סטײַטש, — פרעגט ער מיך, ווי קומט צו מיר איך זאָל זאָגן, אַז יבום איז אַ סאָלדאַט. ענטפער איך, אַז אויף ליטוויש איז יבום דער טײַטש אַ סאָלדאַט. איך האָב דאָס אַליין געהערט פון דעם ליט-וואַק, ווי ער זאָגט אויף אַ סאָלדאַט יון...

ווען מען האָט געזען, אַז מיט דער גמרא בין איך שטאַרק דורכגעפאַלן, האָט מען מיך גענומען פאַרהערן די סדרה משפטים, וואָס איך האָב געלערנט די גאַנצע וואָך, און ווען עס איז געקומען צום פסוק: וכי יריבון אנשים והכה איש את רעהו באבן או באגרוף, און איך האָב אָנגעהייבן פאַרטײַטשן: און ווען מענטשן וועלן זיך קריגן און איינער וועט שלאָגן דעם צווייטן מיט אַ שטיין אָדער מיט אַ טולופ *)... האָבן מיך בײדע פאַרהערער מיט באַוווּנדערונג אָפּגעשטעלט און מײַן רבי האָט אַרויסגעשטעלט אַ פּאָר דערשראָקענע אויגן.

— וואָס זאָגסטו עפּעס אַ טולופ? זאָג נאָכאַמאָל דעם טײַטש פון פסוק! און איך זאָג ווידער, און ווי עס קומט צום וואָרט באַ-גרוף, וואָס איך האָב פאַרטײַטשט טולופ, האָט מען מיך מיט אַ גע-לעכטער ווידער אָפּגעשטעלט, און מען האָט מיר געזאָגט, איך זאָל פאַרטײַטשן יעדעס וואָרט באַזונדער.

איך האָב אַזוי געטאָן און ווידער האָב איך פאַרטײַטשט דאָס אומגליקלעכע וואָרט באגרוף, אַז דאָס איז אַ טולופ...

— זאָג נאַר, גרויסער חכם, — האָט דער פעטער משה געזאָגט, — פונוואַנען האָסטו פלוצים גענומען, אַז באגרוף איז דער טײַטש אַ טולופ?

— וואָס הייסט, — זאָג איך, — קען מען דען מיט אַ טולופ נישט

---

*) טולופּ הייסט אַ פּעלץ מיט לאַנגע האָר און מיט אַ גרויסן פוטערנעם קאָלנער. שינסער פאַ־ן סוחרים צין הצג און [illegible] טולופּעס.

שלאָגן קיין מענטשן, אַז ער זאָל קראַנק ווערן? מיט אַ טולופּ קען מען אַפילו דערהרגענען אַ מענטשן.

— ווי האַסטו, חכם מיינער, געזען אַזאַ טולופּ, וואָס מען קען אַפילו מיט אים הרגענען מענטשן?

— אַזאַ טולופּ ווי איר, פּעטער, האָט. ער איז מיט לאַנגע האָר און מיט אַ דאַרער פּעל. דעריבער איז ער אַזוי שווער, און ווען מען זאָל מיט אייער טולופּ געבן עמעצן אַ זעץ, קען מען אים דער-הרגענען.

באמת איז מיין גרויסער טעות געקומען דערפון, וואָס די גאַנצע וואָך לערנט מען אַלע צוזאַמען, מען שרייט אַזוי, אַז איינער הערט נישט, וואָס דער צווייטער זאָגט.

זונטיק, ווען מען האָט אָנגעהייבן לערנען די סדרה משפּטים, האָט דער רבי, פאַרשטייט זיך, פאַרטייטשט דאָס וואָרט באגרוף — אַ קולאַק, און צווישן דעם גרויסן געפּילדער אין חדר, דעם געשריי בײַם לערנען פון די קינדער צוזאַמען מיט דער רבין, דעם קוויטשען פון די הינער און דעם שרייען פון זייער ריזיקן האָן, האָב איך נישט דערהערט און עס האָט זיך מיר אויסגעוויזן, אַז דער רבי האָט געטייטשט באגרוף — אַ טולופּ. אין גרויס געפּילדער האָט אין מיינע אויערן געקלונגען דאָס וואָרט קולאַק — טולופּ.

עס איז מיר טאַקע באַלד איינגעפאַלן: ווי קען מען עס מיט אַ טולופּ שלאָגן אַ מענטשן אַזוי, אַז ער זאָל קראַנק ווערן?

האָב איך זיך אויף מיין אומגליק דערמאָנט אין מיין פּעטער משהס אַלטן שווערן „סאַקסאַקקענעם טולופּ" מיט דער האַרטער פּעל. חי אַ שטיק פאַרדאַרטער לעדער, ווי אַ ברעט, און עס איז ביי מיר געבליבן, אַז מיט מיין פּעטער משהס טולופּ קען מען נישט נאָר אַ זעץ געבן אַ מענטשן, אַז ער זאָל קראַנק ווערן, נאָר מען קען מיט אים דערהרגענען עטלעכע מענטשן מיט איין קלאַפּ.

און אַ גאַנצע וואָך, ביז דאָנערשטיק, האָב איך בײַם לערנען די סדרה געהאַלטן אין איין שרייען „באגרוף מיט אַ טולופּ" און קיי-נער, נישט מיינע חברים און נישט דער רבי האָבן נישט דערהערט, אַז איך שריי „מיט אַ טולופּ".

עס האט זיך אויסגעוויזן, אז איך שריי אויף א „קולאך", און אפילו דאנערשטיק, ווען איך האב שוין געזאגט באזונדער די סדרה פאר דעם רבין, האט ער זיך, אפנים, פארטראכט און מיין טעות נישט דערהערט.

אזוי איז געקומען די גרויסע קאטאסטראפע פאר מיין רבין און א גרויס גליק פאר מיר.

אפילו דער פעטער משה איז שוין נישט געווען קעגן דעם, מען זאל מיך אפנעמען פון אזא טייערן ייד, ווי ר׳ הערש בער און מען זאל מיך אוועקגעבן צו אן אנדער רבין.

ער האט אוודאי נישט געוואלט, מען זאל מיך אוועקגעבן צו א ליטוואק. עס איז פאר אים און פאר אונדזער גאנצער משפחה געווען א גרויסער בזיון, נאר ער האט גארנישט געקענט טאן. ער האט מיטאמאל אנגעוווירן זיין מאכט איבער מיר און ער איז שוין מער פאר מיר נישט געווען געפערלעך.

פון דעם שבת אן האבן שוין אלע געוווּסט, אז איך לערן ביי ר׳ הערש בערן דעם לעצטן זמן.

## קאַפּיטל צוואַנציק.

באַלד נאָך פּסח האָב איך אָנגעהייבן לערנען ביים ליטוואַק אין חדר. מען האָט אים גערופן ר׳ שלום דוד.

ער איז געווען מיין ערשטער רבי, ביי וועלכן איך האָב דער־פילט, אַז איך לערן.

אַלץ, וואָס איך האָב ביי אים געלערנט, איז פאַר מיר געווען קלאָר און פאַרשטענדלעך און האָב ווייניקער צייט פאַרלוירן אויף דעם לערנען, ווי פריער.

מיין יונג קעפּל האָט זיך מיר אויפגעהערט צו דרייען, ווי פריער. און איך האָב נישט געפילט, ווי עס פלאָנטערט זיך ביי מיר אין קאָפּ פון אַזאַ אומגעלומפּערט לערנען, אַז איך האָב נישט געוווּסט, אויף וואָס פאַר אַ וועלט איך גיי אַרום.

איצטער איז נישט געווען קיין שווערע זאַך, וואָס מיין נייער רבי זאָל זי מיר אין עטלעכע ווערטער נישט דערקלערן, און עס איז מיר באַלד קלאָר און פאַרשטענדלעך געוואָרן.

ביז אים האָב איך קיינעם אַזוי נישט ליב געהאַט, ווי מיין מאַמען. איצטער האָב איך ליב געהאַט מיין מאַמען און מיין רבין.

דער ליטוואַק, ר׳ שלום דוד, איז פאַר מיר געווען נישט בלויז אַ רבי, נאָר אויך אַ טאַטע. און אין דער פרייער צייט פלעגט ער מיט מיר אַפּט שפּאַצירן און גערעדט מיט מיר נישט ווי אַן עלטערער מענטש, נאָר ווי מיט זיין גלייכן, ווי מיט זיינעם אַ חבר.

ער האָט מיך זייער ליב געהאַט און כמעט זיין גאַנצע פריי־צייט פלעגט ער מיר אָוועקגעבן. ער פלעגט מיט מיר גיין זיך באָדן אין טייך אָדער שפּאַצירן אונטער דער שטאָט. כאָטש איך בין מער נישט אַלט געווען, ווי אַ יאָר צען, האָט ער פאַר מיר אויסגעגאָסן זיין שווער

הארץ, דערציילט פון זיין ווייטער היים, פון זיין פרוי און קינדער, און אַז ער האָט אינדערהיים פונקט אַזאַ ייִנגל אין מיינע יאָרן, וועלכן ער האָט זייער ליב. ער האָט אַ גוט קעפּל צום לערנען, נאָר ווער ווייסט ווי אַזוי ער פירט זיך אויף דאָרטן אין גראָדנע, ווען זיין טאַטע איז אַזוי ווייט.

ער פלעגט זייער אַכטונג געבן אויף מיין פרומקייט, און נישט נאָר איך זאָל יעדן טאָג אינדערפרי און אויף דער נאַכט דאַווענען, נאָר ער פלעגט מיר הייסן דאַווענען הויך, ער זאָל קענען הערן יעדעס וואָרט און אויסבעסערן מיר. ווען איך האָב אַמאָל נישט אויסגערעדט ווי עס דאַרף צו זיין אַ וואָרט אין סידור.

אין אָנהייב האָט עס מיך אַ ביסל פאַרדראָסן. עס איז מיר געווען אַ בזיון: סטייטש, וואָס הייסט דאָס? איך האָב דאָך שוין געלערנט ביי גמרא-מלמדים, איך קען דאָס דאַווענען שוין אויסנווייניק, און איצטער הייסט ער מיר דאַווענען אין אַ סידור, ווי אַ ייִנגעלע ביים דרדקי-מלמד, און פאַרריכט מיר אַלע מאָל גרייזן.

און ווען איך האָב זיך דערפון געפונען באַליידיקט, האָב איך נישט אויסגעהאַלטן און אים עס געזאָגט.

— נישקשה,—האָט ער מיר קאַלטבלוטיק און געלאַסן געענטפערט,— דו דאַרפסט זיך נישט שעמען. וואָס דו, אַ גמרא-ייִנגל, קאָנסט נישט דאַווענען. עס זענען דאָ ביי אייך אַ סך ייִדן, אַפילו אַזעלכע, וואָס דאַווענען פאַרן עמוד און קענען נישט זאָגן קיין עברי. דו ביזט ערשט אַלט צען יאָר, וועסטו נאָך קענען, און זיי וועלן שוין קיינמאָל נישט קענען.

דאָס איז געווען פאַר מיר אַזאַ נייס, אַז איך בין איבעראַשט געוואָרן און איך האָב אים געפרעגט:

— און פיניע שמושקעס קען אויך נישט קיין עברי?

— ווער? — האָט מיין שטילער רויקער רבי זיך פּלוצים אָנגע-צונדן. — אָט דער שוואַרצער בחור, אָט דער עם-הארץ? ער קען אוודאי נישט, באַטש ער איז דאָ אין אייער בית-המדרש אַ למדן. אַז דו וועסט נאָר וועלן גוט לערנען, וועל איך ווייזן, אַז אין אַ יאָר אָדער צוויי וועסטו קענען פיל בעסער לערנען, ווי אייער טייערער תכשיט, דער שוואַרצער בחור.

נאָכדעם פלעג איך שוין שטענדיק דאַווענען אין סידור און זיך אויפגעהערט צו באַליידיקן.

מיינע פריערדיקע צוויי חברים, וועלכע האָבן זיך פון מיר דערווייטערט, ווען זיי זענען אינמיטן זמן אַוועק פון ר׳ הערש בערן און אָנגעהייבן לערנען ביים ליטוואַק, זענען צוריק מיט מיר חבר געוואָרן. אונדזער פריינטשאַפט איז נאָך איצטער שטאַרקער געוואָרן, ווייל מיר דריי האָבן זיך אָנגעהייבן רעכענען פאַר די בעסטע תלמידים ביים ליטוואַק אין חדר.

און וועגן דעם האָבן שוין געוווסט אַלע ביי אונדז אין בית-המדרש.

איך האָב זייער ליב געהאַט מיין נייעם רבין. איך בין געווען גליקלעך, וואָס איך האָב געלערנט ביים ליטוואַק, איך האָב געשטאַלצירט קעגן די ייִנגלעך, וואָס לערנען ביי אַנדערע מלמדים. מיין נייער רבי איז געווען מיט מיר היימיש און שטענדיק פריינטלעך, דאָך האָב איך געקוקט אויף אים מיט חשד. עפּעס האָב איך זיך געשראָקן פאַר אים און ביינאַכט צוזאַמען אין איין צימער וואָלט איך מורא געהאַט מיט אים צו שלאָפן.

מיינע צוויי חברים חיים גענדזל און מענדל הייזעריקער, וועלכע האָבן נישט ווייניקער שטאַלצירט מיט אונדזער רבין, דעם ליטוואַק, האָבן זיך אויך געשראָקן פאַר אים.

און נישט קיין וווּנדער. מיר האָבן אין בית-המדרש זיך אָנגעהערט דערציילן שרעקלעכע זאַכן וועגן ליטוואַקעס, דערהויפּט וועגן זייערע גרויסע לומדים און גאונים, אַז יעדער ליטוואַק, וואָס פאַר אַ גרעסערער למדן ער איז, אַלץ אַ גרעסערן צלם האָט ער אין קאָפּ. און מיר האָבן אויך געוווסט פון אַזאַ מעשה, וואָס האָט זיך פאַרלאָפן לעבן פאַלטאַווע.

דערציילט האָט עס דער אַלטער ר׳ שייע שמושקעס אַליין, און כאָטש מען האָט אים געהאַלטן פאַר אַ נגיד און ער איז געזעסן אין מזרח-וואַנט, דאָך פלעגט ער אין די ווינטערדיקע נעכט, נאָך מעריב, זיך אָראָפּלאָזן צו דער וואַרעמער אָנגעהייצטער הרובע, ווו עס האָבן געלערנט די מקובלים און נאָך יידן. ר׳ שייע פלעגט אויך אַמאָל כאַפּן מיט זיי אַ פּרק משניות אָדער אַ בלאַט גמרא און די איבעריקע צייט פלעגט מען דערציילן מעשיות. האָב איך אויך געהערט איינע אַזאַ מעשה.

איינמאָל איז אַ ייִד, אַ גרויסער סוחר געפאָרן אויפן פאַלטאַוועד יריד. אַ קלייניקייט אַמאָליקע פּאַלטאַווער ירידים! פון דער גאַנצער

וועלט פלעגט מען פארן קיין פאלטאווע, איז דער יידישער גרויסער סוחר אויך געפארן. איר ווייסט דאך, אז דער פאלטאווער יריד פאלט שטענדיק אויס אום שבת, אין די גרעסטע פרעסט. פלוצים איז געווארן א גרויסע „זאווערוכע" — דער שניי האט אנגעהייבן באזן פון אלע זייטן און פארשאטן דעם וועג און מען האט אנגעהייבן בלאנדזשען.

דער פראסט האט נאך שטארקער גענומען. דער גרויסער סוחר האט זיך אפילו ווייניק דערשראקן פאר דעם פראסט, ווייל ער איז געגאנגען אנגעטאן אין פוטערנע הויזן און פוטערנע זאקן, מיט שטיוול און א שאפענעם טולופ מיט א גרויסן קאלנער. אבער וואס הייסט בלאנדזשען ווינטער, ביינאכט, אינמיטן פעלד, ביי א גרויסן שניי-שטורעם! מען קען דאך אומקומען פון הונגער און פון קעלט.

עס איז שוין געווען נאך צוועלף א זייגער. פלוצלונג האט דער סוחר דערזען א קליין שטיבל, און איין פענסטערל האט געלויכטן. האט ער גלייך אנגעקלאפט אין דער טיר, האט אים א געזונטע גויע געעפנט און אריינגעלאזט, און ווי ער איז אריין אין שטוב, האט ער דערזען, ווי לעבן אן אנגעהייצטע הרובע זיצט א ייד מיט א בארד און פאות איבער א גמרא און לערנט געשמאק ביי א ליכט. האט זיך דער סוחר אוודאי מחיה געווען, דערוועענדיק אזא יידן, א למדן. ער האט זיך מיט אים צערעדט און דערנאך האט זיך אויסגעלאזט, אז דער ייד איז טאקע א גרויסער למדן, נאר א ליטוואק און די געזונטע גויע, וואס האט געעפנט די טיר, איז זיין ווייב, צוליב וועלכער ער האט זיך געשמדט.

אט דאס הייסט א ליטוואק!

פאר מיר זענען בכלל מעשיות קיינמאל נישט געווען קיין אויסגעטראכטע זאכן. איך האב אין זיי געגלויבט, ווי אן ערלעכער ייד אין דער תורה, בפרט אז די מעשיות האבן דערציילט ערלעכע יידן, גרויסע חסידים, ווער שמועסט נאך, ווען עס האבן עס דערציילט אזעלכע טייערע יידן, ווי ר' שייע שמושקעס.

אט האב איך געוווסט נאך א מעשה וועגן א ליטוואק.

א ליטוואק איז אמאל ביי זיך אין דער ליטע ארויסגעגאנגען פון זיין הייזל און געזאגט דער ווייב, אז ער וועט קומען אין א שעה ארום. צום סוף איז ער פארפאלן געווארן אויף עטלעכע פסחן, און ווען ער איז נאך דידאזיקע עטלעכע פסחן געקומען צוריק אהיים

צו זיין ווייב און קינדער, האָט אים אפילו קיינער נישט געפרעגט, ווו ער איז געווען.

נאָר מער פון אַלעם האָט מיך אינטערעסירט דער צלם, וואָס געפינט זיך ביי יעדן ליטוואַק אין קאָפּ, און איך האָב געהאַט אַ השגה, נישט מער און נישט ווייניקער, איך זאָל קענען זען, ווי אַזוי עס זעט אויס דער צלם ביי מיין רבין — דעם ליטוואַק אין קאָפּ.

און ווען איך האָב אַמאָל אינדערשטיל עס געזאָגט מיינע חברים, האָט חיים געַנדזל מיר געענטפערט:

— נאַרעלע, פאַרוואָס זאָלסטו נישט קענען זען דעם צלם? איך זע שטענדיק דעם צלם אויף דעם גרויסן שטערן פון אונדזער רבין... דו דאַרפסט זיך נאָר גוט איינקוקן, וועסטו אויך זען.

און פון דעמאָלט אָן, בעת מיר האָבן געלערנט, האָב איך זיך גוט איינגעקוקט אויף מיין רבינס שטערן און האָב צווישן די קנייטשן באַשיינפערלעך געזען צוויי צייכנס, אַזוי ווי אַ צלם.

דער רבי האָט געמיינט, אַז איך קוק אויף אים און הער וואָס ער לערנט. איך האָב אָבער געקוקט אויף דעם צלם, וואָס האָט זיך געפונען אויף זיין שטערן.

— נו, האָסטו געזען דעם צלם אויף אונדזער רבינס שטערן? — האָט מיך דערנאָך געפרעגט מיין חבר.

— יאָ, איך האָב טאַקע געזען.

— דאָס איז נאָך נישט אַלץ, — האָט ער געזאָגט—אינווייניק אין קאָפּ געפינט זיך טאַקע אַן אמתער צלם, פונקט אַזוינער, וואָס די גויעס טראָגן אויפן האַלדז, נאָר ביי אַ ליטוואַק אין קאָפּ איז דער צלם פון ביין.

און איך האָב מיט דעם גאַנצן האַרצן געגלויבט, אַז עס איז אַזוי. וואָרים אַז חיים גענדזל זאָגט, מסתמא ווייסט ער. איך בין דאָך יינגער פון אים און ער איז עלטער פון מיר גאַנץ אַ יאָר אָדער צוויי.

מיין גלויבן, אַז אַ ליטוואַק איז אַ באַזונדער באַשעפעניש, ווי אַלע אַנדערע יידן, האָט אין מיר זיך געשטאַרקט, ווען איך האָב געזען ווי מיין רבי פירט זיך אַנדערש, ווי די איבעריקע מלמדים.

איינמאָל אין צוויי וואָכן, זונטיק, ווען עס פלעגט זיך שטעלן ביי אונדז דער יאַריד, פלעגט ער מיט אַ זעקל גיין אויפן מאַרק און צוריקברענגען רויטע קאַרטאָפלעס און עטלעכע שוואַרצע ברויטלעך.

אַ גאַנצע וואָך פלעגט ער עסן דאָס שוואַרצע ברויט מיט קאַר-

טאַפּלעס, וועלכע ער פלעגט אַליין אָפּקאָכן. נאָר אַ טאָג איבער אַ טאָג פלעגט ער פון דיזעלבע קאַרטאָפלעס פאַר זיך אָפּקאָכן אַ זופּ.

שבת און יום־טוב האָט ער געגעסן ביי אונדז, ווייל די מאַמע האָט אים זייער געבעטן, זאָגנדיק, אַז ביי איר שבתדיקן טיש איז נישטאָ קיין מאַנסביל.

די צווייטע וואָך פלעגט דאָס ברויט ווערן האַרט, ווי אַ שטיין און ער פלעגט דאָס ברעכן מיט די ציין, האָב איך אים איינמאָל געפרעגט:

— רבי, פאַרוואָס קויפט איר מיטאַמאָל עטלעכע ברויטלעך, אַז דערנאָך מוזט איר עס עסן האַלב־געבאַקן? איר קענט דאָך יעדן טאָג אָדער יעדע צוויי טעג קויפן פריש ברויט?

דער רבי, וואָס איז מיט מיר געווען זייער היימיש און פלעגט אָפט מיר אויסדערציילן זיין ביטער האַרץ, האָט מיר איצט אויך געענטפערט דעם ריינעם אמת:

— איך בין דאָך נישט אַהער געקומען איך זאָל דאָ פאַרבעסערן מיין געזונט. איך בין געקומען דאָ אַפּזיין אַ פּאָר יאָר, מאַכן עטלעכע הונדערט רובל און צוזעקפאַרן צו מיין ווייב און קינדער. פאַרענדיקן מיין אָפּגעבערענט הייזל און חתונה מאַכן מיינס אַ מיידל. געלט דאַרף איך האָבן אַ סך, זייער אַ סך, אפשר זעקס אָדער אַכטהונדערט רובל. גאָט זאָל נאָך אַזויפיל העלפן! ווי־זשע זאָל איך אָנזאַמלען אַזויפיל געלט, ווען איך וועל יעדן טאָג עסן פריש ברויט? איך קויף אומישנע ברויט אויף צוויי וואָכן, כדי עס זאָל גוט האַלב געבאַקן ווערן, און האַלב געבאַקן ברויט האָט שוין אַזאַ טבע, אַז עס עסט זיך ווייניקער...

אויף מיר האָט זיין ענטפער געמאַכט אַן איינדרוק. צו אַזאַ זאַך, ווי אַזוי צו מאַכן קאַפּיטאַל מיט האַלב געבאַקן ברויט, האָט זיך נאָך געקענט דערטראַכטן אַ ליטוואַק מיט אַ צלם אין קאָפּ, כאָטש אַליין איז ער געווען דער ערנסטלעכסטער, שטילסטער און פרומסטער מענטש, וועלכן איך האָב נאָר אַמאָל באַגעגנט.

און איך האָב באַזונדערס אים ליב געהאַט פאַר זיין לייטישקייט. ער האָט אויף קיינעם קיין שלעכט וואָרט נישט גערעדט, אפילו אויף זיינע קאָנקורענטן, די גמרא־מלמדים, וועלכע האָבן אַזוי־אָס בייז אויסגעטראַכט אויף אים.

ער האָט נאָר נישט געקענט איבערטראָגן אַן עם־הארץ, וואָס

האָט זיך געוואָלט מאַכן פאַר אַ למדן. דאַן, ווען עס איז אים אויס־געקומען זיך צו באַגעגענען מיט אַזאַ מענטשן און יענער האָט אָנגע־הייבן מיט אים צו רעדן וועגן לערנען, פלעגט זיך מיין רבי אָנצינדן, ווי אַ העליש פייער און אויסגיסן זיין גאַנצן כעס אויף יענעם.

דאָס געלט, וואָס ער פלעגט צוזאַמענקלייבן פון שכר־למוד, פלעגט ער אַוועקגעבן באַהאַלטן מיין מאַמען.

עס איז אים אַזוי גרינג נישט אָנגעקומען ביז די מאַמע האָט צוגענומען דאָס געלט.

זי האָט אים אָנגעוויזן אויף עטלעכע גבירים און אויף דעם רב און עפעס אויף אַ „קאַזיאָנע קאַסע", ווו מען קען באַהאַלטן געלט. נאָר ער האָט געזאָגט, אַז ער געטרויט נישט קיינעם זיין „בלוטיק געלט" נאָר דער מאַמען.

דאַן האָט די מאַמע אים געגעבן אַן עצה, ער זאָל אַלע חודש די עטלעכע רובל שכר־למוד אַוועקשיקן זיין פרוי קיין גראָדנע, איז ער אויפגעשפרונגען און געענטפערט:

— קיין קאָפּיקע וועל איך מיין פרוי נישט שיקן!

— פון וואָס זשע וועט זי לעבן מיט די קינדער? — האָט מיין מאַמע געפרעגט.

— זי וועט זיך שוין אַזוי פּלאָגן, ווי איך דאָ... איך מוז ברענגען דאָס גאַנצע געלט מיט זיך, און אַז איך וועל איר אָנהייבן שיקן צו־ביסלעך, וועט מען עס אויפעסן און עס וועט גאָרנישט בלייבן אויפן הייזל און אויף חתונה צו מאַכן דאָס מיידל.

ווילנדיק, צי נישט ווילנדיק, האָט מיין מאַמע געמוזט היטן מיין רבינס געלט.

## קאַפּיטל איינאונצוואנציק.

ווייבער און יידן מיט שטעקלעך אין די הענט האָבן דער־שמעקט, אַז מיין רבי האָט געלט, האָבן זיי אָנגעהייבן צו קומען צו אים פאַרלייגן פאַרשידענע געשעפטן.

איינע האָט אים פאַרגעלייגט, אַז ער זאָל איר לייען איבערן מאַרק־טאָג אַ צענערל, זי וועט קויפן עופות, און ווען זי וועט זיי פאַרקויפן, וועט זי אים אָפּגעבן צוועלף רובל פאַר זיינע צען.

איינער האָט אים פאַרגעשלאָגן, אַז דער רבי זאָל אַריינלייגן געלט, מען וועט קויפן אַ פּאָר זעקלעך ווייץ אויף דעם מאַרק, און ווינצל עס וועט זיין פאַרדינסט, וועלן זיי זיך טיילן. און נאָך אַזעלכע מכּחרים האָבן פאַרשידענע מאַרק־מענטשן געוואָלט מיט אים מאַכן. נאָר ער פלעגט אויף זיי אָנשרייען:

— איך האָב נישט קיין געלט און בין נישט קיין סוחר, גייט אייך געזונטערהייט!

זיי האָבן זיך אָבער אָנגעטשעפּעט אין אים, ווי די פליגן און עס איז געקומען דערצו, אַז ער האָט איינעם מיט אַ שטעקן אַרויס־געטריבן פון חדר.

אַלע האָבן אים געשאָלטן, אַרויסגעלאָזט אַ קלאַנג, אַז דער ליטוואַק איז אָנגעשטאָפּט, ווי קרח, אַז ער פאַרגינט זיך נישט דאָס לעבן און עסט נאָר פון איין שבת צום אַנדערן.

בכלל, זינט דער ליטוואַק האָט זיך געמאַכט אַ חדר און ביי אים האָבן געלערנט די בעסטע תלמידים, דאָס הייסט, פאַר וועלכע מען האָט גוט באַצאָלט, האָט ער צווישן די מלמדים באַקומען די גרעסטע שונאים, כאָטש ער האָט קיינעם קיין שלעכטס נישט געטאָן.

די מארק-יידענעס און מארק-יידן האבן אים נישט אויפגעהערט צו שעלטן, פארוואס ער וויל זיי נישט בארגן קיין געלט. און דער ליטוואק איז געווען ביי יעדן אין מויל. אלע האבן האבן וועגן ליט-וואק דעם צלם-קאפ, אנגערעדט אלדאס בייז, נאר מיר, זיינע תלמידים, האבן געהאלטן פון אים און אויך ביי אונדז אין הויז האט מען זיך גוט באצויגן צו אים.

באזונדערס האט מען נישט אויפגעהערט צו רעדן וועגן דעם ליט-וואק אין דער „אלטער שטאט".

מיין געבורטשטאט אומאן טיילט זיך אויף צוויי חלקים: איין חלק רופט מען די „אלטע שטאט" און דעם צווייטן — די „נייע שטאט".

די צוויי טיילן שטאט אונטערשיידן זיך דערמיט, וואס אין דער אלטער שטאט געפינען זיך אלטע געביידעס און דער „ראטהויז" מיט א סך שטאט-קליינן נאך פון כמעלניצקיס צייטן, די אלטע שול, וווּ יידן האבן זיך אויסבאהאלטן פאר גאנטען און זעליעזניאקן און זענען דארט אומגעקומען.

אויך געפינען זיך דא אלערליי חסידישע שטיבלעך און קלויזן (בתי מדרשים).

דער טייל פון דער נייער שטאט איז צוגעבויט געווארן ערשט אין די לעצטע הונדערט יאר.

אין דער נייער שטאט וווינען עטלעכע אפיקורסים, אדער ווי מען רופט זיי: „די דייטשן". אויך אונדזער הויז און דעם ליטוואקס חדר האט זיך געפונען אין דער נייער שטאט.

אויף אלע איינוווינער פון דעם נייעם טייל שטאט האט מען געקוקט קרום, כאטש דא זענען נײַנאונניינציק פראצענט איינוווינער אויך געווען דיזעלבע חסידים און פרומע יידן, נאר עס נישט גע-האלפן: די נייע שטאט האט געהאט א שלעכטן שם.

איינמאל, סוף ראש-חדש אלול, האט זיך פארשפרייט א קלאנג, או אין דער אלטער שטאט שלאגט מען בראסלאווער חסידים, וועלכע זענען זיך אנגעפארן אויף קבר-אבות צום צדיק ר' נחמן, וועלכער ליגט אויף דעם אלטן בית-עולם.

— וואס הייסט, מען שלאגט בראסלאווער חסידים? — האט מיין רבי געפרעגט ביי איניקע יידן, וואס האבן עס דערציילט.

— טאלנער חסידים שלאגן בראסלאווער! — האט מען אים גע-ענטפערט. — אלע יאר אין דער צייט קומען פאר אזעלכע געשלעגן.

— פֿאַרוואָס? — האָט ער נישט אויפגעהערט צו פֿרעגן, און ווי זיין שטייגער איז, האָט ער זיך אָנגעצונדן, ווען ער האָט געזען אָדער געהערט וועגן עפּעס אַן אומרעכט.

— גייט אין דער אַלטער שטאָט, וועט איר וויסן, פֿאַרוואָס? — האָט איינער געזאָגט.

— איך וועל טאַקע גיין, איך וויל זען, צי עס איז טאַקע אמת, אַז יידן שלאָגן יידן.

און מיין רבי האָט נישט געמאַכט קיין טענות, פֿאַרקנעפּלט די קאַפּאָטע, גענומען זיין גראָבן שטעקן און איז אַוועק אין דער אַל־טער שטאָט.

דאָרט, לעבן דער בראָסלאַווער קלויז האָט ער געזען אַ גרויסן עולם טאַלנער חסידים, וועלכע זענען אָנגעפֿאַלן מיט שטעקנס אויף די בראַסלאַווער.

מיין רבין האָט עס שטאַרק פֿאַרדראָסן. ער איז אַרויף ערגעץ אויף אַ גאַניקל און אָנגעהייבן שרייען אויף זיין ליטוויש לשון:

— יידן, וואָס טוט איר! איר שלאָגט יידן, פֿאַרוואָס? געוואַלט, פֿאַרוואָס טוט איר עס?

מען האָט מער נישט באַדאַרפֿט, ווען מען האָט אין דער אַלטער שטאָט דערזען דעם ליטוואַק, דעם צלם־קאָפּ, האַלטנדיק אַ גאַנצע דרשה, זיך אָננעמענדיק פֿאַר די בראַסלאַווער חסידים.

מען האָט אים אַראָפּגעשלעפּט פֿון גאַניק און אים אָנגעהייבן מכבד זיין מיט קלעפּ, גלייך ווי ער וואָלט אויך געווען אַ בראָס־לאַווער חסיד.

און ווער ווייסט, וואָס עס וואָלט געווען מיט אים, ווען נישט מיין עלטערע אויסגעגעבענע שוועסטער נחמה, וואָס האָט געוווינט פֿונקט אַקעגן דער בראַסלאַווער קלויז, וואָלט נישט דערזען, אַז מען שלאָגט מיין רבין. זי האָט אים אַרויסגעריסן פֿון די חסידישע הענט, אַריינגעפֿירט צו זיך אין שטוב און פֿאַרשלאָסן די טיר.

מיין עלטערע שוועסטער האָט געהאַט אַ מאַן, איינעם פֿון די פֿאַרברענטסטע טאַלנער חסידים, אַן אמתער פֿליאַסקעדרייגע, אַ חסידישער הוליאַק, אָבער נישט קוקנדיק, וואָס זי אַליין פֿלעגט איין מאָל אין יאָר אויך פֿאָרן קיין טאַלנע צום רבין, האָט זי פֿיינט געהאַט די טאַלנער חסידים תכלית־שנאה.

בעת־מען האָט זיך עס דערפֿון, וואָס מיין שוואָגער, איר מאַן,

האָט גאָרנישט געטאָן, ס'איז קיין זאַך זיך נישט באַשעפֿטיקט, נאָר יעדן טאָג געהוליעט מיט די חסידים.

זי איז אַ גאַנצן טאָג געזעסן אין קלייט, און זי האָט געגעבן די פּרנסה און ער איז געווען אָדער אין קלויז, ווו ער האָט געדאַווענט און געלערנט, אָדער ער איז מיט אַ גאַנצער כאַליאַסטרע חסידים אַוועק צו זיך אַהיים, געשיקט נאָך בראָנפֿן מיט פֿאַרבייסנס און אויפֿגעגעסן אַלץ, וואָס עס איז נאָר עפּעס געווען אין שטוב.

אינמיטן העלן טאָג האָט מען פֿאַרמאַכט די לאָדן און מען האָט געזונגען און געטאַנצט.

ווען מיין שוועסטער פֿלעגט אַמאָל אָנקומען אויף אַזאַ געשיכטע, פֿלעגן זיך די חסידים צעלויפֿן. און דערנאָך האָט זי איר גאַנץ פֿאַרביטערט הארץ, וואָס זי האָט זיך „אָפּגעגעסן" מיט די קונים אַ גאַנצן טאָג, אויסגעלאָזט צו איר מאַן. געזידלט און געשאָלטן זיינע חברים, די חסידים, אַז זיי זענען פּוסטעפּאַסטניקעס, לײדיקגײער, „וואָס אין דער קאָרט" און מאַכן אומגליקלעך יידישע טעכטער.

נאָר נישט קוקנדיק אויף דעם אַלעמען, האָט זי איר מאַן ליב געהאַט ביז צום שטאַרבן.

גאַנץ אָפֿט פֿלעגט זי זיין גוט צו אים און אויף דעם אײדלסטן אופֿן זיך מיט אים באַגאַנגען.

אַמאָל, ווען ער פֿלעגט קומען אין קראָם אַריין, פֿלעגט די שוועסטער זיך בעטן ביי אים:

— גיי בעסער אַהיים זיך אָפּרוען, אָדער גיי אין קלויז אַריין.

און ער פֿלעגט איר ענטפֿערן:

— דו האָסט דאָך שטענדיק צו מיר טענות, וואָס דו ביזט מיין פּרנסה-געבערין און אַז איך הוליע נאָר מיט די חסידים.. איך וויל אויך זיצן אין קראָם. גלויב מיר, אַז איך וועל קענען רעדן מיט אַ קונה אַזוי שיין, ווי דו.

דאַן פֿלעגט זי זיך צעלאַכן און מיט דער גרעסטער ליבע חוזק מאַכן פֿון אים און חנדלען זיך דערביי:

— אָט האָסטו דיר אַ נייעם דק-הסוחר! דו וועסט מיט דיינע ווייסע הענטלעך זיך אָנרירן צו אַ זאַק סחורה. וועסטו זיי אויסשמירן... ס'איז נישט פֿאַר דיר, גיי בעסער אַהיים זיך אויסרוען.

און דערביי האָט זי אים אָנגעזאָגט, אַז נאָכן שלאָף זאָל ער טרינקען אַ גלעזל טיי און אַז אין שאַפֿע האָט זי פֿאַר אים איבער-

געפֿאַזט מאַנדל־בייגעלעך מיט אַ שטיקל לעקעך צו פֿאַרבייסן. ער זאָל נאָר נישט צעטיילן זיינע חסידים די פליאַסקעדרייגעס.

און מיין שוואָגער איז אַוועק פֿון קראַם, שטענדיק אַן אויסגע־פּוצטער, אַ ריינינקער, מיט זיין שיין שטעקעלע אין דער האַנט, און מיין שוועסטער, נאָכקוקנדיק אים, האָט געקוואָלן און נחת געהאַט, וואָס גאָט האָט איר צוגעשיקט אַזאַ שיינעם לייטישן מאַן, וואָס זיצט טאָג מיט נאַכט און לערנט.

איך האָב זייער ליב געהאַט מיין עלטערע שוועסטער, ווייל זי האָט געהאַט אַ באַקאַליינע קראָם, וווּ עס האָבן זיך שטענדיק געפֿונען גאַנצע זעק און קעסטלעך מיט פייגן, מאַנדלען, ראָזשינקעס, ויסע גע־טריקנטע פֿלוימען, גרויסע און קליינע ניס.

מיין שוועסטער האָט מיך אויך זייער ליב געהאַט, ווייל איך בין געווען דער ייִנגסטער, דאָס מיזיניקל, און ווען איך פֿלעג קומען צו איר, פֿלעגט זי מיך מכבד זיין מיט די אַלע גוטע זאַכן, און, אַ הוצדעם, ווען איך פֿלעג אַוועקגיין, פֿלעגט זי מיינע קעשענעס אָנ־פֿילן מיט זיי.

איינמאָל, אין חודש אלול, ווען איך האָב געוואָלט גיין אין דער אַלטער שטאָט צו מיין שוועסטער, האָט די מאַמע פּלוצים מיר געזאָגט:

— דו ביזט דאָך אַ ווויל ייִנגעלע און האָסט ליב צו פֿאָלגן דער מאַמען, בעט איך דיך, דו זאָלסט נישט גיין אין דער אַלטער שטאָט.

— און שבת מעג איך גיין? — האָב איך געפֿרעגט.

— און שבת זאָלסטו אויך נישט גיין אַן מיר. ווען איך וועל גיין אין דער אַלטע שטאָט, וועל איך דיך מיטנעמען, אויב דו וועסט זיין אַ ווויל ייִנגל און וועסט פֿאָלגן דער מאַמען.

און, אַוועקגייענדיק פֿון מיר, האָט זי מיר נאָכאַמאָל אָנגעזאָגט:

— געדענקזשע, מיין קינד, אַליין זאָלסטו נישט גיי ן!—און דער־ביי האָט זי מיר אָנגעטייטלט מיט דעם פֿינגער, איך זאָל למען השם אָפּהיטן איר אָנזאָג.

מיין יונג מוחל האָט אָנגעהייבן שטאַרק צו אַרבעטן:

„וואָס הייסט דאָס? פֿאַרוואָס פֿלעג איך ביז איצט יאָ מעגן גיין צו דער שוועסטער אין דער אַלטער שטאָט און איצט, פּלוצלונג נישט? וואָס איז אַזוינס געשען, איך בין דאָך שטענדיק אַ שטיל ייִנגל. איך טשעפּע קיינעם נישט, איך שלאָג זיך נישט מיט קיין

ייִנגלעך, איך גיי מיר שטענדיק אויף דעם סטעזשקעלע, קיינער טשעפעט מיך נישט. פאַרוואָסזשע זאָל איך פּלוצלונג איצט נישט טאָרן גיין? פאַרוואָס אַזאַ גזר?

און טויזנטער שאלות האָבן זיך געפּלאָנטערט ביי מיר אין מיין מוח און די נייגעריקייט האָט ביי מיר געוואַקסן אַלעמאָל, מער און מער.

פאַרנאַכט, ווען די מאַמע האָט זיך געזעצט מיט אַ זאָק אין דער האַנט אויף דער באַנק לעבן אונדזער שטוב, זענען אָנגעקומען שכנים און דערציילט, אַז אין דער אַלטער שטאָט האָט מען זיך זייער געשלאָגן. עטלעכע מענטשן זענען צעבלוטיקט און אין אַ פּאָר הייזער, לעבן דער בראַסלאַווער קלויז, זענען די פענסטער אויסגעשלאָגן. טאַלנער חסידים האָבן געכאַפּט אַ בראַסלאַווער חסיד און האָבן אים שיעור נישט דערהרגעט, פּאָליציי האָבן אים אַרויסגעריסן פון זייערע הענט...

שפּעטער זענען צוגעקומען צו אונדזער באַנק מיינע חברים, הערש גענדל מיט מענדל הייזעריקער, און מיט שוים אין מויל, פאַרכליינענדיק זיך אַלע מאָל, האָבן זיי מיר געזאָגט:

— אוי, וואָס האָט זיך היינט אָפּגעטאָן אויף דער אַלטער שטאָט!

— איר זענט דאָרט געווען? — פרעג איך זיי.

— ווי איך בין אַ ייִד, — האָבן זיי ביידע געשוווירן, אַז זיי זענען דאָרטן געווען און מאָרגן וועלן זיי דאָרט אויך זיין.

איך פאַרשלעפּ זיי אין אַ זייט און זאָג אינדערשטיל, די מאַמע זאָל נישט הערן, אַז איך וועל מאָרגן אויך גיין מיט זיי.

— פאַרוואָס זאָלן מיר דיך נישט מיטנעמען? אַלע ייִנגלעך גייען, עס איז אַזוי שיין צו זען, — האָט הערש גענדל געזאָגט און זיך באַרימט, אַז ער אַליין האָט אויך געגעבן אַ זעץ אַ בראַסלאַווער חסיד...

איך האָב די נאַכט אַזוי גיך נישט געקענט אַנטשלאָפן ווערן, ווייל איך האָב זיך געשלאָגן מיט דער דעה, צי זאָל איך פאָלגן דער מאַמען, נאָר מיין נייגעריקייט האָט גובר געווען.

אויף מאָרגן, נאָכמיטאָג, בין איך מיט מיינע חברים אַוועק אויף דער אַלטער שטאָט". פונדערווייטנס האָבן מיר שוין געזען, ווי עס שטייט אַן ליאַרעמס אַ גרויסער עולם אויף דעם מאַרק, וואָס עס

איז נאָענט צו דעם געסל, ווי עס געפינט זיך די בראָסלאָווער קלויז.

מיינע חברים זענען צווישן גרויסן עולם עךגעץ פאַרפאַלן גע־וואָרן, און איך האָב זיך אַריינגעכאַפּט אין דעם געסל, ווו עס האָב זיך קוים דורכגעשטופּט צו מיין שוועסטערס שטוב, וועלכע האָט זיך געפונען פונקט אַקעגן דער בראָסלאָווער קלויז.

ווען מיין שוועסטער האָט מיך דערזען, האָט זי אַ פּאַטש גע־טאָן מיט די הענט און אויסגעשריען:

— וויי איז מיר, וויאַזוי ביזטו אַליין געקומען איצט אַהער? וויאַזוי האָט דיך די מאַמע אָפּגעלאָזט?!

איך האָב באַלעמעטשעט מיט דער צונג, אַז איך בין געקומען מיט חברים, נאָר אַ פּנים האָב איך געהאַט, ווי אַ גנב, וואָס מען כאַפּט אים ביי דער האַנט. פונדעסטוועגן איז מיין שוועסטער צוגע־גאַנגען צו דער שאַפע און מיך מכבד געווען מיט גוטע זאַכן.

קנאַקנדיק איין ניסל נאָכן צווייטן, האָב איך אַרויסגעקוקט אין געסל, צו זען, וואָס טוט זיך דאָרטן.

איך האָב געזען פאַר זיך דעם שטאַרקן דעמבענעם הויכן פאַרקאַן פון דער בראָסלאָווער קלויז, אַרום וועלכער עס זענען געשטאַ־נען אַ צוואַנציק סאָלדאַטן מיט ביקסן פון דער אומאַנער־אינוואַלידנע קאָמאַנדע (דאָס איינציקע חייל, וואָס האָט זיך פון יאָרנלאַנג ביי אונדז אין שטאָט געפונען).

שפּעטער האָב איך זיך דערוווסט, אַז די יערלעכע געשלעגן צווישן די בראָסלאָווער און אַנדערע חסידים זענען פאַר דעם אומאַנער „איספּראַווניק" געווען אַ באַזונדערע הכנסה. ער פלעגט פון די אַנגע־פאַרענע רייכע בראָסלאָווער חסידים באַקומען יעדעס יאָר אַ פּאָר הונדערט רובל במזומנים, אַ חוץ מתנות, וואָס זיי פלעגן אים ברענגען, יען זיי פלעגן אויף ימים נוראים קומען קיין אומאַן צום צדיק ר' נחמנס קבר.

דערפאַר פלעגט זיי דער איספּראַווניק שיקן צוואַנציק און נאָך מער סאָלדאַטן, מען זאָל די בראָסלאַווער קלויז אָפּהיטן פון אָנפאַלן פון אַנדערע חסידים די גאַנצע צייט פון ימים־נוראים און עשרת ימי תשובה.

אין זייער קלויז פלעגן די בראָסלאָווער חסידים דאַוונען און טאַקע דאָרטן וווינען, חייל אין קיין אכסניות, אָדער אין פּריוואַטע

הייזער פלעגט מען זיי נישט אריינלאזן, ווייל מען האט נישט געטארט האבן קיין מגע ומשא מיט בראסלאווער חסידים, און אויך אפילו די, וואס וואלטן זיי יא אריינגעלאזט צו זיך אין הויז, האבן מורא געהאט עס צו טאן, אז אנדערע זאלן זיך נישט דערוויסן און מען זאל אויף זייערע הייזער נישט מאכן קיין אנפאל.

אין דער בראסלאווער קלויז איז געווען א גרויסע ענגשאפט פון די אנגעפארענע. ביינאכט איז אויף די בענק, אויף דער פאדלאגע און אין דעם גאנצן הויפ נישט געווען קיין שטיקל ליידיק פלאק, ווו א שפילקע צו ווארפן. אויף דער ערד, אויף די טישן, אויף די צעלייגטע שטענדערס, זענען ביינאכט געלעגן שלאפעדיקע מענטשן און דעריבער האבן זיך פיל געמוזט איינשטעלן דאס לעבן און וווינען ערגעץ אויסער דער קלויז אין אמתע אונטערערדישע וווינונגען.

רייכע בראסלאווער חסידים האבן פאר גוט געלט געהאט קאנספיראטיווע וווינונגען און די אנדערע — ווו זיי האבן געטאגט, האבן זיי נישט גענעכטיקט, זיך ערגעץ בסוד ארומגעוואלגערט ביז איבער די ימים נוראים, און דערנאך זיך צעפארן.

א גאנץ יאר האבן די אלערליי חסידים אין מיין שטאט, ווי: טאלנער, סקווירער, טשערנאבילער, סאדעגורער און אנדערע, קיינמאל נישט געלעבט צווישן זיך בשלום. נאר קעגן די בראסלאווער זענען זיי געווען ווי פאראייניקט און די הויפט-ראלע האבן געשפילט די טאלנער. זייער קראפט איז דאן געווען גרויס און מעכטיק, די בראסלאווער — זייער שוואך און האבן געציטערט פאר א פליג אויף דער וואנט.

מיט צעשראקענע בלאסע פנימער פלעג איך זיי אמאל באגעגענען ערגעץ אונטער דער שטאט, זיך גנבענען פון איין געסל צום צווייטן, גייענדיק הארט ביי די ווענט.

א גאנץ יאר איז געווען שטיל אין שטאט. אפילו ווען מען האט אמאל באגעגנט א בראסלאווער חסיד, האט מען אים נישט אנגערירט. אין זייער קלויז האט מען געדאווענט רויק, קיינער האט נישט געפרוווט אריינרייסן זיך צו זיי.

א „פרעמדן" האבן די בראסלאווער נישט נאר נישט אריינגעלאזט אין קלויז, נאר אפילו אין דעם קליינעם הייפל, וואס האט ארומגערינגלט די קלויז.

ווי עס האבן זיך אבער אנגערוקט די ימים-נוראים, דאס הייסט,

פון ראש חודש אלול, ווען עס האָבן זיך אָנגעהייבן אָנפאָרן די בראָסלאַווער חסידים פון פאַרשיידענע שטעט, פלעגט זיך אָנהייבן אַ בהלה אויף דער אַלטער שטאָט, ווו עס געפינט זיך זייער קלויז און נישט ווייט אויף דעם באַרג דאָס אַלטע בית-עולם מיט דעם קבר פון צדיק ר' נחמן בראָסלאַווער.

די הויפּט-פירער פון די אָנפאַלן, זענען געווען די טאַלנער חסידים, זיי פלעגן צוציען צו זיך חברה פון פּראָסטן המון: ווי קצבים, פורמאַנעס און אַנדערע, וועלכע פאַר אַ גוטער וועטשערע און אפשר אויך צוליב פרומקייט, פלעגן זיי אָנפירן די אָנפאַלן אויף די בראָסלאַווער.

אין איין וועגס פלעגט מען שוין אויך אָנפאַלן אויף די אפיקורסים, משכילים אָדער „דייטשן", ווי מען פלעגט זיי אָנרופן, כאָטש דאָס איז נישט געווען אין דעם פּראָגראַם פון די טאַלנער, נאָר דאָס האָט שוין דער המון זעלבסט געטאָן, וועלנדיק אַרויסווייזן זייער פרומקייט, אַז כאָטש זיי זענען פּראָסטע מענטשן, היטן זיי דאָך אָפּ, אַז אפיקורסות זאָל זיך, חס-ושלום, נישט אַריינכאַפּן אין דער פרומער „אַלטער שטאָט".

אַפילו אויף די געציילטע פרויען פון דער נייער שטאָט, ווען זיי פלעגן זיך באַווייזן אויף דער אַלטער שטאָט אין זייערע קליידער פון דער לעצטער מאָדע, וואָס דאָס האָט אויך געהייסן אפיקורסות, איז מען אין די אומרויִקע ימים-נוראים-טעג אויך אויף זיי אָנגעפאַלן.

באַזונדערס האָבן געליטן די פרויען, וועלכע האָבן געטראָגן „קראַנאַלינעס", דאָס איז אַזאַ ברייט אונטערקלייד, וואָס איז געמאַכט געוואָרן ברייט און שטייף מיט רייפן פון דראָט און פישביין.

אויף יעדע נייע מאָדע סיי מענער און סיי פרויען-קליידער האָט מען געקוקט, ווי אויף אפיקורסות און ווי אויף אַ לעסטערונג קעגן גאָט.

די „קראַנאַלינא" אָבער, האָט אַרויסגערופן אַ באַזונדער צאָרן אויף דער אַלטער שטאָט.

מיידלעך און יונגע ווייבלעך פלעגן זיך שטאַרק קריגן מיט די עלטערן, שווער און שוויגער, איבער דידאָזיקע „קראַנאַלינעס", וועלכע פלעגן אַרויסרופן דעמזעלבן צאָרן ביי די פרומע, ווי ווייבער זאָלן גיין מיט אייגענע האָר.

אויף דער נייער שטאָט האָט מען געקענט געפונען נישט מער,

ווי אַ פינף-זעקס מאַדניצעס, וואָס האָבן געטראָגן „קראַנצאַלינעס" און אויף דער עלטער שטאָט אפילו קיין איינציקע נישט.

האָט זיך געמאַכט, אַז איינע אין אַ קראַנצאַלינע איז געגאַנגען אויף דער עלטער שטאָט צו זען די אָנפּאַלן אויף די בראַסלאַווער חסידים, זענען חברה, דערזעענדיק די קראַנצאַלינע, אַריינגעפאַלן אין רציחה, האָבן געכאַפּט די פרוי און צעריסן אויף איר דאָס קלייד צוזאַמען מיט דער קראַנצאַלינע.

- די צוויי-דריי אַפּיקורסים, וואָס האָבן זיך דאַן געפונען אין אומאַן, האָבן אויפגעהייבן אַ געפּילדער וועגן די אָנפאַלן אויף קראַנצאַלינעס און אויך אגב וועגן די געשלעגן מיט די בראַסלעווער חסידים, זענען אַוועק פאַפּירן אין דער גובערניע.

מען האָט אַראָפּגעשיקט אַ „טשינאָווניק" אויף אויסצופאָרשן דעם ענין, און עס האָט זיך געענדיקט מיט דעם, וואָס מען האָט איבערגעביטן דעם „איספראַווניק" מיט אַ נייעם, וועלכער האָט זיך דערנאָך אויפגעפירט פונקט ווי דער עלטער.

ווען איך בין אין יענעם טאָג געווען ביי מיין שוועסטער און געקוקט דורכן פענצטער, וואָס עס טוט זיך אַרום דער בראַסלאַווער קלויז, איז אָנגעקומען מיין שוואָגער, וועלכן זי האָט שטאַרק געזידלט פאַר די אָנפאַלן אויף די בראַסלעווער.

— די פליאַסקעדריגע! האָט זי געשריען, וואָס האָט איר צו די בראַסלעווער? זיי זענען לייטישער און פיינער פון אייך אַלע!

און ווי שטענדיק, האָט ער איר געענטפערט מיט אַ שמייכל.

— מיט וואָס, מיין ווייב, זענען זיי דיר אַזוי געפעלן בעסער ווי מיר, טאַלנפער?

— זיי שיכורן נישט, זיי זענען נישט קיין פּוסטע-פּאַסניקעס, ווי איר, וואָס די ווייבער מוזן זיצן אין די קלייטן און זיך אָפּעסן דאָס האַרץ מיט די קונים און איר האַלט אין איין הוליען אין אַ פּראָסטן מיטוואָך. די בראַסלעווער זענען אמתע פרומע יידן!

— דו קענסט נישט די בראַסלעווער, האָט מיין שוואָגער דערויף געענטפערט. — דו ביזט נישט געווען ביי זיי אין קלויז, ווייסט נישט וויאַזוי זיי הוליען און טרינקען.

— ס'איז אַ ליגן! — האָט מיין שוועסטער נישט פאַרשוויגן — אפשר יום-טוב הוליען זיי, אָבער נישט אַ גאַנץ גייענדיק יאָר.

— זאָג מיר נאָר, וואָס פאַר אַ יומא דפגרא איז ביי דיר געווען

הײנטיקן מאָנטיק, וואָס דו האָסט געהוליעט אין געשיכורט מיט די חסידים און אויפגעגעסן מיט זייי עלק, וואָס האָט זיך געפונען אין שטוב?

מײַן שוואָגער האָט זיך ביטער צעלאַכט:

— וואָס פאַר אַ יומא דפגרא, פרעגסטו? אַ קלײניקייט! עס איז געווען דער יאָרצייט פון כורש, דער מלך פון פרס, וואָס האָט געהייסן נאָכמאָל בויען אונדזער בית המקדש, האָט ער געענטפערט מיט אַ געלעכטערל.

— אויב אַזוי, דאַרפט איר, חסידים, האַלטן אַ גאַנץ יאָר אין איין טרינקען, וויפל יאָרצייטן קען מען אויף יעדן טאָג געפינען אין חומש? — נחס יאָרצייט, הײַנט אונדזערע אַלע אבות ביז יוסף הצדיקס יאָרצייט, און די יאָרצייטן פון אַלע אונדזערע צדיקים פון ששת־ימי־בראשית אָן ביז הײַנטיקן טאָג?

— פּאַקע אַזוי! פרומע ייִדן, אמתע חסידים, דאַרפן הוליען, טאַנצן און טרינקען טאָג מיט נאַכט. נאָר גיי רעד מיט אַ ייִדענע! זי פאַרשטייט דען עפּעס?

אַזוי האָבן זיך „ליבלעך" איבערגערעדט מײַן שוועסטער מיט איר מאַן, דער „מליאַסקאַדריגע".

פון דעמאָלט אָן, איז מײַן גאַנצע סימפּאַטיע איבערגעגאַנגען צו די בראַסלאַווער, אָבער נישט אויף לאַנג, איבער אַן ענין, וואָס האָט מיך פּערזענלעך שטאַרק אָנגערירט:

מײַן מאַמע, די אלמנה, פלעגט זייער אָפט גיין צום טאַטן אויף דעם קבר זיך אויסטענהן מיט אים, ווען עס איז איר שווער געווען אויפן האַרצן, ווי צו לעבן אויף דער וועלט אָן אים מיט יתומים איינס קלענער פון דעם צווייטן, באַזונדערס פלעגט זי אָפט גיין אויף דעם בית־עולם ראש חודש אלול און אין די ימים נוראים.

איך פלעג אויך אָפט מיט איר מיטגיין, און דעריבער האָב איך געוווּסט דעם וועג צו מײַן טאַטנס קבר, גלײַך ווי איך האָב געוווּסט דעם וועג זיך חדר גיין לערנען אָדער אין אונדזער בית־המדרש — דאַווענען.

פלעג איך אָפט אַליין, אָן דער מאַמען, גיין צום טאַטן זיך אויס־רעדן מײַן שווער האַרץ, ווען איך האָב צוגעזען די מאַמעס צרות, ווי זי לײַדט אַזויפיל פון זאָרגן פאַר אירע יתומימלעך.

אין אַ זעלטענעם שײנעם אלול־פרימאָרגן גיי איך פון אונדזער

הוין אויף דער נייער שטאָט, איך גיי דורך דער אַלטער שטאָט, פאַרביי די בראַסלאַווער קלויז, דערנאָך לאָז איך זיך אַראָפּ פון באַרג, אַראָפּ, אַראָפּ פאַרביי דער בראַסלאַווער באָד, דערנאָך שפּאַן איך איבער עטלעכע ברעטער, וואָס זענען זוויסגעלייגט איבער דעם יאַר, וואָס מען רופט עס „דאָס טויטע בריקל" און דערנאָך נעם איך זיך אויף אַ שלענגלדיקע סטעזשקע באַרג אַרויף און זע שוין פונדערווייטנס דעם נייעם בית־עולם מיט די מצבות. איך מעג שווערן, אַז איך זע שוין מיין טאַטנס שטיינערנע מצבה, וועלכע קוקט אַרויס העכער פון אַלע.

איך גיי צאַלין, און אַרום מיר, זעט מען נישט קיין לעבעדיקן מענטשן. איך גיי ווי אַ שטיל פרום ייִנגל און טראַכט נאָר וועגן גאָט, וואָס האָט צוגענומען פון מיין יונגע מאַמע מיין יונגן טאַטן און טראַכט אויך וועגן משיחן, ער זאָל קומען וואָס פריער. אַלע מתים וועלן לעבעדיק ווערן און מיין טאַטע אויך, ער וועט קומען צו אונדז צו חיים און עס וועט זיין אַזוי גוט און פריילעך ביי אונדז אין שטוב.

פּלוצלונג דערהער איך טריט, איך קוק מיך אום און זע, ווי אַקעגן מיר אויף דער סטעזשקע, וואָס ציט זיך פון דעם צלהן בית־עולם, וווּ עס ליגט דער צדיק ר' נחמן בראַסלאַווער, גייען צוויי הויכע, שיינע ייִדן מיט שוואַרצע בערד, מיט ווייסע געלייטערטע פּנימער און שוואַרצע שיינע אויגן; זיי גייען געקליידט אין לאַנגע קאַפּאָטעס פון דינעם שוואַרצן שטאָף און אין ווייסע זאָקן מיט שוואַרצע נייע שיך.

און קוקנדיק אויף זיי טראַכט איך זיך, אַז מיין טאַטע האָט אויך אַזוי אויסגעזען, ווען ער האָט געלעבט.

ווען די צוויי ייִדן זענען צוגעקומען צו מיר נענטער און מיר האָבן באַדאַרפט אויסמיידן די שמאָלע סטעזשקע, שטעלן זיי מיך פּלוצלונג אָפּ און פרעגן:

— ייִנגעלע, ביזט אַ היגער?

— יאָ, זאָג איך, — אַוודאי אַ היגער.

— צו וועלכן רבין פאָרט דיין טאַטע?

— מיין טאַטע איז געשטאָרבן, נאָר מיין מאַמע פאָרט צום טאַלנער.

און ווי זיי האָבן דאָס דערהערט, האָט זיך איינער אויף מיר

אַרויפגעוואָרפן און האָט מיך אַנגעהייבן שלאָגן, אַז עס האָט מיר שטאַרק וויי געטאָן.

— אָט האָסטו דיר! — האָבן זיי דערביי געזאָגט. — אָט האָסטו דיר דערפאַר, וואָס מען שלאָגט אונדז! ימח שמם זאָלן אייערע טאַלנער ווערן! — האָבן זיי מיט רציחה געשריען.

איך האָב אָנגעהייבן שרעקלעך שרייען און וויינען. אויף מיין שרייען זענען אַרויסגעלאָפן פון אַן אָרעם שטיבל צוויי ווייבער, עט-לעכע קינדער און אַן אַלטער ייד, אַ קאַליקע אויף איין פוס.

די ווייבער זענען צוגעלאָפן צו מיר און די קינדער מיט דעם הינקעדיקן ייד נאָך זיי.

די צוויי יידן, וואָס האָבן מיך געשלאָגן, זענען גיך אַנטלאָפן. עס איז קיינער נישט געווען, ווער עס זאָל זיי נאָכלויפן.

אַרום מיר איז געוואָרן אַ רעדל פון ווייבער, קינדער און דער איינציקער מאַנסביל — דער הינקעדיקער ייד.

איין יידענע האָט מיט איר פאַרטוך מיר אויסגעווישט די טרערן, און דערוויסנדיק זיך פון מיר, וואָס דאָ איז פאָרגעקומען, האָט זי מיט כעס געזאָגט:

— ווייניק שלאָגט מען זיי! אַזעלכע גרויסע נפשים — נעמען אַ קינד און שלאָגן! געהערט אַ ביסל!

— פאַר גרויסע האָבן זיי מורא, — האָט זיך אָנגערופן דער הינ-קעדיקער ייד, — פאַלן זיי אָן אויף אַ שוואַך קינד, זענען זיך אָן אים נוקם און גיסן אויס זייער כעס.

און דער ייד האָט זיך צעקלאָגט דערביי.

די ווייבער, דערוויסנדיק זיך פון מיר, וווהין איך האָב זיך געלאָזט גיין, האָבן מיר געזאָגט, איך זאָל מער אַליין נישט גיין, אויף דעם בית-עולם צו מיין טאַטן, און איינע פון זיי האָט מיך אָפגעפירט ביי דער האַנט ביז אַרויף באַרג, וווּ עס הייבט זיך אָן די אַלטע שטאָט.

פאַרשטייט זיך, אַז פאַר אַזאַ מעשה האָב איך אַ לאַנגע צייט קיין גוט וואָרט נישט געהאַט אויף די בראַסלאַווער חסידים און פון דעמאָלט אָן בין איך שוין אַליין אָן דער מאַמען נישט געגאַנגען צום טאַטן אויף דעם בית-עולם.

ערשט שפעטער, ווען איך בין עלטער געווארן און האב שוין געקענט מאכן א קולאק און דערביי מיטגענומען א שטארק שטעקעלע אין דער האנט, האב איך ווידער אנגעהייבן גיין צום טאטן.

ראש חודש אלול און די ימים נוראים פלעג איך אויף דעם וועג צום בית-עולם אויך איצטער אפט באגעגענען בראסלאווער חסידים און האב דערביי געקוועטשט אין דער האנט מיין שטארק שטעקעלע. אבער קיינער איז אויף מיר מער נישט אנגעפאלן, כאטש אין הארצן האט זיך מיר שטארק געגלוסט, אז עמעצער פון זיי זאל מיך א טשעפע טאן. איך וואלט די בראסלאווער געשלאגן, ווייל דער כעס אין מיר האט נאך געקאכט און די נקמה האט געברענט. דאך איז מיט א יאר שפעטער געקומען א צייט, ווען איך בין ווידער געווארן א גרויסער פריינט פון די בראסלאווער חסידים.

איינמאל, פארנאכט, אין אנהייב חודש אלול, זענען געקומען צו אונדז צוויי יידן און דערלאנגט מיין מוטער א בריוו פון א גרויסן סוחר, מיט וועלכן מיין פאטער האט אמאל געהאנדלט.

זי האט געבעטן די יידן זיצן און האט איבערגעלייענט דעם בריוו. אין אנהייב איז זי ווי דערשראקן געווארן, נאר באלד האט זי זיך אנגערופן:

— וואס-זשע? איך טרייב, חס ושלום, נישט ארויס פון מיין שטוב קיין יידן.—און צו מיר האט די מאמע געזאגט, אז די צוויי יידן זענען „פעטערס". א פארשעמטער, בין איך צוגעגאנגען צו זיי אפ-געבן שלום עליכם, און זיי האבן פון נייע בייטעלעך ארויסגענומען צוויי זילבערנע מטבעות און מיר געגעבן שלום-עליכם-געלט.

באלד האט א גויישער פורמאן אריינגעטראגן צו אונדז אין שטוב עטלעכע פעקלעך און א גרויסן טשעמאדאן, און די מאמע האט געהייסן, מען זאל זיי אריינטראגן אין א זייטיק קליין צימערל, וווּ מיר, קינדער, זענען געשלאפן.

די צוויי יידן זענען אויך אריין אין צימערל און פארמאכט די טיר, און מיר, קינדער, זענען די גאנצע צייט, ביז זייער אוועק-פארן, געשלאפן אין דעם עסצימער אויף בענקלעך.

אזוי האט די מאמע געהייסן

## קאַפּיטל צווייאונצוואַנציק.

ווען איך בין נאָך דער ערשטער נאַכט אויפגעשטאַנען אינדערפרי, האָב איך שוין די צוויי „פּעטערס" נישט געפונען, נאָר אין אוונט, אַ שעה אין דער נאַכט, זענען זיי געקומען. אַפּטמאָל — נאָך שפּעטער. נאָר ווען זיי זענען געקומען פרי, האָבן זיי געטרונקען מיט אונדז טיי און אַמאָל אויך וועטשערע געגעסן.

איך האָב די צוויי פּעטערס ליב באַקומען איבער אַ סך סיבות: ערשטנס, פאַר זייער שיינעם שלום-עליכם-געלט, און, צווייטנס, האָט מיר איינער געשענקט אַ שיין פּאַסיקל מיט אַ ספּראַנטשקע, וואָס האָט געבלישטשעט אַזוי ווי זילבער. דער צווייטער פּעטער האָט מיר געשענקט אַ שיין רויט שטעקעלע מיט אַ ווייס ביינערדיקער גאָלקע און אַ זייגערל, ווו די ווייזערס זענען שטענדיק געשטאַנען אויף צוועלף אַ זייגער.

נאָר נאָכמער האָב איך זיי ליב געהאַט פאַר די שיינע מעשיות, וואָס זיי פלעגן דערציילן פון מלאכים, בן מלכס, בת מלכהס און וועגן ימים מיט מדבריות אין די ווייטע מדינות, און וועגן קליינע ברעקעלעך מענטשן מיט גרויסע געוואַלדיקע ריזן.

דער עלטערער פון די צוויי פּעטערס, זיצנדיק מיט אונדז אַלע, האָט נאָך דער וועטשערע דערציילט אַזאַ שיינע מעשה, וואָס האָט מיך מיט מיין גאַנצער נשמה אַרומגעכאַפּט.

— עס איז געגאַנגען אַ גרויסע שיף אויף דעם ים הגדול מיט אַ סך מענטשן, — האָט ער דערציילט לאַנגזאַם און באַטעמט, זיך אָפּשטעלנדיק אַלעמאָל ביי די אינטערעסאַנטסטע מאָמענטן און יעדעס מאָל אָנגעהייבן דערציילן מיט עטלעכע ווערטער פון פריער. — יאָ, אויף דער שיף זענען געווען אַ סך מענטשן און צווישן זיי האָט זיך

אויך געפונען אַ גרויסער צדיק, וואָס איז געפאָרן קיין ארץ-ישראל. פּלוצים האָט זיך אויפגעהייבן אַ גרויסער שטורעמווינט און האָט געטראָגן די שיף. עס האָט זי אַזוי געטראָגן עטלעכע טעג מיט עטלעכע נעכט, ביז דער גרויסער שטורעמווינט האָט זי פאַרטראָגן אין ים-הקרח, אין פאַרגליווערטן ים, הייסט עס, וווּ די זון נייט קיינמאָל נישט אויף און עס איז שטענדיק פינסטער, און די שיף איז געבליבן שטיין אויף איין אָרט – נישט אַהער און נישט אַהין – און דאָ האָט דער ווינט אויך אויפגעהערט צו בלאָזן און עס איז נישט געבליבן קיין האָפענונג, די שיף זאָל זיך ווען עס איז אַרויס-רייסן פון דעם פאַרגליווערטן ים.

עס זענען אַזוי אַוועקגעגאַנגען גאַנצע צוויי וואָכן און עס האָט זיך אָנגעהייבן אויסלאָזן די שפּייז, וואָס איז געווען אָנגעגרייט אויף דער שיף. די מענטשן האָט מורא געהאַט, מען זאָל, חס ושלום, אַלע נישט אויסשטאַרבן פון הונגער... זענען די גרעסטע לייט, וואָס האָבן זיך געפונען אויף דער שיף, געקומען צום צדיק, ער זאָל טאָן תפילה צו גאָט, עס זאָל קומען אַ גרויסער ווינט און אַרויסטרייבן די שיף פון פאַרגליווערטן ים.

דער צדיק האָט געענטפערט, אַז ער וועט תפילה טאָן און גאָט זאָל צוהערן זיינע תפילות, נאָר ער האָט געשטעלט אַ תנאי, אַז אַלע אויף דער שיף, פון קליין ביז גרויס, מוזן אים פאָלגן, וואָס ער וועט הייסן, נישט רעדן און שווייגן.

אַלע, פון קליין ביז גרויס זענען אויף דעם צדיקס רייד באַ-שטאַנען, דאַן האָט דער צדיק אַזוי געזאָגט:

— וואָרפט גורל צווישן אייך אַלע אויף צען מענטשן, דערנאָך זאָלן די צען אויסגעקליבענע מענטשן קומען צו מיר.

מען האָט אַזוי געטאָן.

און ווען די צען אויסגעקליבענע מענטשן זענען געקומען צום צדיק, האָט ער זיי אַזוי געזאָגט:

— נעמט מיט שפּייז אויף צען טעג און איר זאָלט גיין אויף דעם פאַרגליווערטן ים אַזוי לאַנג, ביז איר וועט קומען צו אַ שטיי-נערנעם באַרג, וואָס איז גלייך ווי אַ וואַנט... איר וועט קוים מיט דעם אויג דערגרייכן דעם שפּיץ. אויף דעם באַרג זאָלט איר אַרויפגיין.

די צען מענטשן האָבן מורא געהאַט צו פרעגן דעם צדיק, ווי-אַזוי קען מען עס אַרויפגיין אויף אַ באַרג, וואָס איז גלייך ווי אַ

וואַנט, ווייל זיי האָבן געשוווירן, אַז זיי מוזן אַלץ פּאָלגן, וואָס דער צדיק וועט הייסן, שווייגן און נישט רעדן.

דער צדיק האָט געזאָגט, זיי זאָלן גיין בשלום, און אַלע צען מענטשן זענען אַוועקגעגאַנגען, מיטגענומענדיק מיט זיך שפּייז אויף צען טעג.

די צען מענטשן זענען געגאַנגען איבער דער פּאָרגליווערטן ים צען טעג מיט צען נעכט, ביז זיי האָבן אינדערפינסטער (ווייל בייטאָג איז אויך דאָרטן געווען פינסטער) זיך אָנגעשלאָגן אין אַ גרויסן שטיינערנעם באַרג. נאָר צוריפגיין האָבן זיי נישט געקענט, ווייל דער באַרג איז געווען גלייך און גלאַט, ווי אַ וואַנט. האָבן זיי אַרויסגענומען מעסערס און האָבן אָנגעהייבן אויף דער וואַנט צו ביסלעכווייז אויסצוקריצן טרעפּלעך, פריער אונטן און דערנאָך העכער און העכער.

עס זענען שוין אַריבער די צען טעג, די שפּייז, וואָס זיי האָבן אַנגעגרייט, האָט זיך אָנגעהייבן אויסלאָזן, האָבן זיי עס אָפּטיילט אויף קליינע טייקן און געגעסן נאָר צו דערהאַלטן די נשמה, און טעג מיט נעכט האָט מען געקריצט די טרעפּלעך אויף דער שטיינערנער וואַנט, פריער אונטן און דערנאָך העכער און העכער.

און אין דעם טאָג, ווען די שפּייז האָט זיך שוין אינגאַנצן אויסגעלאָזט, האָבן זיי אָנגעהייבן זיך לאָזן גיין אויף די אויסגעקריצטע טרעפּלעך.

און וואָס העכער זיי זענען געגאַנגען, האָט אָנגעהייבן ליכטיקער און ליכטיקער צו ווערן, און ווען זיי האָבן נאָך פיל טעג און נעכט דערגרייכט דעם שפּיץ באַרג, האָט די זון געשיינט אַזוי ליכטיק און העל, אַז זיי האָבן געמוזט האַלטן פאַרמאַכט די אויגן און נישט געקענט קוקן, און ערשט אויף דעם צווייטן טאָג, האָבן זיי געקענט עפענען די אויגן און האָבן דערזען אַ גלייכן גרינעם גרויסן פּלאַץ, ווו עס האָבן געוואַקסן אַ סך קווייטן אוןביימער מיט צווייגן און בלעטער פון אַלערליי קאָלירן. אויף די ביימער האָבן געוואַקסן די טייערסטע און שענסטע פירות, וועלכע זיי האָבן אָפּגעריסן און געגעסן און מיט אַמאָל זאַט געוואָרן פון זייער לאַנגן הונגער, און עס האָט זיך זיי שוין מער נישט געוואָלט נישט עסן און נישט טרינקען.

די צען מענטשן זענען געגאַנגען ווייטער, און וואָס אַמאָל איז אַלץ שענער געווען. זיי האָבן דערזען, אַז אויף די גרינע צווייגן פון די ביימער זענען געשטאַנען די שענסטע פייגל מיט זילבערנע און

באַלדענע פליגלען און האָבן געזונגען, און די סטעזשקעס צווישן די ביימער, אויף וועלכע זיי האָבן זייערע פיס געטרעטן, זענען געווען אויסגעשיט מיט זילבערנעם זאַמד, און די לופט איז געווען וואַרעם, מחיהדיק.

זיי זענען ווייטער געגאַנגען איבער די זילבערנע סטעזשקעס, ביז זיי זענען צוגעקומען צו אַ גרויסן קיילעכיקן פּלאַץ, אויך אינגאַנצן באַשאָטן מיט זאַמד פון זילבער. פּלוצלונג האָבן די צען מענטשן דערזען, ווי פונקט אינמיטן פּלאַץ ליגט אַ גרויסע שוואַרצע „פּאַקרישקע", וואָס מען דעקט צו אַ טאָפּ. האָבן די צען מענטשן געוואָלט וויסן, וואָס טוט זיך אונטער דער פּאַקרישקע. און ווי זיי האָבן זי נאָר אויפגעהייבן, איז געוואָרן אַ שרעקלעכער שטורעמווינט, עס האָט זיך אויפגעהייבן אַ זילבערנער שטויב פון דער ערד און פאַרדעקט די זון... ביימער האָבן אָנגעהייבן צו פאַלן און פייגלעך פליען מיט געוואַלדיקע געשרייען.

די צען מענטשן האָט דער שטאַרקער ווינט אויפגעהייבן אינדערלופטן און זיי פאַרטראָגן אויף זייער שיף אין דעם פאַרגליווערטן ים.

דערנאָך האָט זיך אויפגעהייבן נאָך אַ שטאַרקערער ווינט און האָט צעריסן די שיף פון פאַרגליווערטן ים און זי פאַרטריבן צוריק אין דעם ים הגדול אַריין, און די שיף מיט אַלע מענטשן זענען געראַטעוועט געוואָרן.

און ווען די צען מענטשן האָבן דערנאָך געפרעגט דעם צדיק, וואָס איז דאָס געווען פאַר אַ שיין לאַנד אויף דעם באַרג, וווּ זיי זענען געווען? האָט דער צדיק געזאָגט, אַז דאָרטן איז דער גן עדן התחתון. דאָרט, אונטער דער „פּאַקרישקע" ווינט דער ווינט, און ווען מען זאָל אין דער צייט נישט געווען קומען און אויפהייבן די „פּאַקרישקע" וואָלט די שיף נישט געקענט אַרויס פון פאַרגליווערטן ים און אַלע מענטשן וואָלטן נישט געראַטעוועט געוואָרן פון טויט.

* * *

מיין אַנטציקונג מיט זייערע שיינע מעשיות האָט מיך אינגאַנצן פאַרכאַפּט מיט מיינע אַלע אברים און חושים, און איך האָב געקוקט אויף די צוויי פעטערס, ווי אויף הימל־מענטשן, וואָס זענען געקומען צו אונדז פאַרשטעלט, ווי די מלאכים צו אברהמען און געוומען עסן אַזוי ווי מענטשן.

ביידע זענען געווען חסידיש געקליידט, נאָר שענער און ריינער, ווי אַנדערע חסידים. דערצו זענען זיי געווען זייער שיינע מענטשן: ווייסע לויטערע פּנימער, מיט שוואַרצע האָר און אויגן. דער יינגסטער איז באַזונדערס געווען שיין מיט זיינע פאַרחלומטע אויגן. דערצו האָבן זיי זיך אויפגעפירט שטיל און געוועדט בנעימותדיק.

נאָך זייער אויפפירן זיך און אויסזען זענען זיי געווען פאַרמעגלעך, און פאַרנדיק פון ווייט אויף ימים-נוראים צו דעם צדיק ר' נחמנס קבר, האָבן זיי זיך פאַרזאָרגט מיט אַ בריוו צו מיין מוטער, מיר זאָלן זיי אַריינלאָזן אין אונדזער הויז, ווו זיי זענען באמת זיכער געווען, ווייל אונדז האָט מען געהאַלטן פאַר איבערגעגעבענע טאַלנער חסידים. אונדזער גאַנצע משפחה זענען געפאָרן צום טאַלנער רבין, ר' דודל און קיינעם האָט נישט געקענט איינפאַלן, אַז ביי אונדז געפינען זיך בראַסלאַווער חסידים און מען האָט זיי גערעכנט פאַר אונדזערע קרובים. זיי האָבן ביי אונדז פאַרבראַכט מער ווי צוויי וואָכן און זענען בשלום אַוועקגעפאָרן.

אַ דאַנק דידאָזיקע צוויי יידן, בין איך ווידער געוואָרן אַ פריינט פון די בראַסלאַווער חסידים און האָב באַקומען אַ שטאַרקן חשק אַמאָל צו דאַווענען ביי זיי אין קלויז.

צו זיין אינווייניק אין דער בראַסלאַווער קלויז, וואָס איז געווען אַרומגערינגלט מיט אַזאַ שטאַרקן פּאַרקאַן פון דיקע דעמבענע ברעטער, אַז מען האָט אפילו דורך אַ שפּאַלט נישט געקענט אַריינקומען אין הויף אַריין, איז ביי מיר געוואָרן דער גרעסטער ווּנטש אין מיין לעבן.

און טאַקע דערפאַר, וואָס איז אַזוי שווער פאַר אַ „פרעמדן" אַריינצוגיין אַהין, באַזונדערס אין די ימים נוראים טעג, האָט זיך מיר נאָך שטאַרקער געוואָלט דאָרטן זיין, כאָטש מיט איין אויג אַ קוק טאָן, וואָס דאָרטן קומט פאָר, ווי אַזוי זעען אויס די ווענט פון דער קלויז.

אָפטמאָל, ווייענדיק ביי מיין שוועסטער אין דער אַלטער שטאָט, האָבן צו מיר דערגרייכט שיינע געזאַנגען און דאָס קלאַפּן פון טאַנצן און פּליסקען מיט די הענט, און אין מיין קינדערשער פאַנטאַזיע האָט זיך מיר פאַרגעשטעלט, אַז דאָרטן איז אַלץ אַזוי שיין, וואָס שענער קען נישט זיין!

אין מיין פאַנטאַזיע האָב איך זיך פאַרגעשטעלט, אַז אין דער בראַסלאַווער קלויז איז אַזוי שיין, ווי איז אונדזער בית-המקדש, וואָס

איז חרוב געוואָרן פון טיטוס הרשע. די ווענט זענען דאָרטן געוויס אויך פון גאָלד און זילבער און די פּאָדלאָגע פון מירמל שטיינער.

די בראַסלאַווער קלויז, אין וועלכער איך האָב נישט געקענט אַריינקומען, איז ביי מיר געוואָרן אַ צווייטער גן-עדן התחתון, פון וועלכן די צוויי פּעטערס האָבן דערציילט.

מיין שטענדיקער ווונטש, צו גיין אַמאָל אַהין דאַווענען, איז ביי מיר געוואַקסן און געוואַקסן, און יעדעס מאָל, ווען איך בין פאַרביי־געגאַנגען דעם הויכן פּאַרקאַן פון דער בראַסלאַווער קלויז, האָב איך מיט דער גרעסטער נייגעריקייט געקוקט אויף דעם בנין, ווי אויף אַ פאַרכישופטן פּאַלאַץ, וואָס איך האָב געלייענט אין „טויזנט און איין נאַכט", ווו יעדער איז נישט זוכה אַריינצוקומען. באַזונדערס האָט מיך אַהין געצויגן איינמאָל, ווען איך בין דורכגעגאַנגען ביינאַכט און די קלויז איז געווען אַזוי באַלויכטן, אַז דאָס גאַנצע פינסטערע געסל איז ליכטיק געוואָרן פון די אָפּשיינונגען.

איך בין געוואָרן אַ גרויסער בעל יסורים, וואָס איך האָב נישט געהאַט קיין געלעגנהייט אַהין אַריינצוקומען.

איינמאָל, שטייענדיק ביים פענסטער פון מיין עלטערער שוועס־טערס הויז, וואָס איז געווען קעגן דער בראַסלאַווער קלויז, האָב איך געזען, ווי אַלעמאָל האָט זיך געעפנט דאָס טירל פון פּאַרקאַן און עס זענען אַרויסגעלאָפן יונגעלייטלעך און עלטערע יידן מיט פאַרפלאַמטע, מלא־שמחהדיקע פּנימער, ערגעץ געלאָפן און צוריקגע־קומען, אַנקלאַפּנדיק אין טירל, מען זאָל עס עפענען.

פיל זענען געקומען מיט נאַסע פּיאות, פון וועלכע עס האָבן געקאַפּעט טראָפּנס מקווה־וואַסער, און אין מיינע אויגן האָבן די טראָפּנס אויסגעזען, ווי שפּילנדיקע קיילעכדיקע בריליאַנטלעך.

איך האָב אָנגעהויבן צו טראַכטן, אַז איך מוז אַריין אין דעם „פאַרצויבערטן פּאַלאַץ", וואָס עס זאָל מיר נישט קאָסטן.

אמת, איצט איז נישט געווען אַזאַ גרויסע געפאַר, ווי פריער, ווען מען האָט מיך געשלאָגן ביז אין בלוט אַריין, אָבער איך האָב נאָך געדענקט די קלעפּ, וואָס צוויי דערוואַקסענע בראַסלאַווער חסידים האָבן מיר אָנגעבויכעט, ווען איך בין געגאַנגען צו מיין טאַטן אויף קבר־אבות, און אויך איצט, ווען איך וועל קומען צו זיי אין קלויז, קען מען אַזאַ יינגעלע, ווי איך, גוט אָנבויכן.

ווען די דערוואַקסענע וועלן זיך איצט שוין שעמען מיך צו שלאָגן, וועלן דאָס טאָן זייערע יינגלעך.

און כאָטש איך בין נישט געווען קיין שרעקעדיק יינגל און איך האָב קיינמאָל נישט מורא געהאַט פאַר „שלעכטע" חברים, וואָס האָבן זיך ליב צו שלאָגן, דאָך האָב איך מורא געהאַט, אפשר וועלן אָנפאַלן אויף מיר צען בראָסלאַווער יינגלעך מיטאַמאָל — וואָס וועל איך דעמאָלט טאָן?

עס וועט קיינער נישט זיין, ווער עס זאָל מיך אַפּראַטעווען, ווען איך וועל שרייען.

דאָך איז געקומען די צייט, ווען איך האָב זיך מוטיק געלאָזט גיין אין דער בראָסלאַווער קלויז, פול מיט גלויבן אין זיך און אין מיינע יונגע כּוחות אין פאַל פון אַן אומגליק...

און אויף דעם גרונד, אַז איך קען מיין שטעטל באַשטיין און זיך שלאָגן אפילו מיט עטלעכע יינגלעך, האָב איך פעסט באַשלאָסן צו גיין דאַווענען אין בראָסלאַווער קלויז. דאָך, צוליב פּאַרזיכטיקייט, איז ביי מיר געבליבן אויף דעם ערשטן מאָל צו גיין אין אַ וואָכעדיקן טאָג, און ווען דאָס וועט אָפּגיין בשלום, וועל איך שבת אָדער אין אַ יום-טוב אויך גיין.

און איך האָב גענומען אַ קליין סידורל און בין גאַנץ פרי אַוועק אין דער אַלטער שטאָט, קיינעם נישט זאָגנדיק אַ וואָרט וועגן דעם.

אָן שום מורא בין איך צוגעגאַנגען צום טירל פון פאַרקאַן, וואָס האָט אַרומגערינגלט די בראָסלאַווער קלויז.

איך האָב אָנגעקלאַפּט, באַלד האָט זיך דאָס טירל געעפנט, אַ שמש האָט אַ קוק געטאָן אויף מיין סידורל און איך בין אַריין...

דאָס הויפל איז נישט געווען גרויס, איך האָב באַלד דער-זען די גרויסע געקאָווטע טיר. עטלעכע טריט — און איך בין שוין דאָרטן...

די קלויז, ווי אַלע אַנדערע בתי-מדרשים, איז געווען גענוג גרויס און ליכטיק, מיט אַ סך גרויסע פענסטער פון אַלערליי קאָלירטן גלאָז. עס איז געווען אַ ביסל מאַלעריי אויף דעם גלאָז און באַזונדערס זענען געווען שיין געמאָלט, די ווענט און די סטעליע.

עס האָבן זיך געפונען אַ צוויי מנינים מענטשן און עטלעכע

יינגלעך, וועלכע איך האָב זיך פאָרגעשטעלט פאַר מיינע שונאים און מיט וועלכע עס וועט מיר אפשר אויסקומען מלחמה צו האַלטן.

מען האָט שוין געזאָגט שחרית. איך האָב זיך געשטעלט לעבן אַ שטענדער, און ווי אַ פרום יינגעלע געדאַוונט.

קיינער האָט זיך אויף מיר נישט אומגעקוקט, נאָר צוויי יינגלעך זענען צוגעקומען צו מיר, אָנגעקוקט מיינע פאהלעך. איך האָב אויף זיי אויך אַ קוק געטאָן, זענען זיי באַלד אַוועק פון מיר.

קיין באַזונדערס האָב איך נישט באַמערקט בײַם דאַוונען. אייניקע פון זיי האָבן בײַם דאַוונען אַלעמאָל אויסגעשריען, גע־פּליסקעט מיט די הענט. נאָר דאָסזעלבע האָב איך אויך געזען בײַ אונדז אין קלויז.

נאָך דעם דאַוונען זענען אייניקע געבליבן זיצן אין די טליתים און די איבעריקע האָבן זיי אויסגעטאָן. דערנאָך האָט מען גע־בראַכט אַ פלעשל בראַנפן, געטרונקען לחיים, און ווען מען האָט אויסגעליידיקט דאָס פּלעשל, האָבן זיך אַלע צעזעצט אין אַ רעדל און מען האָט דערציילט מעשיות פון צדיקים. איך האָב אויך געהערט איינעם פרעגן בײַ דעם צווייטן:

— ביזטו שוין געווען בײַם רבין?

דאָס האָט געהייסן, צי איז מען געווען אויף דעם קבר פון דעם צדיק ר' נחמענען.

— היינטיקן פרייטיק, — האָט דער צווייטער געענטפערט.

אַ גאַנץ יאָר גייט מען נאָר פרייטיק און ימים נוראים מעג מען גיין אַלע טאָג צום צדיקס קבר.

דערווייל האָב איך געזען, ווי אַ פּאָר מענטשן גייען אַריין אין אַ באַזונדער שטיבל. בין איך זיי אויך נאָכגעגאַנגען. די טיר איז געווען אָפן, האָב איך אַהין אַרײַנגעקוקט, און, צו מיין גרויס פאַר־וווּנדערונג, האָב איך דאָרטן געזען: קעסטלעך, קוישלעך און אַלערליי פעקלעך, אַרומגעבונדן מיט שטריקלעך. עס שטייט אַ טיש מיט לאַנגע בענק, אין אַ ווינקל וואַלגערן זיך קישנס מיט אַלטע קאָלדרעס.

אויף דעם טיש געפינען זיך אַ פּאָר טשייניקעס, טעפלעך און גלעזער, שטיקלעך צעשניטענע הערינג און פאַרטריקנטער קעז, און עס זעט אויס, ווי אַ דריט־קלאַסיקער בופעטל אויף אַ קליינעם וואָקזאַל, לעבן אַן אָרעם יידיש שטעטל.

איך בין בשלום אַרויס פון דער בראַסלאַווער קלויז, און דעם

ערשטן שבת, פרייטיק-צונאַכטס, בין איך שוין, ווי אַ היימישער, געגאַנגען דאַווענען אין דער בראַסלאַווער קלויז.

גאָר עפּעס אַנדערש האָט דאָס דאַווענען אויסגעזען פרייטיק-צונאַכטס: די קלויז איז געווען שיין באַלויכטן, אַלע האָבן געפּליסקעט מיט די הענט און געזונגען, און נאָך דעם דאַווענען האָט מען זיך אַרומגענומען אין רעדלעך, ווי אין אונדזער קלויז שמחת-תורה, און מען האָט געזונגען מיט אַזאַ התלהבות און מיט אַזאַ ברען, וואָס איך האָב עס קיינמאָל נישט געזען און נישט געהערט.

פון גרויס התלהבות האָבן זיך ביי אייניקע אַרויסגעריסן אייניקע ווערטער אין גראַמען, וואָס זענען ביי זיי באַשאַפן געוואָרן אין די באַמערקונגען פון גרויסן עקסטאַז און גליק.

איינער, טאַנצנדיק און פּליסקענדיק מיט די הענט, האָט געזונגען:

דער רבי מיט אונדז,
דער רבי מיט אונדז,
ער איז דאָ אַ, אַז, וו.

און דער זינגער האָט מיט די הענט דיריזשירט אָט די זיסלעכע ווערטער, און דער עולם האָט אים אונטערגעהאַלטן און באַזונדערס שטאַרק געקוועטשט די ווערטער: ע ר א י ז ד אָ...

נאָך דעם שבת פלעג איך זיך אָפּט אַריינכאַפּן אין דער בראַסלאַווער קלויז, דערהויפּט צו שלש-סעודות.

בין-השמשות איז דער גאַנצער עולם געזעסן ביי לאַנגע טישן. לעבן יעדן איז געשטאַנען אַ טעלערל מיט אַ קליין שטיקעלע פיש און מיט זייער אַ סך כריין, און אַזוי, זיצנדיק ביי די טישן, האָט מען זיך אויפגעכאַפּט פון די ערטער און מען האָט געטאַנצט און געזונגען יעדער אויף זיין אָרט.

איך האָב ליב געהאַט אָפּט זיך אַריינצוכאַפּן אין דער בראַסלאַווער קלויז, ווייל דאָרטן איז אַ גאַנץ יאָר געווען שמחת-תורה. פאַר מיר איז קיין שענער לעבן אויף דער וועלט נישט געווען, ווי דאָס פריילעכע לעבן אין דער בראַסלאַווער קלויז מיט זייער זינגען און טאַנצן, מיט די שיינע מעשיות, וואָס מען פלעגט דאָרטן דערציילן וועגן גרויסע צדיקים.

פאַר מיר איז די בראַסלאַווער קלויז געווען אַן אמתער גן-עדן התחתון.

וועגן מיין גן-עדן האָט זיך אָבער באַלד דערוווּסט די מאַמע, דער פעטער משה און מיין גאַנצע משפחה, און אויך מיין רבי, דער ליטוואַק, מיט מיינע חברים אין חדר.

## קאַפּיטל דרייאונצוואַנציק.

ווען אַלע האָבן זיך דערוווּסט, אַז איך האָב געדאַוונט אין דער בראָסלאַווער קלויז, האָב איך פון אַלע זייטן דערוואַרט, אַז מען וועט מיך אינדערהיים מקיים פסק זיין פאַר אַזאַ מעשה, נאָר עס האָט זיך דערנאָך אַרויסגעוויזן, אַז איך האָב געהאַט גרויסע פּאַרטיידיקער אין מיין רבין, דעם ליטוואַק, אין מיין עלטערער שוועסטער און אויך אין מיין מאַמע.

מיין רבי, וואָס האָט באַקומען קלעפּ פון די טאַלנער ביים גע־שלעג מיט די בראָסלאַווער, איז פון דער צייט אָן געוואָרן אַ גרויסער פריינט פון די בראָסלאַווער חסידים; מיין שוועסטער, זייענדיק אַ גרויסע חסידה פון טאַלנער רבין, האָט בכלל פיינט געהאַט די טאַלנער חסידים און מיין מאַמע האָט אויך נישט ליב געהאַט די חסידים, וועלכע פלעגן אָנפאַלן אויף די בראָסלאַווער.

— זיי זענען דאָך ייִדן, — פלעגט זי זאָגן, — ווען מיין מאַן זאָלט איצטער לעבן, וואָלט ער צו אַזעלכע מחלוקות צווישן ייִדן נישט דערלאָזט.

דער פעטער משה מיט דער איבעריקער משפּחה, וואָס זענען שטענ־דיק געווען מיינע גאַנס סטראַפּטשעס און מיך געוואָלט פירן אין גוטן וועג, האָבן אָוועקגעמאַכט מיט דער האַנט, זעענדיק, אַז דער מאַמען אַרט עס נישט.

ביי אונדז אין קלויז, ווען מען האָט זיך דערוווּסט, אַז איך בין דאַוונען אין דער בראָסלאַווער קלויז, האָט מען געקוקט דערויף דורך די פינגער דערפאַר, ווייל איך בין אַ יתום, וואָס האָט אויף זיך קיין איבערהאַר נישט און לערנט ביי אַ ליטוואַק... הייסט וואָס קען פון אים אַרויסקומען? אַ הפקר־יונג. וואָס ער וויל, טוט ער. און ווער ווייסט, וואָס עס וועט פון אים אַרויסקומען! אוודאי, ווען זיין טאַטע זאָל לעבן, וואָלט ער אַנדערש געוואַקסן.

אזוי, אָדער אַזוי, איז שרעקלעכע געשיכטע, וואָס איך האָב אָפּגעטאָן, איז פאַריבער פאַר מיר בשלום.

נאָר איינמאָל האָב איך באַמערקט ביי אונדז אין קלויז, ווי ר׳ שייע שמולקעס האָט זיין אַן אייניקל געשלאָגן, פאַרוואָס ער האָט זיך געשפּילט מיט אַזאַ אויסגעלאַסן יינגל, ווי איך. נאָר שפּעטער מיט אַ קורצער צייט איז מיין גרויס פאַרברעכן ווי פאַרגעסן געוואָרן, מען האָט שוין מער וועגן מיר אין אונדזער קלויז נישט גערעדט, און ר׳ שייע שמולקעס אייניקל האָט זיך ווידער מיט מיר געשפּילט פאַר זיין זיידן אין די אויגן און ער האָט אים גאָרנישט געזאָגט.

מען האָט אין קלויז אַן מיר פאַרגעסן דערפאַר, ווייל ביי אונדז אין שטאָט, באַזונדערס פאַר אונדז יינגלעך, איז פאָרגעקומען אַ גרויס געשעעניש, פון וואָס מען האָט נישט אויפגעהערט צו רעדן.

ר׳ אברהם, דער יידישער סטאַראָסטע אין דער שטאָטישער אופּראַווע, וואָס האָט אָרויסגעגעבן פאַר יידן פּאַספּאָרטן, האָט געהאַט אַן עלטערע אויסגעגעבענע טאָכטער, וועלכע האָט געוווינט אין קיעוו. דאָרטן ביי דער שוועסטער האָט אויך געוווינט זיינס אַ יינגל פון אַ יאָר פופצן. משהלע האָט ער געהייסן. פּלוצלונג איז אָט דער משהלע געקומען צו זיינע עלטערן אויפן זומער, און מען האָט דאָס יידישע יינגל דער- זען אין גאַס שפּאַצירן גוייִש געקליידט, מיט מעשענע קנעפּלעך און אַ היטל מיט עפּעס אַ מעשענעם אָדלערל.

גערופן האָט מען אים „משהלע דער גימנאַזיסט".

ער איז ביי אונדז אין שטאָט געווען דער ערשטער און דער איינציקער יידישער גימנאַזיסט.

שפּאַצירט האָט ער נאָר מיט גויישע שקצים, מיט דעם אַפּטיי- קערס יינגלעך און אויך מיט דעם „מיראָוואי סודיאָס" אַ מיידעלע פון אַ יאָר זעכצן.

מיר, חדר-יינגלעך, האָבן געקוקט אויף אים, ווי אויף אַ בייזו וווּנדער, און ווען מיר האָבן אים מיטאַמאָל דערזען אין גאַס מיט זיינע שקצים, האָבן מיר זיך דערווייטערט פון אים. איך האָב ליב גע- האַט פונדערווייטנס צו קוקן אויף דעם יידישן יינגל מיט די מעשענע קנעפּלעך, ווי אויף אַ ווילדע חיה, וואָס קאָמעדיאַנטן פלעגן אַמאָל ברענגען אין אונדזער שטאָט און מען פלעגט גיין קוקן אויף בילעטן.

מיר, חדר-יינגלעך, האָבן נישט געקענט פאַרשטיין, פאַרוואָס ער, אַ יידיש יינגל, גייט נישט אין חדר אַריין און לערנט נישט מיט

מלמדים, אדער אין בית המדרש, און מיר האָבן געקוקט אויף אים נישט ווי אויף אַ גוי, נאָר נאָך ערגער, ווי אויף אַ משומד.

אין שטאָט האָט מען גערעדט, אַז נישט ר׳ אברהם דער סטאַראָסטע האָט זיין יינגל געמאַכט פאַר אַ גוי און אים אַריינגעגעבן צו די גוים אין גימנאַזיע. ר׳ אברהם איז געווען אַן ערלעכער פרוי־מער ייד, און ווייל ער האָט געקענט שרייבן רוסיש מיט אַ שיינעם כתב, פלעגט מען אים אַלע יאָר אויסקלייבן פאַר סטאַראָסטע אין דער אופּראַווע. נאָר געמאַכט משהלען פאַר א גוי האָט זיין ווייב קיילע מיט איר טאָכטער, וועלכע וווינט אין קיעוו.

קיילע איז געווען אַ דיקע יידענע פון אַ יאָר פערציק. נאָר שבת און יום טוב האָט זי ליב געהאַט צו טראָגן אַ קאַפּעלושל מיט פעדערן, וואָס זי האָט געבראַכט פון קיעוו, ווען זי איז דאָרטן געווען ביי איר טאָכטער, וועלכע האָט באַדאַרפט געלעגן ווערן מיט איר ערשטן קינד.

איצט, ווען איר יינגל איז מיט די מעשענע קנעפּלעך געקומען אויפן זומער אַהיים, פלעגט זי מיט אים אָפט שפּאַצירן אינמיטן גאַס געאָרעמט, געטראָגן איר קאַפּעלושל מיט די פעדערן אפילו אינדער־וואָכן און גערעדט מיט אים נאָר רוסיש. דאָס הייסט, דאָס גימנאַזיסטל האָט גערעדט רוסיש און זי האָט גערעדט פּראָסט גויש, ווי מען רעדט מיט די פּויערים, ווען זיי קומען זונטיק אויף דעם מאַרק צו פאַר־קויפן הינער, אייער און קאַרטאָפלעס.

איינמאָל, שבת, האָט ביי אונדז אין קלויז אָנגעהייבן צו קאָכן, ווי אין אַ קעסל.

ר׳ אברהם דער סטאַראָסטע איז געקומען מיט זיין גימנאַזיסטל דאַווענען.

ער האָט זיך מיט אים געזעצט אויף זיין שטאָט און זיין יינגל מיט די מעשענע קנעפּלעך האָט פון סידורל פרום געדאַווענט און נאָכ־געזאָגט דעם חזן: אָמן, און ווען מען האָט געלייענט אין דער תורה, האָט מען אים אויפגערופן מפטיר און ער האָט געזאָגט אויף אַ קול דעם מפטיר מיט אַ שיינעם ניגון, אַז אַלע האָבן געגאַפט.

בעת קריאַת־התורה האָבן מיר, יינגלעך, אים אַרומגעשטעלט, אַרומ־געשמעקט און אָנגעטאַפּט זיינע מעשענע קנעפּלעך.

נאָכן דאַווענען האָבן איניקע יידן אים געגעבן שלום עליכם און שטאַרק געלויבט זיין מפטיר זאָגן.

איינער, אַן עלטערער מענטש, מיט אַ לאַנגער באָרד, האָט מיט

אים געריעדט פון חכמת החשבון און פון דער לבנה מיט דער זון און פון אַ סך זונען און פון דעם וויאַזוי די ערד, אויף וועלכע, מיר, מענטשן, וואוינען, דרייט זיך.

אַלע האָבן אַרומגערינגלט דאָס גימנאַזיסטל און ערנסט זיך איינגעהערט אין דעם שמועס וועגן וועלטלעכע זאַכן.

און ר׳ אברהם סטאַראָסטע האָט געהאַט גרויס נחת און געקוואָלן פון זיין ייִנגל.

איך האָב געשלונגען יעדעס וואָרט און מיט די אויגן אויפגעגעסן דאָס ייִנגל מיט די מעשענע קנעפּלעך און מיין קעפּל האָט זיך פאַרדרייט פון זיינע ווערטער.

איך האָב זייער ווייניק פאַרשטאַנען פון וואָס מען האָט גערעדט. איך האָב נאָר זיך דערוווּסט, אַז וועגן אַזעלכע טשיקאַווע זאַכן לערנט מען אין דער קיִעווער גימנאַזיע ביי די גויִים.

איך אַליין האָב צו צען-צוועלף יאָר נאָך נישט געקענט שרייבן אויף קיין שום לשון, אַפילו נישט אויף ייִדיש, ווייל ביי אונדז אין היו האָט מען געפונען פאַר איבעריק, אַז אַ ייִנגל זאָל זיך לערנען שרייבן.

מיינע אַ שוועסטערל האָט מען יאָ געשיקט צו אברהם נאָטע דעם שרייבער און מיך נישט. איך האָב נאָר באַדאַרפט לערנען אַ סך גמרא ביים רבין און נישט פאַרשלאָגן זיך דעם קאָפּ מיט נאַרישקייטן, ווי שרייבן.

פון זינט אָבער איך האָב געזען דאָס ייִנגל מיט די מעשענע קנעפּלעך, האָב איך באַקומען גרויס חשק אויך גיין צו אברהם נאָטען דעם שרייבער, ווו מען האָט געלערנט ייִדיש און רוסיש שרייבן, און איך האָב וועגן דעם געבעטן דער מאַמען.

— עס איז איבעריק, — האָט די מאַמע געזאָגט, — עס איז נאָך צו פרי, לערן בעסער ביים רבין.

און דער פעטער משה האָט אינגאַנצן חוזק געמאַכט פון לערנען זיך שרייבן.

— אַזעלכע זאַכן, — האָט ער געזאָגט, — לערנט מען זיך אַליין אויס, בין מנחה למעריב, ווען מען וואַקסט אונטער און מען דאַרף עס האָבן צום מסחר.

און ער האָט געוויזן אַ ביישפּיל, אַז אַ סך גבירים ביי אונדז אין שטאָט האָבן זיך קיינמאָל נישט געלערנט שרייבן און פונדעסט-

וועגן האָט עס נישט געשאַדט. זיי זאָלן ווערן גבירים און פירן גרויסע געשעפטן. הלוואי אויף אַלע יידן געזאָגט געוואָרן.

איך האָב אָבער מער גלייכגילטיק נישט געקענט צוזען, ווי פאַרביי אונדזער שטוב גייען יעדן טאָג יינגלעך מיט מיידלעך מיט פאַרדרייטע בויגנס פּאַפּיר אונטערן אָרעם און מיט אַ פען אין דער האַנט, צו אברהם נאָטען זיך לערנען שרייבן, און איך גישט... פלעג איך נישט אָפּלאָזן דער מאַמען, איך זאָל אויך גיין צו אברהם נאָטען. אָבער יעדעס מאָל, ווען איך האָב געבעטן און זיך איינגעעקשנט וועגן דעם, פלעגט זי מיך אָפּשטויסן פון זיך, אָנשרייען אויף מיר, איך זאָל זי לאָזן צורו. דער קאָפּ איז איר אַזוי אויך גענוג פאַרדרייט און זי קען מיר נישט „נאָכגעבן די שמד"...

שרייבן האָב איך נישט געקענט, נאָר לייענען רוסיש און אַ ביסל דייטש האָב איך יאָ געקענט. דאָס האָב איך זיך אַליין אויסגעלערנט פון די שער־בלעטער אויף די גמרות, חומשים און אַנדערע ספרים, וואָס זענען געווען געדרוקט אין רוסלאַנד און אין אויסלאַנד. און אונטן אויפן שער־בלאַט איז געווען געדרוקט אויף רוסיש אָדער דייטש דער נאָמען פון ספר, די נעמען פון דער דרוקעריי מיט די באַלעבאַטים און די שטאָט ווי די דרוק האָט זיך געפונען.

אַ חוץ די שער־בלעטער אויף ספרים, איז דאָס בעסטע שולבוך פאַר אייראָפּעישע שפּראַכן געווען פאַר מיר די שילדן מיט גרויסע געפאַרבטע אותיות, וואָס זענען געווען צוגעקלאַפּט צו די עטלעכע צענדליק מאַגאַזינען, קראָמען און קלייטלעך און צו די קאַזיאָנע הייזער, ווי די פּאָסט, די פּאָליציי, די אַפּטייקן א. אַז. וו.

פלעג איך אַליין אָדער מיט נאָך יינגלעך גיין אין גאַס מיט פאַררייסענע העלדזלעך און לייענען, צעגנדיק יעדעס וואָרט, וויפל דער אָטעם האָט נאָר געקענט כאַפּן.

## קאַפּיטל פּיראונצוואַנציק.

אויף אַזאַ אופן האָב איך געלערנט אַלע „אייראָפּעישע שפּראַכן" פון די שער־בלעטער אויף די גמרות און אַנדערע ספרים און פון די געפּאַרבטע שילדן אויף די קראָמען.

איך האָב אָבער אויך געוואָלט קענען שרייבן, און פון קינדווייז אָן האָב איך שוין געהאַט אַזאַ טבע, אַז ווען איך האָב עפּעס זיך אַריינגענומען אין קאָפּ אַריין, האָט מען עס מיט קיין האַמער נישט געקענט אַרויסקלאַפּן פון מיר, ביז איך האָב מיינס דערגרייכט.

אַזוי איז אויך געווען מיט מיין ווילן קענען שרייבן. איך האָב מיין מאַמען נישט אָפּגעלאָזט, אָבער איצטיקס מאָל איז עס געגאַנגען שווערלעך... עפּעס האָט מיין מאַמע געזען אין מיין ווילן גיין צו אברהם נאָטע דעם שרייבער און איבער דעם זיך אָפּרייסן אַ פּאָר שעה פון חדר, דאָס הייסט פון לערנען תורה. איך מאַך די ערשטע טריט צו גיין אויף דעם שלעכטן וועג. זי האָט געדרונגען, אַז ווען זי גיט מיר אין דעם נאָך, וועל איך שוין ווייטער גיין אָן איר וויסן, און סוף כל סוף וועל איך ווערן אַ הפקר־יונג.

דערווייל האָט זיך אָנגערוקט דער ווינטער מיט זיינע גרויסע שנייען און שטאַרקע פרעסט, און ווינטערצייט איז מען בכלל ווייניק געגאַנגען צו ר' אברהם נאָטען שרייבן, קינדער זאָלן זיך, חס־ושלום, נישט פאַרקילן. און דערצו איז אין בייַ אים אין שטוב נישט שטענדיק געווען אַזוי וואַרעם, אַז קינדער זאָלן קענען האַלטן די פעדן און דאָס הענטל זאָל נישט אָפּגעפרוירן ווערן, און דעריבער האָב איך דעם גאַנצן ווינטער געלאָזט צורו דער מאַמען.

נאָר אַט איז געקומען דער ליבער נאָך פּסח. טיר און פענסטער זענען אָפן, מען געפינט זיך מער אינדרויסן, ווי אין שטוב, אַלץ לעבט

אויף, אלץ וויל לעבן און יעדער רייסט זיך צום לעבן, און איך זע ווי פארביי אונדזער שטוב גייען פריילעך אלע טאג יינגלעך און א סך מיידלעך מיט בויגנס פאפיר און פענעס. אלע גייען צו אברהם־נאטע דעם שרייבער, און איך נישט...

איך האב זייער דערפון געליטן, אז טרערן האבן זיך מיר גע־שטפלט אין די אויגן פון גרויס פארדרוס. און איך האב זיך געפרעגט: פארוואס גייען אלע קינדער צו אברהם נאטע דעם שרייבער און איך נישט? און איך האב דאס ערשטע מאל באוויינט מיינע יארן. מיין טאטע איז געווען אזא גרויסער חסיד און מיין גאנצע משפחה זענען חסידים און מיוחסים. פארוואס זאלן מיינע חברים, ווי חיים געגדזל און מענדל הייזעריקער און נאך א סך אנדערע יינגלעך מעגן אלץ טאן און איך טאר נישט? איך האב באמת מקנא געווען מיינע חברים און אנדערע יינגלעך, וועלכע האבן געהאט טאטעס פראסטע מענטשן, ווי משרתים און בעל־מלאכות.

און איינמאל, אין א שיינעם זונענדיקןווארעמען טאג, ווען איך האב אין א פרימארגן צוגעזען, ווי א סך קינדער, וועלכע זענען יינגער פון מיר, גייען צו אברהם נאטע דעם שרייבער און איך נישט, האט מיך אזוי אנגעכאפט ביים הארצן, און איך האב מיך אזוי איינ־געגעסן אין דער מאמען, זי זאל מיך אויך שיקן צו אברהם נאטען, אז איך האב זי ארייגעבראכט אין גרויס כעס, און דאס ערשטע מאל אין מיין לעבן האט זי מיך אנגעבויכעט און געשאלטן, זאגנדיק דערביי:

— גיי צו אלדי שווארצע יאר — צו אברהם נאטען, אבי לאז מיך לעבן!

דערהערט די לאנג־דערווארטע ווערטער, האב איך אפגעאטעמט און געבליבן שטיין אן ווערטער מיט פולע אויגן טרערן.

— נו, וואס שטייסטו? פארוואס גייסטו נישט אוועק פון מיר? — האט זי אנגעשריגן אויף מיר.

— געלט אויף פאפיר מיט א פען! — האב איך בווישן די ציין אויסגערעדט.

זי האט מיר א ווארף געטאן צוויי קאפיקעס, וועלכע זענען אראפגעפאלן אויף דער ערד. איך האב אויפגעהייבן דאס געלט און בין ארייַן צו מאיר לימעניק, וואס האט טאקע ביי אונדז אין הויז געהאט א קלייטל און ער האט מיר פאר די צוויי קאפיקעס געגעבן

אײן גרויסן בויגן פּאַפּיר מיט אַ פּען. דאָס איז שוין געװען אַ פּרייז, ווי אַ גראַשן אַ בייגל.

געכאַפּט מיין שרייבגעצייג, בין איך נישט געגאַנגען, נאָר געפלויגן צו אברהם נאָטען.

איך בין אַריין צו אים מיט מיין שרייבגעצייג אין די הענט. אַ פּאַרסאַפּעטער. אַ פּאַרפּלאָמטער און רויט ווי צוויק, אַז איך האָב נישט געקענט אַ וואָרט אויסרעדן. איך האָב נאָר אָנגעהייבן צו שטאַמלען און געוואָלט זאָגן, אַז די מאַמע האָט מיך געשיקט זיך לערנען שרייבן.

נאָר אברהם נאָטע, אָנגעלאָדן מיט אַ פּעדער אונטער איין אויער און מיט אַ שרייב-פּענדל אונטער דעם צווייטן אויער, האָט מיך נישט געלאָזט אויסרעדן ביז צום סוף און האָט ווי אַ „פּעלדפּעבל“ אַ געשריי געטאָן צו זיין „פּאָמאָטשניק“:

— שעפּסל, זעץ אים אַנידער!

איך אַליין בין שטאַרק מבולבל געוואָרן, דערזעענדיק וואָס דאָ טוט זיך.

ווינטער פלעגט אברהם נאָטע כמעט קיין תלמידים נישט האָבן, נאָר עטלעכע גרויסע בחורים פלעגן קומען צו אים אַהיים זיך לערנען שרייבן. נאָר באַלד נאָך פּסח, איבער דעם גאַנצן זומער, פלעגט זיך אָנהייבן זיין שפע ברכה. ער פלעגט דינגען אַ גרויסע שטאַל, ווו מען האָט דעם גאַנצן ווינטער געהאַלטן בהמות. מען האָט זי אויסגערייניקט. די ווענט אויסגעשמירט מיט ווייסן ליים. אויף דער גאַנצער לענג פון דער שטאַל האָט מען אין איין זייט געשטעלט לאַנגע טישן פאַר יינגלעך און אויף דער צווייטער זייט — נאָך לענגערע טישן פאַר מיידלעך. צוזאַמען האָבן זיך נעפּונען אַ פּאָר הונדערט קינדער.

און אָט דאָ בין איך דאָס ערשטע מאָל אַריינגעפּאַלן, און דערזעענדיק אַזויפיל קינדער, בין איך נאָך רויטער געוואָרן און האָב געפילט, אַז מיינע באַקן ברענען, ווי פייער.

דערזעענדיק שעפּסלען, האָב איך אים באַלד דערקענט. אַז ער איז אַמאָל געווען מיינער אַ באַהעלפער ביים דרדקי-מלמד. נאָר דאָ ביי אברהם נאָטע דעם שרייבער האָט ער געהייסן „פּאָמאָטשניק“.

שעפּסל, אויך אָנגעלאָדן אונטער ביידע אויערן מיט שרייב-געצייג, האָט מיך גרינג ווי אַ פעדער אַ כאַפּ געטאָן, מיך אויפגעהייבן און אַראָפּגעלאָזט צווישן די יינגלעך אויף דער לאַנגער באַנק.

עס איז געווען אַזוי ענג, אַז איך האָב געפילט, ווי איך זיץ נישט אויף דער באַנק, נאָר איך בין געבליבן הענגען צווישן די קינדער אינדערלופטן, ווי צווישן קלאַמערס.

שעפּסל האָט גענומען מיין בויגן פּאַפּיר, וועלכער איז שוין געווען גענוג צעקנייטשט, טראַגנדיק אים אַהער. ער האָט דעם בויגן פּאַפּיר אויסגעגלייכט, צוגעפּגעלייגט אין פירן און גיך און קונציק אים אָפּגעווירעט, מיר געגעבן די פען אין דער האַנט און ער האָט אָנגעהייבן צו קאָמאַנדעווען, ווי אַן אונטער-אָפיציר מיט סאָלדאַטן.

— האַלט פעסט די פענעס אין די הענט!

איך האָב געמאַכט אַ קולאַקל און שטאַרק געהאַלטן די פען.

דערנאָך האָט שעפּסל נאָך העכער אויסגעשריען:

— טונקט איין די פענעס אין די טינטערס!

און נישט אַרויסלאָזנדיק מיין פען, האָב איך זי איינגעטונקען אין אַ גרויסן טינטער און... איך האָב אַרויסגעשלעפּט אַ שוואַרצע טויטע פליג אָדער עפּעס אַן אַנדער באַשעפעניש.

טראַכטנדיק, וואָס איך זאָל דאָ טאָן, האָט זיך שוין שעפּסלס דונערדיק קול ווידער געהערט:

— שרייבט, קינדער, אַ קרום פּאַסקעלע!

און איך האָב געשריבן... אָבער עס איז ביי מיר נישט אַרויסגעקומען קיין פּאַסקעלע, נישט קיין קרומס און נישט קיין גלייכס, נאָר אַ שוואַרצע „בולקע".

דעם ערשטן טאָג האָט זיך קיינער אויף מיר נישט אומגעקוקט, און איך האָב אַ גאַנץ זייטל פּאַפּיר אָנגעשטעלט מיט „בולקעס", נישט קענענדיק זיך באַפרייען פון דעם שוואַרצן באַשעפעניש, וואָס האָט זיך אָנגעטשעפּעט אויפן שפּיץ פון מיין פען.

פון דעם טאָג אָן פלעג איך יעדן נאָכמיטאָג גיין צו אברהם נאָטען זיך לערנען שרייבן, און האָב זיך געפילט גליקלעך. נאָר איין זאַך פלעגט מיך פאַרדריסן: אומעטום ווו איך האָב ביז איצטער געלערנט, בין איך געווען דער יינגסטער צווישן די חדר-יינגלעך און נעקענט בעסער פון אייניקע עלטערע, און דאָ, ביי אברהם נאָטען, בין איך געווען פון די עלטערע און ווינציקער געקענט פון די יינגערע... אָבער אין אַ פּאָר חדשים אַרום האָב איך זיי אַריבערגעיאָגט. אברהם נאָטע אַליין האָט געזאָגט דער מאַמען, אַז איך בין ביי אים איינער פון זיינע בעסערע תלמידים, און אַז נאָך הייגטיקן זומער

וועל איך קענען אַליין אָנשרייבן אַ בריוו אויף יידיש און פון אדרעס אויף רוסיש.

די מאַמע איז געוואָרן גוט צו מיר און איז מער נישט געווען אין כעס, פאַרוואָס איך גיי צו אברהם-נאָטען דעם שרייבער. זי האָט מיר נאָר געזאָגט:

— אַז דו גייסט שוין יאָ זיך לערנען שרייבן און רייסט זיך אָפּ פון חדר אויף אַ שעה, זאָל עס נישט זיין אומזיסט. זאָלסט זען איבערן זומער זיך אויסלערנען שרייבן, וואָרים ווינטער וועל איך דיך נישט לאָזן גיין צו אברהם-נאָטען.

און איך האָב געטאָן אַלץ. איך זאָל זיך קענען וואָס גיכער אויסלערנען שרייבן יידיש און רוסיש. איך פלעג נישט נאָר שרייבן ביי אברהם נאָטען, נאָר אינדערהיים אויף דער נאַכט. ווען איך פלעג קומען פון חדר. מיינע פינגער זענען דעם גאַנצן זומער געווען אויסגעשמירט מיט טינט און איך האָב זיי קיינמאָל נישט געקענט אָפּוואַשן.

שוין אַ פאָר חדשים, אַז איך לערן ביי אברהם נאָטען דעם שרייבער, מיט גרויס חשק און מיט גרויס דערפאָלג. מיין רבי, דער ליטוואַק, ביי וועמען איך לערן גמרא, איז אויך צופרידן מיט מיר און קען זיך גאָרנישט אָפּלויבן, וואָס פאַר אַ גוטן תלמיד ער האָט, אַז איך בין אַ גרויסער מתמיד און אַז איך האָב זיך „פיינט אָפּצע-גאָרן", ווען איך לערן מיט דעם רבין. דאָך האָב איך געהאַט אַזאַ ביטער מזל, אַז אַלץ, וואָס איך האָב דערוואָרבן, איז מיר אָנגעקומען שווער און ביטער. פאַר צלעם האָב איך זיך געמוזט ראַנגלען, און ווער עס האָט געוואָלט, דער האָט מיר אָנגעטאָן יסורים, געמאַכט שטערונגען און מיר אונטערגעשטעלט פיסלעך.

צי עס איז געטאָן געוואָרן בכיון, אָדער מען האָט געמיינט מיין טובה, נאָר דער סך הכל איז שטענדיק געווען, אַז איך האָב זייער פיל געליטן, באַזונדערס פון דעם, וואָס איך האָב פיל יסורים פאַר-שאַפט מיין מוטער, וועלכע איך האָב ליב געהאַט מער ווי אַלץ אין דער וועלט.

אָט איז פּלוצלונג און אומגעריכט געקומען אַזאַ אָנשיקעניש אויף מיר.

מיין פעטער משה, וועלכער האָט מיר שטענדיק אָנגעטאָן גרויסע צרות, האָט אין זיין לעבן קיינמאָל קיין פּאַספּאָרט נישט געהאַט, ווייל ער איז אין זיין גאַנץ לעבן אין ערגעץ נישט געפאָרן ווייט. אַ חוץ פון זיין שטעטל קיין אומאַן, אַ צוואַנציק וויאָרסט. פּלוצלונג, אויף מיין אומגליק, האָט זיך אים פאַרגלוסט אויסצופירן עפּעס אַ גבירישן שידוך און האָט מיט די מחותנים באַדאַרפט פאָרן ערגעץ ווייט אָנקוקן אַ חתן. האָט ער דאָס ערשטע מאָל אין זיין לעבן אַרויסגענומען פון דער אופּראַווע אַ פּאַספּאָרט אויף דריי חדשים.

עפנט זיך ביי אונדז די טיר און עס קומט אַריין דער פעטער משה און דערציילט דער מאַמען, אַז ער פאָרט אַוועק אויף צוויי וואָכן, און ער נעמט אַרויס פון קעשענע זיין פּאַספּאָרט און רופט זיך אָן צו מיר בזה הלשון:

— אַנו, גראַמאָטיי, טוט נאָר אַ לייענען מיין פּאַספּאָרט! וואָס שטייט דאָרט געשריבן?

איך האָב גענומען דעם פּאַספּאָרט און אָנגעהייבן לייענען די בעדרוקטע ווערטער: „פאַ אוקאַזו יעוואָ“ א. אַז. וו. ווי עס איז געדרוקט אין די אַמאָליקע פּאַספּאָרטן.

די מאַמע, הערנדיק ווי איר קינד לייענט רוסיש, האָט זיך אויף איר פּנים אויסגעגאָסן אַ צופרידנקייט. עס קאָסט איר געלט, אָבער זי האָט נחת, וואָס איר קינד קען לייענען אפילו רוסיש אויך.

ווען אָבער איך בין געקומען צום געשריבענעם, האָב איך זיך זיך פּלוצלונג פאַרהאַקט אין האַלדז, די צונג איז געלעגן אין דער ערד און האָב קיין גאַנץ וואָרט נישט געקענט איבערלייענען, ווייל דער כתב איז געווען זייער פאַרדרייט און איך האָב פון אָרט זיך נישט געקענט רירן.

דער פעטער האָט מיט נצחון זיך איבערגעקוקט מיט דער מאַמען און געשיט זאַלץ אויף די ווונדן.

— אַזוי קען עס אַלץ, און אַז עס קומט צו עפּעס, קען עס גאָר־נישט... — האָט ער געזאָגט.

די מאַמע איז טרויעריק געוואָרן און מיט אַ זיפץ האָט זי געזאָגט:

— אין צי פון זיך אַרויס די לעצטע קליי און מיין נפלט איז אַרויס־געוואָרפן.

ווי שפּיזן האָבן מיך די ווערטער געשטאָכן סיף אין האַרצן, נאָר איך האָב נישט געהאַט קיין ווערטער וואָס צו זאָגן.

אַ צווייט מאָל איז געקומען אונדזערער אַן אַנדער קרוב און אויף מיין אומגליק דערציילט ער, אַז זיין בן יחיד איז קראַנק געוואָרן. ער האָט געמוזט גיין מיט אים צו אַ דאָקטאָר, וועלכער האָט פאַרשריבן אַ רעצעפּט.

און, אַזוי רעדנדיק, נעמט ער אַרויס קאַלטבלוטיק פון דער ווייטיקער קאַמיזוויל־קעשענע דעם רעצעפּט און רופט זיך אָן צו מיר:

— אַנו, מאָטעלע, דו לערנסט זיך דאָך אַלע שבע חכמות ביים ליסוואַק און ביי אברהם נאָטען דעם שרייבער — טו נאָר אַ לייען, וואָס האָט ער פאַרשריבן פאַר מיין איציקלען?

פאַרשטייט זיך, אַז אין דעם רעצעפּט האָב איך קיין האַלב וואָרט נישט געקענט איבערלייענען און דער מאַמעס פנים האָט זיך ווידער באַ־דעקט מיט אַ טרויער, און מיך האָבן די יסורים געשטאָכן ביז אונטער דער זיבעטער ריפּ.

מער ווי דעם איינציקן זמן האָב איך ביי אברהם נאָטען דעם שרייבער נישט געלערנט, ווייל די מאַמע האָט מער נישט געוואָלט אָדער נישט געקענט צאָלן. דעם רבין מוז זי צאָלן, האָט זי געזאָגט, זי קען דאָך מיך נישט לאָזן אויסוואַקסן אַ גוי, און אברהם נאָטען דעם שרייבער איז זי נישט מחויב צו צאָלן. גענוג פון מיינעטוועגן, וואָס איך האָב געלערנט זיך שרייבן איין זמן.

פונדעסטוועגן, ווען איך בין אַרויס פון אברהם נאָטען, האָב איך געקענט לייענען און שרייבן יידיש און רוסיש און האָב אויך ווייטער געלייענט און געשריבן אַליין אָן אַ לערער.

אין דעם האָט מיר אויך געהאָלפן אונדזער אַ שכנס אַ מיידל, ציפּע טשערקאַסקי מיט אירע צוויי חברטעס, חנהלע און זלאַטע.

אַלע דריי זענען עלטער געווען פון מיר איינגאַנצן מיט אַ יאָר צוויי און האָבן געהאַט אַלערליי ביכער און שוין געלייענט ראָמאַנען...

די זריזע מיידלעך האָבן אויך אַמאָל געלערנט ביי אברהם נאָכן דעם שרייבער, נאָר איצט קומט צו זיי אַ לערער אַ גוי — אַן אַלטער פּראָנצוויז מיט אַ דייטשן נאָמען „פרידריך", און אַלע דריי חברטעס, וועלכע קומען זיך יעדן טאָג צונויפֿמען, „גיט ער זיי אַ שטונדע".

דערדאָזיקער אַלטער „פרידריך", ווי מען האָט דערציילט, איז אַמאָל געווען אַ לערער ביי אַ פּוילישן רייכן פּריץ, וואָס האָט אים אַראָפּגעבראַכט פון אויסלאַנד און דערנאָך אים אַרויסגעטריבן פאַר זיין שיכרות. און אַזוי ווי ער פלעגט פאַרטרינקען, וואָס ער האָט פאַרדינט, האָט ער קיינמאָל נישט געהאַט מיט וואָס אַוועקצופאָרן אַהיים אין זיין פראַנצויזן־לאַנד און איז פון לאַנגע יאָרן פאַרבליבן אין אומאַן, געבן „שטונדן" ביי רייכע גויים. אויך די דריי יידישע מיידלעך, וועלכע, זינט עס האָט זיך פאַוויזן אברהם דעם סטאָראָסטעס יינגל מיט די מעשענע קנעפּלעך, האָט זיך אין זיי אויפגעוועקט אַ גרויסער חשק צו „בילדונג", און אַזוי ווי קיין אַנדער לערער, ווי דער פראַנצויז מיט דעם דייטשן נאָמען איז נישט געווען, האָבן זיי ביי אים גענומען „שטונדן", בפרט נאָך, אַז ער האָט אויך געגעבן לעקציעס אין די גוישע הייזער. צווישן די יידישע מיידלעך, וואָס האָבן חשק געהאַט צו „בילדונג", האָט ער געהאַט אַ שם פאַר אַ גוטן לערער.

זינט איך געדענק זיך, געדענק איך דעם אַלטן פראַנצויז פרידריך, וועלכער פלעגט אַרומגיין אין שטאָט מיט אַ דיקן שטעקן, מיט אַ מאָדנע אומגעלומפּערטן, הויכן, האַרטן, שוואַרצן און פאַרשמאַלצעוועטן קאַפּעליוש, וועלכער פלעגט גלייך שטיין אויף זיין קאָפּ נאָר אין די מינוטן, ווען ער איז געווען ניכטער. זומער און ווינטער האָט ער געטראָגן דיזעלבע ברייטע אַלטע פאַלדרינע, מיט זייער גרויסע שטיוול, אַן כאַליעוועס, מיט אַראָפּגעלאָזטע הויזן איבער די שיך.

ער פלעגט קיינמאָל נישט רעדן, קיינעם נישט טשעפּען, זיך שטענדיק געגאַנגען ערגעץ זיין גאַנג מיט אַ פּאָר ביכער אונטער דעם אָרעם.

אויף אים פלעגט מען זאָגן, אַז ער איז אַ גרויסער געבילדעטער מענטש און קען אַלע שבעים לשונות.

צו לערנען ביים פראַנצויז פרידריך איז געווען דאָס גרעסטע, פון וואָס נאָר די „שטודירנדיקע יוגנט" האָט געקענט טראַכטן, אָבער נישט

יעדער האָט עס זוכה געווען, ווייל פרידריך דער פראָנצויז איז נישט געווען עפּעס אָן אברהם נאָטע דער שרייבער, וועלער האָט זומער־צייט אָנגעטריבן אין זיין שטאָל עטלעכע הונדערט קינדער און גענו־מען אַ רובל פאַר יעדן קינד. פרידריך האָט גענומען צוויי רובל אַ חודש!

די דריי מיידלעך זענען געווען פון רייכע עלטערן, וועלכע האָבן זיי זייער ליב געהאַט און זיי אַלץ נאָכגעגעבן. האָבן זיי אויס־געפירט, אַז זיי זאָלן זיך לערנען ביי דעם פראַנצויז.

זייערע ברידערלעך וואָלט מען אַזעלכע זאַכן נישט דערלויבט, נאָר מיידלעך — יאָ, ווייל מיידלעך דאַרפן נישט גיין צו מלמדים לערנען גמרא.

מיט ציפּע טשערקאַסקי פלעג איך זיך זען צען מאָל אין טאָג, ווייל זי האָט געוווינט דאָס צווייטע הויז פון אונדז און אירע צוויי חברטעס, חנהלע טראַכטמאַן און זלאַטע גראָדסקי, האָב איך אָפט גע־זען, ווען זיי פלעגן קומען צו ציפּען.

ציפּעס פאָטער, ר׳ זישע טשערקאַסקי, איז מיט אַלעמען געווען זייער ענלעך צו מיין פאַרשטאָרבענעם פאָטער. ער איז געווען איינער פון די גרעסטע טאַלנער חסידים, געהאַט געשעפטן מיט פריצים, געפאָרן אין אַן אייגענער קאַרעטע אויף „קיעווער קאָנטראַקטן״, און ווען ער פלעגט זיין צו הויז, זענען ביי זיין טיש געזעסן אַ סך חסידים, און שבת אָדער יום־טוב פלעגן די טאַלנער חסידים ביי אים הוליען, ווי ביים רבין אין הויף.

ר׳ זישע טשערקאַסקי האָט געלעבט ברייט און „געקנאַקט מיט דער בייטש״ מעשה בריק.

פון קינדוויז אָן פלעג איך אָפט קומען צו די טשערקאַסקיס אין הויז, זומער זיך שפּילן מיט ציפּעס ברידערלעך אויף זייער גרויסן הויף און ווינטער אין דער גרויסער שטוב. ציפּע, כאָטש זי איז גע־ווען עלטער פון מיר מיט אַ יאָר צוויי, פלעגט זיך אויך אַמאָל מיט אונדז שפּילן, און ווען אירע חברטעס זענען געקומען, פלעגן זיי זיך אויך שפּילן. נאָר איצט, זינט זיי האָבן אָנגעהייבן לערנען ביי פריד־ריך דעם פראַנצויז, האָבן זיי זיך מער מיט אונדז, יינגלעך, נישט אָנגעהערט. עפּעס זענען די דריי מיידלעך מיטאַמאָל אויסגעוואַקסן

און איך און מיינע חברים זענען געבליבן אויף איין אָרט. זיי, די מיידלעך, זענען געגאַנגען אַנגעטאָן נאָך דער לעצטער מאָדע און פּאַרקעמט זייערע שיינע קעפּלעך האָר, ווי פּריצישע קינדער — די „פּאַניענקעס". און מיר, יינגלעך, זענען ווי תּמיד אָנגעטאָן אין אונדזערע לאַנגע קאַפּאָטקעלעך, מיט פּאותלעך. מיר זעען אויס, ווי יידישע חדר-יינגלעך אָדער בית-המדרשניקעס, און זיי, די מיידלעך, ווי פּרי-צישע קינדער.

אַלע דריי חברטעס זענען געווען זעלטן שיינע. ציפּע האָט גע-האַט אַ ווייס ליכטיק פּנים מיט שוואַרצע אויגן און שוואַרצע קוטשע-ראַווע האָר; חנהלע איז געווען אַ טונקעלע, מיט אַ שוואַרצן דיקן לאַנגן צאָפּ נישט נאָך אירע יאָרן נאָך, און זלאַטע איז געווען אַ „גרינע" מיט הימלבלויע אויגן...

אויף איר האָט מען געזאָגט, אַז זי איז נישט קיין שיינע, נאָר אַנדערע פּלעגן זאָגן, אַז די „גרינע" איז דאָס שענסטע מיידל אין דער גאַנצער שטאָט.

די דריי חברטעס זענען געוואַקסן שלאַנק, ווי אויסגעגאָסן.

זיי האָבן געהאַט ביכער און שוין געלייענט ראָמאַנען און, דער-וויסנדיק זיך, אַז איך קען לייענען רוסיש, האָבן זיי מיר בסוד גע-געבן ביכער און בכלל בין איך געוואָרן זייער בעל-סוד. מיין שכנטע ציפּע פלעגט מיט מיר אויך לייענען בסוד סודות.

## קאפיטל פינפאונצוואנציק.

שבת און יום-טוב, ווען אלע פלעגן זיך נאכן עסן לייגן שלאפן בייטאג, בין איך געגאנגען צו ציפען, זיך באגראבן ערגעץ אין א ווינקל און צוזאמען געלייענט און אמאל אויך, ווען עס איז געווען „אויסנעמענעס" אין קלויז, פלעג איך לויפן צו ציפען לייענען צוזאמען אין א בוך.

זי האט מיט מיר געלייענט א בוך נישט צוליב דעם, איך זאל פארשטיין, וואס דארט שטייט געשריבן, נאר די הויפטזאך איז געווען, איך זאל לייענען ריכטיק, אן פעלערן און דערביי האט מען שוין פארטייטשט אווארט אויך.

איינמאל, אום יום-טוב, ווען דאס „אויסנעמעס" איז געווען א לאנגס, בין איך פון קלויז אוועק אהיים, דאס הייסט, אין דעם צווייטן הויז פון אונדז ווו ציפעס עלטערן האבן געוווינט.

ציפע איז געשטאנען אינדרויסן, ביי זייער שטוב, אנגעטאן אין אירע יום-טובדיקע מלבושים. זי איז שטענדיק געווען א לעבעדיקע, א פריילעכע און ליב געהאט א סך צו לייענען.

מיט איר פריילעכקייט און לעבעדיקייט האט זי זיך שטענדיק אויסגעצייכנט צווישן אירע חברטעס.

זי האט איצט אויסגעזען שיין און איז געווען פריילעכער, ווי תמיד. איך בין אויך געווען אנגעטאן אין מיין יום-טובדיק זיידענעם קאפאטקעלע, און געוויס בין איך יום-טוב געווען א שענער יינגעלע, ווי אינדערוואכן.

ווען זי האט מיך דערזען, האט זי מיר פריילעך געזאגט: „א גוט יום-טוב!" און איך האב איר געענטפערט: „א גוט יאר".

— לכבוד יום טוב, — האט זי מיר געזאגט, — וועלן מיר היינט נישט לייענען קיין בוך. קום אריין צו אונדז אין שטוב וועסטו קידוש מאכן. פאראן ביי אונדז גוטע זאכן צום פארבייסן...

איך בין מיט איר אַריין אין שטוב. עס איז געווען יום-טובדיק. געדעקט דער טיש, ווייסע גרויסע געפּאַכטענע חלות איבערגעדעקט מיט אַ שיין געשטיקט טישטעכל. אינמיטן טיש איז געשטאַנען אַ פלאַש ווײַן און אַ פלעשל בראַנפן, אָרומגעשטעלט מיט באַגילטע זילבערנע גרויסע און קליינע כּוסות, און אויף אַ זילבערנעם טעצל האָט זיך געפונען לעקעך, פלאָדן און מאַנדל-בויגעלעך.

זי האָט אָנגעגאָסן דעם קידוש-בעכער פאַר מיר, און פאַר זיך האָט זי אויך אָנגעגאָסן אַ כּוס ווײַן. ווען איך האָב מיך געשטעלט ביים טיש און געמאַכט קידוש, האָט זי געמאַכט אַ ברכה און פון איר כּוס אָפּגעטרונקען אַ ביסל ווײַן און צו מיר אויסגעשטרעקט איר שיין ווייס הענטל און געזאָגט:

— לחיים, מאַטעלע!

איך האָב איר געענטפערט „לחיים ולשלום", נאָר איר האַנט האָב איך איבערגעלאָזט הענגען אינדערלופטן, ווײַל איך האָב זיך דערשראָקן פאַר דער גרויסער עבירה אָנצורירן אַ מיידלשע האַנט.

איר פּנים האָט זיך פאַררויטלט, זי האָט זיך שטאַרק צעלאַכט און בעת מעשה האָט זי נאָך שענער אויסגעזען.

— פאַרוואָס ווילסטו נישט נעמען מײַן האַנט? — האָט זי מיך געפרעגט, לאַכנדיק.

— ווײַל עס איז אַן עבירה צו נעמען אַ ווײַבערשע האַנט... מען טאָר נישט!

— דו ביזט אַ נאַרעלע, — האָט זי געענטפערט. — פאַרוואָס מעגסטו לערנען גויִיש, עס איז דאָך אויך אַן עבירה צו לייענען גויִישע ביכער?

אין אָנהייב האָב איך דערויף נישט געוווּסט וואָס צו ענטפערן. נאָר דאַן האָב איך געזאָגט, אַז גויִיש לערנען איז נישט קיין עבירה, אָבער אָנצורירן זיך צו אַ מיידלשער האַנט איז אַ גרויסע זינד.

ציפּע האָט זיך מיט איר קלינגענדיק קולכל נאָכמער צעלאַכט:

— איך וועל דערציילן תּנהלען און זלאַטען, וועלן זיי אויך האָבן פון וואָס צו לאַכן.

דאָס האָט מיך שטאַרק פאַרדראָסן און איך האָב זי אינגאַנצן מבטל געמאַכט מיט דעם, וואָס איך האָב איר געזאָגט, אַז ווײַבער ווייסן גאָרנישט. זיי גייען קיינמאָל נישט אין חדר און לערנען נישט ביי מלמדים; ווײַבער דאַרפן מער ווי דריי מצוות נישט אָפּהיטן און אַ מאַנסביל האָט אויף זיך תּרי"ג מצוות אָפּצוהיטן.

איך האָב זיך פאַרטיידיקט מיט פייער און האָב ביי איר אין די אויגן אויסגעזען, ווי אַ גרויסער למדן. זי האָט אויפגעהערט צו לאַכן, געקוקט אויף מיר מיט גרויס דרך־ארץ און דערביי מיט אַזוי־פיל גוטסקייט און פריינטשאַפט, אַז זי האָט מיך פשוט געריירט.

צום סוף האָט ציפּע טאַקע אריינגענאָרט מיין האַנט אין איר האַנט און אומגעריכט פאַר מיר — מיך אַ קוש געגעבן...

איך בין אַנטלאָפן פון ציפען, ווי יוסף הצדיק פון פּוטיפרס ווייב.

פון דער צייט אָן בין איך נאָך פרומער געוואָרן און האָב אויף זיך גענומען אַ תשובה, אַז דעם ערשטן תענית זאָל איך דעם גאַנצן טאָג פאַסטן גלייך מיט די גרויסע.

איך האָב שוין לאַנג געוואָלט פאַסטן אין די תעניתים גלייך מיט אַלעמען ביי אונדז אין שטוב, נאָר, ערשטנס, האָט די מאַמע נישט געלאָזט, און, צווייטנס, ווען איך האָב שוין יאָ געפּרוווט נישט עסן, האָב איך מער, ווי ביז צוועלף בייטאָג נישט געקענט אויסהאַלטן און בייקומען דעם יצר־הרע, וואָס האָט געריסן פון מיר שטיקער. איך זאָל עסן. נאָר איצטער, פילנדיק, אַז איך האָב געטאָן אַזאַ גרויסע עבירה, אַז אַ מיידל האָט מיך געקושט, האָב איך פעסט באַשלאָסן צו פאַסטן דעם גאַנצן טאָג. איך זאָל אפילו שטאַרבן, וועל איך נישט עסן.

דערדאָזיקער תענית איז גיך געקומען, און אויף מיין אומגליק איז עס געווען דער לענגסטער תענית — שבעה עשר בתמוז.

ווי תמיד, איז, ביז צוועלף אַ זייגער, מיין תענית געגאַנגען נישקשהדיק.

עס האָט זיך אפילו שטאַרק געוואָלט עסן, נאָר איך האָב זיך איינגעהאַלטן. איך האָב אָבער געוווסט, אַז באַלד וועט קומען די מאַמע, זי וועט אָנשרייען אויף מיר, ווי אַלעמאָל, ווען איך האָב געוואָלט פאַסטן, און וועט וואָגן. אַז איך וועל נאָך האָבן צייט צו פאַסטן.

איך בין נאָך צו יונג.

זי וועט מיר מיט גוואַלד עפּעס אַריינשטופּן אין מויל אַריין, און „קאַליע מאַכן" מיין תענית. איך האָב אָבער פאַרטראַכט אַ גאַנצן פּלאַן: איך וועל אַוועק, קיינער זאָל נישט וויסן, אונטער דער שטאָט, ווייט־ווייט אין „גרעקעווען וואַלד" און ווען איך וועל דאָרטן שטאַרק הונגעריק ווערן, און עס וועט זיך וועלן גיין אַהיים עסן, וועט

שוין סיי ווי סיי דער וועג געדויערן ביז עס וועט ווערן נאַכט, און אַזויאַרום וועט געראַטעוועט ווערן דער תּענית.

אַזוי האָב איך טאַקע געטאָן. איך בין אַוועק אונטער דער שטאָט, און ווען איך בין געקומען אין „גרעקעוועץ וואַלד" איז שוין געווען נאָך דריי אַ זייגער.

איך בין געלעגן אויפן גראָז אין וואַלד צוגלייך מיט די גרויסע בחורים, וועלכע האָבן געפאַסט.

איך האָב זיך געקאַטשעט אין גראָז. אַ ביסל געשלאָפן און די איבעריקע צייט האָב איך שטאַרק געליטן פון הונגער, באַזונדערס פון דורשט. און עס האָט זיך מיר אויסגעוויזן, אַז ווען מען זאָל מעגן, וואָלט איך אונדזער גאַנצן טייך אויסגעטרונקען.

ווען דער טייך וואָלט געווען נאָענט, וואָלט איך געוויס נישט אויסגעהאַלטן, נאָר דער טייך איז געווען ווייט, נאָך ווייטער פון אונדזער הויז, און איך האָב שרעקלעך געליטן.

איך האָב זיך אָנגעהייבן לאָזן אַהיים מיט דעם חשבון, אַז ווען איך וועל אָנקומען אין שטאָט, וועט מען שוין מעגן עסן.

קוים אַ לעבעדיקער, בין איך אַריינגעפאַלן צו אונדז אין שטוב. ווען מען האָט מיך דערזען, האָבן אַלע געוויינט און באַזונ-דערס די מאַמע.

עס האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז דעם גאַנצן טאָג האָבן מיך אַלע אַרומגעזוכט, אַפילו ביים טייך, מיינענדיק, אַז איך האָב זיך געבאָדן און בין דערטרונקען געוואָרן.

די מאַמע האָט זיך נישט אומגעקוקט אויף די אַנדערע קינדער, וועלכע זענען געווען עלטער פון מיר און האָבן געפאַסט. זי איז נאָר געווען פאַרנומען מיט מיר, איך זאָל עסן.

אַלע האָבן געטאַנצט אַרום מיר און עפּעס אונטערגעטראָגן. און מיר האָט דאָס שטאַרק הנאה געטאָן, וואָס אַלע טאַנצן אַרום מיר, ווייל יעדן תּענית בין איך געווען עפּעס אַן איבעריקער אין שטוב, ווייל איך בין געווען דער איינציקער, וואָס האָט נישט געפאַסט. אויסדערנאָכט, נאָכן תּענית, ווען אַלע פלעגן עסן, האָט זיך קיינער אויף מיר נישט אומגעקוקט, אפילו נישט די מאַמע, און היינט בין איך געווען דער מיוחס — דער העלד פון טאָג.

נאָכדעם, ווי די מאַמע האָט מיך אָנגעזעטיקט, האָט ערשט אונדזער גאַנצער עולם גענומען עסן.

גאָכן תּענית איז בײַ אונדז אין שטוב געווען זייער פרײלעך, אַלע האָבן גערעדט פון מיר, אייניקע האָבן געלויבט און באַוווּנדערט מײַן בריהשאַפט. אפילו מײַן מאַמע האָט הנאה געהאַט נישט אַזוי פון מײַן בריהשאַפט, נאָר פון מײַן פרומקייט. פונדעסטוועגן האָט זי מיר געשטראָפט פאַר מײַן פאַסטן און זיך אָנגערופן:

— אַז ער שלאָגט זיך עפּעס אַרײַן אין קאָפּ, וועט מען מיט צוואַנגען עס נישט אַרויסשלעפּן. דאָס צווייטע מאָל, ווען עס וועט זײַן אַ תּענית, וועל איך אים פאַרשליסן אין שטוב, אָדער איך וועל בײַ אים צונעמען די שיכלעך מיט דעם קאַפּאָטקעלע, און זאָל ער אַרומלויפן באָרוועס און נאַקעט. מײַן געזונט האָט ער בײַ מיר און בײַ אונדז אַלעמען היינטיקן טאָג צוגענומען...

אויך מאָרגן נאָכן תּענית האָב איך זיך ווידער געפילט, ווי אַ מענטש אָן שום זינד. מײַן זינד מיט ציפּען האָט מיר גאָט שוין פאַרגעבן פאַר דעם שרעקלעכן תּענית, פון וועלכן איך האָב אַזוי פיל געליטן, אַז איך בין שיעור נישט געשטאָרבן פון הונגער און דורשט.

פון דער צײַט אָן בין איך ברוגז געוואָרן מיט ציפּען און מיט אירע צוויי חברטעס זיך אויך זעלטן באַגעגנט.

# קאַפּיטל זעכסאונצוואַנציק.

איך האָב געלערנט בײַ מײַן רבין, דעם ליטוואַק, מיט גרויס דערפֿאָלג, איך און מײַנע צוויי חברים, גענדזל און דער הייזעריקער, האָבן זיך גערעכנט פֿאַר די בעסטע תּלמידים.

מיר דרײַ זענען געווען די איינציקע ייִנגלעך אין שטאָט, וואָס אַ דאַנק אונדזער רבין, דעם ליטוואַק, האָבן מיר געקענט אָנשרײַבן אַ לשון־קודש־בריוול, וואָס דאָס איז געווען אַ זעלטנהייט בײַ אונדז אין שטאָט. אַ חוץ אונדז איז נישט געווען קיין איינציקער אין שטאָט, וואָס זאָל קענען אָנשרײַבן לשון־קודש.

אמת, דער רב מיט די דיינים און נאָך אַ ייִד, אַ מלמד, מיט דעם נאָמען דוד לייזער, האָבן אויך געקענט שרײַבן לשון־קודש, אָבער מײַן רבי האָט געזאָגט, אַז זיי קענען נישט קיין דקדוק, און שרײַבן מיט גרײַזן.

דוד לייזער האָט מודה געווען, אַז ער שרײַבט מיט גרײַזן און פֿלעגט אָפֿט אַרײַנקומען צו מײַן רבין. ער האָט זיך נישט געשעמט צו לערנען בײַ אים דקדוק, ווי אַ ייִנגל.

די שטאָט האָט זיך באַלד דערפֿון דערוווּסט, מען האָט אים אָנגעהייבן רופֿן אַפּיקורס און צוגענומען בײַ אים אַלע חסידישע תּלמידים.

דוד לייזער האָט זיך אָבער אַזוי פֿאַרקאָכט אין דקדוק, אַז ער האָט זיך נישט געקענט דערפֿון אָפּזאָגן, און ווען די חסידישע עלטערן האָבן בײַ אים צוגענומען זייערע קינדער, האָט ער פֿאַר כּעס אויפֿגעהערט צו פֿאָרן צום רבין און איז געוואָרן אַן אָפֿענער אַפּיקורס, אויסגעשריבן די צײַטונג „המגיד” און אָנגעהייבן לייענען אַפּיקורסישע ביכלעך אויף העברעאיש.

מיר האָט מען פאַרבאָטן צו שטיין אין די דלת אמות פון דעם נייעם אַפּיקורוס, אָבער מען האָט מיר פאַרשפּאָרט צו פאַרבאָטן, ווייל איך אַליין האָב דוד לייזערן געהאַלטן פאַר ערגער פון אַ משומד, דערפאַר, וואָס ער האָט אויפגעהערט פאָרן צום רבין.

מילא, אַז מיין רבי פאָרט נישט צום רבין איז ער דערויף אַ ליטוואַק, כאָטש זייער אַ פרומער ייד, אָבער דוד לייזער, וואָס איז שטענדיק געווען אַ פייערדיקער טאַלנער חסיד זאָל טאָן אַזאַ שרעקלעכע זאַך, דאָס האָב איך אים נישט געקענט מוחל זיין.

וואָס מען האָט מוחל געווען דעם ליטוואַק, האָט מען נישט געקענט מוחל זיין דעם געוועזענעם חסיד דוד לייזערן.

דערצו האָב איך שפּעטער געהערט וועגן אים נאָך שרעקלעכערע זאַכן. איינמאָל האָט ער אין בית-המדרש אָפּגעלאַכט פון חסידים און דערפאַר האָט ער פון אַ חסיד געכאַפּט אַ פּאַטש. מיר האָט עס שטאַרק הנאה געטאָן, אַ מצוה אויף אים, זאָל ער נישט לאַכן פון חסידים!

מיין רבי, כאָטש ער איז אַ ליטוואַק און קען גוט דקדוק, האָט זיך אַזאַ זאַך קיינמאָל נישט דערלויבט, און דוד לייזער, וואָס אין דקדוק קומט ער נישט צו די קנעכל פון מיין רבין, האָט זיך אַזאַ זאַך יאָ דערלויבט.

ביי דוד לייזערן האָט מען אפילו צוגענומען אַלע חסידישע תלמידים, דאָך איז ער געבליבן אַ מלמד און האָט געלערנט מיט קינדער פון פּראָסטע עלטערן. ער האָט שטאַרק אויסגעקוקט, אַז דער ליטוואַק זאָל אַמאָל אַוועקפאָרן, ווייל ער האָט געהאָפט, אַז אַלע זיינע תלמידים וועלן אַריבערגיין צו אים.

ער האָט געהאָפט אויף זיין אַוועקפאָרן דערפאַר, ווייל יעדן אָנהייב ווינטער פלעגט ער יעדן זאָגן און אויך אונדז, זיינע תלמידים, אַז נאָך דעם ווינטער פאָרט ער אַהיים אויף פּסח, אָבער דער ווינטער איז אַוועק און ער איז ווייטער געבליבן.

דוד לייזער האָט שוין כמעט פאַרלוירן אַלע האָפענונגען, אַז דער ליטוואַק זאָל זיך אַמאָל דערמאָנען, אַז ער האָט אין דער ליטע אַ ווייב מיט קינדער און זאָל אַוועקפאָרן. „צו אַלדע שוואַרצע יאָר,“ ווי ער פלעגט זיך וועגן אים אויסדריקן.

אַזוי האָט דוד לייזער געהאַלטן פון מיין רבין. טיילמאָל אָבער פלעגט ער אַריינשפּרינגען צו מיין רבין און פלעגט מאַכן קולות:

— וויאזוי לעבט עס א ייד אזא צייט אן א ווייב און וויל נישט זען זיינע קינדער? דאס קען נאר א ליטוואק!..
סוף כל סוף האט זיך דוד לייזער דערוואַרט.
אַרום פורים-צייט איז דער רבי געקומען צו דער מאַמען און איר געזאָגט, אַז ער פאָרט אויף פסח אַהיים, און צי ער וועט נאָך פסח קומען צוריק, ווייסט ער נישט.
מיר, זיינע תלמידים, האָבן אים מיט דער גרעסטער ליבע באַגלייט ביז הינטער דער שטאָט.
דאָרטן, אויף דער הילצערנער בריק, האָט אים יענקל, דער באַלטער בעל-עגלה, געהייסן וואַרטן ביז ער וועט אָנקומען מיט זיין בויד פאַרשוינען, וועט ער זיך אויך אויפזעצן.
אונדזער רבי איז אַוועקגעפאָרן מיט דערזעלבער „קאַפּאָטע", מיט וועלכער ער איז צו אונדז געקומען. זי איז געווען פון עפּעס אַ שטאַרקן שטאָף מיט אַ משונהדיקן קאָליר און האַרט, ווי אַ בלעך, וואָס מען דעקט דעכער.
אויך האָט ער געטראָגן דיזעלבע שווערע שטיוול, מיט וועלכע ער איז צו אונדז אָנגעקומען, נאָר מיט נייע אײַנטערגעשלאָגענע דיקע פּאָדעשוועס.
ער האָט איצטער געטראָגן אַ נײַ גרויס היטל מיט אַ גלאַנצעדיקן דאַשעק, נאָר ווען ער איז געקומען אונטערן שטאָט, האָט ער אַרויסגענומען פון זעקל אַן אַלט פאַרשמאַלצעוועט היטל, עס אָנגעטאָן און דאָס נייע האָט ער אַריינגערוקט אין זעקל, זאָגנדיק:
— דאָס נייע היטל וועל איך אָנטאָן אויף פסח, ווען איך וועל קומען אַהיים...
נאָענצע דריי שעה האָבן מיר מיט אונדזער רבין געוואַרט אויף דער הילצערנער בריק, ביז יענקל דער באַלטער בעל-עגלה איז בעקומען.
די בויד איז געווען אַזוי אָנגעפּאַקט מיט פאַרשוינען, אַז מיר האָבן נישט פאַרשטאַנען, ווו וועט דאָ אונדזער רבי געפינען אַ שטיקל אָרט אויף צו זיצן. נאָר דער בעל-עגלה האָט אפילו רעכט נישט אָפּגעשטעלט זיין בויד און האָט מיט אַ דינעם קול געשריען:
— נו, רבי, גיכער שפּרינגט אַרויף צו מיר אויף דער קעלניע!
דער רבי האָט געשפּרונגען און שיעור זיך נישט פאַרטשעפּעט ביי דער ראָד. פון גרויס איבעראַשונג האָט דער רבי אַראָפּגעלאָזט פון פלייצע דאָס זעקל, ווו עס האָט זיך געפונען זיין ניי פסחדיק

היטל, נאָר מיר האָבן עס אַ כאַפּ געטאָן און אַ וואָרף געטאָן אויפן וואָגן, און יענקל בעל-עגלה האָט געשריען:

— אַז מען זאָגט אַ מלמד זאָל מען גלייבן!-עי, וויאָ, קינדער!

און דערביי האָט ער אָנגעהייבן צו פאָכען אין דער לופּס מיט זיין אָפּגעביסענער בייטש און די פערדלעך האָבן זיך גיכער אָנגעהייבן צו רירן.

— זייט געזונט, קינדער! — האָט ער אונדז נאָכגעשריען. — זעט, לערנט גוט און זייט ערלעכע יידן!

— פאָרט געזונט רבי! — האָבן מיר אים מיט דער גרעסטער ליבע נאָכגעוווּנטשן.

מיר האָבן זיך געשטעלט טרערן אין די אויגן און איך האָב זיך שיעור נישט צעוויינט. עפּעס האָב איך געפילט, אַז פאַר מיר וועט זיך פון איצטער אָן אָנהייבן אַ ניי לעבן, וואָס איז פאַר מיר פאַרבאָרגן. עפּעס האָב איך זיך געשראָקן, ווייל איך האָב נישט געוווּסט, וואָס וועט זיין ווייטער מיט מיר.

איין געדאַנק האָט זיך מיר נאָר געפּלאָנטערט אין מיין מוח: „ווי גוט וואָלט געווען, ווען מיין רבי וואָלט מיך מיטגענומען מיט זיך אויף דער קאַלניע...”

ווען איך מיט מיינע חדר-חברים זענען נאָכן געזעגענען זיך מיט דעם רבין צוריקגעגאַנגען אין שטאָט, האָט איינער דערציילט, אַז ער ווייסט, אַז דער רבי האָט אין זיין „קאַפּאָטקע” איינגענייט גאַנצע פינפהונדערט רובל.

אַ צווייטער האָט געזאָגט נאָך מער, ביז מען איז דערגאַנגען צו די גאַנצע טויזנט רובל. נאָר אויף זיכער האָט קיינער נישט געוווּסט, וויפל געלט ער האָט אַוועקגעפירט פון אונדזער שטאָט.

די ערשטע טעג נאָך מיין רבינס אַוועקפאָרן בין איך אַרומגעגאַנגען זייער טרויעריק. איך האָב נישט געוווּסט, וואָס צו טאָן מיט מיין צייט. גיין אין בית-המדרש זיך זעצן לערנען, האָט זיך נישט געגלוסט. עס איז שוין געווען נאָך פּורים, דער שניי איז געל געוואָרן, זיך צעגאַנגען, און פריילעך זענען געלאָפן פון די בערג די ריטשקעס אין שטאָט און פאַרכאַפּט מיט זיך דאָס גאַנצע מיסט, וואָס מען האָט אַרויסגעוואָרפן פון די הייזער לכּבוד דעם גרויסן יום-טוב פּסח.

צוליב צוזאַמען מיט דעם אָנגעקומענעם זומער-לעב האָט געגרעשט און מיר האָבן זיך אויך געוואָלט רעשן און עפּעס טאָן, נאָר וואָס,

האָב איך נישט געוווּסט. איך האָב זיך נאָר געפּלאָנטערט יעדן אונטער די פיס.

די מאַמע, קוקנדיק אויף מיר, האָט אָנגעהייבן צו זיפצן: וואָס וועט זיין מיט מיר ווייטער? מילא, ביז אַהער בין איך נאָך געווען אַ קינד. אָבער באַלד, אין אַ יאָר אַרום, הייסט עס, הייב איך שוין אָן צו לייגן תפילין, איך ווער שוין אַ מענטש און וואָס וועט זיין מיט מיר?

דוד לייזער, וועלכן מען האָט אין דער לעצטער צייט אָנגעהייבן רופן דער „דקדוק-מלמד" איז אַ פּאָר מאָל געווען ביי דער מאַמען, אַז זי זאָל מיך אַוועקגעבן צו אים אויף דעם נייעם זמן, נאָר זי האָט אים געענטפערט, אַז סיי ווי סיי קען ער נישט רעכענען אויף מיר, ווייל באַלד נאָך פּסח וויל זי מיך אַוועקשיקן צו מיין עלטערן ברו-דער, ער זאָל אַכטונג געבן אויף מיר, און ער וועט שוין וויסן צו וואָס פאַר אַ מלמד מען דאַרף מיך אַוועקגעבן.

דער יום-טוב פּסח איז גיך אַוועקגעפלויגן, מיינע חברים מיט וועלכע איך האָב געלערנט ביים ליטוואַק, זענען איבערגעגאַנגען צו פאַרשידענע מלמדים, און מיינע צוויי חברים גענדזל און הייזערי-קער האָבן געלערנט ביי דוד לייזערן, נאָר פאַר מיר האָט מען עפּעס קיין פּאַסיקן מלמד נישט געפונען. צו דוד לייזערן האָט מיך די מאַמע נישט געוואָלט אַוועקגעבן פאַר אומזיסט. איך אַליין האָב אויך נישט געוואָלט גיין צו אַזאַ אַפּיקורוס, וואָס האָט אויפגעהערט פאָרן צום רבין און געלאַכט פון חסידים.

נאָר די הויפּט-סיבה, וואָס איך בין געבליבן אָן אַ מלמד איז דאָס, וואָס די מאַמע מיטן פעטער משה און נאָך אַ פּאָר קרובים האָבן באַשלאָסן, אַז פון מיר וועט דאָ גאָרנישט אַרויסקומען און מיטאַמאָל האָט מען אין מיר געפונען אַלע חסרונות פון דער וועלט. זיי האָבן גיזאָגט, אַז כּל-זמן איך בין געווען אַ קינד, האָב איך נאָך געפאָלגט דער מאַמען און וואָס גוטע לייט הייסן און בין גע-גאַנגען אין אַ גוסן וועג, אָבער זינט איך בין אונטערגעוואַקסן און דאַרף שוין באַלד אָנהייבן צו לייגן תפילין און ווערן אַ מענטש, האָב איך אויפגעהערט אַלעמען צו פאָלגן און טו וואָס איך וויל.

נאָר איין גאָט ווייסט, וואָס פון מיר וועט אויסוואַקסן, אויב מען וועט מיך נישט וואָס גיכער אַוועקשיקן צו מיין עלטערן ברודער.

* * *

אזוי האָט די משפּחה און באַזונדערס דער פעטער משה איבערגעשראָקן דער מאַמען, וועלכע האָט נישט געוווּסט אויף וואָס זיך צו באַשליסן: אָוועקשיקן מיך פון זיך האָט איר ווי געטאָן דאָס האַרץ, און פאַרוואָס זאָל זי מיך אָוועקשיקן? דאַרטן וועל איך איר דען קיין געלט נישט קאָסטן? זי וויל דאָך נישט, אַז די שנור זאָל מיך אומזיסט האַלטן. מיך נישט אָוועקשיקן איז ווידער שלעכט: ווי קען מען אַ קינד אַזוי לאָזן וואַקסן „אין סטופּ אַריין"? וואָס ווייסט אַ יידענע אין אַזעלכע זאַכן, בפרט נאָך, אַז איך דאַרף שוין באַלד ווערן אַ גאַנצער מענטש. דאָס איז אַ מאַנסבילשע זאַך, אָבער נישט פאַר אַ יידענע, אַן אלמנה.

דערווייל איז געפירן געוואָרן אַ נייער פּלאַן וועגן מיר:

מען זאָל שרייבן וועגן מיר באריכות צו מיינער אַ צווייטער אויסגעגעבענער שוועסטער קיין הייסין, אין דערזעלבער צייט זאָל מען אויך שרייבן וועגן מיר צו מיין ברודער קיין ווי., נישט ווייט פון הייסין.

די צוויי בריוו האָט אָנגעשריבן די מאַמע מיט דעם פעטער משהס הסכמה, און נאָכדעם, ווי זיי האָבן זיך ביידע גוט שואל בעצה געווען, ביידע בריוו האָבן געהאַט כמעט איין נוסח.

איידער מען האָט די בריוו פאַרחתמעט, האָט דער פעטער משה זיי איבערגעלייענט פאַר דער מאַמען אויפן קול.

— בכל־זמן מאָטעלע איז געווען אַ קינד, — האָט געשריבן, — האָט ער דער מאַמען און אַלעמען געפאָלגט און געגאַנגען אין גוטן וועג אַריין. זיין רבי האָט אים געלויבט, אַז ער קומט אין דער צייט אין חדר אַריין. מאָטעלע פּלעגט זיך אַליין דערמאָנען, אַז מען דאַרף יעדן טאָג דאַוונען. בכלל איז ער געווען אַ ליי־טיש קינד און זיך פיין אויפגעפירט, און איך האָב דעריבער גע־צוינגן פון זיך די לעצטע קליי און פינקטלעך געצאָלט שכר־לימוד. נאָר מאָטעלע האָט אָנגעהייבן אונטערצוּוואַקסן, האָט ער שוין אויפ־געהערט צו פאָלגן און איך האָב זיך אָנגעהייבן צו שרעקן. ער איז שוין נישט דערזעלבער מאָטעלע. ער פאָלגט שוין נישט. נאָר וואָס קען העלפן דערצו אַ ביטערע אלמנה? איך האָב געשריען און

געשריען אויף אים, ביז דאס הארץ האט מיר אנגעהייבן וויי צו טאן און ער האט זיך געטאן זיינס.

אוודאי ווען דער טאטע, זאל האבן דעם ליכטיקן גן-עדן, זאל לעבן, וואלט ער גאר אנדערש אויסגעוואקסן און יוסל *) אויך. נאר מיט יוסלען איז שוין פארפאלן, פון אים וועט מען שוין גארנישט מאכן. ער איז, קיין עין-הרע, שוין א גרויסער בחור, איך שטיי מיט אים אין א שידוך, שדכנים שלאגן אפ די טירן. יא, ווען דער טאטע, א גוטער מליץ זאל ער זיין פאר אונדז אלע, זאל לעבן, וואלטן די קינדער אנדערש אויסגעוואקסן. א טאטע, א מאנסביל איז עפעס אנ-דערש. ער שרייט אנדערש אן אויף א קינד, דער מלמד האט גאר אנדערש דרך-ארץ, א טאטע גייט מיטן קינד אין שול אריין, ער זעט און גיט אכטונג, ווי דאס קינד דאוונט, ווי דאס קינד פירט זיך אויף. אבער איך, — א יידענע, וואס דארף טראכטן וועגן פרנסה — וואס קען איך טאן? — איך זאג, איך שריי, וויל ער — פאלגט ער מיך. וויל ער — פאלגט ער מיך נישט און טוט וואס ער וויל! ער נעמט דאס סידורל און גייט אין שול אריין. איך ווייס, צי דאוונט ער דארטן אדער ער שלאגט זיך מיט יינגלעך?

וויפל מאל קומט ער פון דאוונען א צעשלאגענער. אוודאי, אויף א יתום וועט זיך קיינער נישט אומקוקן און זיך אננעמען פאר אים. און איך? איך שלאג אים, דאס הארץ רייסט מיר, מיינע שונאים, און איך ווער צעפוקט פון הארצווייטיק.

ווייטער שרייבט די מאמע וועגן מיר, אז כל-זמן איך בין געווען א קינד, האט זי זיך געמוטשעט מיט מיר, נאר אזויווי איך דארף שוין הייגטיקס יאר ווערן בר-מצווה, קען זי מיך אזוי הפקר נישט לאזן וואקסן, וויל זי מיך אוועקשיקן צו מיין שוועסטער רייזל קיין הייסין, איר מאן הארצי-לייב (אהרן לייב) זאל אויף מיר אכטונג געבן און אי״ה, ווען איך וועל וואקסן און לערנען אונטער הארצי-לייבס השגחה, וועל איך מיט גאטס הילף אויסוואקסן א פרומער ערלעכער ייד.

מיט דעמזעלבן נוסח איז אויך געשריבן געווארן דער בריוו צו מיין ברודער, אז זי וויל מיך שיקן קיין הייסין צו מיין שוואגער הארצי-לייב, אדער צו אים.

ווען איך האב פון פעטער משהן געהערט לייענען די צוויי

*) מיין צווייטער ברודער, עלטער פון מיר מיט א יאר דריי.

בריוו וועגן מיר, האָב איך זיך געפילט ווי אַ מענטש, וועלכן מען האָט אומזיסט און אומגישט פאַרמשפּט. איך האָב אויסגעהערט אַ סך ליגנס וועגן מיר. למשל, אַז איך בין געקומען פון דאַווענען אַ צעשלאָגענער, אַז מען ראַרף מיך דערמאַנען איך זאָל גיין דאַווענען און אַזוי ווייטער.

און כאָטש אונטער די בריוו איז געווען אונטערגעשריבן די מאַמע, נאָר אין כעס בין איך געווען אויפן פעטער משה, ווייל איך האָב געפילט, אַז די אַלע ליגנס זענען זיין אַרבעט, אַז ער האָט איר דיקטירט אַזעלכע בלבולים וועגן מיר.

פול כעס און אויפרעגונג האָב איך פאַרביסן די ליפּן און געשוויגן, ווייל ווען דער פעטער משה האָט געלייענט די בריוו, האָט די מאַמע ביטער געוויינט, און איך האָב געפילט, אַז נישט דער אינהאַלט פון די בריוו האָט זי אינטערעסירט און האָט אַרויסגערופן ביי איר טרערן, נאָר דאָס, וואָס זי דאַרף זיך צעשיידן מיט מיר.

• •
•

אויף דער צווייטער וואָך האָבן די הייסינער בעל-עגלות געבראַכט אַ בריוו פון מיין שוועסטער רייזל, אַז זי פרייט זיך זייער, וואָס איך, מאָטעלע, וועל זיין ביי איר, און אַז די מאַמע זאָל נישט זאָרגן. זי וועט מיך אָפּהיטן, ווי אַן אייגענע מאַמע און הארצי-לייב וועט אויף מיר אַכטונג געבן, ווי אַן אייגענער טאַטע. דעם צווייטן חודש פאָרט ער אי״ה קיין טאַלנע צום רבין, וועט ער צוריקוועגס אומישנע אַריינפאָרן צו אונדז און מיך מיטנעמען מיט זיך.

שפּעטער מיט אַ טאָג צוויי איז אויך אָנגעקומען אַ בריוו פון מיין עלטערן ברודער. ער מיט דער שוועגערין שרייבן אויך דאָסזעלבע, אַז זיי וועלן מיר זיין אמתע טאַטע-מאַמע.

זינט די צוויי בריוו זענען אָנגעקומען, האָט מיין מאַמע אָנגעהייבן צו וויינען איבער מיר, קושן און גלעטן מיך און נאָר געטוליעט צו זיך. און כאָטש עס איז געווען נאָך אַ גאַנצער חודש צו

מיין אַװעקפאָרן, האָט די מאַמע מיך אָנגעהייבן צו גרייטן אין װעג אַריין און נאָר געבעטן, איך זאָל עסן און דערבײַ האָט זי מיר צוגעמורמלט:

— עס, מאַטעלע, באַלד װעסטו שוין אַװעקפאָרן פון דער מאַמען. זאָלסטו דאָרטן יעדן פאָלגן, נישט זיין קיין איינגעשפאַרטער, זיך אויפפירן לײַטיש און זיך האַלטן ריין: די פיאות זאָלן נישט זיין צעבאַרשטן, דאָס היטעלע זאָלסטו גלייך טראָגן, נישט מיט דעם דאַשעק אין דער זייט, װעט דיך יעדער ליב האָבן... האַרצי-לייב װעט דיר זיין, װי אַן אייגענער טאַטע — רבונו של עולם! זאָלסט מיר כאָטש אויסוואַקסן אַ האַלב װי ער!.. נו, עס, מאַטעלע! און אַז גאָט װעט העלפן, דו װעסט זיך אויפפירן פיין, װעל איך קומען צו דיר צו גאַסט. איך שיק דיך דערפאַר קיין הייסין, װייל עס איז נענטער, װי קיין וו. צו דיין ברודער. װען איך װעל קומען צו דיר צוגאַסט, װעל איך זיך שוין זען מיט רייזעלען אויך. איך װעל אַריינפאָרן צו איצעלען קיין וו. זיך זען מיט אים און דיך אויך מיטנעמען — עס, עס-זשע! — האָט זי פון מיר נישט אָפּגעטראָטן און געשטופּט דעם לעפל צו מיר אין מויל, פונקט װי זי פלעגט מיך אַמאָל האָדעווען, װען איך בין געװען אַ קליין קינד.

מיט געװאַלט האָב איך געשטופּט אין „ דאָס עסן, אַז איך האָב שיעור נישט געפּלאַצט, נאָר איך האָב דערמיט געװאָלט װייזן דער מאַמען, אַז אין הייסין װעל איך יעדן פאָלגן, װי די מאַמע הייסט.

עס זענען געװען אַ סך סיבות, למאי די מאַמע מיטן פעטער משה האָבן באַשלאָסן מיך שיקן צו דער שװעסטער קיין הייסין און נישט צום ברודער קיין וו. כאָטש פון ביידע זענען אָנגעקומען גוטע תשובות.

חוץ דעם, װאָס הייסין איז געװען נענטער און די מאַמע װעט זיך אָפּטער קענען זען מיט מיר, זענען געװען נאָך װיכטיקערע סיבות:

די מאַמע האָט בעסער געװאָלט, איך זאָל זיך געפינען בײַ דער שװעסטער אין הויז איידער בײַ אַ שװעגערין.

די צװייטע סיבה איז געװען, װאָס דער פעטער משה האָט מער געהאַלטן פון מיין שװאָגער האַרצי-לייב, װי פון מיין ברודער. כאָטש ער איז אויך געװען אַ טאַלנער חסיד, איז אָפּט געפאָרן צום רבין און בכלל געװען אַ פרומער שטילער יונגערמאַן.

אויף הארצי־לייבן פלעגט דער פעטער זאגן, אז ער איז א „צאצקע”, א „פעפערל” א יונגערמאן, וואס מען געפינט גארנישט אזוינס צווישן יידן. דערצו, האט דער פעטער משה געזאגט, איז הארצי־לייב א גרויסער חכם און א געוואלדיקער למדן, ער ,ערנס זיך פייער און ברען, און ווער שמועסט זיין דאוונען — עס איז גאר קיין גלייכן נישטא צו זיין דאוונען! עס ברענט דער גאנצער מורח, ווען ער צעשאקלט זיך ביים דאוונען.

דער טעלנער רבי אליין, — האט ער געזאגט, — צאצקעט זיך מיט הארצי־לייבן!

און אונטער זיין השגחה האט דאס דער פעטער משה געוואלט, זאל איך וואקסן און לערנען, און ער האט איינגעטענהס מיט דער מאמען:

— דיין קינד, מאטעלע, דארף זיך האלטן פאר גליקלעך, וואס ער וועט וואקסן ביי הארצי־לייבן אין שטוב. ער וועט אים שוין צוועקגעבן צו די בעסטע מלמדים. הארצי־לייב וועט שוין וויסן, צי מאטעלע לערנט גוט אדער נישט. הארצי־לייב וועט שוין ארויסשלאגן פון אים דעם ליטוואק, וואס האט מיט אים געלערנט גאנצע צוויי יאר... דקדוק האט אזא שנעק באדארפט האבן. גאט אליין האט זיך דא אריינגעמישט, וואס דער ליטוואק — דער צלם־קאפ — איז אוועקגעפארן צו אלדע שווארצע יאר און נאך אזוי פיל געלט אוועקגעפירט פונדאנען און קיינעם נישט געליען קיין גמילת־חסד, מען זאל זיך אויסשרעקן פאר אים... ביי הארצי־לייבן וועט דאס קינד ערשט ווערן א מענטש!

און אזוי איז געבליבן:

איך פאר קיין הייסין צו מיין שוואגער הארצי־לייבן, וואס איז א יונגערמאן א צאצקע, א פעפערל, א גרויסער חכם, א געוואלדיקער למדן און וואס נישט?

און איך גרייט מיך אין וועג אריין!

* * *

מיין שוואָגער פון הייסין איז געווען אַ שם־דבר, אַ צאַצקע, סאָקע אַ פּעפּערל, אַ יונגערמאַן פון עטלעכע און צוואַנציק יאָר און מיט אַלע מעלות. ווען מען האָט אים געגומצן פּאַר אַן איידימל, האָט מען אים אָפּגעגאָלטן. „צוגעצאַלט אין בייטל אריין" — אַזאַ אַני־טיק, אַזאַ פּערל איז דאָס געווען!

אליין קומט ער אַרויס פון אַ גרויסער משפּחה, איינגעטונקען אין קומדים און רבנים. דערצו איז ער אַ הויכער, געזונטער יונגערמאַן מיט אַ ברייטן קאַרק, צוויי דיקע פאַרגרייזלטע פּיאות, אַ גרויסן שטערן מיט צוויי ווייסע ווינקלען.

אויף קיינעם איז אַזוי שיין נישט געלעגן די שוואַרצע סאַמעטענע יאַרמולקע, ווי אויף האַרצי־לייבן. היינט זיין דאַווענען, זיין קידוש מאַכן, זיינע זמירות־זינגען שבת ביים טיש איז זיך פּשוט צע־גאַנגען אין יעדן עבר.

און וויסנדיק אַלע זיינע מעלות, איז האַרצי־לייב געווען ביי זיך זייער שטאָלץ און זיך געדרייט אויף די אָפּצאַסן, יעדן אָוועקגעמאַכט מיט דער האַנט, זיך געהאַלטן קלוגער פאַר דער גאַנצער וועלט. אַלץ איז ביי אים געווען „עט, נאַרישקייטן!" און אַליין האָט ער זיך גע־פילט גליקלעך מיט אַלעמען.

פּרנסה האָט ער געהאַט מיטן פולן מויל פון דער שניט־קראָם, וואו מיין שוועסטער רייזל איז אַ גאַנצן טאָג געזעסן מיט אַ משרת, און אַליין האָט זיך האַרצי־לייב צוגעכאַפּט ביים דאַווענען מיט גרויס תענוג.

נאָכן דאַווענען האָט ער ליב געהאַט צו נעמען אַ ביסל בראַנפן פון די יאַרצייטן, וואָס האָבן זיך געמאַכט יעדן טאָג אין קלויז, און ער האָט געפּילט דעם בעסטן טעם און פאַרביסן מיט לעקעך אָדער מיט דאַרע פּלעצלעך.

וועד שמועסט נאָך שבת! — וויפל פאַרגעניגן פלעגט ער זיך שאַפן פון דער קלויז און אינדערהיים פון שבתדיקן עסן, פון די זמירות־זינגען און פון דעם שבתדיקן בייטאָגעדיקן שלאָף.

אינדערוואָכן, אין דער פרייער צייט, ווען ער האָט נישט גע־דאַוונט, נישט געגעסן און נישט געשלאָפן, פלעגט ער זיך אַרומדרייען

מיט אַ פֿאַרדרייט פּאַפּיראָסל אין מויל. געלאָזט שיינע בייגעלעך רויך און זיך געדרייט לעבן זיין שניט־קראָם, אַ ביסל אויף דער גאַס און אומעטום, ווו מען האָט נאָר געקענט הערן פּוסטע פּאַטשטן, פּלעגט ער זיך אויך אַריינמישן מיט אַ פּאָר ווערטער:

— עט נאַרישקייטן!

און איז זיך ווייטער געגאַנגען זיין וועג.

האַרצי־לייב האָט זיך ליב געהאַט צו פּוצן, פֿיין זיך צו קליידן, און אַפֿילו זיין גאַנג איז נישט געווען, ווי ביי אַלע געוויינלעכע מענטשן. ער פּלעגט גיין טאַנצנדיק און אונטערשפּרינגענדיק.

טאָמער האָט ער אין גאַס אָדער אין קלויז באַגעגנט אויפֿן וועג יינגלעך, האָט ער אויף זיי געמוזט אָנשרייען:

— צוועק, שקצים!

אָדער געכאַפּט אַ יינגל, אים אָנגעדרייט דעם אויער און זיך גבה־מעשה פֿאַרקאַטשעט מיט אַ גרינג געלעכטערל פֿון גרויס פֿאַרגעניגן.

מיין שוועסטער האָט שטאָלצירט מיט איר געראָטענעם מאַן קעגן אַלע ווייבלעך. זי, רייזל, איז האַרצי־לייבס ווייב. אַלע הייסינער ווייבלעך פּלעגן טאַקע מיין שוועסטער מקנא זיין, וואָס זי האָט אַזאַ זייד, אַזאַ צאַצקע פֿאַר אַ מאַן.

פֿון דער קראָם פּלעגט זי אים שטענדיק אַרויסטרייבן, בעטנדיק, ער זאָל אַוועקגיין, נישט אויסשמירן זיין קאַפּאָטע אָדער זיינע הענט פֿון די קאַסטנס, וואָס פּלעגן זיך דאָרטן וואַלגערן.

קינדערלעך האָבן זיי געהאַט צוויי, ביידע מיידלעך. מיין שוועסטער פּלעגט זיי צוואָגן און וואַשן, אָנטאָן אין ווייסע ריינע קליידלעך און זיי צוגעפֿירט צו איר מאַן אויסגעפּוצטע, זיי זאָלן, חלילה, דעם טאַטן נישט אויסשמירן, און ער, האַרצי־לייב, פּלעגט זיי אַ גלעט געבן איבער די בעקעלעך און זאָגן דערביי:

— עט, נאַרישקייטן!

* * *

אין אַ זומערדיקן פרימאָרגן, ווען די גאַנצע שטאָט איז נאָך געשלאָפן, זענען פּלוצים אַלע ביי אונדז אַראָפּגעשפּרונגען פון די בעטן, האַלב-נאַקעטע און דערשראָקענע איבער אַ קריגעריי, וואָס עס האָט זיך דערהערט פון יענער זייט טיר:

— מיר קומט נאָר אַ האַלבן גילדן! — האָט זיך געהערט אַ געשריי.

אָבער נאָך מיט אַ גרעסער געשריי האָט זיך געלאָזט הערן פון אַ צווייטן:

— וואָס איז היינט — פּאַר פּסח, אַ גרויסע בלאָטע, צוואָס? איך האָב דיר נאָך געזאָגט אין טאַלנע, אַז איך וועל דיר מער נישט געבן, ווי פיר גילדן.

— נישקשה, יאָזאַ פּאַרשוין, ווי איר, מעג מיר געבן נאָך אַ האַלבן גילדן. וויפל מאָל האָט איר מיר געהייסן אָפּשטעלן די פור אינמיטן וועג, אַלעמאָל אַראָפּקריכן: אַראָפּ און אַרויף, אַרויף און אַראָפּ... איר האָט מיר אַליין צוגעזאָגט צו דערלייגן אַ גאַנצן גילדן אויף בראָנפן, וויל איך נאָך אַ האַלבן גילדן, היינט וואָס ווילט איר נאָך.

— עט, נאַרישקייטן, ר' ייד! איך בין נישט שולדיק, וואָס אייער טאַלנער בעל-אכסניה האָט מיר געגעבן אַ וועטשערע, אַזאַ יאָר אויף זיין קאָפּ.

עס האָט זיך דערהערט אַ שטאַרקע קלאַפּעריי אין טיר, און ווען מען האָט זי געעפנט, איז איינער מיט אַ זאַק פּאַרויס אַריין צו אונדז אין שטוב און עס איז באַלד געוואָרן אַ שמחה.

— וואָס מאַכסטו, האַרצי-לייב? — האָט מיין מאַמע אים באַגעגנט. וואָס מאַכט רייזל מיט די קינדערלעך, זאָלן געזונט זיין?

— וואָס זאָל מען מאַכן? — געלויבט דער אויבערשטער, וואָס מען זעט זיך געזונטערהייט, — האָט מיין שוויגער געענטפערט. — איך פאָר פון טאַלנע, פון רבין, זאָל מאריך ימים זיין, בין איך אַראָפּגעפאָרן נאָך מאַטעלען, אַזוי ווי מיר האָבן אייך געשריבן.

איך האָב אויף גיך אָפּגעגאָסן נעגל-וואַסער און אָפּגעגעבן שלום עליכם.

— שלום עליכם! — עליכם שלום! וואָס מאַכסטו עפּעס, שייגעץ—

האָט מיין שוואָגער לעבעדיק און פריילעך געענטפערט און מיט אַ געלעכטערל מיר געגעבן אַ צי ביים אויער.

דער בעל-עגלה איז נאָך אַלץ געשטאַנען פאַר אונדזער טיר.

אידאַס דינסטמיידל האָט דערהערט: „אַ גאַסט", האָט זי גיך אַרויפגעכאַפּט אויף זיך אַ קליידל און אָנגעהייבן אָנגיסן דעם סאַמאָוואַר, און ווען זי האָט דערזען, ווי דער בעל-עגלה טרעט נישט אָפּ און מאָנט נאָך דעם האַלבן גילדן, האָט זי זיך אויף אים צעשריען:

— דו וועסט נישט אַוועקגיין? אָט וועל איך דיך אָפּגיסן מיטן סאַמאָוואַר!

— נו, פאַרשוינען, גאָטעניו! — האָט דער בעל-עגלה געזאָגט, קראַצנדיק זיך אין קאָפּ מיט דעם פּיזשעלע פון בייטש.

ער איז אַוועקגעגאַנגען פון דער טיר, און געקוקט מיט כיטרע אייגעלעך אויף דער צעפּאַטלטער, האַלבנאַקעטער אידאַן מיטן סאַמאָוואַר אין די הענט.

— נו, נו, נישטאָ וואָס צו קוקן, — פאָרט ווייטער! — האָט זי אים געענטפערט.

דער בעל-עגלה האָט אַ מאַך געטאָן מיט דער בייטש און די מידע פערדלעך האָבן זיך אָנגעהייבן צו רירן פון אָרט.

דער גאַנצער טאָג און כמעט די גאַנצע נאַכט איז אַוועקגעגאַנגען מיט רעדן עסן און פאַקעווען מיך אין וועג אַריין. מען האָט מיר אָנגעפּאַקעוועט אויפן וועג: פּוטער-בולקעס, וואָס די מאַמע האָט אַליין געבאַקן און געטריקנט אין אַ זעקל, וואָס איז געהאַנגען איבער דער סטעלע אַ גאַנצן חודש. אויך עטלעכע סלויען איינגעמאַכטס, עטלעכע פלאַש ווישניאַק, טאָמער וועט מיין שוועסטער ליגן אין קינפּעט, און נאָך אַנדערע זאַכן.

אויך האָט מען אָנגעפּאַקעוועט אַ גרויסן קלימאַק מיט מלבושימלעך, בעטגעוואַנט, קאָלדרעס, ווינטערדיקע קליידער און ווידער אַ קליין קלימאַקל מיט עסנוואַרג: געקאָכטע האַרטע אייער, קיכלעך, וואָס מען מעג עסן אומגעוואַשן און נאָך גוטע זאַכן, אַז מען זאָל אויף דער ערשטער צייט נישט דאַרפן אָנקומען צום גרויסן קאַסטן פּראָוויאַנט.

מען האָט געדונגען אַ גויִיש פורל פאַר פופצן גילדן מיט צען גראָשן און מען האָט אָפּגערעדט, אַז ווי עס וועט נאָר אָנהייבן שאַריען אויף טאָג, זאָל מען אַרויספאָרן.

איך בין כמעט די גאַנצע נאַכט נישט געשלאָפן פון גרויס

שמחה. אמת, די מאַמע טוט מיר באַנג. וואָס איך וועל זיין אָן איר, אָבער איך וועל דאָך פאָרן... און וועל זען אַ סך שטעט מיט דערפער, פעלדער און וועלדער. נאָר איין זאַך האָט מיך אַ ביסל באַאומרויִקט.

איך האָב שוין לאַנג געהערט דערציילן, אַז אויפן הייסינער וועג איז דאָ אַ וואַלד, ווו גזלנים זענען אַמאָל ביינאַכט אָנגעפאַלן אויף אַ יידישן סוחר און ער איז קוים אַנטלאָפן מיטן לעבן. נאָר באַלד האָב איך זיך באַרויִקט: ערשטנס, וועלן מיר דאָרטן פאַרביי־פאָרן בייטאָג און, צווייטנס, פאָר איך דאָך מיט מיין שוואָגער. ער איז אַ גרויסער געזונטער מענטש און איך קען אויך געבן אַ זעץ, אַז מען זאָל גוט פּיקן.

איך בין דאָך שוין נישט קיין קליין קינד, איך בין דאָך שוין אַ גמרא־יינגל און דאַרף הייַנטיקס יאָר אָנהייבן לייגן תפילין.

איך האָב זיך אויפגעהייבן פון בעט און אַ קוק געטאָן אין פענסטער: אפשר טאָגט שוין און דער גוי מיט דער פור וועט באַלד אָנקלאַפּן, נאָר אונדזער הייזעריקער זייגער האָט אויסגעקלונגען צוועלף.

איך פלעג קיינמאָל נישט הערן, ווען עמעצער איז פאַרבייגע־פאָרן אונדזערע פענסטער, נאָך איצטיקס מאָל האָט זיך מיר פון יעדן פאַרבייפאָרער און פון יעדן שאָרך אויסגעוויזן, אַז דער גוי מיט דער פור פאָרט שוין צו צו אונדזער שטוב.

די גאַנצע נאַכט האָב איך זיך געוואָרפן אויף אַלע זייטן און פון קיין זאַך נישט געטראַכט, נאָר פון פאָרן...

איך האָב אָנגעהייבן צו דרימלען... און פלוצים נעמט מיך וועקן די מאַמע. זי שטייט אָנגעטאָן און ציט מיך פאַרן הענטל.

איך רייב קוים אויף די אויגן און זע, ווי אין שטוב איז שוין טאָג.

שטיי אויף, מאָטעלע, דער גוי מיט דער פור איז שוין גע־קומען! — זאָגט די מאַמע.

— דער גוי איז שוין דאָ? — האָב איך מיט שמחה איבערגע־פרעגט און פריילעך אַראָפּגעשפּרונגען פון בעט.

מיין מאַמע האָט באַמערקט, ווי איך בין אַזוי פריילעך אַראָפּ־געשפּרונגען פון בעט, האָט זי מיך געפרעגט:

— דו וועסט גאָרנישט בענקען נאָך מיר, מאָטעלע?

— מאַמע, איך וועל בענקען, — האָב איך געזאָגט, און מיין גאַנץ פריילעכקייט איז מיטאַמאָל אַוועק.

מיין טרויער האָט לאַנג נישט געדויערט. אויף גיך האָב איך

אפגעזאָגט שחרית, עפּעס געכאַפּט אין מויל אַריין און פריילעך, לעבע-דיק אַרויסגעלאָפן צום וואָגן.

איך האָב באַטראַכט די פערדלעך, אַ קוק געטאָן אויפן גוי מיט דער בייטש, וואָס ער האָט געהאַלטן אין דער האַנט.

די פערדלעך האָבן געגעסן פון אַ גרויסע טאַרבע, וועלכע איז געהאַנגען אויף זייערע שאַקלדיקע קעפּ. און איך האָב זיי געגלעט. אַלעמאָל, ווען זיי האָבן געטופּעט מיט די פיס, בין איך אָפּגע-שפּרונגען און האָב אַ גלעט געטאָן די פעדערשטע רעדער פון וואָגן.

איך האָב געמאַכט אַ שמועס מיטן גוי, אָבער ער האָט זיך נישט אומגעקוקט אויף מיר.

דער גוי מיט דער דינסט האָבן פון שטוב אַרויסגעטראָגן די פעקלעך אויפן וואָגן, די מאַמע האָט מיר אַרומגעבונדן דעם האַלדז מיט אַ טיכל, פון וואָס איך האָב אָנגעהייבן שטאַרק צו שוויצן. דער גוי האָט אַראָפּגענומען די גרויסע טאַרבע פון די פערד, זי פאַרבונדן און אַרויפגעלייגט אויף דער קעלניע, אויף וועלכער ער האָט זיך אַנידערגעזעצט.

מען האָט געהייסן דעם גוי פאָרן, און מיר אַלע זענען נאָכ-געגאַנגען צופוס. די פור האָט פּאַוואָליע אָנגעהייבן צו פאָרן און נאָך איר זענען נאָכגעגאַנגען מיין שוואָגער הערצי-לייב מיט עפּעס אַ הייסינער יונגנמאַן — אויך אַ טאַלנער חסיד, וואָס האָט שוין זייט אַ יאָר חוגה געהאַט פון הייסין ביי אונדז אין שטאָט און לעבט נישט בשלום מיט דעם ווייבל, ווייל זי געפעלט אים נישט.

ער האָט געבעטן מיין שוואָגער, ער זאָל איבערגעבן זיינע על-טערן אין הייסין, אַז זיי זאָלן זיך דאָ אַריינלייגן און מאַכן אַ גט. און מיין שוואָגער האָט געדרונגען פאַרקערט, אַז מען דאַרף זיך אַריינלייגן צו מאַכן אַ שלום, און יעדעס מאָל האָט מיין שוואָגער אַ מאַך געטאָן מיט די הענט און געזאָגט:

— עט, נאַרישקייטן!

נאָך זיי איז געגאַנגען די מאַמע, איך און די דינסט.

ווען מען איז שוין אָפּגעגאַנגען אַ פּאָר געסלעך, האָט די מאַמע פּלוצלונג זיך אַ כאַפּ געטאָן:

— אוי וויי, הערצי-לייב, שטעל נאָר אָפּ די פור, אַ דונער האָט מיך דערשלאָגן! דער קאָפּ איז, מיינע שונאים, אַזוי פאַרדרייט, אַז איך האָב גאָר פאַרגעסן...

— וואס איז — וואָס איז געשען? — האָבן אַלע געפרעגט און נאָכגעשריִען דעם גוי, ער זאָל זיך אָפּשטעלן.

דער גוי האָט אַ געשריי געטאָן צו די פערדלעך:

— טפּרררו!

און די פור האָט זיך אָפּגעשטעלט.

— וואָס הייסט? — האָט די מאַמע זיך ווידער געקרעכצט. — אַ קינד פאַרט אַוועק און האָט ניט קיין שבתדיק היטעלע... עס איז מיר גאָר אַרויס פון קאָפּ! איך זאָל אַזוי אין אַלדעם בייז פאַרגעסן, ווי איך האָב פאַרגעסן אַוועקצוגעבן דאָס שטיקל סאַמעט דעם קירזשנער, ער זאָל אים דערפון מאַכן אַ נײַ היטעלע...

— עט, נאַרישקייטן! — האָט מיין שוואָגער געזאָגט. — ביי אונדז אין הייסין וועט מען אים אויפנייען אַ שענער היטעלע, ווי ביי אייך.

— יאָ, עס איז שוין פאַרפאַלן, נאָר דאָס שטיקל סאַמעט וועל איך דיר מיטגעבן. עס ליגט נאָך ביי מיר אין קאַסטן פון דער חתונה און — פון רייזעלעס חופּה־קלייד איז עס געבליבן. ווו וועט מען גאָר הײַנט באַקומען אַזאַ סאַמעט? זעקס קערבלעך אַן אייל, הײַנט דאַרף עס אַוודאי קאָסטן צען...

און אַזוי רעדנדיק וועגן דעם סאַמעט, האָט זי דער דינסט געגעבן די שליסלען און איר אָנגעזאָגט:

— דאָרט אין דער קליידער־שאַפע, אין אונטערשטן שופלאַדל, ליגט דאָס שטיקל סאַמעט. נאָר פאַרגעס נישט צו פאַרשליסן!... לויף גיכער און קום באַלד.

האַרצי־לייב האָט אַפילו געזאָגט, אַז אין הייסין קען מען אויך אַ שטיקל סאַמעט קויפן, אָדער גאָר אַ פאַרטיק סאַמעטן היטל, און די דינסט דאַרף נישט לויפן, נאָר די מאַמע האָט דערפון נישט געוואָלט וויסן.

די דינסט מיט די קלינגענדיקע שליסלען אין די הענט איז אַוועקגעלאָפן אַהיים און מיר אַלע מיט דער פור האָבן געוואַרט.

די מאַמע האָט נישט אויפגעהערט צו ציען מיט די ליפן און גערעדט צו זיך:

— וויאַזוי האָב איך עס גאָר געקענט פאַרגעסן! אַ קינד אין אַ נייער שטאָט דאַרף האָבן אַ נײַ היטעלע אויף שבת, צו גיין אין שול אַריין! און נאָך פון אַזאַ שטיקל סאַמעט! — ווו באַקומט מען גאָר הײַנט אַזוינס?

די דינסט האָט זיך שוין באַוויזן פונדערווייטנס, לויפנדיק מיט די שליסלען אין די הענט.

— גיבער טוין, פוילע זאַך! — האָט די מאַמע געשריען פונדער־ווייטנס.

די פור האָט זיך ווידער גערירט און מיר זענען איר נאָכ־געגאַנגען. דער יונגערמאַן, וואָס האָט פיינט דאָס ווייבל, האָט עפּעס איינגערוימט הערצי־לייבן אין אויער, ער זאָל זען איבערגעבן אין הייסין, מען זאָל זיך אַריינלייגן, אַריינמישן צווישן אים מיט זיין ווייבל און עס זאָל ווערן אַ מאָל אַ סוף, און הערצי־לייב האָט אַלע מאָל געענטפערט, מאַכנדיק מיט די הענט צום יונגנמאַן:

— עט, נאַרישקייטן, וואָס איז שייך? מען איז דאָך יידן, בלאָ־טע שבבלאָטע!

און דערביי האָט מיין שוואָגער געדרייט מיט דעם פינגער און דערציילט אַ מעשה פון אַ פּאַרפּאָלק, וואָס איז געקומען צום רבין, ווייל זיי זענען עפּעס נישט געווען שוה־בשוה צווישן זיך, און דער רבי האָט שלום געמאַכט.

דעריבער האָט ער אים געעצהט, ער זאָל אויך אַזוי טאָן און מיט זיין ווייבל, ווי צום גיכסטן אָוועקפאָרן צום רבין, זאָל לעבן, און עס וועט שוין רעכט זיין.

דער יונגערמאַן איז אונטערגעשפרונגען פון דערדאָזיקער עצה און האָט געענטפערט, כמעט שרייענדיק:

— דו הערסט הערצי־לייב!? — דאָס וועל איך נישט טאָן! עס מוז קומען צו אַ גט!

— עט, נאַרישקייטן! — האָט מיין שוואָגער געענטפערט און זיך אָנגעהייבן איילן צו דער פור.

גייענדיק צו דער פור, האָט די מאַמע צו מיר זיך אָנגערופן:

— זאָג מיר צו, מאַטעלע, אַז דו וועסט דאַרפן יעדן פאַלגן, זיך אויפפירן פיין און זיך האַלטן ריין... דו זאָלסט נישט אויסשמירן דיינע נייע מלבושימלעך.

און דערביי האָט זי מיר פאַרגלעט די פיאהלעך און מיר אי־בערגערוקט דאָס היטעלע אויפן קאָפּ, אַז עס זאָל שטיין גלייך, מיט דעם דאַשעק פון פאָרנט.

— איך וועל יעדן פאלגן, — האב איך מיטן גאנצן הארצן געענטפערט און דערביי האב איך אויך פארגלעט מיינע פיאהלעך און א טאפ געטאן, צי דאס היטל שטייט גלייך אויף מיין קאפ.

פון יענער זייט שטאט האט זיך די פור אפגעשטעלט און מיר אלע אויך.

דער גוי האט אנגעהייבן צו אייקן, מען זאל זיך שוין זעצן אויפן וואגן. מען האט זיך אנגעהייבן געזעגענען.

די מאמע איז געווען פארוויינט, די דינסט האט אראפגעלאזט דעם קאפ און דער יונגערמאן, וואס האט פיינט דאס ווייבל, האט געזיפצט.

ווען איך און מיין שוואגער זענען שוין געזעסן אויף דער פור, האט זיך געהערט די מאמעס קול:

— פארט געזונט! גריסט רייזעלען מיט די קינדערלעך... מאטעלע! זאלסט זיך פארבינדן דעם האלדז — פארגעסט נישט אין וואגן די פוטער-בוקעס מיט דעם איינגעמאכטס, וואס איך האב געפרעגלט!

ווען די פור האט זיך א ריר געטאן, האט פלוצים די דינסט זיך צעשריען נישט מיט איר קול:

— מאטעלע! פאר געזונט, פארגעס נישט צו שרייבן דער כא מען אפטע בריוולעך. און שרייב מיר אויך א גרוס, איך האב דאך דיך אויף מיינע הענט אויסגענאנטשעט!

און איך האב געהערט, ווי אידא האט זיך אויפן קול צעוויינט.

איך האב זיך אומגעקוקט. איך האב נאך געוואלט א קוק טאן אויף דער מאמען און אויף דער דינסט, אבער די פור האט זיך אראפגעלאזט א ביסל בארג-אראפ, און איך האב זי שוין מער נישט געזען.

מיין גאנצע פרייליכקייט איז מיטאמאל פון מיר אוועק. ביים הארצן האט אנגעהייבן עפעס צו נאגן. עס האט זיך געבענקט צוריק אהיים, נאך דער מאמען, נאך די קינדער, נאך דער דינסט און נאך דער גאנצער שטאט, און אין מיינע אויגן האבן זיך נעוויזן טרערן, וועלכע איך האב אפגעווישט מיט די ארבל פון מיין קאפאטקעלע.

די פור איז דערווייל ארויף אויף א גלייכן וועג און זיך געקאטשעט איבער דער ווייכער ערד. פון ארום און ארום זעט מען ברייטע פעלדער, באוואקסן מיט זאנגען און קאלירטע גראזן.

פון הינט ווייט קוקט צו מיר אן אלטער וואלד. פון איין זייט וואלד גייט איצט אויף די זון. זי גייט אלץ העכער און העכער, זי גייט מיט גדלות, מיט פלאקער-ברענענדיקע שטראלן, וועלכע שפיגלען זיך דורך די גרינעביימער פון וואלד.

איך בין מיטאמאל ווידער פריילעך געווארן, און פון גרויס התפעלות פון די פעלדער און שיינעם הימל, האב איך זיך אנגערופן צו מיין שוואגער:

— זעט, ווי שיין עס איז דא — א מחיה צו קוקן!

— עט, נארישקייטן! — האט ער געענטפערט. — ווען גאט העלפט, אז מען פארט אויף א יאריד און מען פארדינט געלט, איז אוודאי גוט אין אזא שיינעם טאג צו פארן אהיים אן א רעגן.

* * *

מיין שוואגער הארצי-לייב איז צוליב זיין נסיעה פון רבין און אפשר אויך צוליב דעם שיינעם וועטער, געווען זייער אויפגעלייגט און אנטציקט פון אלץ.

עס האט זיך אים געוואלט רעדן און אויסגיסן זיינע געפילן, נאר אזוי ווי ער האט נישט געהאט מיט וועמען צו רעדן, האט ער עס געטאן מיט מיר, כאטש איך בין געווען א יינגל, אבער דאך א מענטש, וואס דארף היינטיקס יאר אנהייבן לייגן תפילין און ווערן א גאנצער ייד.

— גלויבט גאט, — זאגט ער צו מיר, — היינטיקס מאל האב איך זיך געזעגנט אנגערעדט מיטן רבין, זאל לעבן, וויפל מיין הארץ האט נאר געגלוסט... וויפל יארן איך פאר קיין טאלנע, איז מיר קיינמאל נישט געלונגען אזוי צוזאמען זיין מיט דעם רבין, ווי היינטיקס מאל. נו, און איצטער פאר איך אהיים אויף שבת, גאט זאל געבן, עס זאל נאר קיין רעגן נישט גיין. דער וועג זאל זיין א גוטער, מיר זאלן אנקומען אהיים פאר פרי און קענען גיין כאטש אין באד לכבוד שבת.

ער האט א קוק געטאן אויף דעם הימל און ווייטער גערעדט:

— אז נאָס וועט וועלן, קענען מיר אָנקומען פרייטיק גאַנץ פרי, וועט נאָך דער קירזשנער דיר אויפשטעלן אַ היטל פון דעם שטיקל סאַמעט. וויאַזוי האָט עס די שוויגער געקענט גאָר פאַרגעסן, אַז אַ קינד דאַרף האָבן אַ שבתדיק היטל?

— איך האָב אַ שבתדיק היטל, נאָר עס איז שוין אַלט. האָט די מאַמע מיר עס נישט מיטגעגעבן, — האָב איך זיך אָנגערופן.

— וואָס טויג אַן אַלטס? אַ נייס האָט מען דיר באַדאַרפט מאַכן, בפרט נאָך דעם ערשטן שבת, ווען איך וועל דאַרפן גיין מיט דיר אין קלויז דאַווענען. ווי קען איך דיך אוועקזעצן לעבן זיך, ביי דער מזרח-וואַנט, אויף מיין שטאָט מיט אַזאַ אָפּגעבליאַקעוועט וואָכעדיק היטל? אַ חרפּה פאַר לייטן! דו זאָלסט זיין אַ פרעמדער, וואָלט מיך נישט געאַרט, אָבער מיין אייגן שוואָגערל—מיין ווייבס אַ ברודערל— וואָס וועט מען זאָגן אין קלויז? וויאַזוי האָט דיין מאַמע גאָר געקענט פאַרגעסן אין אַזאַ זאַך?...

האַרצי-לייב האָט אַ טראַכט געטאָן:

— נאָר אַז גאָט וועט העלפן, עס וועט זיין אַזאַ שיינער וועטער, ווי איצטער, עס וועט נישט גיין קיין רעגן און מיר וועלן אָנקומען פרייטיק פרי, וועט דער קירזשנער נאָך האָבן גענוג צייט אויפצושטעלן פאַר דיר אַ היטל פון דעם שטיקל סאַמעט... זאָרג זיך נישט, מאַטעלע!— האָט ער מיך געטרייסט.

אַ צייט זענען מיר געפאָרן שווייגנדיק, יעדער איז געזעסן פאַרטיפט אין זיינע געדאַנקען, נאָר ביי מיין שוואָגער האָט זיך גע- שאַרפט די צונג, עס האָט זיך אים געוואָלט שטאַרק רעדן, האָט ער זיך איבערגערעדט מיטן גוי.

דער גוי האָט אָבער נישט געענטפערט, געשאָקלט מיטן קאָפּ און נאָר אַרויסגעברומט די צוויי באַקאַנטע פויערשע ווערטער:

— אַ שטשאָ טאַי שטשאָ.

מיין שוואָגער איז נמאס געוואָרן צו פירן אַזאַ שמועס, האָט ער ווידער אָנגעהייבן צו רעדן מיט מיר און נאָכאַמאָל וועגן מיין שבתדיק היטל.

— ווייסטו וואָס מיר איז איינגעפאַלן, מאַטעלע? איך מיין, אַז טאָמער וועלן מיר אָנקומען אַהיים פרייטיק, נאָר שפּעט און דער קירזשנער וועט נישט קענען מאַכן פאַר דיר אַ ניי היטעלע פון שטיקל סאַמעט, זאָלסטו אפשר דעם ערשטן שבת דאַווענען אינדערהיים

און דעם צווייטן שבת, ווען דאָס היטעלע וועט שוין פאַרטיק ווערן וועל איך דיך מיטנעמען אין קלויז דאַוונען אויף מיין „שטאָט״.

באַלד האָט ער אָבער חרטה באַקומען אויף דעם פּלאַן און ער האָט זיך אָנגערופן:

— אָבער, ווי קען איך עס טאָן? ערשטנס, וואָס וועלן מענטשן זאָגן, ווען מען וועט זיך שפּעטער וועגן דעם דערוויסן, אַז איבער אַ ביי היטעלע וועל איך דיך שבת לאָזן דאַוונען אינדערהיים, נישט בצבור... וואָס וועט דיין שוועסטער זאָגן דערויף? און, צווייטנס, ווי קען איך דערלאָזן צו אַזאַ זאַך? דו ביזט דאָך שוין נישט קיין קינד. באַלד ווערסטו בר-מצוה, זאָל איך דיך געוויינען צו דאַוונען אינדער-היים? אַזאַ יינגל, ווי דו, טאָר נישט דאַוונען אינדערהיים, נאָר אין קלויז!.. וואָס איז, דיינע געשעפטן, די גרויסע? בענוג, אַז מען זינ-דיקט, ווען מען וואַקסט אויס, ווען מען דאַרף מפרנס זיין אַ ווייב מיט קינדער. אָדער ווען מען געפינט זיך אין וועג, אָט ווי מיר איצט, מוז מען אַמאָל דאַוונען נישט אין קלויז... איז אויך אַ גרויסע עוולה, אָבער וואָס זאָל מען טאָן — פּרנסה איז אַ תירוץ. אָבער נישט אַזאַ יינגל, ווי דו?!..

— דיין מאַמע שיקט דיך צו מיר, — האָט ער ווייטער געזאָגט — אַז איך זאָל דיך פירן אין אַ גוטן וועג, צום סוף זאָל איך דיך געוויינען צו אַזעלכע זאַכן?! ניין, דאָס קען נישט זיין!

און ביי מיין שוואָגער איז פעסט געבליבן, צי דער קירזשנער וועט היינטיקן פרייטיק מיר מאַכן דאָס נייע היטל, צי נישט, — נאָר ער וועט מיך מיטנעמען דאַוונען שבת אין קלויז.

די זון איז שוין געשטאַנען העכער און פאַרגאָסן די פעלדער מיט גאָלד. דער גוי האָט אַ קוק געטאָן אויפן לויטערן הימל און זיך אָנגערופן מיט אַ זיפץ:

— עס ווייזט נישט אויף קיין רעגן, זאָל גאָט געבן אַ רעגן!.. גאָך עטלעכע טעג גוטע רעגנס, וואָלט געווען אַ גערעטעניש אויף די פעלדער...

— אָט באַלד וועט זיין די גרעבלער קרעטשמע. וועלן מיר דאַוונען און עפּעס נעמען אין מויל אַריין, — האָט מיין שוואָגער לע-בעדיק געזאָגט, רייבנדיק איין האַנט אין דער צווייטער.

איך האָב זיך דערמאָנט אין די פּוטער-בולקעס, וואָס די מאַמע

האָט מיטגעגעבן און עס האָט מיר אויך הנאה געטאָן, וואָס באַלד וועט זיין די „גרעבלער קרעטשמע״.

דערוויילע אָבער פיל איך זיך זייער גוט: איך זיץ אויף דעם פויערישן וועגעלע אויסגעבעט מיט פרישע שטרוי, דאָס וועגעלע קאַטשעט זיך, עס קלאַפּט, עס העצקעט, עס לויפט און עס איז אַזוי גוט און פרייליך אויפן האַרצן — אַ מהיה!..

און באַלד, באַלד וועט זיין די „גרעבלער קרעטשמע״! וויפל שיינע און שרעקלעכע מעשיות האָב איך זיך אין מיין לעבן אָנגעהערט וועגן דערדאָזיקער קרעטשמע און איצט, אָט באַלד, וועל איך אַליין זיין דאָרטן... אָט זע איך שוין פונדערווייטנס אויפן בערגל דעם שפּיציקן דאַך פון דער „גרעבלער קרעטשמע״ און דעם לאַנגן דראַנג לעבן דער קרעניצע, מיט וועלכן מען שעפּט וואַסער.

• • •

• • •

דעם גויס תפילה איז אָנגענומען געוואָרן: נאָך דער „גרעבלער קרעטשמע״ האָט אָנגעהייבן צו גיין גרויסע כמאַרעס, עס האָט געדו־נערט און געבליצט. די וואָלקנס האָבן באַדעקט דעם גאַנצן הימל און עס האָט אָנגעהייבן גיסן אַ שלאַגסרעגן, אַז מיר האָבן אין ערשטן דערפל זיך געמוזט אָפּשטעלן אויף גאַנצע צוויי שעה, ביז דער רעגן איז איבערגעגאַנגען. אָבער דערנאָך האָט אָנגעהייבן גיין אַ שטילער רעגן ביז אויף מאָרגן, פרייטיק. דער וועג איז קאַליע געוואָרן און עס איז געוואָרן שלעכט צו פאָרן.

די קליינע פויערשע פערדלעך גייען טריט ביי טריט און האָבן מורא, זיי לאָזן זיך נישט אויסגליטשן מיט די גישט געקאַ־וועטע פיס.

מיין שוואָגער האָט זיך זייער טרויעריק אָנגערופן:

— הלוואי מיר זאָלן כאָטש פאַרכאַפּן די באָד לכבוד שבת. מעגן דיין שבתדיק היטל האָסטו שוין נישט אפילו וואָס צו טראַכטן, דיין ציי היטעלע וועטו ערשט האָבן אי״ה איבעראַכטאָג שבת.

איך בין געזעסן אויף דער פור איינגעהויקערט אין דרייען, טרויעריק, מיד און נישט דערשלאָפן. פון פיל טרייסלען זיך אויפן וואָגן האָט זיך אין מיר געוואָרפן מיין הערצל. עס איז מיר בכלל נישט גוט און איך שפּיי אַלעמאָל.

איך וואָלט שוין געוואָלט אויפהערן צו פאָרן, עס וויל זיך שוין זיין ביי מיין שוועסטער אין הייסין.

ערשט עטלעכע וויאָרסט פאַר הייסין איז דאָס וועטער ווידער געוואָרן שיין און דער וועג אַ ביסל בעסער, נאָר די האָפענונג צו פאַרכאַפּן די באָד לכבוד שבת, איז שוין געוואָרן נישט אַזוי זיכער.

דער גוי זאָגט, אַז גוטע דריי שעה דאַרף נאָך געדויערן, ביז מען וועט קומען קיין הייסין, און צו נאַכט איז מער נישט געבליבן, ווי אַ שעה פינף. צוטרייבן די פערדלעך מיט דער בייטש איז אומזיסט, זיי קענען נאָך אינגאַנצן בלייבן שטיין, דעמאָלט וועט מען מוזן אַריינגיין צופוס אין שבת אַריין.

פונדעסטוועגן האָט זיך מיין שוואָגער פון גרויס איילעניש אַלץ זיך גערוקט זיצנדיק אויפן וואָגן, פונקט ווי מיט זיין רוקן זיך וואָלטן די מידע פערדלעך גיכער געלאָפן.

איך האָב דערזען פונדערווייטנס די שטאָט הייסין, כאָטש מיט דער האַנט צו דערלאַנגען. נאָר דאָ האָבן זיך אָנגעהייבן בערגלעך אַראָפּ און בערגלעך אַרויף. און די פערדלעך האָבן זיך קוים געשלעפּט, כאָטש דער גוי איז געגאַנגען צופוס ביים וואָגן און מיט זיינע פּליי־צעס אים אונטערגעשפּאַרט, ער זאָל זיך מיט אונדז נישט איבערקערן.

אונטער אַ היבש בערגל איז מיין שוואָגער אויך אַראָפּגעגאַנגען פון וואָגן. איך בין געבליבן אַליין אויף דער פור. איך בין ווידער פריילעך און לעבעדיק געוואָרן, זעענדיק, אַז באַלד, באַלד וועלן מיר שוין קומען אין שטאָט אַריין און איך וועל אויפהערן צו פאָרן און זיך צו טרייסלען.

דער פויער, גייענדיק צוזאַמען מיט מיין שוואָגער לעבן וואָגן, האָבן צווישן זיך גערעדט.

— מיינע זעקס דעסיאַטין ערד וועט מען נאָך אַזאַ רעגן נישט דערקענען... געלויבט צו גאָט דערפאַר, — האָט דער פויער געזאָגט.

מיין שוואָגער האָט געשוויגן און מיר און טרויעריק, מיט אַן אַראָפּגעלאָזטן קאָפּ איז ער געגאַנגען און געהערט דעם פֿויערס ווערטער.

ווען מיר זענען אַריינגעפֿאָרן אין שטאָט, האָבן זיך אַלע אַריינגעזעצט אין וואָגן. די קלאַפּעריי פֿון די רעדער האָט פֿאַרהילכט אין די אויערן.

איך האָב זיך אויסגעגלייכט די פּיאות. דאָס היטל אָפּגעפּוצט מיטן אַרבל און עס אָנגעטאָן גלייך, אַזוי, אַז דער דאַשעק זאָל נישט אויסקומען קרום און האָב פֿאַרשפּילעט אַלע קנעפּלעך פֿון מיין קאַפּאָטע.

מיר זענען אָנגעקומען קיין הייסין נאָך דער באָד.

## קאַפּיטל זיבנאוןצוואַנציק

ווען מיר זענען צוגעפאָרן צו מיין שוואָגערס שטוב, איז מיין שוועסטער אַרויסגעלאָפן אַקעגן.

די שמחה איז געווען גרויס ביי מיין שוועסטער רייזל — צוויי געסט אויף שבת: איר מאַן און איר ברודערל. זי האָט זיך אויף זיי געריכט און געמאַכט צוליב די געסט צוויי קוגלען אויף שבת — אַ זיסן, אַ לאָקשענעם און אַ געפּלעטערטן, אַ וויינינקן.

עס איז נאָך געבליבן אַ האַלבע שעה צו ליכט-בענטשן. איידער וואָס, איידער ווען, איז די האַלבע שעה איבערגעפלויגן און מען האָט שוין באַדאַרפט גיין אין שול אַריין.

אויף גיך האָב איך זיך מיטן שוואָגער אָרומגעוואַשן לכבוד שבת, אָנגעטאָן אַ ווייס העמד, נייע שטיוועלעך, מיין שבתדיק ניי קאַפּאָטקעלע, נאָר דאָס אַלטע וואָכעדיקע אָפּגעבליאַקעוועטע היטעלע...

— קום נאָר אַהער, מאָטעלע, — האָט מיין שוועסטער צו מיר געזאָגט, ווען איך בין שוין געווען אָנגעטאָן — לאָם איך נאָר אָנקוקן מיין ברודערל.

זי האָט מיך באַטראַכט פון אַלע זייטן, געדרייט מיך אַהער און אַהין און זיך אָנגערופן:

— זייער אַ שיין יינגעלע, אַזאַ שיין יאָר זאָל איך האָבן, אַ שיין קאַפּאָטקעלע, נייע שטיוועלעך, נאָר אַן אַלט היטעלע...

און זי האָט אַ קוק געטאָן אויף איר מאַן.

— מען וואָלט אים באַדאַרפט קויפן אַ ניי היטעלע... ווי קען מען פירן קיין עין-הרע, אַזאַ דערוואַקסן יינגל מיט אַ וואָכעדיק היטעלע שבת אין קלויז אַריין? — האָט זי וויזשער געזאָגט.

האַרצי-לייב האָט זיך אָנגערופן:

— די שוויגער, זאָל לעבן, איז אַזוי געווען צעטראָגן פאַר אונדזער פאַרקויפן, אַז זי האָט פאַרגעסן אים צו קויפן אַ נײַ היטל און האָט מיר מיטגעגעבן אַ שטיקל סאַמעט, וואָס איז איבערגעבליבן נאָך פון דײַן חופּה־קלייד מען זאָל פאַר מאַטעלען מאַכן אַ שבתדיק היטעלע... איך האָב גערעכנט, אַז ווען מיר זאָלן געווען קומען פרי, וואָלט נאָך דער קירזשנער אים אויפגעשטעלט דאָס היטעלע, אָבער עס איז געווען זייער אַ שלעכטער וועג: איבעראַכטאָג שבת וועט ער שוין האָבן אַ היטעלע...

— פון מײַן סאַמעט וועט ער האָבן זייער אַ שיין היטעלע, — האָט די שוועסטער געזאָגט מיט שטאָלץ. — ווי באַקומט מען גאָר הײַנט אַזאַ סאַמעט!

און זי האָט מיך אַ קוש געגעבן, זאָגנדיק דערבײַ:

— עס וועט נישט שאַטן צום שידוך, אַז דו, מאַטעלע, וועסט גיין איין שבת מיט דײַן וואָכעדיק היטעלע...

• • •

מיר זענען אַוועקגעגאַנגען דאַוונען. מײַן שוואָגער מיט זײַן גאַנצער גרויסקייט און ברייטקייט און מיט זײַן זיידענער ראַדזשי־ווולקע אויף די אַקסלען, האָט געשפּאַנט פאָרויס מיט זײַנע לאַנגע פיס און איך האָב זיך קוים נאָכגעשלעפּט.

איך בין בײַ זיך אַראָפּגעפאַלן, אַראָפּגעלאָזט דעם קאָפּ און טרויעריק בין איך געוואָרן, וואָס גייענדיק איבער דער פרעמדער שטאָט, בין איך נישט געווען זיכער אין יעדן און עס האָט זיך מיר אויסגעוויזן, אַז איך פאַל אין אַ זינקענדיקן זאַמד.

ווען מיר זענען אַרײַנגעקומען אין קלויז, האָט מיך מײַן שוואָגער אָפּגעשטעלט בײַ דער טיר און שטיל געזאָגט:

— מאַטעלע, אָט דאָ, אויף דער באַנק, לעבן לאַנגן טיש זעץ זיך אַנידער און דאַוון.

איך, וואָס האָב היילִיק צוגעזאָגט דער מאַמען, אַז איך וועל פאָלגן דעם שוואָגער און וואָס גוטע לייט וועלן הייסן, האָב זיך אָנידערגעזעצט אויף דער באַנק, לעבן לאַנגן טיש און געדאַוונט.

מײַן שוואָגער איז מיט גדלות און ברייטקייט אַרויפגעגאַנגען צו דער מזרח-וואַנט, זיך געשטעלט אויף זײַן „שטאָט" און לעבעדיק אַראָפגעוואָרפן פון זיך די זײַדענע ראַדיזווּלקע, זי אַוועקגעלייגט אויפן שטענדער און געשטעלט זיך דאַוונען, אַניאָגנדיק דעם חזן, וואָס האָט זיך שוין מיט אַ פערטל שעה פריער געשטעלט פאַרן עמוד.

איך, אויף מײַן אָרט, האָב שטיל און ערנסט זיך געשאָקלט איבער מײַן סידורל און אויך נאָכגעיאָגט דעם חזן.

נאָכן דאַוונען האָב איך דערזען סונדערווייטנס, ווי דער חזן האָט פון זיך אַראָפגענומען דעם טלית און איז באַלד צוגעגאַנגען צו מײַן שוואָגער, אים אָפּגעגעבן אַ ברייטן שלום-עליכם.

דערנאָך האָט זיך באַלד לעבן מײַן שוואָגער אַרומגעשטעלט אַ רעדל יידן און מען האָט נאָר געהערט:

— שלום עליכם — עליכם שלום! וואָס הערט זיך עפּעס אין טאַלנע? וואָס מאַכט דער רבי, זאָל לעבן? ווי האָט דער רבי גע-פּראַוועט דעם שבת?

און מײַן שוואָגער האָט מיט גרויסקייט יעדן געענטפערט מיט האַלבע ווערטער, וועלכע יעדער האָט געכאַפּט און געשלונגען.

אין דערזעלבער צייט האָט זיך לעבן טיר, ביים לאַנגן טיש, ווו איך בין געשטאַנען און געדאַוונט און ווו עס האָבן זיך געפונען נאָך יידן און אויך אַ פּאָר אָרעמע ייִנגלעך, אַרומגעדרייט איינער, וועלכן אַלע האָבן גערופן ר' פייטל קאָרעק, אַ ייִד פון מיטעלע יאָרן מיט אַן אויסגעדאַרט פאַרטרוקנט פּנים און מיט איין אַקסל העכער פון צווייטן.

ווען מען האָט אָנגעהייבן אַרויסגיין פון קלויז, האָט ר' פייטל קאָרעק יעדן באַלעבאָס נעגעבן אַן „אורח אויף שבת" פון די יידן און ייִנגלעך, וועלכע זענען געזעסן ביים לאַנגן טיש.

דערזעלבער ר' פייטל איז אויך צוגעגאַנגען צו מיר און נפּ-זאָגט, אָנווייזנדיק אויף אַ באַלעבאָס מיט אַ גרויער לאַנגער באָרד:

— ייִנגעלע, גיי מיט ר' בערישן...

איך ווייס נישט, וואָס מיט מיר איז געשען. דער קאָפּ האָט זיך מיר געדרייט. אַ פרעמדער, אַ דערשראָקענער אין אַ נייער שטאָט,

צן עלטער און אַ פאַרשעמטער, וואָס מיין שוואָגער האָט מיך אָפּגע־לאָזט ביי דער טיר און מיך נישט מיטגענומען לעבן זיך אין מזרח־וואַנט, האָב איך נישט געטראַכט פון קיין שום זאַך און בין נאָכגע־גאַנגען דעם ייד מיט דער גרויער, לאַנגער באָרד. ער האָט מיט אַ גוט פנים געזאָגט:

— קום, ייִנגעלע, צו מיר אויף שבת, שעם זיך נישט.

איך בין נאָכגעגאַנגען, נישט וויסנדיק וווהין איך גיי און צו וואָס איך גיי. איך בין געוווינט צו פאָלגן אַן עלטערן ייד, האָב איך אים אויך געפאָלגט און נעגאַנגען.

מיר זענען אָפּגעגאַנגען אַ גאַנצע גאַס, ביז מיר זענען געקומען אויפן מאַרק־פּלאַץ. דאָ האָב איך דערהערט מיין שוואָגערס קול:

— ר׳ בעריש, ר׳ בעריש, שטייט נאָר, וואַרט נאָר אויס!..

ר׳ בעריש האָט זיך מיט פאַרווונדערונג אָפּגעשטעלט און זיך אומגעקוקט אויף אַלע זייטן און איך בין לעבן אים אויך געבליבן שטיין.

עס איז אָנגעלאָפן מיין שוואָגער, צוזאַמען מיט ר׳ פייטל קאָרעק. קוים אָפּכאַפּנדיק דעם אָטעם, האָט מיין שוואָגער מיך אָנגע־נומען ביים הענטל און געוואָלט מיט מיר אַוועקגיין, זאָגנדיק דערביי צו מיר מיט כעס:

— קום!..

— וואָס הייסט „קום"? — האָט ר׳ בעריש מיך אָנגעכאַפּט ביי דער צווייטער האַנט. — ער איז מיין אורח אויף שבת.

— רעדט נישט קיין נאַרישקייטן, ר׳ בעריש, איר וואָלט מיר מוחל זיין.

ר׳ בעריש האָט זיך אָנגעצונדן און אָנגעהייבן צו שרייען אויף מיין שוואָגער:

— ווען זאָגסטו עס „נאַרישקייטן"? דו שקאָץ! דו ווייסט, אַז איך האָב שוין אַזוינע קינדער ווי דו? מיט וועמען רעדסטו אַזוי? דו מיינסט, אַז מען קומט פון רבין מעג מען שוין זיין אַן עזות־פנים און נישט האָבן קיין דרך־ארץ פאַר אַן עלטערן ייד, כאָטש ער זיצט נישט אין מזרח־וואַנט!

ר׳ בעריש האָט זיך שטאַרק געקאָכט, געגלעט זיין לאַנגע באָרד מיט איין האַנט און מיט דער צווייטער מיך געהאַלטן און נישט אָפּגעלאָזט.

ר׳ פייטל קאַרצאַק, וועלכער צעטיילט די אורחים אין קלויז, האָט זיך דאַ געוואָלט אַריינמישן און אויך עפּעס זאָגן, האָבן זיי אים אַ וואָרט נישט געלאָזט אויסרעדן.

מיין שוואָגער האָט געשריען:

— דאָס יינגעלע איז מיין אורח.

— ניין, ער איז מיין אורח — האָט ר׳ בעריש געטענהט — האָסטו געוואָלט זאָגן אין קלויז, וואָלט מיר ר׳ פייטל געגעבן אַן אַנדער אורח. דאָס „דאַברע מזל" פעלט ברוך השם נישט ביי יידן, עס זאָל אַזוי נישט פעלן אַלדעס גוטס פאַר כל ישראל! איצטער, אַז איך בין שוין באַלד ביי מיין שטוב און מיין ווייב מיט די קינדער וואַרטן אויף מיר מיט קידוש-מאַכן, וויל ער צונעמען מיין אורח אויף שבת?! ווי געפעלט עס אייך, איך בעט אייך? — האָט ר׳ בעריש זיך אַזמנעקערט צום עולם, וואָס איז געגאַנגען פון דאַוונען און זיך אָפּגעשטעלט, ווילנדיק זיך דערוויסן איבער וואָס מען קריגט זיך דאָ.

— אָט איז דאָ ר׳ פייטל אַליין, זאָל ער אייך דערציילן, ווי אַזוי עס איז געווען! — האָט ר׳ בעריש נישט אויפגעהערט צו טענהן.

ר׳ פייטל, וועלכער האָט זיך מיט אַלע כּוחות געריסן צו דערציילן וויאַזוי די מעשה איז געווען, האָט מען נישט געלאָזט קומען צום וואָרט.

מיין שוואָגער האָט אים איבערגעריסן:

— אָט וועל איך אייך דערציילן, וויאַזוי עס איז געווען... איר ווייסט דאָך, אַז איך בין אויף שבת געקומען פון טאַלנע, האָב איך מיטגעבראַכט מיינס אַ שוואָגערל, דאָס יינגעלע מיין איך. ווען מיר זענען געגאַנגען דאַוונען, האָב איך אים איבערגעלאָזט ביים גרויסן טיש. נאָכן דאַוונען האָט מיך דער עולם אַרומגעריגלט מיט שלום-עליכמס און אויסגעפרעגט וואָס הערט זיך אין טאַלנע, און איך האָב זיך פאַררעדט אַ ביסל. אַרויסגייענדיק פון קלויז, האָב איך געזוכט מיין שוואָגערל איך זאָל אים מיטנעמען אַהיים, ווייל ער ווייסט נאָך נישט דעם וועג. איך זוך אים איבער דער גאַנצער קלויז — ער איז נישטאָ! האָב איך אָנגעהייבן ביי יעדן צו פרעגן, צי האָט מען נישט געזען אַזאַ און אַזאַ יינגעלע. האָט זיך אָנגערופן ר׳ פייטל און מיך געפרעגט: מיט אַ קאַפּאָטקעלע און מיט אַן אַלט היטעלע?

— יאָ, יאָ, מיט אַן אַלט היטעלע, ווו איז ער? זאָג איך, זאָגט ער: דער אַלטער ר׳ בעריש האָט אים גענומען פאַר אַן אורח אויף

שבת. — ווער? — וואָס? — וואָס הייסט דאָס? האָב איך געפרעגט, און ר׳ פייטל זאָגט מיר, אַז מיין שוואָגערל איז נאָר וואָס אַוועקגעגאַנגען מיט ר׳ בעריש. בין איך נאָכגעלאָפן צוזאַמען מיט ר׳ פייטלען. איצט פאַרשטייט איר שוין?

— איך פאַרשטיי גאָרנישט, איך פאַרשטיי נאָר, אַז דו ביזט אַ גרויסע בהמה...

מיין שוואָגער האָט שוין געשריען:

— איר פאַרשטייט נישט, ווייל איר זענט אַ בהמה, נישט איך. איר הערט דאָך, וואָס איך זאָג אייך, אַז ער איז מיינער אַ שוואָגערל.

— וואָס הייסט אייער שוואָגער? — האָט דער עולם מיט פאַר־וווּנדערונג געפרעגט.

— מיין ווייבס אַ ברודערל... ער איז געקומען צופאָרן מיט מיר... — האָט הארצי־לייב ווידעראַמאָל דערקלערט.

איך בין געשטאַנען, ווי אַ ליימענער גולם. אין די אויגן האָבן זיך מיר געשטעלט טרערן, אין האַלדז האָט אָנגעהייבן צו שטיקן. איך האָב נישט אויסגעהאַלטן און אויסגעשאָסן מיט אַ געוויין.

— אַזוי? ווי־זשע קומט עס, אַז ר׳ בעריש זאָל אים נעמען פאַר אַן אורח אויף שבת? — האָבן אַלע אויף אַמאָל זיך צעלאַכט, נישט אומקוקנדיק זיך אויף מיין וויינען.

— ווארים ר׳ פייטל איז אַ גרויסע בהמה! — אין מיין שוואָגער באַפאַלן ר׳ פייטלען.

— ווארים איר זענט אַליין אַ גרויסע בהמה! — האָט ר׳ פייטל געענטפערט. — אַ שוואָגער לאָזט מען נישט איבער צווישן די אָרימע־לייט ביי דער טיר, נאָר מען האַלט אים לעבן זיך אויף דער מזרח־וואַנט.

דער אַלטער ר׳ בעריש איז, נעבעך, געשטאַנען ווי אַן אויס־געמעלקטער און גערעדט צו זיך:

— ווי געפעלט אייך אַזאַ מעשה? געלויבט זיין ליבער נאָמען, זינט איך בין באַלעבאָס האָב איך שבת און יום־טוב זיך נישט גע־זעצט ביים טיש אָן אַן אורח און איצטער קומט מיר אויס אַליין צו זיין אַהיים.

ר׳ פייטל האָט אים אָבער געטרייסט, אַז באַלד וועט ער אים צושיקן אַן אורח אויף שבת און דער אַלטער ר׳ בעריש האָט זיך געלאָזט גיין אַהיים, נישט אויפהערנדיק רעדן צו זיך:

— נו, נו, אַזאַ מעשה נורא זאָל זיך פאַרלויפן!

דער עולם האָט נישט אויפגעהערט צו לאַכן אויף אַ קול און מיין שוואָגער, האַלטנדיק מיך ביי דער האַנט, איז געגאַנגען מיט מיר אַהיים, ווו מיין שוועסטער מיט די קינדערלעך האָבן שוין לאַנג געוואַרט מיט דעם שבתדיקן טיש אויף אונדז, אירע טייערע געסט.

מיין שוואָגער איז געגאַנגען מיט אַן אַראָפּגעלאָזטן קאָפּ. זיין גאַנצע גרויסקייט איז פון אים מיטאַמאָל אַוועק, עפּעס האָט ער צו זיך געמורמלט מיט די ליפּן און מיר האָט זיך אויסגעוויזן, אַז ער זאָגט:

צוואָס האָב איך איינגעגעסן עס באַדאַרפט?!

מיין פאַנטאַזיע האָט זיך תמיד צעשפּילט: פון אַ גאַרנישט, וואָס איז נישט געשטויגן און נישט געפלויגן, האָט געקענט ביי מיר אויסוואַקסן אַ גאַנצער וועלט-בנין. און אויך איצטער איז ביי מיר געבליבן, אַז מיין שוואָגער האָט איינגעגעסן חרטה, וואָס ער האָט מיך מיטגענומען און דאַרף זיך אַרומפירן מיט מיר.

מיר האָט זיך עפּעס אויסגעוויזן, אַז ער שעמט זיך מיט מיר, אַז איך שטיי אים נישט אַן פּאָר קיין שוואָגער, און ווייבאַלד איך האָב זיך דאָס אַריינגעקלאַפּט אין קאָפּ, האָב איך שוין געוווּסט, אַז גאָנץ וועט עס שוין פון מיר מיט צוואַנגען נישט אַרויסשלעפּן. און, בייענדיק אַזוי, האָב איך זיך געטראַכט, אַז ווען עס זאָל נישט זיין שבת און ווען איך זאָל וויסן דעם גלייכן וועג אין מיין שטאָט, צו מיין מאַמען, וואָלט איך באַלד צופוס אַוועק.

אין מיר האָט געקאָכט, ווי אַ קעסל. איך האָב זיך ערשט איצטער געפילט שרעקלעך באַליידיקט, פאַרוואָס ער האָט מיך איבער-געלאָזט ביי דער טיר און זיך געשעמט מיט מיר. איך זאָל זיצן אויף זיין שטאָט אין מזרח-וואַנט. איך האָב געפילט, ווי מיינע אויערן ברענען פון בזיון, וואָס איך בין געגאַנגען מיט אַן אַלטן באַלעבאָס צו אים אויף שבת, און זיצן ביי אַ פרעמדן טיש, ווי אַן אָרימאַן.

איך האָב מיטאַמאָל אַזוי פיינט באַקומען מיין שוואָגער, אַז איך האָב אויף אים נישט געקענט קוקן. איך האָב זיך געפּרוּווט אַרויסרייסן פון אים מיין האַנט, נאָר ער האָט נישט געלאָזט, זאָגנדיק:

— איך וועל דיך שוין מער נישט אפלאזן, דו קענסט נאך אין א פרעמדער שטאט פארבלאנדזשעט ווערן און גיי זוך דיך דערנאך!

מיר זענעןביידע געגאנגען שווייגנדיק, קיינער האט פון אונדז מער קיין ווארט נישט ארויסגעלאזט. נאך פלוצלונג, ווען מיר האבן זיך דערנענטערט צו דער שטוב, האט הארצי-לייב ווייך, שטיל און מיט גוטע רייד זיך אנגערופן צו מיר:

— מאטעלע, דו ביזט דאך א ווויל יינגעלע, בעט איך דיך, אז דו זאלסט אינדערהיים קיינעם נישט דערציילן וואס דא אין קלויז איז געשען, איבער דעם נארישן פייטלען... איך וועל דיך שוין מער נישט אפלאזן פון מיר און איבערנאכטאג שבת וועסטו שוין האבן א ביי היטעלע, וועסטו שוין זיצן מיט מיר ביי דער מזרח-וואנט.

מיין שוועסטער מיט די קינדער האבן אונדז פריילעך באגעגנט מיט א „גוט-שבת". דער שוואגער האט געזאגט ברייטלעך דעם „שלום עליכם", מען האט געמאכט קידוש, און זיך געזעצט ביים טיש.

מיין שוועסטער האט מיט שרעק באמערקט מיינע פארוויינטע אויגן און געפרעגט, מיך און הארצי-לייבן, וואס איז אזוינס געשען מיט מיר, אבער מיר האבן ביידע געענטפערט, אז עס איז גארנישט, עס ווייזט זיך איר אויס.

זי האט מער נישט געפרעגט, אפשר צוליב שבת.

דעם גאנצן שבתדיקן טאג און אויך שבת-צו-נאכטס זענען גע-קומען א סך געסט. קרובים און גוטע באקאנטע האבן געשיקט אלער-ליי קוגלען מיט ווין צוליב די געסט, ווי דער מנהג איז, און דערנאך זענען דיזעלבע קרובים און באקאנטע אלע געקומען מיט זייערע ווייבער און קינדער, אויפגעגעסן די קוגלען און אויסגעטרונ-קען דעם ווין.

נאך שבת האט מיין שוועסטער זיך גענומען צו מיר, איך זאל איר דערציילן, פארוואס איך בין פרייטיק-צו-נאכטס געקומען פון דער קלויז מיט פארוויינטע אויגן, אין אנהייב האב איך געלייקנט, גע-מאכט צי גארנישט און צולעצט האב איך נישט אויסגעהאלטן, זיך צעוויינט און אלץ דערציילט פון האר ביז גאר.

מיין שוועסטער איז געווארן אן אויפגעקאכטע, זי האט מיך געהאלדזט און געקושט און האט יצווינט מיט מיר צוזאמען.

פון דער צייט אָן האָט זיך ביי מיין שוועסטער אין שטוב אָנגעהייבן צו קאָכן. מיין שוואָגער האָט זיך גאָרנישט געקענט פאַרענטפערן פאַר איר און נאָכאַמאָל האָט ער געוואָרפן די גאַנצע שולד אויף ר' פייטל קאָרעק, אָבער עס האָט אים נישט געהאָלפן.

אין עטלעכע טעג אַרום איז ווידער געוואָרן שלום-בית. אויף שבת האָב איך שוין געהאַט אַ ניי היטעלע, וואָס אין גאַנץ הייסן זעט מען נישט אַזוינס.

איך בין געזעסן צוזאַמען מיט מיין שוואָגער ביי דער מזרח-וואַנט. אַ סך יינגלעך האָבן מיך אַרומגעשטעלט און באַטראַכט דאָס נייע יינגלעלע מיט דעם שיינעם נייעם היטעלע. זיי האָבן באַטאַפּט, געגלעט און געשאַצט מיין ניי שבתדיק היטעלע.

נאָך דעם צווייטן שבת האָבן צו אונדז אין שטוב אָנגעהייבן צו קומען מלמדים, און יעדער האָט געוואָלט, מען זאָל מיך אָוועקגעבן צו אים לערנען.

פאַר יעדן מלמד האָט מיין שוואָגער אָנגערעדט אויף מיר כל רע שבעולם, אַז איך וויל נישט לערנען, איך בין אַ גרויסער שייגעץ, אַז מען דאַרף מיך שטאַרק נעמען אין די חענט אַריין און מאַכן פון מיר אַ מענטש, און יעדער האָט צוגעזאָגט, אַז ער וועט שוין אויסשלאָגן אַ רעכטן מענטשן פון מיר.

אייניקע מלמדים האָבן מיך פאַרהערט אין דער גמרא און אַלע האָבן געזאָגט, אַז מען דאַרף מיך אָוועקגעבן צום גרעסטן גמרא-מלמד. עס פאַרשטייט זיך, אַז יעדער מלמד האָט זיך געהאַלטן פאַר דעם גרעסטן און אַז נאָר ביי אים באַדאַרף איך לערנען.

מען האָט מיך סוף כל סוף אָפּגעגעבן צו ר' דוד פליישיקן. פאַרוואָס מען האָט אים אַזוי גערופן, האָב איך נישט געוווּסט, נאָר אַזוי האָט אים גאַנץ הייסין גערופן. מען האָט אויך געוווּסט, אַז ער איז דער גרעסטער גמרא-מלמד אין שטאָט.

פאַר דעמדאָזיקן דוד פליישיקער, האָט מיין שוואָגער אָנגערעדט אויף מיר נאָכמער, ווי פאַר די פריערדיקע מלמדים.

ער האָט פאַר אים דערציילט, וויאַזוי איך האָב פריער געלערנט. אַלע מלמדים האָבן געהאַט צרות פון מיר. מען דאַרף מיר אַרויסשלאָגן דעם ליטוואַק, וואָס האָט געלערנט מיט מיר עטלעכע זמנים.

האַרצי־לייב האָט אָנגערעדט אויף מיר אַזעלכע שרעקלעכע זאַכן. אַז אין אָנהייב האָט זיך מיר אויסגעוויזן, אַז מען רעדט דאָ וועגן אַן אַנדער שרעקלעכן יינגל, נישט וועגן מיר.

מיין נייער רבי, ר׳ דוד דער פליישיקער, האָט זיך אָבער אויף מיך אונטערגענומען. ער האָט געזאָגט:

— זאָל ער נאָר אָנהייבן צו גיין צו מיר אין חדר אַריין, וועט איר דאָס קינד אין עטלעכע וואָכן נישט דערקענען.

אין עטלעכע טעג אַרום האָב איך באַדאַרפט אָנהייבן גיין צו מיין נייעם רבין, וועלכן איך האָב שוין פיינט באַקומען, נאָך איידער איך האָב איבערגעטרעטן די שוועל פון זיין חדר.

איך האָב אָנגעהייבן צו פילן, אַז קיין לאַנגער הייסינער תּושב וועל איך סיי ווי סיי נישט בלייבן. איך האָב נאָר נישט געוווּסט ווען מיין אַוועקפאָרן וועט פאָרקומען און וויאַזוי עס וועט געשען.

• • •

ווען איך האָב אָנגעהייבן צו לערנען ביי מיין נייעם הייסינער רבין, ר׳ דוד פליישיקער, איז שוין געווען אינמיטן זמן. דעם ערשטן האַלבן זמן האָב איך גאָרנישט געלערנט און איצטער האָט זיך דאָס לערנען אויך נישט געקלעפּט.

דער רבי האָט מער אַכטונג געגעבן אויף מיין דאַווגען, ווי אויף מיין לערנען. שטענדיק האָט ער מיך געשטראָפט, איך זאָל נישט גיין אין שלעכטן וועג אַריין, און בכלל צו מיר געווען שטרענגער, ווי צו די אַנדערע פון זיינע תּלמידים.

איך האָב זיך געפילט דערשלאָגן און מיך באַליידיקט פון אַזאַ באַציונג צו מיר. איך האָב געהאַלטן, אַז איך פיר זיך אויף לייטישער. ווי זיינע תּלמידים, און אַז איך האָב געקענט בעסער לערנען, ווי זיי אַלע און פרומער בין איך אַוודאי געווען. היינט פאַרוואָס באַגייט זיך דער רבי מיט מיר אַזוי שלעכט.

דאָן האָב איך געליטן און געלערנט אָן חשק גלייך מיט אַלע ייִנגלעך.

איינמאָל שבת, ווען מיין רבי איז געקומען מיך פאַרהערן פאַר דעם שוואָגער, האָט ער מיין רבין פאַרגעהאַלטן, אַז ער איז צו ווייך צו מיר. דער רבי, מורא האָבנדיק, מען זאָל מיך פון אים נישט אַוועקנעמען, איז געוואָרן נאָך שטרענגער צו מיר.

ער האָט מיך יעדעס מאָל ביים לערנען אָנידערגעזעצט לעבן זיך, און איינמאָל, ווען איך האָב עפּעס די גמרא נישט געענטפערט אַזוי ווי ער האָט געוואָלט, האָט ער מיר אַ פּאַטש געטאָן. איך בין אויפגעשפּרונגען, ווי אַן אָפּגעבריטער, געזאָגט, אַז ער איז אַן עם-הארץ און בין אַנטלאָפן פון חדר.

ווען מען האָט זיך אינדערהיים דערפון דערוווּסט, איז מיין שוואָגער נאָכמער אין כעס געוואָרן. ער האָט געזאָגט, אַז איך בין אַ פאַרפאַלענער, פון מיר וועט שוין גאָרנישט זיין און עס איז נאָר אַ רחמנות אויף דער מאַמען, וואָס זי ציט פון זיך אַרויס דעם לעצטן קליי זאָון שיקט געלט, איך זאָל זיך לערנען.

די שוועסטער האָט געוויינט און מיך געבעטן, איך זאָל גיין איבערבעטן דעם רבין און ווידער גיין אין חדר אַריין. איך האָב זיך אָבער איינגעשפּאַרט, אַז איך וויל אַוועקפאָרן אַהיים צו דער מאַמען.

מיין שוועסטער מיט דעם שוואָגער האָבן זיך צעקריגט איבער מיר. זי האָט געזאָגט, אַז הערצי-לייב איז שולדיק, וואָס איך וויל דאָ נישט בלייבן און ער האָט מיך אינגאַנצן באַשולדיקט, אַז איך בין וואָס אין דער קאָרט, איך וואַקס אַ הפקר-יונג.

ווען זיי האָבן זיך דערנאָך איבערגעבעטן, האָבןביידע געשריבן אַ בריוו צו דער מאַמען, וואָס מען זאָל מיט מיר טאָן, און איך האָב אויך אַוועקגעשיקט דער מאַמען אַ גרויסן בריוו פון עטלעכע גרויסע בויגנס פּאַפּיר.

דעם בריוו האָב איך געשריבן עטלעכע טעג און האָב באַשריבן אַלץ, וואָס איך האָב איבערגעלעבט אין הייסין פון דעם ערשטן טאָג, וואָס איך בין געקומען און האָב אויך באַשריבן וויאַזוי הערצי-לייב איז מיט מיר דעם ערשטן שבת געגאַנגען אין קלויז דאַווענען, און אַז איבער מיין וואָכעדיק היטל האָט ער זיך געשעמט מיט מיר צו זיצן אויף זיין שטאָט אין מזרח-וואַנט. ער האָט מיך איבערגע-

לאָזט ביי דער טיר, ווי אַ פרעמדער ייד האָט מיך, ווי אַן אָרימאַן גענומען פאַר אַן אורח אויף שבת.

ביז ווען, ביז וואָס, איז אָבער אַריבער דער גאַנצער זומער מיט אַלע ימים־טובים.

עס איז אָנגעקומען אַן ענטפער פון דער מאַמען. זי האָט גע־מאָלדן זיי און מיר, אַז זי האָט זיך איבערגעשריבן מיט מיין על־טערן ברודער פון וו. און עס איז געבליבן, אַז ער וועט קומען קיין הייסין און מיך נעמען צו זיך קיין וו., ווו איך וועל זיין אונטער זיין השגחה.

מיין שוועסטער און מיין שוואָגער האָבן זיך נישט גערעכנט אויף אַזאַ מין ענטפער פון דער מאַמען. זיי האָבן גערעכנט, אַז די מאַמע וועט אַליין קומען צופאָרן, אָדער דורך אַ בריוו מיך גוט אויסשטראָפן, אַז איך זאָל זיך ווייטער פירן אין דרך־הישר, פאָלגן דעם שוואָגער און ווייטער בלייבן אין הייסין.

עס האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז פון מיין גרויסן בריוו האָט אויף מיין מאַמען מער געווירקט מיין באַשרייבונג, וויאַזוי האַרצי־לייבן איז נישט אָנגעשטאַנען מיט מיר צו זיצן ביי דער מזרח־וואַנט, פון וואָס זי האָט זיך אויך שטאַרק באַליידיקט.

זי האָט מיין בריוו איבערגעשיקט צו מיין עלטערן ברודער וועלכער איז געוואָרן אין כעס און האָט האַרצי־לייבן אָנגערופן „טיפש“ און „חסיד שוטה“ און געזאָגט, אַז ער וועט פאָרן קיין הייסין מיך נעמען צו זיך און אונטער זיין השגחה וועל איך לערנען.

דערדאָזיקער גרויסער בריוו איז געווען מיין ערשטע „פּטרפּאַ־סונג“, און ווער עס האָט אים געלייענט, האָט אים געלויבט און גע־גאַפט, וויאַזוי קען עס אַ מענטש, און נאָך אַזאַ יונג קינד. אָנשרייבן אַזאַ גרויסן בריוו פון עטלעכע בויגנס פּאַפּיר, ווו האָט ער גענומען אַזויפיל קאָפּ און געדאַנקען אָנצושרייבן אַזויפיל וועגן זיין שוואָגער האַרצי־לייב, וועלכער איז אין בריוו אויסגעקומען, ווי אַ לעבעדיקער.

אפילו דער פעטער משה, וואָס איז שטענדיק געווען קעגן מיר, האָט אויך שטאַרק געלויבט דעם בריוו און געזאָגט, אַז פון דעם בריוו קען מען מאַכן אַ ספר.

דער פעטער משה איז געווען דער ערשטער קריטיקער פון מיין שרייבן.

מיט דעם בריוו האָט מען זיך אַרומגעטראָגן צווישן אונדזער משפּחה, סיי אין אומאַן און סיי אין וו. ווי מיין ברודער האָט גע־וויינט, און אַלע האָבן אָנגעקוואָלן. נאָר איך אַליין האָב נישט גע־ווּוּסט, וואָס איז דער מער מיט דעם בריוו, וואָס אַלע קוועלן אַזוי אָן און האָבן הנאה. פאַרקערט, מיך האָט שטאַרק פאַרדראָסן, וואָס אַלע לייענען מיין בריוו, ווו איך האָב פאַר דער מאַמען באַשריבן מיינע צרות, וואָס איך לעב איבער אין הייסין. און דאָס איז דער־פאַר, וואָס איך בין אַ יתום און ווען איך זאָל האָבן אַ טאַטן, וואָלט אוודאי אַזוי נישט געווען.

וואַרטנדיק אין הייסין ביז מיין ברודער וועט קומען צו פאָרן און מיך נעמען צו זיך, איז דערווייל אָנגעקומען דער ווינטער. מיך האָט מען שוין אויף דעם זמן צו קיין מלמד נישט אָוועקגעגעבן, נאָר דערווייל פלעג איך יעדן טאָג גיין נאָכמיטאָג אין קלויז און אַליין לערנען, וויאַזוי איך האָב נאָר געקענט, און ווען איך האָב עפּעס נישט פאַרשטאַנען, פלעג איך פרעגן איינעם פון די עלטערע בחורים, וואָס האָבן געלערנט אין קלויז.

איך האָב געלערנט מיט גרויס חשק און ליב באַקומען די קלויז מיט די בחורים, וואָס פלעגן דאָרטן לערנען אויף אַ קול מיט אַ זיסן שיינעם ניגון.

איך האָב ליב געהאַט די עטלעכע מקובלים, עלטערע ייִדן, וואָס האָבן נישט געהאַט קיין היים און מען האָט נישט געוווּסט, וווּ זיי זענען, פון וואַנען זיי זענען געקומען, און האָבן טאַקע דאָ אין קלויז געוווינט, שלאָפנדיק אויף די האַרטע בענק לעבן דער הרובע.

אַ גאַנצן טאָג האָבן זיי געדאַוונט אָדער געלערנט, און אויפ־דערנאַכט פלעגן זיי דערציילן שיינע מעשיות איינאַנדער און דער עולם פלעגט זיי אַרומרינגלען און הערן.

איך האָב געהאַט דאָס גרעסטע פאַרגעניגן צו הערן זייערע מעשיות, אַ־ן וועלכע עס איז געווען אַ סך שיינקייט צוזאַמען מיט אַ סך בטלנות.

דאָס איז געווען אין אָנהייב פון די זיבעציקער יאָרן, באַלד נאָך דער גרויסער מלחמה פון די „פּרייסן״ (דייטשן) מיט די פראַנצויזן. די דייטשן זענען דעמאָלט מיט גרויס נצחון אַריין אין פּאַריז.

די מלחמה האָט זיך שוין געענדיקט, אָבער דאָ, אין הייסינער קלויז, איז דידאָזיקע בשורה נאָך נישט אָנגעקומען און די מקובלים האָבן די גרויסע דייטש-פראַנצויזישע מלחמה נאָך ווייטער געפירט.

מען האָט דערציילט פון נייע גרויסע נצחונות, וואָס די דייטשן האָבן געהאַט פרשט יענע וואָך. מען האָט אויף דעם קאָפּ און אויף די פינגער אויסגערעכנט, וויפל געלט די מלחמה קאָסט אָפּ, אויף דער „דאַלאָניע", פון די הענט האָט מען אָנגעוויזן, ווו עס געפינט זיך פּאַריז, סטראַסבורג, סעדאַן און אויף אַ וואָסערע וועגן דאָס דייטשע חיל גייט קיין פּאַריז.

מען האָט אויך באַרעכנט אויפן קאָפּ און אויף די פינגער, וויפל עס קאָסט אָפּ די מלחמה. פּלוצים רופט זיך אָן איין מקובל:

— איך וואָלט געוואָלט פאַרמאָגן, וואָס איין שעה מלחמה קאָסט אָפּ.

רופט זיך אָפּ אַ צווייטער:

— און איך וואָלט געוואָלט פאַרמאָגן, וואָס די מלחמה קאָסט אָפּ אַ טאָג.

אַ דריטער האָט זיך געווּנטשן צו פאַרמאָגן, וואָס עס קאָסט אָפּ אַ וואָך; אַ פערטער, — וואָס עס קאָסט אָפּ אַ חודש. אַ פינפטער האָט געשלאָגן דעם לעצטן אַקאָרד. ער האָט דערציילט, אַז די דייטשן זענען בעגענגען קיין פּאַריז איבער אַ גרויסן טיפן וואַלד. עטלעכע וואָכן זענען זיי געגאַנגען דורך דעם אין טיף אין וואַלד אַריין. וויל ער פאַרמאָגן אַזויפיל „געלט-אַסיגנאַציעס", וויפל דערדאָזיקער גרויסער וואַלד, ווען מען זאָל אים אונטערצינדן, קען פאַרברענען.

אַלע זענען אַנטשוויגן געוואָרן, ווייל קיינער האָט נישט געקענט אויסטראַכטן קיין גרעסערע גוזמא, זיך צו ווינטשן.

איינמאָל, אין אַ פּראָסטיקן טאָג, איז אָנגעקומען אַ בריוו פון מיין עלטערן ברודער, אַז אַזוי ווי ער האָט קיין צייט נישט צו פאָרן און מיך נעמען צו זיך, האָט ער געבעטן אַ באַקאַנטן, וועלכער דאַרף די טעג דורכפאָרן הייסין, ער זאָל מיך מיט זיך מיטנעמען און ברענגען צו אים קיין וו. אגב, שרייבט ער אין בריוו, אַז זיין באַקאַנטער איז דער געוויסער וו.״ר גביר ר׳ ישראל פעפערמאַן. ער איז אַפילו נישט אַזאַ למדן, אַ פּראָסטער מענטש, נאָר אַן ערלעכער און אַ גוטער.

צום סוף שרייבט ער, אַז מען זאָל מיך צוגרייטן אין וועג אַריין, ווייל ר׳ ישראל פעפערמאַן איז אַ פאַרנומענער מענטש. ער

וועט פֿאַרבײַפֿאָרן הײַס'ן זיך אָפּשטעלן בײַ מײַן שוואָגערס הויז און וועט מיך באַלד נעמען. וואַרטן אויף מיר וועט ער נישט.

מײַן שוועסטער האָט מיך אָנגעהײבן צוגרייטן אין וועג אַרײַן. זי האָט מיר פֿאַרריכט מײַנע העמדלעך, צוגענייט קנעפּלעך צו מײַנע מלבושימלעך, וועלכע פֿלעגן זיך שטענדיק אָפּרײַסן בײַ מיר.

קיין אײנציק מלבושל האָב איך נישט געהאַט מיט אַלע קנעפּלעך. אַלץ האָט מען נאָכדעם אײַנגעפּאַקט אין אַ הילצערנעם קעסטל, וואָס איז געווען דרײַמאָל שווערער, ווי מײַנע אַלע זאַכן און מען האָט אָנגעהײבן וואַרטן אויף דעמדאָזיקן ר' ישׂראל פֿעפֿערמאַן.

מיר האָט מען געזאָגט, אַז איך זאָל נישט אַוועקגײן ווײַט פֿונדערהײם, טאָמער קומט ער אָן.

אַזוי־אַרום בין איך געלעגן טאָג און נאַכט אין שטוב און געוואַרט, ווײַל איך האָב אויך געוואָלט פֿאָרן מיט אַ שליטן אַזאַ ווײַסן וועג.

אינדרויסן איז געווען זייער שיין. דער שניי איז געלעגן פֿאַרהאַרטעוועט, דער פֿראָסט האָט גוט געהאַלטן און דער שליטוועגס איז געווען אַ גלאַטער, אַ גוטער און עס האָט געסקריפּעט אונטער די פֿיס און אונטער די שליטנס.

און אָט, אין אַזאַ טאָג, אינדערפֿרי, האָט זיך אָפּגעשטעלט בײַ אונדזער טיר אַ פּאָסט־שליטן מיט צוויי גוטע פֿערד און מיט אַ גלאָק, צוגעבונדן בײַם עק דישעל.

דערהערנדיק קלינגען דעם גלאָק פֿאַר אונדזער טיר, זענען מיר אַלע אַרויס פֿון שטוב.

פֿון שליטן איז אַרויסגעקראָכן אַן אָנגעפּעלצטער הויכער מענטש אין אַ גרויסן לאַנגן שאָפֿענעם פּעלץ מיט אַ גרויסן לאַנגהאָריקן קאָלנער, וועלכער האָט אַרומגעכאַפּט דעם גאַנצן קאָפּ, אַז מען האָט קיין פּנים נישט געזען, און פֿון דעמדאָזיקן קאָלנער האָט זיך דערהערט אַ דיקע שטימע, ווי פֿון אַ פֿאַס:

— ווו איז דער פּעמפּיק? דער קאָראַפּוניק, מײַן איך.

מיט די ווערטער „פּעמפּיק“ און „קאָראַפּוזיק“ האָט ער געמיינט מיך, ווײַל דערנאָך האָב איך זיך דערוווּסט, אַז אַזוי רופֿט ער זײַן אייגן קינד, אַ ייִנגעלע אין מײַנע יאָרן, און בכלל האָט ער מיט די צוויי ווערטער אָנגערופֿן יעדעס קינד, וואָס איז אים געפֿעלן און האָט געוואָלט אַרויסווײַזן ליבשאַפֿט און צערטלעכקייט.

די שוועסטער מיט דעם שוואָגער האָבן אים אַריינגעבעטן אין שטוב און אָנגעוויזן אויף מיר, אַז דאָס בין איך.

מיין שוועסטער האָט אים געזאָגט, אַז זי וועט אים נישט אָפּ־לאָזן, ביז ער וועט נישט טרינקען ביי אונדז אַ גלעזל טיי.

ר׳ ישראל האָט אַראָפּגעוואָרפן פון זיך דעם פּעלץ און ערשט איצט האָב איך אים געקענט באַטראַכטן, ווי עס דאַרף צו זיין. פאַר מיר איז געשטאַנען אַזאַ דיקער, ברייטער מענטש, אַז מיט זיין קאָפּ האָט ער שיעור נישט אָנגעשפּאַרט די סטעליע. אַלץ איז אין אים גע־ווען גרויס, לאַנג און ברייט: די אויגן, די נאָז, די באָרד און די הענט.

ווען ער האָט זיך געזעצט צום טיש, האָט דאָס בענקל אונטער אים אַ קרעכץ געטאָן.

ער האָט מיך צוגערופן צו זיך, מיר געגעבן אַ קניפּ אין בעקל און געזאָגט, אַז איך בין אַ ווויל „קאַראַפּוזיקל״ און אַז מען זאָל מיך וואַרעם אָנטאָן און ער וועט מיך מיטנעמען.

דערוויייל אָבער האָט די שוועסטער דערלאַנגט צום טיש טיי, לעקעך מיט בראָנפן, אייער־קיכלעך און נאָך גוטע זאַכן. דער גאַסט האָט אָבער געזאָגט, אַז ער טרינקט קיין זאַך נישט, נאָר וויין, און באַלד האָבן זיך באַוויזן פלעשער וויין אויפן טיש און ער האָט גע־טרונקען פון אַ טיי־גלאָז, שטאַרק געלויבט דעם וויין און מיר אויך גע־געבן אַ ביסעלע, זאָגנדיק דערביי:

— טרינק, טרינק, קאַראַפּוזיקל, פון אַזאַ וויין וועט דיר זיין וואַרעם אויפן וועג.

דער ייד האָט אָנגעהייבן טרייבן, מען זאָל מיך אָנטאָן אין וועג אַריין, וויל ער פאָרט נישט מיט קיין בעל־עגלה, נאָר מיט דער „פּאָטשט״, וואָס וויל נישט וואַרטן.

מען האָט מיך אָנגעהייבן אָנטאָן. חוץ דעם טוליפּל אויפן וויני־טער, האָב איך קיין אַנדערע וואַרעמע מלבושים נישט געהאַט. האָט מען מיר אויפן טוליפּל אָנגעטאָן מיין שוועסטערס אַ גרויס ווילעטשקע לייבל, דעם קאָפּ און דעם האַלדז האָט מען אַרומגעוויקלט מיט וואַלענע שאַר־פּעס און אויף דעם אָלעמען אַ גרויסן שווערן וואַרעמען שאַל, און איך האָב אויסגעזען אַזוי, אַז ס׳איז מיך שווער געווען צו דערקענען, צי בין איך אַ יינגעלע, אָדער אַ מיידעלע.

איך האָב געזאָגט, אַז מען דאַרף נישט דעם שאַל, עס איז מיר וואָרעם, אַז איך שוויץ אַזש, נאָר ר׳ ישראל האָט אַלץ געזאָגט, אַז מען זאָל מיך אָנטאָן, וואָס וואַרעמער, ווייל ער וויל מיך נישט ברענגען קיין פּאַרפרוי־רענעס צו מיין ברודער. און מיין שוועסטער האָט אַרויפגעשלעפּט אויף מיר נאָך עפּעס אַ שווערן בגד, נישט אויף מיין מאָס געניייט.

יוען מען האָט זיך געדאַרפט אַריינזעצן אין שליטן, האָב איך קוים געקענט קריכן, אַזוי שווער איז מיר געווען צו גיין, און דער עולם, וואָס האָט מיך באַגלייט האָט געזאָגט, אַז איך בין ברייטער, ווי לענגער, און מען האָט געלאַכט.

ערשט, ווען איך בין שוין געזעסן אין שליטן, האָט זיך די שוועסטער אַ כאַפּ געטאָן, אַז די פיס זענען מיר נישט גוט פּאַרוויקלט און דער קאָפּ, באַזונדערס די אויערן, זענען נישט גוט פּאַרדעקט און מען האָט פון שטוב אַרויסגעטראָגן אַ גרויסע וואַטאָווע קאָלדרע און מיר איינגעוויקלט די פיס. מען האָט מיר אויך אָנגעטאָן מיין שוואָגערס בורקע, וואָס האָט געוווגן אפשר אַ פוד, און דעם קאַפּישאָן פון דער בורקע האָט מען מיר אָנגעטאָן אויפן קאָפּ.

איך בין אַזוי געווען פּאַרוויקלט, אַז איך האָב מיט טרערן אין די אויגן געשריען געוואַלד, מען זאָל מיר כאָטש באַפרייען דאָס מויל, אַ שטיקל נאָז און די אויגן, איך זאָל גאָטס ליכטיקע וועלט קענען זען.

איך האָב זיך געפילט פּאַר דעם אומגליקלעכסטן, אָבער עס איז שוין געווען פּאַרפאַלן, איך בין שוין געזעסן איינגעפּאַקעוועט אין שליטן.

די שוועסטער האָט געבעטן ר׳ ישראלן, ער זאָל אַכטונג געבן, איך זאָל זיך נישט אויפוויקלען, אַז איך זאָל זיך, חס־ושלום, נישט פּאַרקילן.

— ביי מיר וויקלט מען זיך נישט אויף, איך האָב ליב, אַז קאַראַפּוזיקעס זאָלן מיר פאָלגן! — האָט ער לאַכנדיק געזאָגט און זיך געווענדט צו מיר: — אַיאַ, דו וועסט זיין אַ וואויל ייִנגעלע און מיר פאָלגן?

מען האָט זיך געזעגנט, און דער שליטן האָט זיך גערירט.

דער גלאָק האָט אָנגעהייבן צו קלינגען, און כאָטש איך האָב זיין קלינגען געהערט טויבלעך, ווייל מיינע אויערן זענען געווען צו־

פיל פּאַרוויקלט, איז מיר מיטאַמאָל פרייליך געוואָרן אויפן האַרצן. דערהויפּט האָב איך זיך געפילט גליקלעך, ווען מיר זענען אַרויסגעפאָרן אונטער דער שטאָט און איך האָב דערזען אומענדלעכע ווייסע זילבערנע פעלדער און ווייסע ביימער, אויף וועלכע עס זענען געהאַנגען לאַנגע זילבערנע אייזיקלעך.

איך האָב דעם קאָפּ געוואָלט אומקערן אויף ביידע זייטן, איך זאָל אַלץ קענען זען. איך האָב עס אָבער נישט געקאָנט.

איך האָב זיך נישט געקענט רירן פון אָרט. זען האָב איך געקענט נאָר אין איין זייט פּאַרויס, וווהין דער שליטן האָט זיך געטראָגן.

מיר זענען אַזוי גיך געפאָרן, טאַקע ווי מיט דער „פּאָטשט״ אין צוויי שעה זענען מיר אָפּגעלאָפן צוואַנציק וויאָרסט ביז צו דער ערשטער פּאָסט-סטאַנציע, ווו מען האָט אין אונדזער שליטן איינגעשפּאַנט פרישע זאַטע פערד מיט אַ נייעם „יאַמטשיק״ און אונדזער שליטן האָט שטאַרקער אָנגעהייבן צו פליען, און דער גלאָק האָט נאָך העכער אָנגעהייבן צו קלינגען. אַזאַ פאָרן איז מיר זייער געפעלן און איך בין נאָך פריילעכער געוואָרן.

ר׳ ישראלן, וואָס איז געזעסן גלייך מיט מיר אין שליטן, האָב איך דעם גאַנצן וועג נישט געקענט זען, ווייל עס איז מיר געווען שווער זיך אומצוקערן אין זיין זייט. דעם גאַנצן וועג האָט ער צו מיר קיין וואָרט נישט אויסגערעדט, נאָר אויף דער פּאָסט-סטאַנציע, ווען מען האָט אין אונדזער שליטן איינגעשפּאַנט פרישע פערד, האָט ער מיר אין מויל אַריינגערוקט אַ זיס בייגעלע מיט אַ ווייניק קאָנפעקטן (די העגט זענען ביי מיר געווען פאַרוויקלט) און האָט מיר געזאָגט:

— עס, פּעמפּיקל, אַז דו וועסט ווערן הונגעריק זאָלסטו מיר זאָגן.

מער האָט ער צו מיר נישט גערעדט. דער שליטן האָט אונדז געטראָגן, דער גלאָק האָט געקלונגען און מיר זענען פאַרבייגעלאָפן איין דערפל נאָך דעם צווייטן.

פּלוצלונג, ווען מיר זענען אַרויסגעפאָרן פון אַ דאָרף און זיך באַדאַרפט נעמען באַרג-אַרויף, האָט דער „יאַמשטשיק״ מיט אַ לאַנגן פייף צעלאָזט די פערד. דער שליטן האָט זיך אַ גליטש געטאָן אין דער זייט און איך האָב זיך אָראָפּגעקאָטשעט אין שניי. דער שליטן מיט ר׳ ישראלן זענען אַוועק באַרג-אַרויף אָן מיר...

* * *

ליגנדיק אין שניי, הייב איך אָן צו שרייען איבער מיינע כּוחות, נאָר דער שליטן לויפט ווייטער, דער גלאָק קלינגט, ר׳ ישראל איז פאַרוויקלט אין זיין פעלץ מיטן גרויסן קאָלנער און קיינער הערט מיך נישט.

איך הער נישט אויף צו שרייען אַזוי לאַנג, ביז איך זע נאָך דעם שליטן. אָבער אָט איז ער אויפן שפּיץ באַרג, דערנאָך לאָזט ער זיך אַראָפּ און דער שליטן מיט ר׳ ישראלן ווערן אינגאַנצן פאַרשווונדן פאַר מיינע אויגן. איך הער נאָר אַ שוואַך טויב קלינגען פון גלאָק, און אין אַ פּאָר מינוט אַרום הער איך שוין דעם גלאָק אויך נישט.

עס איז שטיל...

עפּעס אַ טיפע שטילקייט ליגט אויסגעגאָסן אויף אַלץ. קיין שום ווינטעלע. דער הימל מיט דער נאָכהאַלבנאַכטיקער זון איז ווייס, ווי די פעלדער מיטן אויסגעלייגטן שניי. אַרום מיר איז נישטאָ קיין מענטש, קיין שום לעבעדיק באַשעפעניש.

אין מיין גאַנץ לעבן האָב איך קיינמאָל נישט געפילט אַזאַ שטילקייט.

מיין שרייען האָט עפּעס איצט נישט געפּאַסט צו אַזאַ גרויסער רויִקייט. עפּעס האָב איך זיך געשעמט מיט מיין שרייען צו שטערן די שטילקייט. דערצו האָב איך פאַרשטאַנען, אַז מיין שרייען איז אומזיסט, און איך בין אַנטשוויגן געוואָרן און זיך אַרומגעקוקט.

פון שרעק און אויפרעגונג און פון פרוּוון נאָכלויפן דעם שליטן, איז מיר אַזוי הייס געוואָרן, אַז אַ שווייס האָט מיך באַדעקט. איך האָב זיך אָפּגעשטעלט, אַראָפּגעוואָרפן פון זיך די גרויסע שווערע בורקע, וואָס האָט זיך נאָכגעשלעפּט מיט אַ גרויסן שלעפּ, דערנאָך האָב איך אַראָפּגעוואָרפן די וואָלענע שאַלן, מיט וועלכע איך בין געווען פאַרוויקלט און עס איז מיר מיטאַמאָל גוט געוואָרן. איך האָב טיפער אָפּגעאָטעמט.

פון דער בורקע און די שאַלן, וואָס זענען געלעגן אויפן שניי, איז געוואָרן אַ גאַנץ בערגל און איך האָב זיך אויף דעמדאָזיקן בערגל אַנידערגעזעצט און אָפּגערוט.

איך בין געווען צעפרידן, וואס די קאלדרעס, מיט וועלכע מיינע פיס זענען געווען איינגעוויקלט, זענען געבליבן אויפן שליטן, ווייל איך האב מיט דער בורקע און די שאלן אויך נישט געוווסט וואס צו טאן. זיי זענען מיר איצטער אינגאנצן געווען איבעריק.

ווען איך האב זיך אפגערוט פון מיינע ערשטע שרעקלעכע איבערלעבונגען, האב איך אנגעהייבן צו טראכטן, וואס זאל איך ווייטער טאן דא איינער אליין אין פעלד? ווארטן דא ביז עמעצער וועט אנקומען אדער פארבייפארן, האב איך מורא געהאט: אפשר וועל איך מוזן ווארטן ביז נאכט, ווען עס וועט ווערן פינסטער, און ווער ווייסט, ווער עס וועט אנקומען אדער אנפארן? אפשר גזלנים?

ביינאכט קענען אויך אנקומען וועלף, ווייל איך האב געהערט, אז ווינטער אין די שנייען לויפן ארום וועלף אויף די פעלדער.

נאך לאנג איבערטראכטן איז ביי מיר געבליבן, איך זאל ווייטער נישט זיצן אויפן ארט, און כל־זמן עס איז טאג, זאל איך גיין מיט דעם אויסגעריבענעם וועג, אויף וועלכן דער שליטן מיט ר׳ ישראלן זענען אוועקגעפארן. וואס טוט מען אבער מיט דער גרויסער בורקע און מיט די שאלן?

נישט איך קען זיי אנטאן און נישט איך קען זיי טראגן אויף די פלייצעס, ווי א פעקל, ווייל זיי זענען צו שווער פאר מיר. נאר ווען מען איז אין א נויט, קומט דער שכל: איך האב די שאלן איינגעוויקלט אין דער גרויסער בורקע, מיט די פאלעס פארבונדן זיי ווי א פעקל און ביי די ארבל פון דער בורקע האב איך דאס פעקל אויף דעם אויסגעריבענעם גלאטן שליט־וועגס געשלעפט, ווי א שליטעלע, און האב זיך געלאזט אין וועג אריין...

איך האב זיך מיט מיין „שליטעלע" געשלעפט ביז בארג־ארויף, וווּ איך האב פארלוירן די פאטשט מיט ר׳ ישראלן. דערנאך האב איך זיך געלאזט בארג־אראפ.

מיין שליטעלע האב איך נישט באדארפט שלעפן. עס האט זיך אליין געגליטשט פאר מיר, און איך, האלטנדיק שטארק די ארבל פון דער בורקע, האב געמוזט נאכלויפן ביז אונטערן בארג. דא האט זיך מיין שליטעלע אליין אפגעשטעלט. איך האב זיך דערויף אנידערגע־זעצט און אפגערוט.

עס איז מיר נאך ווארעמער געווארן, ווי פריער. דער שווייס האט פון מיר געקאפעט. איך האב אראפגעווארפן די וואלענע שארפן

פֿון האַלדז און זי אויך פֿאַרײַנגעפּאַקט אין שליטעלע. עס איז מיר געוואָרן אַ ביסל קילער און גוט.

פֿאַר מײַנע אויגן איז איצט געווען אַ גלײַכער וועג אויסגעבעטן מיט שניי, ווי צין איבערבעט, און איך האָב זיך מיט מײַן שליטעלע ווײַטער געלאָזט איבער דעם אויסגעריבענעם גלאַנצעדיקן וועג.

אַזוי בין איך געגאַנגען אפשר אַ האַלבע שעה און פּלוצים בין איך געבליבן שטיין אַ דערשראָקענער: ווי פֿון אונטער דער ערד איז אויסגעוואַקסן נישט ווײַט פֿון מיר אַ גרויסער קודלעוואַטער שוואַרצער הונט, וועלכער האָט זיך געלאָזט צו מיר מיט קולי־קולות און מיט אַן אָפֿענעם פּיסק.

איך בין אַ דערציטערטער געוואָרן, עס האָט אין מיר געקלאַפּט אַ צאָן אין אַ צאָן און איך האָב נישט געוווסט, וואָס צו טאָן. נישטאָ מיט וואָס זיך צו ראַטעווען, נישטאָ קיין שטעקן, נישטאָ גאָרנישט!

אין אָנהייב איז מיר אײַנגעפֿאַלן, איך זאָל אים שלאָגן מיט מײַן שווערער בורקע. זי איז אָבער געווען אַזוי שווער, אַז איך האָב זי גאָר געקענט שלעפּן, אָבער נישט אויפֿהייבן און זי וואַרפֿן אויפֿן הונט.

באַלד אָבער איז מיר אײַנגעפֿאַלן אַ גליקלעכער געדאַנק. איך האָב זיך דערמאָנט, אַז אין די קעשענעס פֿון מײַן סוליטאַ האָט מײַן שוועסטער אַרײַנגעלייגט בייגעלעך און לעקעך, און איך האָב אַזוי געטאָן: איידער דער הונט איז צוגעשפּרונגען צו מיר, האָב איך אים אַ וואָרף געטאָן אַ בייגעלע און דערנאָך אַ שטיקל לעקעך.

באַלד האָט דער הונט אויפֿגעהערט צו בילן, אָנגעהייבן דרייען מיטן עק פֿון גרויס פֿרײַנטשאַפֿט און געוואָרן מיט מיר אַ נאָענטער גוטער ברודער, זיך געלאָזט גלעטן איבערן רוקן און אַפֿילו איבער דער מאָרדע.

ווען איך האָב זיך באַרויִקט, האָב איך אָנגעהייבן צו גיין ווײַטער מײַן וועג, און דער הונט נאָך מיר. אַלעמאָל האָב איך אים צוגעוואָרפֿן שטיקלעך בייגל און לעקעך.

אַ דאַנק דעם הונט, האָב איך דערפֿילט, אַז איך בין שטאַרק הונגעריק און האָב אויך געגעסן בייגעלעך מיט לעקעך.

ווען מיר זענען אַזוי אָפּגעגאַנגען אַ צוויי הונדערט שפּאַן, האָב איך פּלוצים דערזען לעבן מיר נאָך דרײַ הינט, וועלכע האָבן צו מײַן גרויס פֿאַרוווּנדערונג, נישט געבילט אויף מיר און נישט געקוקט צו

מיר, ווי דער שטייגער, איך זאָל זיי געבן עסן. זיי האָבן זיך נאָר פרייליך געשפּילט מיט מיין הונט. ווייזט אויס, אַז מיין הונט איז געווען אַ נקבה, וועלכע די הינט בילן נישט.

צוזאַמען מיט די פיר הינט איז מיר געוואָרן פריילעכער צו גיין, און איך האָב געשמאַק געשלעפּט מיין שליטעלע, וואָס איז באַשטאַנען פון דער בורקע מיט די וואַלענע שאַלן.

מיט דעם, וואָס איך בין שוין נישט אַליין, בין איך געוואָרן ביי זיך מוטיקער און שטאַרקער און דער גאַנצער שרעק, וואָס מיר שטייט נאָך פאַר אין מיין ווייטערדיקן וועג איז מיטאַמאָל פון מיר אַוועק. איך האָב אין זיך דערפילט נייע פרישע כוחות. אַפילו פון הונגער האָב איך שוין מער נישט געטראַכט.

דער שיינער ווינטערדיקער טאָג, מיט די ווייסע זילבערנע פעלדער האָבן אַרויסגעשלאָגן פון מיר אַלע דאגות.

מיר איז איצטער געווען גוט און פריילעך און איך האָב זיך איבערגערעדט מיט די הינט, וועלכע זענען געלאָפן און געשפּרונגען אַרום מיר.

נאָר פּלוצים אַ נייער אומגליק: איך בין צוגעקומען צו אַן אָרט, וווּ פון ביידע זייטן האָבן זיך געצווייגן צוויי נייע וועגן און צוזאַמען מיט מיין וועג איז געווען דריי. מיט וועלכן זאָל איך גיין? וועלכער גייט קיין וו., ווו ר' ישראל איז אַוועק מיט דער „פּאָטשטע”?

עס איז מיר אָבער באַלד איינגעפאַלן: מיין וועג איז אַ ברייטער און די נייע צוויי זענען שמאָלער; די פּאָטשט גייט געוויס אויף דעם ברייטערן וועג. מיט וועלכן איך בין געגאַנגען ביז איצטער, — און איך האָב זיך ווייטער געלאָזט גיין אויף דעמזעלבן ברייטן וועג.

ווי איך בין נאָר אָפּגעגאַנגען אַ הונדערט שפּאַן, דערזע איך פונדערווייטנס, ווי אויף איינעם פון די צוויי שמאָלע וועגן גייט אַ גאַנצע קאַראַוואַן מיט פּויערשע שליטלעך. איך שטעל זיך אָפּ און וויל זען, מיט וועלכן וועג זיי וועלן ווייטער פאָרן? זיי פאַרקירעווען זיך אָבער גלייך אויף מיין וועג...

איצט זע איך שוין קלאָר: אַ פופצן פּויערשע שליטלעך, אויף וועלכע עס ליגן זעק מיט קאָרן. אייניקע פּויערים זיצן אויף די זעק און אייניקע לויפן ביי די פערדלעך און דערוואַרעמען זיך.

דערזעענדיק מיך מיט די הינט און מיטן פּעקל, וואָס איך שלעפּ ביי די צוויי אָרעמלעך איבערן שניי, האָבן זיך אַלע פורלעך

אפגעשטעלט און מיט א געלעכטער מיך געפרעגט, וואס איך טו דא?

איך האב זיי דערציילט די גאנצע מעשה, וואס מיט מיר איז געשען און אז איך פאר קיין ז.

די פויערים האבן זיך נאכמער צעלאכט און מיר געזאגט, אז זיי פירן דאס ברויט צום ז.״ער וואקזאל.

איך האב זיך דערפרייט און געבעטן די פויערים, זיי זאלן מיך מיטנעמען קיין ז.

זיי האבן זיך איבערגעקוקט און געזאגט:

— דו וועסט פארפרוירן ווערן, ביז דו וועסט קומען מיט אונדז קיין ז. מיר פארן נישט מיט די „פאטשט״. און ווו וועלן מיר דיך אנידערזעצן? צווואס זאלן מיר נעמען אויף זיך אן אומגליק?

איך האב זיי דערקלערט, אז אין מיין פעקל האב איך א גוטע בורקע מיט וואלענע שאלן, איך וועל זיך אין זיי גוט איינ-וויקלען, עס וועט מיר זייןווארעם, און אויב זיי ווילן מיך נישט נעמען קיין ז. זאלן זיי מיך אראפלאזן אין דעם ערשטן שטעטל קיטייהאראד, ווו איך האב א קרוב.

— נו, גוט, וואס וועסטו אונדז געבן דערפאר?

— איך פארמאג א גאנצן רובל, א נייעם, א קנאקעדיקן. איינ-גאנצן קען איך עס נישט אוועקגעבן, ווייל איך בין זייער הונגעריק. אין דער ערשטער קרעטשמע וועל איך זיך עפעס קויפן אויף צו עסן.

איין פויער האט זיך א קראץ געגעבן און געזאגט:

— וועסט אונדז געבן א „פיף קארבאווענץ״, וועלן מיר דיך מיטנעמען ביז דעם ערשטן שטעטל.

— גוט, — האב איך געזאגט.

און טאקע באלד האב איך זיי געגעבן מיין קנאקעדיק נייעם רובל און זיי האבן מיר ארויסגעצאלט רעשט א האלבן רובל.

א פויער האט מיך ארומגעוויקלט מיט די שאלן און מיט דער בורקע און מיך ארויפגעלייגט אויף די זעק קארן.

מיר זענען אזוי געפארן ביז דער ערשטער קרעטשמע, דא האבן זיך אלע פורן אפגעשטעלט. די פערד האט מען אונטערגעשיט עסן די פויערים האבן זיך אויסגעזעצט אין קרעטשמע ביי א לאנגן טיש׳ געטרונקען בראנפן און פארביסן.

איך בין געווען זייער הונגעריק, האָב איך געקויפט פאַר אַ פּאָר גראָשן אַ שטיקל הערינג מיט ברויט און האָב געגעסן מיט גרויס אַפּעטיט.

די קרעטשמע האָט געהאַלטן אַ ייד, עס האָבן זיך געפונען אַ סך גוטע יידישע מאכלים, נאָר איך האָב נישט געוואָלט אויסגעבן אַ סך געלט, ווייל איך האָב מער נישט פאַרמאָגט, ווי אַ האַלבן רובל. ווער ווייסט, וויפל עס וועט געדויערן ביז מיר וועלן קומען אין דעם ערשטן שטעטל קיטייהאָראָד, וווּ איך האָב אַ קרוב.

אין אַ שעה אַרום זענען מיר ווייטער געפאָרן, און ווען עס האָט אָנגעהייבן נאַכט צו ווערן, זענען מיר פאַרבייגעפאָרן די פּאָטשט-סטאַנציע, דאָרט זענען געשטאַנען אַ סך מענטשן.

פלוצלונג האָט אונדז אָפּגעשטעלט אַ „סאָטסקע"*) מיט אַ לאַנגן שטעקן אין דער האַנט און מיט אַ מעשן בלעכל אויף דער ברוסט. ער האָט געפרעגט די פּויערים, צי זיי האָבן נישט באַגעגנט אויפן וועג אַ יידיש יינגעלע?

די פּויערים האָבן אָנגעוויזן אויף דער פור מיט די זעק קאָרן, וווּ איך בין געלעגן איינגעוויקלט.

מען האָט מיך אַראָפּגענומען פון די זעק, ווייל איך בין געווען אַזוי אָנגעפּעלצט, אַז אַליין האָב איך נישט געקענט אַראָפּקריכן.

איך האָב דערזען פאַר מיר דעם סאָטסקע, ר' ישראל פּעפּער-מאַן און נאָך מענטשן.

איך האָב זיך זייער דערשראָקן פאַר ר' ישראלן, ווייל איך האָב געמיינט, אַז ער וועט אויף מיר שרייען, פאַרוואָס איך האָב זיך אַראָפּגעקאָטשעט פון שליטן, צום סוף האָט ער זיך אַזוי שטאַרק דערפרייט מיט מיר, אַז ער האָט מיך אויפגעהייבן אינדערלופטן און האָט מיך געקושט און נישט אויפגעהערט צו רעדן פון גרויס שמחה:

— געלויבט איז זיין ליבער נאָמען, וואָס איך זע דיך לעבע-דיק... איך האָב געמיינט, אַז דו ביזט שוין אַ פאַרפאַלענער! אַ קליי-ניקייט, אַ קינד אין אַזאַ קעלט אינמיטן פעלד איינער אַליין! מיר וואָלט מער נישט אָפּגעגאַנגען, ווען אַן אומגליק וואָלט, חס-ושלום, געשען מיט דיר! איך וואָלט עס נישט איבערגעלעבט! נו, געלויבט צו גאָט, קום שוין אַריין אין דער פּאָטשט, וועסט זיך אָנוואַרעמען, עפּעס עסן און מיר וועלן ווייטער פאָרן. און אפשר וועלן מיר בע-

*) דער ראַיאָנישער אויפזעער פון דער מאַכט.

סער איבערנעכטיקן נאָך אַזאַ שרעק? ביזט אַוודאי, נעבעך, מיד, נו, קום אַריין אין פּאָטשט, דאָרטן וועלן מיר שוין זען.

די פּויערים, וואָס האָבן מיך געבראַכט, האָט ער געשענקט אַ גאַנץ דרייערל „אויף בראָנפן". זיי האָבן אויסגעשטשערעט די ציין און געבינטלט מיט די אויגן פון גרויס פאַרווונדערונג, וואָס זיי איז ווי פון הימל אַראָפּגעפאַלן אַ גאַנץ דרייערל.

דער סאָטסקי מיט די פּויערים האָבן אויך עפּעס באַקומען אין דער יד אַריין, אַלע זענען זיך פרייליכער צעגאַנגען.

עס איז שוין נאַכט געוואָרן און מיר זענען אַריין אין אַ צימער אויף דער פּאָסט-סטאַנציע. מען האָט אָנגעצונדן אַ לאָמפּ, איינגעהייצט אין דער הרובע, כאָטש אין שטוב איז געווען וואַרעם. באַלד דערנאָך האָט מען אַריינגעטראָגן אַ זודיקן סאַמאָוואַר, געקאָכטע אייער, פּוטער, מילך, סמעטענע און קעז.

— נו, עס, עס, ביזט אַוודאי, נעבעך, הונגעריק — אַזאַ מעשה! אַזאַ מעשה נורא זאָל זיך טרעפן! שיעור ניסט אומגליקלעך געוואָרן, געלויבט צו גאָט, וואָס איך זע דיך אַ לעבעדיקן! געלויבט איז זיין ליבער נאָמען, וואָס דו ביזט אַריינגעפאַלן צו לייטישע גוים! אומזיסט גערופן דעם סאָטסקע, מען זאָל דיך זוכן — האָט ר' ישראל נישט אויפגעהערט צו רעדן די גאַנצע צייט, וואָס איך האָב געגעסן.

דאָך בין איך זייער הונגעריק, און אין מויל איז מיר געווען טרוקן און וויפל איך האָב נישט געטרונקען קיין טיי, בין איך אַלץ געווען דורשטיק.

ווען איך האָב אָפּגעגעסן און אָפּגעבענטשט, האָט ר' ישראל פאַררויכערט זיין ליולקע און מיך געפרעגט:

— זאָג מיר, וויאַזוי איז דאָס געשען, וואָס דו ביזט פּלוצלונג אַנטרונען געוואָרן פון שליטן?

איך האָב אים דערציילט פון אָנהייב ביז צום סוף, און וויאַזוי איך בין מיט די גוים געקומען צו דער פּאָסט-סטאַנציע.

ער האָט מיך שטאַרק געלויבט, אַז איך בין אַ קלוג ייִנגעלע, נאָר ער האָט אַלץ נישט פאַרשטאַנען, וויאַזוי עס איז געשען:

— אַזאַ מעשה — אַ מעשה נורא! האָסט דאָך געקענט שרייען, וואָלט איך אָפּגעשטעלט דעם שליטן און דיך צוריק אַרויפגענומען.

איך האָב געשריען מיט אַלע מיינע כוחות, — האָב איך געזאָגט.

— עס איז דאָך נישט מעגלעך, איך זאָל נישט הערן!

— אַזיווי איך בין אַ ייד, — האָב איך זיך געשוווירן, — אַז איך האָב געשריען, ווי ווייס איך האָב נאָר געקענט, נאָר איר האָט נישט געהערט, ווייל איר זענט געווען אַרומגעוויקלט מיט אייער גרויסן קאָלנער און דער גלאָק האָט געקלונגען, האָט איר נישט געהערט.

ער האָט געצויגן מיט די אַקסלען, געסמאַקטשעט מיט די ליפּן און נישט אויפגעהערט זיך צו וווּנדערן:

— אפשר? אפשר האָב איך טאַקע נישט געהערט?!

— איך בין אייך נאָכגעלאָפן, נאָר איך האָב אייך נישט געקענט נאָכיאָגן. איך האָב געזען, ווי די פּאַטשט לויפט באַרג-אַרויף, דערנאָך האָב איך אייך מער נישט געזען.

ר׳ ישראל האָט אָנגעהייבן אַרומצוגיין איבער דער שטוב הין און צוריק און נישט אויפגעהערט איבערצוחזרן:

— אַזאַ מעשה — אַ מעשה נורא! דאָס צענטע וואָל איך פאַרזאָגן, אַז איך זאָל מער אויף זיך אַזעלכע קאָמיסיעס נישט נעמען און פירן מיט זיך אַ פרעמד קינד — שיעור נישט אומגליקלעך געוואָרן!

דערנאָך האָט ער זיך אומגעקערט צו מיר און זיך אָנגערופן:

— דו ווייסט, וואָס עס איז ביי מיר געבליבן? מיר וועלן אונטערנעכטיקן און פאַרטאָג אַרויספאָרן, פון דעם היינטיקן טאָג בין איך אויך זייער מיד און פיל זיך נישט אַזוי גוט, און דו, שיינעק, ווילסט אַוודאי שלאָפן.

איך בין די נאַכט געשלאָפן, ווי אַ דערהרגעטער. פאַרטאָג האָט מען מיך אויפגעוועקט, ווידער אָנגעפעלצט און מיך אַנידערגעזעצט אין שליטן, נאָר איצטיקס מאָל האָט מיך ר׳ ישראל צוגעבונדן מיט אַ שטריק צו זיין האַנט, איך זאָל זיך מער נישט אַראָפּקאַטשן...

## קאַפּיטל אַכטאונצוואַנציק.

שוין באַלד אַ יאָר, אַז איך בין ביי מיין עלטערן ברודער אונטער זיין השגחה. אין דעם יאָר איז ער מיט זיין פֿאַמיליע איבערגעפֿאָרן פֿון קליינעם שטעטל וו-קע אין דער „גרויסער שטאָט" וויניצע, איינגעגנען עטלעכע וויאָרסט פֿון דעם קליינעם שטעטל וו-קע.

פֿאַר אַלעמען איז די פּאָדאָליער שטאָט וויניצע אפשר נישט קיין גרויסע שטאָט, נאָר אין מיינע אויגן איז וויניצע געווען די גרעסטע שטאָט אין דער וועלט. אַ קלייניקייט וואָס איך האָב דאָ געפֿונען: פֿינף מויערן פֿון צוויי שטאָק און פֿיר מויערן פֿון דריי שטאָק, און יעדער שטאָק האָט אַ באַלקאָן, אויף וועלכן מענטשן שטייען אינדערהייך און קוקן אַראָפּ אויף דער ערד, ווו מענטשן גייען און פֿאָרן.

חוצדעם, גייט דאָ פֿאַרביי אַ באַן, וואָס שטעלט זיך אָפּ אויף דער סטאַנציע „וויניצאַ". אויך געפֿונען זיך דאָ אַ סך אַפּיקורסים, דריי פֿון זיי גייען מיט געגאָלטע בערד, זייערע ווייבער גייען מיט אייגענע האָר.

אין וויניצע געפֿינט זיך אַ „קאַזיאָנע" יידישע שקאָלע מיט אַ שרעקלעכן אַפּיקורוס דוד ענגעלשטיין. ער טראָגט אַ קאַזיאָנע היטל מיט אַ קנעפּל, ווי אַ טשינאָווניק און לערנט מיט יידישע קינדער אין דער „שקאָלע" און מאַכט זיי פֿאַר גויים.

דערצו-לבער ענגעלשטיין, הגם ער איז ערגער פֿון אַ גוי, עסט טריפֿות און איז מחלל שבת בפֿרהסיה, פֿונדעסטוועגן שרייבט לשון קודש אין אַ בלאַט „הצפֿירה", וואָס איך האָב קיינמאָל נישט געזען, נאָר געהערט דעם נאָמען. ער שרייבט דאָרטן וועגן די שטערן אינ

הימל, וועגן פיש און וועגן פערל, וואָס מען געפינט אין די אָפּגרונטן פון די ימים.

פון די גרויסע מויערן ביז דער שקאָלע מיט דעמדאָזיקן שרעק־לעכן ענגעלשטיינען האָט זיך מיר פאַרדרייט דער קאָפּ. נאָר צו מיר האָט זיך עס כלל נישט אָנגעקערט. אונטער דער השגחה פון מיין ברודער האָב איך געלערנט ביי אַ גרויסן גמרא-מלמד פון די גרעסטע טאַלנער חסידים און אויך מיט די בחורים אין דער טאַלנער קלויז, וואָס האָט זיך געפונען נישט ווייט פון מיין רבינס חדר.

מיין ברודערס הויז, זיין קראָם, די קלויז און דער חדר האָט זיך געפונען אין סאָד. לעבן דעם טייך בוג, וואָס לויפט ביי דער שטאָט. דאָ שטייען קליינע הייזלעך, וווּ עס וווינען נאָר חסידים, פרומע יידן, און ווען איך מיט מיינע חברים האָבן געוואָלט זען די הויכע מויערן, די קאַזיאָנע שקאָלע און די אַפּיקורסים מיט די גע־גאָלטע מאָרדעס און געשווירענע בערד, האָבן מיר באַדאַרפט גיין אין אַן אַנדער טייל שטאָט, באַרג-אַרויף.

אונטער דער השגחה פון מיין ברודער און די מלמדים צוזאַ־מען מיט דער טאַלנער קלויז, בין איך נאָך פרומער געוואָרן, ווי איך בין געווען, און האָב פיינט געהאַט די אַפּיקורסים נאָכמער, ווי פריער.

די וויניצער מלמדים און אויך מיין רבי, זענען געווען דיזעלבע, וואָס אין אומאַן. לערנען האָבן זיי געקענט ווייניק, נאָר זיי זענען געווען פרומע יידן און גרויסע חסידים, און אויב איך האָב עפּעס זיך אויסגעלערנט און זיך גערעכנט פאַר אַ „גוט יינגל”, האָב איך עס געוויס נאָר נעהאַט צו פאַרדאַנקען מיין ליטווישן רבין.

ביים רבין אין חדר האָט מען נאָך, ווי עס איז, אַ ביסל גע־לערנט, אָבער אין קלויז האָט מען מער געבטלט און דערציילט מעשיות, ווי מען האָט געלערנט.

מען האָט דערציילט מעשיות פון צדיקים, פון קיסרים מיט פּרינצן און פּרינצעסינס, פון רוחות, שדים און אַלערליי „נישט-גוטע”.

אויך האָט מען זייער פיל דערציילט וועגן אַפּיקורסים מיט זייערע טריף-פּסולען. מען האָט דערציילט פון אַפּיקורסים בכלל און פון די וויניצער בפרט, און מיר אין קלויז האָבן געוווּסט, וויאַזוי זיי לעבן, און וויאַזוי זיי פירן זיך אויף ביי זיך אין די הייזער אויפן באַרג.

מיט גרויס רחמנות פלעג איך קוקן אויף דעם וויניצער רב ר׳ יאָסי, וואָס האָט געהאַט אַ זון, וועגן וועלכן מען פלעגט אין קלויז דערציילן די שרעקלעכסטע מעשיות.

דער רב ר׳ יאָסי איז געווען אַן אַלטער צעבראָכענער ייד. ער האָט זייער ווייניק גערעדט. זיין גאַנצע צייט פלעגט ער פאַרברענגען אין דאַווענען און אין לערנען.

מען פלעגט אויף אים זאָגן, אַז ער איז אַ צדיק, ער פאַסט אַלע מאָנטיק און דאָנאַרשטיק. צו זיין פרומקייט און חסידות איז קיין גלייכן נישט געווען.

זיין זון יואל, וועלכן דער טאַטע, דער רב, האָט געלערנט, ער זאָל גיין אין זיינע וועגן, האָט געהאַט אַ שאַרף קעפּל. ער האָט זייער גוט געלערנט, און איז געווען זייער פרום.

צו זיבעצן יאָר האָט ער שוין געהאַט סמיכות אויף רבנות און זיין טאַטע האָט אים געהאַלטן פאַר זיין ממלא-מקום.

נאָר פּלוצים האָט אין דעמדאָזיקן יצחק יואל זיך אַריינגע-כאַפּט אַ נישט-גוטער און ער איז געוואָרן אַ שרעקלעכער אַפּיקורוס, וואָס איז איבערגעגאַנגען אַלע אַפּיקורסים. ווען מען האָט אים חתונה געמאַכט מיט אַ טאָכטער פון די גרעסטע רבנים, האָט ער פּלוצים אַוועקגעוואָרפן דאָס ווייבל, אַנטלאָפן קיין אָדעס, ווו עס ברענט דער גיהנום, זיך דאָרטן אָפּגעשניטן די פּיאות, אונטערגעשוירן דאָס בערדל, אונטערגעהאַקט זיינע מלבושים און איז אַרום בפרהסיה מיט אַלע עבירות, און, חוצדעם, האָט ער נאָך אָנגעהייבן דרוקן אַ יידישע גאַזעט. ווו ער האָט אויסגעלאַכט אַלע גוטע יידן מיט זייערע חסידים און אַפילו זיין אייגענעם טאַטן אויך.

מיט ציטערניש פלעגט מען טאָג און נאַכט דערציילן אין קלויז וועגן דעמדאָזיקן שרעקלעכן צו-להכעיסדיקן אַפּיקורוס. אַפילו טרפות, האָט מען געזאָגט, האָט ער בפרהסיה געגעסן.

זיין טאַטע, ר׳ יאָסי דער רב, פלעגט קיינמאָל וועגן אים נישט רעדן, אַפילו זיין נאָמען נישט דערמאָנט.

ער פלעגט נאָר שווייגן.

איך פלעג אָפט באַגעגענען ר׳ יאָסן אין קלויז, און האָב קיינ-מאָל אין מיין לעבן נישט געזען אַזויפיל יסורים אויסגעגאָסן אויף אַ פּנים, ווי אויף דעם רב.

אין דערוועלבער קלויז האָט זיך געפונען אַ פרומער ייד, וואָס

האט געהאט ערגעץ אין פעטערבורג א געשמדטן זון, נאר קיינער האט עס נישט געהאלטן פאר אזא אומגליק, וואס האט, נעבעך, גע־טראפן דעם רב ר׳ יאסען. אלע יידן האבן אים מיטגעפילט אין זיין גרויסן אומגליק און יעדער האט אויף אים רחמנות געהאט.

איך מיט מיינע חברים פלעגן אפט שמועסן וועגן דעמדאזיקן תכשיטל, דעם רבס זונדעלע, און מיר פלעגן טראכטן, אז ווען מיר זאלן אים אמאל פאקן, וואלטן מיר אים צעריסן אויף שטיק־שטיקער.

— סטייטש, פלעגן מיר זאגן, וויאזוי ווערט מען עס אן אפיקורוס, ווען מען האט א טאטן, אזא טייערן יידן, ווי דער רב ר׳ יאסי?

איינמאל האט מען אין קלויז דערציילט א ווונדערלעכע מעשה, וואס האט מיך פארכאפט מיט מיין גאנצער קינדערישער נשמה:

אין שטאט זענען געקומען צופארן צוויי אדעסער אפיקורסים, וואס דרוקן זיך אין די בלעטער, שרייבן ביכלעך טריף־פסולען און די ווינניצער אפיקורסים פירן זיך ארום מיט זיי, ווי מיט אן אבן־טוב.

איינער פון מיינע חברים, ברוכל, זייער א פרום יינגל, האט מיט צעשראקענע אויגן מיר דערציילט, אז ער האט זיי אליין באגעגנט אין גאס צוזאמען מיט דוד ענגלשטיין, א גרויסער עולם איז זיי נאכגעלאפן, און איינער פון די צוויי שרעקלעכע אפיקורסים איז דאס דער טייערער תכשיטל יצחק יואל, דעם ווינניצער רבס זונדעלע.

איך האב זיך אנגעצונדן, ווי א הײליש פייער. עס האט מיך געברענט און געבראטן פון פארדראס.

— וואס הייסט? — האב איך, אן אויפגערעגטער, געפרעגט מיין חבר. — וויאזוי קומט עס אזא מומר־להכעיס אין זיין טאטנס שטאט? ווייניק יסורים און בזיונות האט ר׳ יאסי דער רב פון זיין זונדעלע, דארף ער נאך קומען אהער נאכמער זיין אלטן טאטן אנטאן בזיונות.

— וואָס איז דאָ צו רעדן פון אַזאַ אפּיקורוס, וואָס טוט נאָך זיך אויף צווזעצעניש!

— און דו האָסט זיי געזען?

— אוודאי האָב איך זיי געזען!

ווי זעען זיי אויס?

— עס איז געווען אַזאַ גרויסער עולם. אַז איך האָב זיך נישט נעקענט דערשטופּן, איך זאָל זיי קענען גוט אָנקוקן... זיי גייען אָנגעטאָן אין צוויי „קוימענס" און אין „טענדע־ווערענדעס" *)... ווייטער האָב איך גאָרנישט געקענט זען.

ס'טליגן, האָסט זיי נישט געזען! — האָב איך פּלוצלונג אויסגעשאָסן אַן אַ פּאַרוואָס.

— אַזוי־ווי איך בין אַ ייד, אַז איך האָב זיי געזען, — האָט זיך מיין חבר געשוואָרן.

— שפּעטער האָב איך זיך איבערצייגט, אַז מיין חבר האָט זיי טאַקע יאָ געזען, ווייל אַלע אין קלויז האָבן גערעדט וועגן דעם אומגעוויינלעכן געשעעניש. אַלע האָבן די אדעסער אפּיקורסים גערופן מיט דעם נאָמען „טענדע־ווערענדעס".

איך האָב באַקומען אַ געוואַלדיקן חשק זיי אויך צו זען, נאָר ווי־אַזוי, האָב איך נישט געוווּסט.

אין קלויז, אין חדר האָט מען וועגן זיי נישט אויפגעהערט צו רעדן. איינער האָט, צו מיין גרויס פאַרוווּנדערונג, דערציילט, אַז יצחק יואל קוואַרטירט טאַקע ביי זיין טאַטן, ר' יאָסע דעם רב און איך האָב נישט פאַרשטאַנען, וויאַזוי האָט אַזאַ פרומער ייד אַריינגעלאָזט צו זיך אין שטוב אַזאַ זון, און מיך האָבן אינטערעסירט אַזעלכע פראַגן: צי ר' יואל דאַוונט און וואַשט זיך צום עסן, ווען ער דאַרף זיך זעצן ביי זיין טאַטנס טיש?

מיין חבר ברוכל, וויסנדיק, אַז איך וויל זיי זייער זען, איז איינמאָל נעקומען צו לויפן צו מיר אַ פאַרסאַפּעטער און אויסגעשאָסן:

— זיי גייען! קום, לאָמיר לויפן!

איך בין מיט אים געלאָפן, נאָר ביז מיר זענען צוגעקומען צו

*) „קוימענס" האָבן די חסידים אָנגערופן האַרטע גלאַנציקע שוואַרצע קאַפּעליושן — „צילינדערס", און טענדע־ווערענדע האָט געהייסן אַ ברייטער לאַנגער איבערשטער מאַנטל מיט אַ פּעלערינע, וואָס איז געהאַנגען איבער די אַקסלען. דאָס איז דאַן געווען זייער אין דער מאָדע פון דעם אינטעליגענטן קלאַס מענטשן.

יענער גאַס, ווו ער האָט געזען די צוויי אפּיקורסים, איז שוין קיינער נישט געווען.

איצט האָט מיין חבר זיי שוין בעסער אָנגעקוקט, ווי דאָס ערשטע מאָל. ער האָט אַפילו שוין געוווּסט זייערע נעמען און צוליב וואָס זיי זענען געקומען קיין ווינניצע. איינער האָט געהייסן אברהם גאָלדפאַדען און דער צווייטער, ר׳ יאָסי דעם ווינניצער רבס זון, יצחק יואל לינעצקי. זיי זענען אַרומגעפאָרן איבער די יידישע שטעט, יידן זאָלן זיך פאַרשרייבן אויף אַ יידישע בלאַט מיט דעם נאָמען „ישראליק", וואָס זיי האָבן געוואָלט אַרויסגעבן אין בראַד אָדער אין יאַסי, ווייל אין רוסלאַנד האָט מען נישט דערלויבט צו דרוקן יידישע צייטונגען.

יידן האָבן נישט אויסגעשריבן דאָסדאָזיקע בלאַט. מען האָט עס געהאַלטן פאַר אַ חילול-השם, אַז אין אַ יידישער שטוב זאָל זיך געפונען אַזאַ טריפה זאַך, נאָר די געציילטע משכּילים אָדער אַפּיקורסים, וואָס האָבן זיך געפונען אין יעדער שטאָט, האָבן זיי אָפּגעגעבן גרויס כּבוד און זיך פאַרשריבן אויף דעם נייעם בלאַט.

דער ערשטער נומער פון דער צייטונג איז שוין געווען אָפּגעדרוקט און זיי האָבן געגעבן יעדן איינעם, וועלכער האָט אויסגעשריבן דעם בלאַט.

מיין חבר האָט איצט וועגן די צוויי „טענדע-ווערענדעס" אַלץ געוווּסט, ווייל אויף דער גאַס, ווו זיין רייכער טאַטע, זייער אַ פרומער ייד, האָט געהאַט אַ גרויס הויז, האָט אויך געוווינט דער אַלטער אַפּיקורוס ר׳ לייב וואָוצעס, צו וועלכן די צוויי „טענדע-ווערענדעס" פלעגן אָפט קומען.

מיין חבר ברוכל האָט פון אַלץ געוווּסט, נאָר איך האָב זיי אַפילו קיין איינציק מאָל נישט געזען. ווען עס איז אָבער באַשערט, קומט דאָס אָקעגן.

איינמאָל, גייענדיק פון חדר צוזאַמען מיט מיין חבר ברוכל, סוט ער פלוצים אַ געשריי מיט דער גרעסטער שמחה:

— אָט גייען זיי!

איך טו אַ קוק: העט ווייט גייט אַ גרויסער עולם. ווען איך בין צוגעקומען נענטער, האָב איך מער נישט געזען נאָר איינעם, אין אַ הויכן שוואַרצן צילינדער, אַנגעטאָן איז אַ שוואַרצער פּאַלערינע.

ער איז געווען א הויכער, א געזונטער, א שיינער, מיט א געגאָלטער באָרד און א שמייכלדיקן פּנים.

דאָס איז געווען אברהם גאָלדפאַדען.

צווישן דעם נאָכלויפנדיקן עולם, וואָס איז באַשטאַנען דאָס רוב פון מיידלעך, ווייבלעך, יינגלעך און גלאַט פּוסטע-פּאַסניקעס, האָט מען געזאָגט, אַז דעם רבס תכשיטל גייט אויך מיט אים. נאָר איך האָב אים נישט געזען. ערשט דעמאָלט, ווען איך מיט מיין חבר האָבן זיך דורכגעשטופּט נענטער צו גאָלדפאַדענען, האָב איך דערזען, ווי גלייך מיט אים איז אויך געגאַנגען אייגער א קליינינקער, א שוואַרצינקער מיט א קליין געשוירן בערדל, א שפּיציקע פאַרשאַרפּטע נאָז און מיט אויגן נאָר יענעם דורס צו זיין. א בייז פאַרביסערט פּנים פול מיט שפּאָט און געלעכטער אויף אַלץ, וואָס ער האָט געזען אַרום זיך.

ער האָט אויך געטראָגן א הויכן שוואַרצן צילינדערהוט מיט אַזאַ פאַלערינע, ווי גאָלדפאַדען, נאָר צוזאַמען מיט זיין צילינדערהוט איז ער אויסגעקומען עפּעס העכער פון גאָלדפאַדענס גאַרטל.

ביידע „טענדע-ווערענדעס״ האָבן געטראָגן אונטער די אָרעמס צווײ גרויסע, שוואַרצע, לעדערנע פאָרטפעלן.

* * *

ווייסע חברהניקעס זענען געלאָפן פאָרויס און זיי געקוקט גלייך אין פּנים אַריין. גאָלדפאַדען האָט געשמייכלט, און לינעצקי האָט געקוקט אַרום אים מיט זיינע בייזע בליקן.

אַזוי זענען זיי געגאַנגען עטלעכע גאַסן און נאָך זיי א גרויסער עולם, וואָס איז אַלעמאָל געוואָרן גרעסער און גרעסער.

די ביידע „טענדע-ווערענדעס״ האָבן זיך אָפּגעשטעלט לעבן ר׳ לייב וואָרוצעס הויז, און אויפהייבנדיק זיך אויפן גאַנעק, זענען זיי אַהין אַריינגעגאַנגען.

דער עולם האָט געמאַכט א גרויסן „הוראַ!״ געפייפט און גע-פּילדערט.

צום סוף איז אויפן גאַנעק אַרויסגעקומען לייב וואָווצעס הויז-משרת און האָט אָנגעשריען אויף דער ווייסער חברה, אַז מען זאָל זיך צעגיין, נאָר קיינער האָט זיך נישט גערירט פון אָרט. מען האָט געפּלאַכט, געפּילדערט און געשריען.

זעענדיק, אַז מען קען דעם אַנגעלאָפענעם עולם נישט צעטרייבן, איז דערנאָך ווידער געקומען דער משרת צוזאַמען מיט לייב וואָווצעס דינסטמויד. זיי האָבן געטראָגן אַ צובער מיט וואַסער און אויסגעגאָסן עס אויף דעם עולם.

איך מיט מיין חבר ברוכל, האָבן באַקומען אַ גוטן חלק און האָבן געהאַלטן אין איין ווישן אונזערע קאַפּאָטקעלעך.

אַט אַזוי איז פאַרגעקומען מיין ערשטע באַקאַנטשאַפט מיט יידישע ליטעראַטן.

ר' לייב וואָווצעס איז געווען פון די אָנגעזעענסטע וויניצער פאַרמעגלעכע באַלעבאַטים, געהאַט אַן אייגן הויז מיט אַ גרויסן ברייטן גאַנעק אין גאַס.

ער איז געווען אַ מתנגד, געלייענט אַפּיקורסישע ביכלעך און אויך די בלעטער „המגיד" מיט דער „הצפירה". פונדעסטוועגן פלעגט ער אַלע שבת גיין אין דער טאַלנער קלויז דאַוונען און אָפט פאַרבלייבן אַ קורצע צייט נאָכן דאַוונען אָדער בעת „אויסנעמעס" פירן וכּוחים און פּלפּולים מיט די חסידים.

ביי זיך צו הויז פלעגט ער קיינמאָל נישט גיין אָן אַ היטל, נאָר געטראָגן אַ קיילעכדיקע „יאַרמולקע" נישט קיין „שפּיציקע", ווי חסידים טראָגן.

מען האָט אים פונדעסטוועגן אויך געהאַלטן פאַר אַן אַפּיקורוס, נאָר פונדעסטוועגן האָבן אים אַלע געשעצט און כּבוד אָפּגעגעבן, ווייל ער האָט געקענט גוט לערנען און האָט קיינעם נישט גערייצט מיט זיין אַפּיקורסות, ווי עס פלעגן טון פיל אַנדערע.

נאָכדעם, ווי מען האָט אויסגעגאָסן דעם צובער וואַסער, איז זיך דער עולם צעגאַנגען, און איך האָב זיך נאָכגעפרעגט, וויאַזוי קען עס דער רב האַלטן ביי זיך אַזאַ זון?

מען האָט אַפילו דערציילט, אַז דער אַלטער רב האָט מיט בייטערע טרערן געוויינט פאַר זיין זון, ער זאָל צוריק ווערן אַ פרומער ייד, זיך פאַרלאָזן די פּיאות, אָנטאָן אַ לאַנגע קאַפּאָטע, אַוועקוואַרפן אַדעס און בלייבן אויף שטענדיק אַ וויניצער.

נאר יצחק יואל האט מיט זיין טאטן געהאט א גרויסן וכּוח און אים געוואלט דערווייזן, אז אלע יידן גייען ארום אינדערפינ־סטער, זיי דארפן זיך בילדן, שיקן זייערע קינדער אין די שקאלעס און נאך אזעלכע שרעקלעכע זאכן.

מיין חבר ברוך האט מיך געפרעגט אזא שאלה:

— ווי מיינסטו, ווען יצחק יואל גייט צו זיין טאטנס טיש, וואָשט ער זיך צום עסן און בענטשט נאכן עסן?

איך האב אים נישט געוווּסט וואס צו ענטפערן, נאר די פראַ־גע האט אונדז אזוי אינטערעסירט, אז מיר האבן נישט געקענט רוען.

איינמאל, אין בית־המדרש, גייט צו צו מיר ברוכל, א בלאסער, א דערשראקענער און זאגט מיר שטיל א סוד:

איך האב דיר עפעס צו ווייזן...

און דערביי רופט ער מיך אין א ווינקל, אז קיינער זאל נישט זען, וואס ער וועט מיר ווייזן.

איך בין אים נאכגעגאנגען און זיך ארומגעקוקט צי קיינער שטייט נישט נאענט לעבן אונדז. ער האט פון קעשענע ארויסגעשלעפט א גרויסן בויגן פאפיר מיט געדרוקטע יידישע אותיות „ישראליק“.

— דאס איז זייער בלאט, — האט ער שטיל געזאגט.

איך האב געוווּסט וועגן וואס פאר א בלאט ער רעדט און האב מיט שרעק אים געזאגט:

— וואס טוסטו? האסט גאר קיין מורא נישט?

— שא, שטילער, מיר וועלן נאר איבערלייענען און דערנאך עס פארברענען...

— איך האב אבער מורא יא אין קלויז צו לייענען, טאמער וועט עמעצער דערזען...

— ווייסטו וואס? לאמיר ארויסגיין פון קלויז.

מיר זענען ארויסגעגאנגען אינדרויסן און זיך אומגעקוקט, ווי צוויי גנבים, וואס טראגן מיט זיך א גנבה.

מיר האבן זיך אומגעקוקט אויף אלע פיר זייטן און האבן מורא געהאט ארויסצונעמען דאס שרעקלעכע בלאט פון קעשענע, מיר זענען געגאנגען ווייטער, ביז מיר זענען געקומען צום בוג.

אויפן וועג האט מיר ברוך דערציילט, אז ער האט שוין גע־לייענט א שטיקל בלאט און עס האט אים אזוי געמאכט לאכנדיק,

אז עס האָבן זיך אים געשטעלט טרערן אין די אויגן. ער האָט זיך נישט געקענט איינהאַלטן פון געלעכטער.

ביים ברעג האָבן מיר זיך צנידערגעזעצט אויף אַ שטיין און האָבן אָנגעהייבן צו לייענען.

פאַר מיר איז געווען זייער משיקאָווע, וואָס אויף יידיש זענען געדרוקט אָזעלכע זאַכן.

דאָרט זענען געווען אַ סך ווערטלעך צום לאַכן און אויך קורצע שורהלעך, וואָס האָבן זיך געגראַמט, ווי ביי אַ בדחן, ווען ער „זאָגט" אויף אַ חתונה.

נאָר באַלד האָב איך איבערגעלייענט, ווי מען לאַכט און מען מאַכט חוזק פון חסידים מיט זייער רבין, אין בין אַ דערציטערטער געוואָרן און פול מיט כעס האָב איך זיך אָנגערופן צו מיין חבר:

— איך וויל מער נישט לייענען! קאָמיר דאָס בלאַט צערייסן אויף שטיק-שטיקלעך!.. אַזעלכע משומדים זאָלן אַזוי חוזק מאַכן פון יידן און אַפילו פון הייליקן רבין...

מיין חבר האָט מיך געפרווט איינרעדן, מיר זאָלן פריער אי-בערלייענען דאָס גאַנצע בלאַט און ערשט דערנאָך צערייסן, נאָר איך האָב אים געענטפערט:

— איך וויל נישט, איך האָב מורא, עס איז אַ גרויסע עבירה צו לייענען...

פון דעם פחד, וואָס איך האָב אָנגעמאַכט, האָט זיך בּרוכל אויך דערשראָקן. מיר האָבן אָנגעהייבן צערייסן דאָס בלאַט אין קליינע שטיקלעך און געלאָזט זיי אויפן וואַסער, ווו זיי האָבן געשווומען.

נאָר ווי פון אונטער דער ערד איז אונטער אונדזערע פלייצעס אויסגעוואַקסן אונדזער רבינס יינגל ליפּע, האָט אויסגעריסן פון אונדזערע הענט אַ שטיק בלאַט און געוואָלט דערמיט אַנטלויפן. מיר זענען אים נאָכגעלאָפן, געכאַפּט, אַנידערגעלייגט אויף דער ערד און קוים מיט צרות אַרויסגעריסן פון זיינע הענט.

דערנאָך איז ער אַנטלאָפן. אָבער ווייזט אויס, אַז אַ שטיק בלאַט מיט די גרויסע ווערטער „ישראליק" איז ביי אים פאָרט גע-בליבן אין די הענט.

אונדזער רבינס בחורל ליפּע האָבן מיר פון תמיד אָן פיינט געהאַט און האָבן אים געהאַלטן פאַר אונדזער שונא. מיר האָבן דע-

ריבער איבערגעלעבט גרויס שרעק דערפון, וואָס ביי אים איז געבליבן א שטיק בלאַט.

דער שרעק איז נישט געווען אומזיסט. אונדזער רבי און מיין ברודער האָבן זיך אויף דעם צווייטן טאָג דערוווסט, אַז מיר האָבן געלייענט דאָס בלאַט פון די אפיקורסים.

דער רבי האָט אויף אונדז געשריגן און מיין ברודער האָט מיך געשטראָפט, אַז די מאַמע, די אלמנה, ברענגט זיך גאָר אויס אומזיסט אויף מיר, ווילנדיק מיך מאַכן פאַר אַ מענטשן, און ער האָט מיך געסטראַשעט, אַז ווען איך וועל גיין אין אַ שלעכטן וועג, וועט ער מיך צוריק אָפּשיקן אַהיים צו דער מאַמען און דאָרט קען איך צרומלויפן, ווי אַ „הפקר-יונג", וואָס האָט איבער זיך נישט קיין האָר".

איך האָב איבערגעלעבט עטלעכע זייער טרויעריקע טעג און בין געווען שטאַרק אין כעס אויף מיין חבר, וואָס ער האָט מיך אַריינגעבראַכט אין אַזאַ אומגליק.

ברוכל האָט זיך געשוווירן „ווי ער איז אַ ייד", אַז ער וועט שוין מער אַזעלכע זאַכן נישט טאָן און מיר זענען ווידער חבר געוואָרן אַזויווי פריער.

נישט געקוקט דערויף, וואָס איך האָב איבערגעלעבט גרויס שרעק, האָט זיך מיר אָבער ווידעראַמאָל געוואָלט לייענען דאָס בלאַט „ישראליק".

די צוויי „טענדע-ווערצנדעס" זענען אוועקגעפאָרן און מער קיין בלאַט האָב איך נישט געזען.

אין האָב זיך אָבער דערוווסט, אַז עס זענען דאָ נאָך צוויי בלעטער אויף דער וועלט: „המגיד" און „הצפירה", און אַז ר' לייב וואָווצעס האָט זיי. זיי געפינען זיך אויך ביים לערער פון דער שקאָלע, דוד ענגעלשטיין, נאָר וויאַזוי קומט מען צו זיי? וויאַזוי זעט מען זיי?

איינמאל, בין איך אין א פרייען פרייטיקדיקן טאג געזעסן ביי מיין ברודער אין שניטקראם, קומט פלוצלונג אריין דער לערער ענגעלשטיין מיט זיין ווייב און קויפן איין סחורה.

פלוצים, אין דער צייט ווען זיין ווייב האט אויסגעקליבן סחורה און גערעדט מיט מיין שוועגערין, וואס האט די סחורה פארקויפט, האט דער לערער מיר א קניפ געטאן אין בעקל און געפרעגט, וואס און ווו איך לערן?

איך האב אים געענטפערט.

באלד דערויף האט ער מיך געפרעגט, צי קען איך די סדרה און די גמרא פון דער וואך. מיינע תשובות זענען אים געפעלן, האט ער געזאגט מיין ברודער, אז איך בין א ווויל יינגל.

מיין ברודער האט אבער דערויף געענטפערט, אז איך בין א גרויסער שייגעץ, איך קער איבער די וועלט און וויל אים, דעם עלטערן ברודער נישט פאלגן.

ווען איך בין פריי פון חדר, לויף איך ארום איבער די גאסן. איך האב זיך נאר ליב צו שפילן מיט „שקצים" און כל־רע האט מיין ברודער אויף מיר אנגערעדט, קיין איינציק גוט ווארט נישט געזאגט און די שוועגערין האט אויך צוגעבאמקעט דעם ברודער און נאכמער שלעכטס אנגערעדט אויף מיר.

— איך זאג שוין לאנג, — האט די שוועגערין געזאגט, — אז מען דארף אים אפשיקן צוריק צו דער מאמען. וואס וועט ער דא אויסזיצן ביי אונדז, קיין למדן וועט ער שוין נישט זיין און קיין רב אוודאי נישט.

דער לערער ענגעלשטיין האט זיך אנגערופן צו מיין ברודער:

— דאס, וואס אייער ברודערל האט ליב אין דער פרייער צייט זיך שפילן מיט קינדער, איז זייער א גוטע און נוצלעכע זאך. עס איז זייער נייטיק, אז קינדער זאלן זיך שפילן, אזוי נייטיק, ווי לערנען, און ווי איך האב אים אויסגעפרעגט, ווייזט אויס, אז ער לערנט גאנץ גוט. ער וועט אפשר נישט זיין קיין רב, אבער לערנען וועט ער שוין קענען.

און דערביי האט אין ענגעלשטיינען אנגעהייבן צו רעדן דער משכיל, דער אפיקורוס, וואס האט געהאלטן פאר זיין חוב אומעטום צו פארשפרייטן בילדונג, און ער האט געזאגט צו מיין ברודער:

— אייער ברודער וואָלט איר באַדאַרפט אויך שיקן צו אַ לערער, ער זאָל זיך אויסלערנען שרייבן און לייענען רוסיש און אַריפמעטיקע...

— עט. — האָט מיין ברודער אָוועקגעמאַכט מיט דער האַנט, — ער קען שוין אַ ביסל שרייבן יידיש און רוסיש — גענוג פונזיינעט-וועגן!

— אַי, ר׳ איטשע! — האָט ער אַ זאָג געטאָן צו מיין ברודער. — איר גייט נאָך אַלץ מיט אייערע אַלטע געננג אינדערפינסטער און ווילט נישט וויסן, אַז אין די היינטיקע צייטן דאַרף מען קינדער בילדן, אַז זיי זאָלן זיין גלייכע מענטשן מיט אַלע. שוין צייט, אַז יידן זאָלן אויפהערן צו לעבן אינדערפינסטער און זאָלן אויך בעניסן פון דער ציוויליזאַציע...

מיין ברודער האָט אַ קוק געטאָן אויף אים מיט אַ מין בטול, ווי איינער זאָגט: „עס איז נישטאָ מיט וועמען צו רעדן. וואָס דען זאָל זאָגן אַזאַ אַפּיקורוס, ווי ענגעלשטיין, דער לערער פון דער שקאָלע?“

אויף מיר אָבער האָט דערדאָזיקער לערער פון דער שקאָלע געמאַכט אַ געוואַלדיקן איינדרוק. ערשטנס, אַזאַ געגאָלטער, וואָס עס איז קוים צו דערקענען, אַז ער איז אַ ייד, קען לשון-קודש און גמרא. און, צווייטנס, האָב איך דאָס ערשטע מאָל אין מיין לעבן געהערט, ווי אַן עלטערער מענטש זאָל מיך לויבן און זאָגן, אַז פאַר אַ קינד איז זייער גוט און נוצלעך, ווען ער שפּילט זיך און לויפט אַ ביסל אַרום איבער די גאַסן. מיר איז אויך שטאַרק געפעלן וואָס ער זאָגט, אַז עס איז זייער נייטיק מיך אָוועקצוגעבן צו אַ לערער זיך אויסלערנען רוסיש און אַריפמעטיקע.

דאָסדאָזיקע וואָרט „אַריפמעטיקע“, וואָס איך האָב דאָס ערשטע מאָל געהערט, האָט מיך עפּעס מיסטאָמאָל אַריבערגעטראָגן אין אַן אַנדער נייער וועלט, פון וועלכער איך האָב גאָרנישט געוווּסט.

איבערמאָרגן, זונטיק, ווען איך בין געקומען אין חדר, האָב איך מיין חבר ברוכל אָוועקגערופן אין אַ זייט און אים געפרעגט בסוד, צי ווייסט ער, וואָס איז אַזוינס אַריפמעטיקע?

ער האָט געצויגן מיט די פּלייצעס און נישט געוווּסט. האָב איך אים געבעטן, ער זאָל קיינעם נישט אויסזאָגן, וואָס איך האָב אים געפרעגט.

עפּעס פאַר יעדן ניי וואָרט האָב איך מיך געשראָקן פאַרן רבין, פאַר דער קלויז, פאַר מיין ברודער און פאַר אַלעמען, מורא האָבנדיק,

אַז מען וועט מיך באַשטראָפֿן, און דעריבער דאַרף איך זיך מיט אַ וואָרט אויסבאַהאַלטן.

פֿאַרוואָס, האָב איך אַליין נישט געוווּסט. אין מיין גאַנץ לעבן האָב איך נאָר געוווּסט, אַז מען דאַרף זיין פֿרום, אַ סך לערנען און דאַווענען און אַלע איבעריקע זאַכן זענען איבעריק.

איך בין געווען ביי זיך געווען שטאַרק, איך זאָל פּראָטעסטירן אַקעגן אַזעלכע זאַכן און זיך אויפֿפֿירן פֿרייער אַזוי ווי עס געפֿעלט. מיר און קיינעם נישט וועלן הערן. איך האָב אָבער אין אַלץ יעדן נאָכגעגעבן און געפֿאָלגט בלויז צוליב דער מאַמען, דער אלמנה, וועלכע איך האָב זייער ליב געהאַט און רחמנות געהאַט אויף איר אָבער אין הייסין, ביי דער שוועסטער, און אין וויניצע, ביים ברודער, האָט מען נאָר וועגן מיר גערעדט אָדער געשריבן דער מאַמען, אַז איך פֿיר זיך נישט גוט אויף און גיי אין אַ שלעכטן וועג. און זי האָט, נעבעך, געהאַט פֿון מיר גרויסע יסורים.

איך בין אָבער שטענדיק געווען גרייט אָנצוּבייגן דעם קאָפּ און יעדן נאָכגעגעבן, אַבי די מאַמע זאָל נישט ליידן.

אויף מאָרגן, ווען ברוכל איז געקומען אין חדר, האָט ער מיך אָוועקגערופֿן אין אַ ווינקל און אויך בסוד געזאָגט, אַז ער ווייסט שוין וואָס עס הייסט „אַריפֿמעטיקע”. דאָס איז: חבור, חסור, כפל און חלוק.

וואָס איז הבור און תסור, האָבן מיר נאָך אפשר עפּעס גע-וווּסט: מען רעכנט צוזאַמען און מען נעמט אַראָפּ. אָבער פֿון כפל און חלוק האָבן מיר לגמרי נישט געוווּסט און מיר האָבן פֿאַרשטאַנען, אַז דערצו דאַרף מען לערנען די חכמה אַריפֿמעטיקע.

בכלל, זינט איך האָב איבערגעלייענט דעם „ישראליק” און זיך באַגעגנט מיט דעם לערער ענגעלשטיין, האָט זיך מיר פֿאַרדרייט דער קאָפּ. איך האָב עפּעס געוואָלט און געזוכט, נאָר וואָס, האָב איך אַליין נישט געוווּסט...

פון דעם טאָג אָן, וואָס דער צופאַל האָט מיך צוזאַמענגעבראַכט מיט דוד ענגעלשטיין, בין איך עפּעס מיטאַמאָל אַן אַנדער מענטש געוואָרן. איך בין שוין נישט געווען דער שטענדיק רויקער, געלאַסענער, געדולדיקער און נאָכגיביקער ייִנגל.

איך האָב עפּעס דערפילט, אַז דער אַפּיקורוס ענגעלשטיין, וועלכן איך האָב פיינט געהאַט, ווי אַלע אַנדערע אַפּיקורסים, איז מיר געווען אַ פריינט. וואָס ווינשט מיר גוטס, און גערעדט האָט ער עפּעס נישט, ווי אַנדערע מענטשן. ער האָט געזאָגט, אַז אַ חוץ גמרא, דאַרף איך עפּעס נאָך לערנען, כדי איך זאָל זיין אַ מענטש גלייך מיט אַלע מענטשן".

זיינע ווערטער, אַז מיין ברודער מיט אַלע ייִדן לעבן אין דער „פינסטערניש" און דאָס וואָרט „אַריפמעטיקע" זענען מיר אַריין טיף אין האַרצן און מיט מיין יונג מוחל האָב איך נישט אויפגעהערט צו טראַכטן. עפּעס מיטאַמאָל האָב איך אויפגעהערט צו זיין אַזוי נאָכגיביק, ווי פריער, מיין ברודער, און באַזונדערס מיין שוועגערין, האָב איך אָנגעהייבן רעדן אַקעגן, וואָס דאָס איז זעלטן פאָרגעקומען מיט מיר.

איך האָב באַקומען מוט, צו זאָגן איר, אַז זי האָט איבער מיר נישט צו שאַפן און דעות צו זאָגן, ווייל איך בין נישט אומזיסט ביי איר אין הויז: די מאַמע שיקט געגוג געלט פאַר מיר.

איך מיט מיין ברודער האָבן זיך זייער ליב געהאַט. ער איז שטענדיק געווען גוט צו מיר, אָבער אַז עס איז געקומען צו פרומקייט, איז ער זייער שטרענג געווען.

ווען אים פלעגט זיך אַמאָל אויסווייזן, אַז איך האָב צו גיך אָפּגעדאַווענט, אָדער איך האָב ווייניק געלערנט אין קלויז, פלעגט ער מיך נישט אויפהערן צו מוסרן און סטראַשען, אַז ער וועט מיך אַפּשיקן אַהיים. אויך האָט ער געהאַט גרויסע יסורים, וואָס איך פלעג אָפּענטפערן דער שוועגערין, אַז זי זאָל זיך נישט מישן אין מיינע געשעפטן, כאָטש ער האָט געוווּסט, אַז איך בין אָפּט גערעכט.

איינמאָל, איך ווייס נישט, וויאַזוי עס איז פלוצלונג געשען, האָב איך געזאָגט מיין ברודער, אַז איך וויל, ער זאָל מיך אַמעק-

געבן צו א לערער, וואָס זאָל לערנען מיט מיר רוסיש און „אַריפ־מעטיקע".

ער האָט זיך אָנגעצונדן, ווי אַ העליש פייער.

— וואָס האָסטו געזאָגט? אַ רוסישער לערער ווילט זיך דיר. ענגעלשטיין האָט דיך אַוודאי שוין אָנגערעדט? דאָס וועסטו קיינמאָל ביי מיר נישט אויספירן! נישט צוליב דעם האָט דיך די מאַמע גע־שיקט אַהער. אַ גוי ווילסטו ווערן, אַזיווי ענגעלשטיין!..

איך האָב געעפנט מויל און אויערן. איך בין איבערראַשט געוואָרן. איך בין געווען אַ פרום ייִנגל, האָב מורא געהאַט פאַר אַן עבירה, אָבער ווי קומט „אַריפמעטיקע" צום גיהנם?

איך האָב זיך געשוווירן, אַז נישט ענגעלשטיין און נישט קיינער האָט מיך דערצו נישט אָנגערעדט.

— ווי־זשע קומט צו דיר גאָר וועלן אַזעלכע זאַכן? — האָט מיין ברודער געפרעגט.

איך האָב נישט געוווּסט וואָס צו ענטפערן.

מיין ברודער האָט געשאָלטן די שטאָט ווינניצע, וואָס איז פול מיט אַפּיקורסים און יידישע קינדער ווערן דאָ פאַרסמט.

דערזעענדיק, ווי מיין ברודער איז שטאַרק אויפגעקאָכט, האָב איך מער וועגן אַ רוסישן לערער נישט גערעדט, אָבער מיין גרויסער חשק צו קענען רוסיש און אַריפמעטיקע איז אין מיר נישט אָפּגע־שוואַכט געוואָרן.

וועגן דעם האָב איך אָפט גערעדט מיט מיין חבר ברוכל, וועל־כער האָט עפּעס געקענט מער פון מיר רוסיש און חשבונען, און ווען איך האָב אים אַמאָל געפרעגט, ווי האָט ער זיך אויסגעלערנט, האָט ער מיר דערציילט, אַז ער האָט אַ שוועסטערל, צו וועלכער עס קומט אַריין אַ רוסישער לערער.

— פאַרוואָס־זשע לערנסטו נישט ביים לערער?

— דער טאַטע וויל נישט... אַ מיידל מעג יאָ לערנען, זאָגט דער טאַטע, און אַ ייִנגל דאַרף נאָר לערנען ביים רבין אָדער אין קלויז.

אָט ביי זיין שוועסטערל און אפשר טאָקע ביים לערער אַליין האָט ער זיך אָפּגענים, דערוווּסט, וואָס איז אַזוינס חכמת „אַריפמעטיקע".

אַמאָל פלעגט ער מיר לייען אַ רוסיש ביכל נאָס ער האָט

געגומען ביי זיין שוועסטער. איך פלעג עס לייענען בסוד סודות, נאָר פאַרשטאַנען האָב איך איין וואָרט איבערן צענטן.

אַמאָל האָב איך אַליין געוווסט דעם טייטש פון וואָרט, און ווען נישט, פלעג איך אים בעטן, ער זאָל פרעגן ביי זיין שוועסטערל. אויף מאָרגן פלעגט ער מיר זאָגן דעם טייטש פון די ווערטער.

נאָר אַזוי לערנען די רוסישע שפּראַך פלעגט מיך קאָסטן צו טייער. ווייל פאַר יעדעס מאָל פרעגן, פלעג איך מוזן באַצאָלן מיט געלט. אַמאָל אַ קאָפּיקע און אַמאָל נאָכמער.

אַ מאָדנער חבר איז געווען דערדאָזיקער ברוכל. ער האָט מיך ליב געהאַט, ווי דאָס לעבן און איך האָב אים אויך ליב געהאַט. שטענדיק זענען מיר געווען צוזאַמען, מיר האָבן נישט געקענט איינס אָן דעם אַנדערן לעבן, אָבער ער האָט זייער ליב געהאַט געלט.

זיין פאָטער, וועלכן מען האָט גערופן משה זשעליאָזניק, ווייל ער האָט די גרעסטע קראָם פון אייזן, האָט מען געהאַלטן פאַר אַ מיליאָנער. שוין דאָן האָט מען אים געשאַצט, אַז ער פאַרמאָגט מער ווי אַ האַלבן מיליאָן רובל.

ער האָט געהאַט אייגענע הייזער, אפילו און אייגענע קלויז האָט ער פאַר זיך אויסגעבויט.

ברוכל איז געוואַקסן אין ווילטאַג און אין עשירות. אַליין האָט ער זיך שטענדיק אַרומגעטראָגן מיט אַ קעשענע געלט, אפשר פאַר אַ גאַנצן רובל זילבערנע פערציקער, אַ חוץ קליינגעלט, און איינמאָל האָב איך ביי אים אַליין געזען אַ גאַנצן זילבערנעם רובל. דאָך האָט ער געקענט מיט מיר, זיין בעסטער חבר, זיך צעקריגן איבער אַ גראָשן, וואָס ער האָט געמאָנט ביי מיר.

ער פלעגט זיך טיילן מיט זיינע גוטע „איבערבייסנס" וואָס מען פלעגט אים מיטגעבן אין חדר, נאָר ווי עס איז געקומען צו געלט, האָט ער זיך באַלד פאַרענדערט.

ווען איך האָב נאָר געהאַט, פלעג איך אים באַצאָלן, און ווען נישט, בין איך אים געבליבן אַ בעל־חוב, און ווען עס האָט לאַנג געדויערט און איך פלעג נישט קענען צאָלן מיין חוב, פלעגט ער זיך אָנהייבן ברוגזן אויף מיר.

חוצדעם, וואָס ער פלעגט ביי מיר פאַרדינען פאַר די רוסישע ווערטער, האָט ער געהאַט נאָך הכנסות פון די ווינטערדיקע פינסטערע נעכט, ווען מיר פלעגן צוזאַמען גיין פון חדר אַהיים.

אין די פינסטערע ווינטערנעכט האָב איך מורא געהאַט אַליין צו גיין... אַ מאָדנע זאַך: איך האָב קיין מורא נישט געהאַט פאַר גנבים, גזלנים אָדער שכורים, נאָר איך האָב מיך שטאַרק געשראָקן פאַר שדים, רוחות און „נישט-גוטע", וועגן וועלכע איך האָב זיך אַ סך אָנגעלייענט און זיך אָנגעהערט דערציילן אין די חדרים, אין די קלויזן און אינדערהיים. מיין חבר ברוכל האָט נישט ווייניקער מורא געהאַט פון מיר.

פון חדר אָדער פון דער קלויז צו מיר אַהיים, האָט מען באַדאַרפט דורכגיין עטלעכע שטילע פינסטערע געסלעך מיט דעם גרויסן מאַרק, ווו עס זענען געשטאַנען פאַרמאַכטע הילצערנע קראָמען און ליידיקע אָפּגערוימטע שטעלעכלעך.

אין די ליכטיקע לבנה-נעכט, פלעג איך ווי עס איז גיין רויק אַהיים, אָבער אין די פינסטערע נעכט פלעג איך איבערלעבן טויט-שרעק. ביז איך בין געקומען אַהיים, אַ בלאַסער, אַ דערשראָקענער, אַזוי, אַז מיין ברודער, דערזעענדיק מיך, פלעגט זיך אויך איבער-שרעקן פאַר מיין אויסזען.

— וואָס איז מיט דיר? — פלעגט ער מיך פרעגן. — ביזט נישט געזונט?

— ניין, איך האָב מורא אַליין צו גיין ביינאַכט, — פלעג איך ענטפערן, — איך שרעק זיך...

מיין ברודער פלעגט יעדעס מאָל אָנשרייען אויף מיר פאַרוואָס איך האָב מורא, נאָר עס האָט נישט געהאָלפן, און יעדן אויפדערנאַכט בין איך געקומען אַהיים, אַ ציטערנדיקער פון גרויס שרעק.

איינמאָל האָט מיין ברודער זיך צוגעזעצט לעבן מיר און מיך געפרעגט:

— זאָג מיר, פאַר וועמען האָסטו מורא?

— פאַר שדים, פאַר רוחות און פאַר נישט-גוטע האָב איך מורא. מיין ברודער האָט געלאַכט פון מיר:

— ביזט אַ נאַר, דו האָסט זיך איינגערעדט נאַרישקייטן. דאָ אין שטאָט זענען נישטאָ קיין שדים מיט רוחות.

— וויאַזוי קענסטו זאָגן, אַז עס זענען נישטאָ — האָב איך גע-ענטפערט. — אַז איך האָב אַליין געלייענט אין אַ ספר, אַז זיי זענען יאָ דאָ... אין חדר און אין קלויז האָבן יידן דערציילט, אַז זיי האָבן

אַליין אַמאָל בײַנאַכט באַגעגנט אַ נישט־גוטן אָדער אַ שד... טאָלע דערצײַלן...

— איך ווייס? — האָט מײַן ברודער געזאָגט. — אפשר אין די וועלדער, לעבן יענער זײַט בריק, נישט ווײַט פֿון בית־עולם, אָבער נישט אינמיטן שטאָט?...

איך האָב געזען, אַז מײַן ברודער האָט גרויסע יסורים פֿון מײַן שרעקן זיך און האָט זייער געוואָלט, איך זאָל זיך דערפֿון אָפּגעוויינען, אָבער עס האָט נישט געהאָלפֿן.

אָפּטמאָל, ווען איך פֿלעג גיין אַליין בײַנאַכט, האָט זיך פֿון יעדן שאָרך מיר אויסגעוויזן, אַז מען לויפֿט מיר נאָך, און איך פֿלעג לויפֿן, קוים כאַפּנדיק דעם אָטעם.

איינמאָל האָב איך געקענט גיין שווערן, אַז איך האָב אינדער־פֿינסטער געזען אַ שד, אַן אויסגעצויגענער ביז די דעכער פֿון די הײַזער, מיט הערנער אויפֿן קאָפּ, מיט טרעקלעכע צוויי פּאָר אויגן, מיט לאַנגע ביינערדיקע הענט און פֿינגער, וועלכע זענען געווען לענגער, ווי די פֿיס פֿון אַ מענטשן.

איך בין פֿון שרעק געלאָפֿן און ער איז מיר נאָכגעלאָפֿן, האַלטנדיק זיך בײַ די ווענט אָדער שפּרינגענדיק אויף די דעכער.

איינמאָל, אַ רויסגייענדיק ווינטער, בײַנאַכט, פֿון חדר צוזאַמען מיט מײַן חבר ברוכל, איז געווען אַזוי פֿינסטער, אַז איך האָב מיך אָנגערופֿן צו אים:

— איך האָב אַזוי מורא צו גיין אַליין אַהיים, אַז איך וועל בלײַבן נעכטיקן אין חדר, דער רבי זאָל מיך אפֿילו אַרויסטרײַבן...

— ווײַסטו וואָס? — האָט זיך פֿלוצים ברוכל אָנגערופֿן — אַז דו וועסט מיר געבן אַ קאָפּיקע, וועל איך דיך אָפּפֿירן אַהיים... איך דאַרף נאָר אַנלייגן אַ פּאָר געסלעך, קום איך אַרויס אויף דער גרויסער גאַס צו מיר אַהיים.

מיט גרויס שׂמחה האָב איך אַרויסגעכאַפּט אַ קאָפּיקע און אים צוגעגעבן און ער האָט מיך אָפּגעפֿירט ביז צו דער טיר פֿון מײַן ברודערס שטוב.

פֿון דער צײַט אָן האָט מיך ברוכל אָפּגעפֿירט אַהיים אין די פֿינסטערע נעכט, און איך האָב אים געצאָלט מײַנע לעצטע קאָפּיקעס. איך האָב אָבער אַזויפֿיל קאָפּיקעס נישט געהאַט, האָב איך אים געשוווירן, אַז איך וועל אים שפּעטער אָפּגעבן, און איך האָב געהאַלטן

ווארט, ווען איך האָב נאָר געהאַט געלט. אָבער מיינע אַלע חובות איז צו באַצאָלן בין איך נישט געווען אומשטאַנד, און איך בין תמיד געווען אַ בעל־חוב.

אין זייער אַ פינסטערע נאַכט, ווען איך בין מיט ברוכלען גע־גאַנגען פון חדר אַהיים, האָט ער זיך פלוצים אָפּגעשטעלט אויפן מאַרק מיט די פאַרשלאָסענע קלייטן און שטעלעכלעך.

עס איז געווען שטיל, ווי אויף אַ בית־עולם און די פאַרמאַכטע געשעפטן און שטעלעכלעך האָבן אויסגעזען אינדערפינסטער, ווי גרויסע און קליינע מצבות.

— וואָס ביזטו געבליבן שטיין? — האָב איך אַ פרעג געטאָן ברוכלען.

— איך וועל דיך ווייטער נישט פירן אַהיים, — האָט ער אומצו־פרידן געזאָגט.

— פאַרוואָס? — האָב איך געפרעגט אַ ביסל דערשראָקן.

— ווייל עס קומט מיר פון דיר אַזויפיל געלט און דו קענסט מיר נישט באַצאָלן.

איך האָב זיך געשוווירן, אַז איך וועל אים נאָך הייַנטיקע וואָך אינגאַנצן באַצאָלן, נאָר ער האָט מיר נישט געגלייבט.

— דו האָסט שוין עטלעכע מאָל געזאָגט, אַז דו וועסט מיר אינ־גאַנצן באַצאָלן און ס'איז אַ נעכטיקער טאָג.

וויפל איך האָב אים געבעטן, האָט ער אַלץ נישט געוואָלט גיין מיט מיר. איך מוז אים תיכף באַצאָלן. אויף מיין אומגליק האָב איך ביי זיך קיין אייניציקע קאָפּיקע נישט געהאַט. איך האָב זיך אָפּגע־שווירן דאָס געביין, אָבער ער האָט מיר נישט געגלייבט.

— דו האָסט געלט! — האָט ער שוין גענומען אַנדערש רעדן. — נאָר דו ווילסט מיר נישט באַצאָלן!

— דו גלייבסט מיר נישט, טאַ באַזוך מיך! — האָב איך זיך געבעטן ביי אים, ווי ביי אַ גזלן אין פעלד, וואָס וויל מיך דער־הרגענען, און איך האָב אָנגעהייבן איבערקערן מיינע ליידיקע קע־שענעס, פון וועלכע עס זענען אַרויסגעפאַלן פאַרטרוקנטע שטיקלעך ברויט, אָפּגעבראָכענע קעפּלעך פון שוועבעלעך און אַ פּאָר אַלטע קנעפּלעך.

— דו באַהאַלטסט דיין געלט ערגעץ אַנדערש, נישט אין די קעשענעס, — האָט ער געזאָגט.

— טאַ ווך אומעטום! — האָב איך זיך געבעטן.

דער סוף איז געווען, אַז ער האָט זיך פּלוצים אַרויסגעריסן פון מיר און איז אַנטלאָפן.

איך בין געבליבן איינער אַליין אויף דעם גרויסן מאַרק-פּלאַץ, צווישן די פאַרמאַכטע קראָמען און „שטעלעכלעך".

עס האָט מיך אָנגעכאַפּט אַ שרעק. אַלע אברים האָבן אין מיר געציטערט.

די שווייגנדיק-פאַרמאַכטע קראָמען און די שטעלעכלעך מיט די קליינע דעכלעך, זענען מיטאַמאָל געוואָרן לעבעדיקע שוואַרצע געשטאַלטן און האָבן געקוקט אויף מיר מיט גרויסע אימהדיקע אויגן.

איך האָב אָנגעהייבן לויפן מיט אַלע מיינע כּוחות...

איך לויף אָן אָן אָטעם איבערן מאַרק-פּלאַץ, די ערד ברענט אונטער מיר, אין די אויגן פינקלען פייערלעך, עס גיסט פון מיר דער שווייס.

איך געדענק נישט, ווי איך בין געלאָפן איבערן מאַרק.

פּלוצלונג דערפיל איך אויף מיין רוקן, כּמעט ביים האַלדז, ווי עמעצער האָט מיר אַ קלאַפּ געטאָן, אַזויווי מיט אַ מעסער אַ שניט געטאָן.

איך האָב זיך אַזוי דערשראָקן, אַז עס האָט זיך מיר אויסגעוויזן, אַז די נשמה פליט מיר אַרויס, און מיט נאָך מער שרעק האָב איך אָנגעהייבן מיט מיינע לעצטע כּוחות ווייטער צו לויפן. איך האָב שוין געהערט געפילט און פאַר זיך געהערט געזען. עס האָט מיך געטראָגן, ווי אַ ווינטער.

איך האָב נישט געדענקט, וויאַזוי האָב איך געעפנט די טיר פון מיין ברודערס הויז. דאַכט זיך, אַז איך האָב זי געהערט געעפנט, נאָר איך בין אומגעפאַלן אויף איר, אַ האַלב-טויטער, און זי האָט זיך אַליין געעפנט.

מיין ברודער איז מיר געלאָפן אַקעגן, און דערזעענדיק מיך, אַ דערשלאָגענעם, אַ בלאַסן און אָפּגעגאָסן מיט שווייס, האָט ער אַליין מיט גרויס שרעק געפרעגט:

— וואָס איז מיט דיר, וואָס האָט זיך אַזוינס געטראָפן?

מיט אַ [illegible]קער שטימע האָב איך אים קוים געענטפערט:

— איך בין געגאַנגען פון חדר... עס איז געווען זייער פינ-

סטער... איך האָב גאָרנישט געזען... האָט מיך אַ שד אַ קלאַפּ געטאָן אין רוקן, אַט דאָ ביים האַלדז.

דערביי האָב איך מיט מיין האַנט אָנגעוויזן דאָס אָרט, ווו איך האָב באַקומען דעם קלאַפּ.

מיין ברודער האָט מיט כעס אויסגעשריען:

— עס איז אַ ליגן! קיין שום שד און קיינער האָט דיר קיין קלאַפּ נישט געגעבן! דו האָסט זיך נאָר איינגערעדט, אָדער דו טראַכסט אויס.

איך האָב זיך געשווירן, אַז עס איז אמת.

— זאָג מיר נאָר, — האָט מיין ברודער מיך אָנגעהייבן ווייטער אויסצופרעגן, — ווו, אויף וועלכן אָרט ביזטו געגאַנגען, ווו דער שד האָט דיר אַ קלאַפּ געטאָן?

— לעבן בעריל ליפשיצעס קלייט, נישט ווייט פון דאָברישעס שטעל, ווו זי פאַרקויפט שוואַרץ ברויט...

מיין ברודער האָט אַ טראַכט געטאָן.

— ווייסט וואָס? קום מיט מיר אויף דעם אָרט און איך וועל דיר ווייזן, אַז דאָרטן זענען קיין שום שדים נישטאָ.

מיט דעם, ווייזט אויס, האָט מיין ברודער געוואָלט איינמאָל פאַר אַלעמאָל מיך איבערצייגן, אַז אין שטאָט זענען נישטאָ קיין שדים.

— איך האָב מורא, — האָב איך געענטפערט.

— האָב קיין מורא נישט, ווען דו גייסט מיט מיר! איך מוז דיר אַרויסשלאָגן פון קאָפּ אַזעלכע פוסטע נאַרישקייטן, אַז דו זאָלסט זיך אויפהערן צו שרעקן פאַר שדים מיט רוחות! דו ביזט דאָך משוגע!

מיין ברודער האָט אַ רוף געטאָן זעליקן, דעם משרת פון דער שניסקראָם. ער האָט געוווינט ביי מיין ברודער אין הויז אויף אַלעס ברייטן.

זעליק איז געווען אַ בחור פון אַ יאָר דרייאונצוואַנציק, אַ הויכער, אַ ברייטער, אַ שטאַרקער און צוליב זיין געזונטקייט האָבן אַלע אַנדערע משרתים צווישן די קראָמען געציטערט פאַר אים.

— זעליק! קום נאָר אַהער, וועסטו עפּעס הערן!

ווען זעליק איז געקומען, האָט מיין ברודער מיט אַ געלעכטער אים אַלץ דערציילט.

— איך מוז איט איינמאָל פאַר אַלעמאָל אויסלערנען זיך נישט צו שרעקן פאַר אַזעלכע נאַרישקייטן און וויל איט דערוויזן, אַז ביי אונדז אין שטאָט זענען נישטאָ קיין שדים און קיין רוחות, — האָט מיין ברודער געזאָגט צו זעליקן און איט געהייסן, ער זאָל אויך מיט אונדז מיטגיין, נאָר ער זאָל נעמען אַ לאַמטערן און אַ שטעקן.

— איך דאַרף נישט קיין שטעקן! — האָט זעליג מיט זיין דיקער עטימע געענטפערט מיט אַזאַ טאָן, פונקט ווי מען וואָלט איט מיט עפּעס באַליידיקט — זאָל איך נאָר די „חברה" באַגעגענען, וועלן זיי זיך שוין פון מיינע הענט נישט אויסדרייען לעבעדיקע!

זעליקן איז בכלל שטאַרק געפעלן געוואָרן, צו כאַפּן אַ שד אָדער אַ רוח אין שטעטל.

מיין ברודער האָט גענומען אַ דיקן שטעקן אין איין האַנט און מיט דער צווייטער האָט ער מיך צוגעהאַלטן, ווייל איך האָב מיך געצאַפּלט פון פחד.

זעליק האָט אָנגעצונדן אַ גרויסן לאַמטערן און איז געגאַנגען פאָרויס און מיר זענען איט נאָכגעגאַנגען טריט ביי טריט. זעליק איז געגאַנגען פעסט און זיכער, נאָר מיין ברודער האָט פונדעסטוועגן זיך אַ ביסל אויך געשראָקן. מיר, ווידער, האָט געקלאַפּט אַ צאָן אָן אַ צאָן.

אינדרויסן איז געווען שרעקלעך פינסטער, אָבער מיט דער לאַמטערנע האָט מען דאָך, ווי עס איז געזען דעם וועג.

מיר זענען אַזוי געגאַנגען אַ צען מינוט, אָבער מיר האָט זיך אויסגעוויזן, אַז מיר גייען שוין לאַנג, זייער לאַנג.

מיר זענען די גאַנצע צייט געגאַנגען און געשוויגן. קיינער פון אונדז האָט קיין וואָרט נישט אַרויסגערעדט.

אין דער פינסטערער נאַכט איז געווען שטיל, אַז מען האָט קיין שאָרך נישט געהערט, אַפילו דעם ווערטער, וואָס היט די קלייטן אויפן מאַרק, האָט מען אויך נישט געהערט קלאַפּן, פייפן אָדער פרעגן ווי דער שטייגער איז: „ווער גייט?"

פלוצים האָט זעליק אין דער פיינלעכער שטילקייט אַ געשריי געטאָן נישט מיט זיין קול.

— וואָס איז, זעליק? — האָט מיין ברודער מיט גרויס פחד געפרעגט.

איך האָב זיך נאָך שטאַרקער צוגעטוליעט צו מיין ברודער. אַ

קאַלטער שווייס האָט מיך באַדעקט און איך האָב קיין וואָרט נישט בערעדט.

עמעצער האָט מיר אינדערפינסטער אַ שטאַרקן קלאַפּ געטאָן גלייך אין פּנים אַריין! — האָט זעליק געענטפערט.

אין אַ ווײַלע אַרום האָט ער געזאָגט:

— איך וועל פונדאַנען נישט אַוועקגיין... איך מוז אים כאַפּן און זיך אָפּרעכענען מיט אים, ווי עס דאַרף צו זיין. ער שלאָגט זיך נאָר!..

מיין ברודער האָט שוין געעצהט, מען זאָל בעסער וואָס גיכער גיין אַהיים.

זעליק האָט אָבער נישט געוואָלט און געענטפערט:

— איך וועל פונדאַנען נישט אַוועקגיין! איך מוז אים כאַפּן און זיך מיט אים אָפּרעכענען. פאַרוואָס האָט ער מיך צו שלאָגן?

אונדזער רעש האָבן דערהערט איניקע מענטשן און צווישן זיי אויך דער אַלטער האַלב-בלינדער וועכטער פון די קראָמען, וועלכן מען האָט גערופן „משה קליאַטשע”. ער איז געשלאָפן ערגעץ צווישן די שטעלעכלעך און איצט איז ער אויך מיט אַנדערע פאַרבייגייער געקומען צו לויפן כלומרשט ווי אַ גיבור.

מיר האָבן זיי דערציילט די גאַנצע געשיכטע. וואָס האָט פּאַסירט מיט מיר פריער און איצט מיט זעליקן, וויאַזוי ער האָט פון אַ שד נאָר-וואָס געכאַפּט אַ קלאַפּ אין פּנים אַריין.

אַלע זענען געוואָרן שרעקלעך בייז אויפן שד, וואָס האָט זיך דערלויבט צו טאָן אַזאַ זאַך אינמיטן שטאָט, און עס איז ביי אַלע-מען געבליבן, מען זאָל פונדאַנען נישט אַוועק, ביז מען וועט נישט כאַפּן דעם שד און מיט אים זיך אָפּרעכענען, ווי געהעריק.

איניקע האָבן געגעבן עצות, וויאַזוי מען זאָל אים כאַפּן און וואָס מען זאָל מיט אים טאָן, ווען מען וועט אים כאַפּן.

מיר וועלן שוין ווייסן, וואָס צו טאָן מיט אים, זאָלן מיר אים נאָר כאַפּן! — האָט זיך איינער אָנגערופן.

נישט קוקנדיק אויף דער פינסטערער נאַכט, איז דאָס רעדל גרעסער געוואָרן און ווידער האָט מען געגעבן עצות, וויאַזוי מען זאָל דעם שד כאַפּן און וואָס מען זאָל מיט אים טאָן.

עס האָט זיך אַפילו געפונען איינער וואָס האָט דערציילט, אַז

ער אַליין האָט אַמאָל געכאַפּט אַ שד. ער איז געווען שוואַרץ ווי קויל, אויפן קאָפּ האָט ער געהאַט צוויי הערנער און פערדישע פיס.

ווען ער האָט אים געפּאַקט, האָט ער אים אָנגעהייבן שלאָגן, אַז שוואַרץ בלוט האָט זיך פון אים געגאָסן, ווי פון אַ חזיר, נאָר דערנאָך האָט ער זיך אויסגעריסן און איז געלאָפן גלייך צום טייך און איז דאָרטן פאַרשווונדן געוואָרן. דער בוג איז עטלעכע מינוט רויט געוואָרן פון דעם שדס בלוט.

הערנדיק די געשיכטע, האָב איך געציטערט, ווי אַ בלאַט אין אַ גרויסן ווינט און זיך שטאַרק געהאַלטן ביי מיין ברודער.

דער עלטער וועכטער משה קליאַטשע, האָט געגעבן אַן עצה, אַז אַ שד קען מען אָנדערש נישט כאַפּן נאָר ווען עס הייבט אָן צו שאַרעיען אויף טאָג. דאַן קלאַפּן זיי מיט די פערדישע פיס און עס איז זיי גרינג צו כאַפּן. דאָס ווייסט ער זייער גוט, ווייל שוין מער ווי צוואַנציק יאָר איז ער וועכטער און היט די גאַנצע נעכט, און דעריבער דאַרף מען וואַרטן, ביז עס וועט אָנהייבן צו טאָגן.

אייניקע פון עולם האָבן אָבער געזוכט דעם שד, דערהויפּט האָט אים שטאַרק געזוכט זעליק דער משרת, וועלכער האָט באַקומען דעם קלאַפּ פון שד גלייך אין פּנים. ער האָט נישט אָפּגעטראָטן פון אָרט, וווּ ער האָט באַקומען דעם קלאַפּ און געזוכט מיט דער לאַמטערנע אויף דער ערד.

פּלוצלונג האָט זעליק מיט אַ גרויס געלעכטער אָנגעהייבן צו רופן דעם עולם. אַלע האָבן געמיינט, אַז ער האָט שוין געפּאַקט דעם שד, און ווער מיט שמחה, און ווער מיט שרעק און ציטערניש זענען געלאָפן צו דעם אָרט, וווּ זעליק איז געשטאַנען מיט דער לאַמטערנע.

ווען מיר זענען צוגעקומען, האָט ער נאָך נישט אויפגעהערט צו לאַכן.

— ביזטו משוגע געוואָרן, צי וואָס? זאָג, וואָס איז געשען? — האָט מיין ברודער אָנגעשריען אויף אים.

— איך קען זיך נישט איינהאַלטן, איך מוז לאַכן! — האָט זעליק זיך געקאָטשעט פון געלעכטער. — אַ שיינער שד איז דאָס געווען! מען קען דאָך פּלאַצן. אַט קוקט אים נאָר אָן.

איינער, וואָס איז צוגעקומען נענטער, האָט אויף עפּעס אָנגעטרעטן און געכאַפּט אַ קלאַפּ אין אַ פּוס.

זעליק האָט זיך נאָכמער צעלאַכט.

— איצט זעט איר שוין, פאַרוואָס איך האָב געכאַפּט אַ קלאַפּ אין פּנים און פאַרוואָס מיין באַלעבאָס ברודערל האָט געכאַפּט אַ קלאַפּ אין די פּלייצעס, ווען ער איז געגאַנגען פון חדר אַהיים? איר זעט שוין? — האָט זעליק נישט אויפגעהערט אַנצוווייזן מיט דער אַנגעצונדענער לאַמטערנע אויף דער ערד.

דער עולם האָט געקוקט און זעליק האָט דערקלערט:

— איר זעט, וואָס עס טוט זיך דאָ? עס ליגן אַלטע רייפן פון פעסער. דאָ האָט אַ באָנדאַר אַנגעשלאָגן אַלטע פעסער מיט נייע רייפן, און די אַלטע רייפן האָט ער איבערגעלאָזט...

איינער פון עולם האָט זיך טאַקע דערמאָנט, אַז היינט ביי טאָג האָט שלום פּעסיס דער קרעמער אָנגעשלאָגן זיינע פעסער אויף צו זויערן אוגערקעס אויף ווינטער, האָט דער באָנדאַר די אַלטע רייפן דאָ איבערגעלאָזט ליגן אויף דער ערד.

— איצט פאַרשטייט איר שוין, וואָס דאָ איז געשען? — האָט זעליק ווייטער געגעבן צו פאַרשטיין דעם עולם — ווען מיין באַלעבאָס ברודערל איז געגאַנגען פון חדר אַהיים, האָט ער אינדערפינסטער אָנגעטרעטן אויף אַ רייף און געכאַפּט אַ קלאַפּ אין די פּלייצעס, און ווען איך בין פונדערהיים געגאַנגען אויף דעמזעלבן וועג, האָב איך אָנגעטרעטן אויף אַ רייף און געכאַפּט אַ קלאַפּ פון פאָרנט... אָט די רייפן זענען דאָס די שדים מיט די רוחות, וואָס מיר זוכן! — האָט זעליק זיך ווידער צעלאַכט.

— אָט פרוווט אָנטרעטן אויף דער רייף, וועט איר זען, — האָט ער געזאָגט.

אייניקע האָבן געפרוווט אָנטרעטן אויף אַ רייף און האָבן באַקומען קלעפּ.

דער עולם האָט געלאַכט און זיך פריילעך צעגאַנגען.

די דאָזיקע איינפאַכע געשיכטע מיט די רייפן האָט אויף מיר געמאַכט אַ געוואַלדיקן איינדרוק. איך בין מיטאַמאָל אַן אַנדער מענטש געוואָרן, פריילעך און מוטיק בין איך געגאַנגען אַהיים און פון דער צייט אָן האָב איך אויפגעהערט צו גלייבן אין שדים און רוחות. איך פלעג זיך אויסלאַכן פון אַנדערע, וואָס האָבן אין אַזעלכע זאַכן יאָ געגלייבט.

מיין ברודער איז געווען איבערגליקלעך פון דערדאזיקער מעשה מיט די רייפן, וועלכע האט מיך איבערצייגט, אז אין שטאט זענען נישטא קיין שדים און קיין רוחות, אז זיי האלטן זיך אויף נאר אין די וועלדער און אין די בלאטעס ביי די טייכן, דארטן, ווו די טשערעפאכעס קריכן ארום.

אויף מארגן, ווען איך בין געקומען אין חדר, האב איך מיין חבר ברוכל געזאגט, אז איך האב מער קיין מורא נישט צו גיין אליין ביינאכט און איך דארף אים מער נישט האבן. און וואס עס געהערט זיך אן צום געלט, וואס איך בין אים שולדיק, וועל איך אים באצאלן, ווען איך וועל נאר האבן.

פון דער צייט אן האט די פריינטשאפט צווישן מיר און מיין איינציקן חבר, צו וועלכן איך האב זיך צוגעבונדן, אנגעהייבן אפגעקילט צו ווערן.

## קאַפּיטל נײַנאונצוואַנציק.

אַ חי״ק שדים און רוחות, האָב איך אויך געגלייבט, אַז נאָך צוועלף אַ זייגער בייטאָג שטייען אויף די מתים פון זייערע קברים, אַ טייל שפּאַצירן אַרום אויפן בית-עולם און אַ טייל גייען אַוועק אין דער גרויסער שול און דאַוונען. נאָר ווי עס הייבט אָן צו טאָגן, ווערן זיי צוואָמען מיט דער נאַכט פאַרשוואונדן צוריק אין זייערע קברים.

איך האָב געגלייבט, אַז פון דעם טאָג אָן, ווען אַ מענטש שטאַרבט, רייסט ער נישט איבער זיינע פעדעם מיט דער וועלט, באַזונדערס מיט זיינע קרובים און נאָענטע. דער מת קומט אָפט אָנזאָגן, ווען עס שטייט פאַר עפּעס אַ געפאַר פאַר זיינע אייגענע אָדער געבן אַ גוטע עצה.

ווען עס איז מיר אַמאָל אויסגעקומען צו פאַרברענגען נאָך האַלבער נאַכט לעבן דער גרויסער שול, ווו עס איז געווען פינסטער, בין איך ביי זיך זיכער געווען, אַז די שול איז איצטער פול מיט מתים, וואָס זענען אָנגעטאָן אין זייערע ווייסע תכריכים. איך פלעג חאָס גיכער פאַרביילויפן די שול און האָב מורא געהאַט זיך אומצוקוקן.

אויך דאָ איז מיט מיר פאָרגעקומען אַ צופאַל, ווען איך האָב אַליין מיט מיינע אייגענע אויגן געזען אַ מת און וואָס האָט זיך אויסגעלאָזט אַזוי גליקלעך פאַר מיר, ווי די מעשה מיט דעם שד, וואָס האָט מיר אַ קלאַפּ געטאָן אין פּלייצע.

געשען איז דאָס אַזוי: מיין ברודער מיט דער שוועגערין זענען געגאַנגען אויף אַ חתונה צו אַ קרוב און האָבן מיך אויך מיטגענומען. צוריק פון דער חתונה זענען מיר געגאַנגען שפּעט נאָך האַלבע נאַכט, און אפשר האָט שוין דאַן נאָר-וואָס אָנגעהייבן צו טאָגן. מיר גייען

לאנגזאם אהיים און גייען פארביי די גרויסע שול. טראכט איך זיך, אז איצטער איז געוויס די שול פול מיט מתים אין זייערע ווייסע תכריכים, און באלד, ווען עס וועט אנהייבן צו טאגן, וועלן זיי פארשווינדן ווערן צוריק אין זייערע קברים.

און מיר האט זיך זייער געוואלט צוזאמען מיט מיין ברודער בלייבן דא שטיין און ווארטן, וואס עס וועט זיין, ווען עס וועט אנהייבן צו טאגן?

עס פארשטייט זיך, אז איך האב מיין ברודער גארנישט געזאגט וועגן וואס איך טראכט איצט, נאר איך בין געווען זייער פארטראכט אין די מתים, וועלכע וועלן באלד דורך די פענסטער און טירן, דורכן דאך און די קוימענס אנהייבן ארויסצוקריכן אין זייערע ווייסע תכריכים און אוועקפליען אויפן בית-עולם אין זייער רו אריין.

און ווי מיר גייען אזוי טריט ביי טריט, דערזע איך, ווי פון דאך פון דער גרויסער שול, ציט זיך אויס לאנג, לאנג א ווייסער מת גלייך אויפן הילצערנעם פארקאן, וואס געפינט זיך אנטקעגן דער שול. איך האב שוין געוואלט אנהייבן צו שרייען צו מיין ברודער, אז איך זע א מת. נאר פלוצים האב איך דערזען, ווי פון פארקאן זענען אראפגעשפרונגען אויף דער ערד צוויי ווייסע קעץ, וועלכע האבן נאכגעיאגט איינס דאס אנדערע...

אזויארום האב איך זיך דא, אויף דעם ארט, אליין איבערצייגט, אז עס האט זיך מיר נאר אויסגעוויזן, אז עס איז געפלויגן פון דאך אויפן פארקאן א מת. אינדעראמתן זענען עס געווען צוויי ווייסע קעץ.

פון אט די צוויי צופאלן מיטן שד און מיטן מת, האב איך דאס ערשטע מאל אנגעהייבן צווייפלען אין ספקות, און וואס עלטער איך בין געווארן, אלץ מער האב איך אויפגעהערט צו גלייבן אין אזעלכע זאכן. מיט דער צייט איז עס ביי מיר דערגאנגען אזוי ווייט, אז איך האב אויפגעהערט צו גלייבן אין אלץ, וואס איז אומגעווויינלעך...

ווען איך האב אין חדר אדער אין קלויז געהערט פון חסידים דערציילן וואונדערלעכע מעשיות וועגן בעל-שם און אנדערע צדיקים און זייערע מופתים, האב איך ווייניק געגלייבט.

איך האב זיך איינמאל נישט געקענט איינהאלטן און דאס ארויס-געזאגט מיינעם א חבר אין קלויז, האט ער מיך גוט אפגעזידלט און

מ׳ך אַנגערופן מיט די ערגסטע נעמען, נאָר איך בין בײַ זיך נישט צעראַפּגעפּאַלן און בין באַשטאַנען פעסט אויף מײַנעם.

איך ווייס נישט, וויאַזוי עס איז דערגאַנגען צו מײַן ברודער, אַז איך האָב אויפגעהערט צו גלייבן אין גוטע יידן און אין זייערע מופתים. מיט פאַרביטערטקייט האָט ער מיר געזאָגט, אַז געוויס האָט מיך דאָס אויסגעלערנט דער „ימח־שמו־ניק" ענגעלשטיין פון דער „שקאָלע".

באמת, האָב איך ענגעלשטיינען נאָכדעם, וואָס איך האָב זיך מיט אים באַגעגנט אין מײַן ברודערס קראָם, מער נישט געזען. נאָר וואָס מער מײַן ברודער האָט מיך געשטאָכן מיט ענגעלשטיינען, אַלץ מער האָט זיך מיר געוואָלט מיט אים זיך באַגעגענען.

איך האָב עפּעס געפילט, אַז ער איז מיר אַ פרײַנט, און מיר האָט זיך פאַר אים געוואָלט אויסגיסן מײַן פאַרביטערט האַרץ.

איך האָב געגלייבט, אַז נאָר ער קען מיר דערקלערן מײַנע אַלע ספקות, וואָס פּלאָגן מיך אַזוי, און איך קען זיך נישט באַרויקן און איך ווייס נישט אויף וואָס פאַר אַ וועלט איך גיי אַרום.

זיך זען מיט ענגעלשטיינען איז בײַ מיר געוואָרן דאָס העכסטע, דאָס גרעסטע, וואָס איך האָב באַגערט אין מײַן לעבן.

עס האָט מיך אַזוי געצויגן צו אים, אַז יעדן שבת, ווען מײַן ברודער פלעגט שלאָפן נאָכן שבתדיקן קוגל און איך האָב געהאַט אַ ביסל פרייע צייט, פלעג איך גיין שפּאַצירן אויפן באַרג, ווו אויף אַ שיינער גאַס, צווישן אַ סך ביימער, האָט זיך געפונען די „שקאָלע" מיט נאָך עטלעכע בנינים. אין איינעם פון זיי האָט געוווינט דער לערער ענגעלשטיין מיט זײַן פאַמיליע.

איך האָב אָנגעהייבן יעדן שבת דאָ צו שפּאַצירן אויף דערפאַר, ווייל דאָ איז געווען אַ סך ביימער, פרישע לופט און מנוחה. און עס האָט זיך געטראַכט און געטראַכט...

איינמאָל, שבת, דערזע איך, ווי דער לערער ענגעלשטיין קומט אָן פון שטאָט און גייט צווישן די ביימער אין הויף פון דער „שקאָלע". איך האָב נישט געקוקט אַזוי אויף אים, ווי אויף זײַן שיין שטעקל, „וואָס ער טראָגט אום שבת".

פּלוצלונג האָט ער זיך אָפּגעשטעלט, אַ קוק געטאָן אויף מיר מיט פאַרוווּנדערונג, פּונקט ווי ער זאָל פרעגן: ווי קומט דאָ אום שבת לעבן דער „שקאָלע" אַ יינגעלע מיט פּיאותלעך און מיט אַ לאַנג קאַפּאָטעלע?

און פלוצלונג האָט ער מיך אַ פרעג געטאָן:

— וואָס טוסטו דאָ, יינגעלע?

— איך שפּאַציר... דאָ זענען אַ סךביימער... עס איז אַזוי שיין... איר האָט מיך נישט דערקענט? — האָב איך נישט זיכער געשמייכלט.

— ווער ביזטו דען?

איך האָב אָנגערופן מיין ברודערס נאָמען.

— יאָ, יאָ, איך האָב דיך געזען ביי דיין ברודער אין קראָם, — האָט ער זיך דערמאָנט און מיך אַ גלעט געטאָן איבערן בעקל. — וואָס־זשע שטייסטו דאָ; קום אין שטוב, וועסטו זיך אָפּרוען און איך וועל זען, ווי האַלסטו עפּעס מיט דיין לערנען.

איך האָב בעת מעשה נישט געטראַכט, צי זאָל איך יאָ גיין אָדער נישט גיין איך האָב פאַרגעסן, אַז עס איז שבת און אַז מיין ברודער, ווען ער וועט אויפשטיין פון שלאָף, וועט ער נעווים פרעגן אויף מיר, און איך בין אים נאָכגעגאַנגען.

מיר זענען געגאַנגען אויף אַ סטעזשקע, אויסגעשיט מיט זאַמד צווישן צוויי שורות ביימער. שטיל, רויק און אָנגענעם איז געווען. מיר האָבן געשוויגן, קיין איינציק וואָרט נישט אַרויסגערעדט.

דערנאָך זענען מיר צוגעקומען צו אַ גאַנעק, אַרומגעוואַקסן מיט אַ סך ווייַנבלעטער.

אויפהייבנדיק זיך אויף עטלעכע טרעפּ, האָט דער לערער אויפגעעפנט אַ גלעזערנע טיר, אויף וועלכער עס האָט אָנגעהייבן צו ציטערן אַ קליין גלעקעלע, וואָס איז געווען צוגעבונדן צו דער טיר. עס האָט געקלונגען מיט ציטערניש, און איך האָב דערפילט, אַז מיין האַרץ ציטערט אויך אַזויווי דאָס גלעקעלע.

* * *

איבערגעגעבן, וואָס איך האָב איבערגעלעבט אין דעם מאָמענט, ווען איך האָב אַריבערגעטרעטן די שוועל פון ענגעלשטיינס הויז,

וואלט איך עס נאר געקענט טאן, ווען איך זאל זיך אויסדריקן מיט מליצה־ווערטער, ווי די אמאליקע יידישע מחברים פלעגן זיך אויסדריקן. „ווען פון דעם ים זאל ווערן טינט און פון די וועלדער פענעס”, וואלט איך נישט געקענט באשרייבן דאס, וואס כ'האב דאן איבערגעלעבט.

אבער בעסער פון אלע מליצה־שרייבער האט זיך אויסגעדריקט מיט איין ווארט מיין ברודער, ווען ער האט אין א צייט ארום זיך דערוווסט, אז איך ווער אפט פארפאלן אין ענגעלשטיינס הויז.

מיין ברודער האט דאן געזאגט, אז איך בין אין ענגעלשטיינס הויז „פ א ר ב ר ע נ ט” געווארן.

און דאס איז געווען דער ריינער אמת.

ארייַנקומענדיק דאס ערשטע מאל אין ענגעלשטיינס הויז און דערזעענדיק, וואס דא טוט זיך, האב איך דערפילט, אז איך ברען ווי א העליש פייער.

איך האב דערזען פאר זיך א גרויס צימער, אלע ווענט פארשטעלט מיט שאפעס ביכער. אינמיטן צימער איז געשטאנען זייער א לאנגער טיש, פארלייגט מיט ביכער און אלערליי צייטונגען, און ארום טיש זענען געזעסן יונגע לייט, יינגלעך און מיידל'עך, אויך א פאר דערוואקסענע מענטשן, און מען האט געלייענט צייטונגען און ביכער.

דער לערער ענגעלשטיין האט מיך געבעטן זיך זעצן אויף א בענקל, אין א ווינקל פון צימער, און זיך אויך צוגעזעצט לעבן מיר. ער האט מיך אויסגעפרעגט, וואס איך לערן אין קלויז און ביים רבין און מיך געפרעגט, צי לייען איך ביכער אדער צייטונגען.

ווען מיין לערנען האב איך אים אלץ דערציילט און געזאגט, אז קיין בלעטער האב איך קיינמאל נישט געלייענט, נאר אין א ספר האב איך יא ליב ארייַנצוקוקן.

ער איז פון מיין לערנען געבליבן זייער צופרידן און ווען מיין ליב האבן ארייַנצוקוקן אין א ספר, האט ער מיר געזאגט, אז איך קען קומען צו אים, ווען איך וויל נאר, און דערביי האט ער מיר אנגעוויזן אויפן טיש, ווו עס זענען געווען אנגעווארפן פארשידענע צייטונגען און ביכער.

דער לערער האט מיר דערקלערט, אז ער האט דא א יידישע בוכהאנדלונג מיט א ביבליאטעק און א „לעזע־זאל”. ווען מען נעמט

ביכער אַהיים צו לייענען. דאַרף מען צאָלן, נאָר ווער עס וויל קומען דאָ לייענען, איז אומזיסט, און וואָס עס געהער זיך אָן צו מיר, האָט ער געזאָגט, קען איך נעמען ביכער צום לייענען אָן געלט איך קען לייענען, וויפל איך וויל.

ער האָט מיר נאָכאַמאָל געזאָגט, אַז איך דאַרף לערנען אַ סך. וועל איך זיין אַ ווויל ייִנגל. נאָכדעם איז ער אַריין צו זיך אין אַ צווייטן צימער, ווו זיין פאַמיליע האָט געוווינט, זאָגנדיק, אַז ער וועט נאָך שפּעטער אַריינקומען דערווייל קען איך זיך זעצן ביים גרויסן טיש און לייענען וואָס איך וויל.

שטיל, באַשיידן און פאַרשעמט, בין איך צוגעגאַנגען צום גרויסן טיש. זיך געזעצט אויף אַ בענקל און איך האָב זיך אָנגעהייבן אַרומקוקן. וואָס עס טוט זיך דאָ אויף דעם גרויסן ט״ש. פון ערשטן בליק בין איך שטאַרק איבערראַשט געוואָרן. איך האָב מיטאַמאָל דערזען אַ סך יידישע צייטונגען: „המגיד״, „המליץ״ און טאַקע דעם ערשטן נומער „ישראליק״, וועלכן איך האָב שוין איינמאָל צוזאַמען מיט מיין חבר ברוכן געהאַלטן אין די הענט, און מיין רבינס בחור האָט עס ביי אונדז אַרויסגעכאַפּט שטיקלעכווייז.

די דאָזיקע צייטונגען מיט יידישע אותיות האָט מיך אינגאַנצן פאַרכאַפּט. איך האָב זיי אָנגעהייבן צו שלינגען. איך האָב געוואָלט אַלץ מיט איינמאָל איבערלייענען, און אַזוי ווי מיר איז עס געווען אוממעגלעך, האָב איך קיין איינציק אַרטיקל נישט געענדיקט און געכאַפּט אַלעמאָל עפּעס נייעס צום לייענען.

דערנאָך האָב איך זיך געכאַפּט צו די שיינע יידישע ביכלעך, וואָס איינס פון זיי האָט מיך באַזונדערס פאַראינטערעסירט: דאָס איז געווען דאָס לעצטע העפט פון העברעאישן חודש זשורנאַל „השחר״ פון פרץ סמאָלענסקין.

איך בין געווען אַזוי פאַרטיפט אין די צייטונגען מיט די מאָדנע ביכער און ביכלעך, אַז איך האָב פאַרגעסן אין דער צייט, ווי זי איז געפלויגן.

איך האָב פאַרגעסן, אַז איך האָב איבער זיך אַן עלטערן ברודער און אַ רבין.

איך האָב פאַרגעסן אַן חדר און אָן דער קלויז, ווו איך דאַרף באַלד גיין דאַוונען מנחה, און האָב זיך אַלץ מער און מער פאַרטיפט אין די ביכער און אין די צייטונגען, וועלכע איך האָב געהאַלטן

אין איין בלעטערן. און אין יעדן בלעטל, וואָס איך האָב איבערגע־מישט האָב איך געפונען פאַר מיר ווונדערלעכע זאַכן, פון וועלכע איך האָב קיינמאָל נישט געהערט.

איך בין געווען אַזוי פאַרטיפט און פאַרטראַכט, אַז ווען עס זאָל געווען אַ שטייגער, אַנהייבן צו דונערן און בליצן אָדער ווען מען זאָל שיסן מיט האַרמאַטן, וואָלט איך זיכער נישט געהערט.

פלוצלונג אָבער איז פאַרגעקומען אַזוינס, וואָס האָט מיך מיט־אַמאָל אָפּגעריסן פון טיש מיט די אַלע ביכער און צייטונגען. און איך בין געבליבן זיצן, ווי אַ פאַרגליווערטער:

איינער פון די יונגעלייט, וואָס זענען געזעסן ביים טיש אויך פאַרטיפט אין די צייטונגען, האָט פלוצלונג אָנגעריבן אַ שוועבעלע און פאַררויכערט אַ פּאַפּיראָס.

אינדרויסן איז נאָך געווען טאָג און אויפן הימל האָט זיך נאָך קיין איינציקער שטערן נישט באַוויזן. דער יונגערמאַן האָט אַזוי־אַרום פאַררויכערט אַ פּאַפּיראָס אום שבת!..

איך בין אַ דערציטערטער געוואָרן. איך האָב געענוג אין מיין לעבן זיך אָנגעהערט וועגן אַפּיקורסים שרעקלעכע זאַכן, וואָס די האָר האָבן זיך געקענט שטעלן אויפן קאָפּ, אָבער רויכערן אַ פּאַפּיראָס אום שבת אַזוי אָפן, בפרהסיה, האָב איך נאָך קיינמאָל נישט געזען און נישט געהערט.

איך האָב זיך אַזוי דערשראָקן, אַז נאָך עטלעכע מינוט, ווען איך בין אַ ביסל געקומען צו זיך, האָב איך זיך אויפגעהייבן פון מיין אָרט און בין אַן אַ ווי־געוונט אַרויסגעלאָפן פון צימער אויף דער גאַס.

די פרייש לופט האָט מיך דערקוויקט. איך האָב אָנגעהייבן פרייער צו אָטעמען און גלייכצייטיק האָב איך דערפילט, אַז איך האָב זיך אַרויסגעכאַפּט פון אַ מוראדיקן גיהנום.

מיט גרויס שרעק בין איך אַוועקגעלאָפן אַהיים.

* * *

מנחה דאַוונען אין קלויז, האָב איך שוין פאַרשפּעטיקט. איך בין שוין אין קלויז נישט אַריינגעגאַנגען, און בכלל האָב איך דאָס ערשטע מאָל אין מיין לעבן נישט געדאַוונט קיין מנחה...

אַהיים האָט זיך מיר אויך נישט געגלוסט צו גיין. וויאַזוי וועל איך דאָס באַגעגענען מיין ברודער? וואָס וועל איך אים זאָגן, ווען ער וועט מיך פרעגן, ווו בין איך עס פאַרפאַלן געוואָרן דעם גאַנצן שבתדיקן טאָג, אַז איך בין אפילו אין קלויז נישט געקומען מנחה דאַוונען? און וויאַזוי וועל איך אים בכלל קענען קוקן גלייך אין די אויגן?

אָן אַ שום פּלאַן, האָב איך זיך אַרומגעפּלאָנטערט אויף די גאַסן. איך בין אַרומגעגאַנגען און האָב קיין זאַך און קיינעם נישט געזען פאַר מיינע אויגן.

איך בין געווען שרעקלעך אויפגערעגט און האָב געפילט, אַז די באַקן ברענען מיר, און עס האָט זיך מיר געטראַכט נאָר פון איין זאַך — פון דעם היינטיקן טאָג: געזעסן ביי ענגעלשטיינען אין הויז די גאַנצע צייט אָן אַ היטל, אַריינגעקוקט אין שרעקלעכע אפיקורסישע ביכער און בלעטער, וועלכע שפּעטן און מאַכן חוזק פון חסידים מיט זייערע „גוטע־יידן", אפילו פון אונדזער טאַלנער רבין אויך, און האָב דאָרטן געזען, ווי מען האָט אום שבת גערויכערט פּאַפּיראָסן. איך האָב געזען און געשוויגן און צום סוף האָב איך אַליין קיין מנחה נישט געדאַוונט!

אַ שעה האָב איך אַזוי אַרומגעבלאָנדזשעט איבער די גאַסן. צולעצט האָב איך זיך געלאָזט גיין אַהיים, טראַכטנדיק: וואָס עס וועט זיין — זאָל זיין!

איך האָב זיך געפּרוווט באַרויקן, מען זאָל גאָרנישט דערקענען אויף מיר. איך האָב מיין קאַפּאָטקעלע פאַרשפּילעט אויף אַלע קנעפּלעך, אויסגעגלייכט מיינע פּיאות, אָנגעפּרוקט דאָס היטעלע בעסער אויף זיין אָרט, נאָר מיט מיינע פלאַמענדיקע באַקן האָב איך גאָרנישט געקענט טאָן. זיי האָבן מיר געברענט, און ווען איך האָב צוגעלייגט מיין האַנט צו זיי, האָבן זיי מיך אַזוי ווי אָפּגעבריט.

ווען איך בין אריין צו מיין ברודער אין שטוב, איז שוין גע־ווען נאָך הבדלה.

מיין ברודער איז געזעסן ביים טיש איבער אַ פּאַק בריוו און חשבונות פון פאַרשידענע בערדיטשעווער גרויסע סוחרים „הורטאָווי־ניקעס", ביי וועלכע ער פלעגט קויפן סחורה פאַר זיין שניטקראָם. אויפן טיש איז אויך געלעגן דער „פדיון־בוך", וווּ עס איז געווען פאַרשריבן דער פדיון פון דער גאַנצער וואָך.

מיין שוועגערין, וועלכע איז געווען די גאַנצע פאַרקויפערין אין קראָם, איז אויך געזעסן ביים טיש. דער משרת פון דער קראָם האָט זיך דאָ אויך אַרומגעדרייט.

ווען מיין ברודער האָט מיך דערזען, האָט ער אָוועקגעלייגט אַלע חשבונות, אַ קוק געטאָן אויף מיר און געפרעגט:

— ווו ביזטו עס געווען אַ גאַנצן שבתדיקן טאָג? ווו האָסטו מנחה געדאַוונט?

איך האָב געשוויגן.

— און איך האָב געמיינט, אַז ער איז שוין אינגאַנצן פאַרפאַלן געוואָרן, — האָט מיין שוועגערין זיך אָפּגערופן מיט אַ בייז שמיי־כעלע.

דעליק דער משרת האָט געשטשירעט מיט זיינע געזונטע ווייסע ציין.

איך האָב קיין וואָרט נישט געענטפערט.

ווו האָסטו געדאַוונט מנחה? — האָט מיין ברודער ווידעראַמאָל געפרעגט.

— אין נייעם בית־המדרש, — האָב איך שטיל געענטפערט און געפילט, אַז איך זאָג אַ ליגן.

מיין ברודער, וועלכער האָט די גאַנצע צייט געהאַלטן אַ פען אין דער האַנט, האָט זי אַוועקגעלייגט און מיך ווידער געפרעגט:

— ווי קומסטו אין דער דייטשער שול דאַוונען מנחה?

איך האָב געענטפערט אויך מיט אַ פראַגע:

— פאַרוואָס איז עס אַ דייטשע שול? דאָרטן דאַוונט אַזאַ פיי־ערער ייד ווי ר' אברהמעלע בערגשטיין און דער רב ר' יאָסי דאַוונט אויך דאָרטן און אַ גאַנצע וואָך לערנט מען דאָרטן.

— אָבער דאָרטן דאַוונען אויך אַלע ווינעצער „דייטשן", די אפיקורסים ימח שמם און אַפילו דער לערער פון דער „שקאָלע"

ענגנעלשטיין. מילא, זאל זיין, אז עס איז נישט קיין דייטשע שול. נאר א בית-המדרש, ווי דו זאגסט, אבער ווי קומסטו אהין צו דאווענען מנחה, האסט נישט קיין קלויז?

עס איז מיר נאר שווער געווען דעם ערשטן ליגן צו זאגן, נאר איצט זענען שוין די ליגנס געגאנגען ווי א מזמור:

— איך האב שפאצירט, די ביימער האבן אזוי געשמעקט... צו מנחה האב איך זיך אריינגעכאפט אין נייעם בית-המדרש...

— וואס-זשע האסטו אזוי לאנג געדאווענט? עס איז דאך שוין מער ווי א שעה אין דער נאכט...

— איך האב א ביסל געלערנט. דארט זענען פאראן צוויי גרויסע שאפעס מיט ספרים.

דער ברודער האט געזאגט:

- שבת גייסטו ארום ליידיק און שפאצירסט, און שבת-צו-נאכטס, ווען אלע זיצן אינדערהיים, איז דיר אנגעקומען דאס לערנען... און וואס, מיין טייער ברודערל, ביזטו אום שבת געווארן א שפאצירער, ווען יעדער ייד זיצט אינדערהיים און קוקט אריין אין א ספר? וואס ביזטו א דייטש געווארן, וואס דו האסט אנגעהייבן צו שפאצירן?

די שוועגערין האט זיך צעלאכט און זעליק האט ווידעראמאל באוויזן זיינע ווייסע ציין.

מיין ברודער האט אנגעשריען אופן משרת, כאטש ער האט קיין איינציק ווארט נישט געזאגט, נאר געמיינט האט ער אנצושרייען אויף דער שוועגערין, פארוואס זי האט זיך צעלאכט.

מיך האט אנגעהייבן צו פארדריסן, וואס אלע לאכן פון מיר און וואס מיין ברודער פרעגט מיך אזוי אויס, און מיט אנגסט האב איך זיך אנגערופן צו אים:

— וואס פרעגסטו מיך אזוי אויס, פונקט ווי איך האב ביי עמעצן עפעס צוגעגנבעט...

דאן האט זיך מיין ברודער אויף מיר אראפגעווארפן מיט א שטיק מוסר:

— ארומגיין א גאנצן שבתדיקן טאג, ווי א ליידיקגייער, קיין ספר אין האנט נישט גענומען און געשפאצירט ערגעץ אין אלדע שווארצע יאר, איז ערגער ווי געגנבעט! און וויאזוי ווייס איך טאקע, צי דו האסט מנחה און מעריב געדאווענט?

— אויב דו ווילסט אים נישט גלייבן, גיי פרעג אַלטע סטיסע די ליגנערין, זאָגט מען ביי אונדז אין ווינניצע—האָט מיין שוועגערין זיך אָנגעהייבן ווערטלען אויף מיין חשבון, ווי איר שטייגער איז געווען, ביי יעדן צופאַל מיר אַ שטאָך צו טאָן.

פון די אַלע רייד האָב איך זיך אָנגעצונדן, ווי אַ שוועבעלע. איך האָב מער קיין וואָרט נישט גערעדט און בין אַנטלאָפן אין צווייטן צימער אריין.

• • •

איך בין געזעסן אליין אין צימער און האָב זיך געפילט פאַר דעם אומגליקלעכסטן מענטשן אין דער וועלט.

איך האָב געהערט, ווי מיין ברודער האָט זיך הויך איבערגע-רעדט מיט דער שוועגערין. פון וואָס זיי האָבן אַזוי הויך גערעדט, האָט מען אין מיין צימער נישט געקענט הערן, נאָר איך האָב פאַר-שטאַנען, אַז מען רעדט וועגן מיר, אַז צווישן זיי קומט פאָר אַ שטיקל מחלוקת, און האָב געפילט, אַז מיין שוועגערין פאַלט אָן אויף מיר און אַז מיין ברודער האַלט מיט מיר און פאַרענטפערט מיך.

בכלל האָט מיך מיין ברודער זייער ליב געהאַט, נאָך בעסער פון זיינע אייגענע קינדער. ער האָט נאָר געוואָלט, אַז איך זאָל גיין אין זיינע וועגן, און זאָל אויסוואַקסן, אויב נישט קיין רב, איז כאָטש אַ פרומער ערלעכער ייד און זאָל קענען גוט לערנען.

ער פלעגט אויף מיר אַכטונג געבן, דאַכט זיך, מער ווי אויף זיינע קינדער. ער האָט ליב געהאַט איך זאָל אים אַלץ פאָלגן, גיין אין זיינע דרכים, און טאָמער האָב איך אים אַמאָל נישט געפאָלגט, האָט ער אויף מיר אָנגעשריען, און ווען איך האָב אַמאָל אָפּגעענט-פערט, פלעגט ער זיך קריגן מיט מיר. אָבער שלאָגן, אַ האַנט אויפ-הייבן אויף מיר, ווי דער שטייגער איז פון עלטער־ע מענטשן מיט קינדער, האָט ער קיינמאָל נישט.

ער פלעגט מיך לערנען ווי „צו זיין אַ מענטש". איז עס נישט געגאַנגען מיט בייזן, האָט ער עס געטאָן מיט גוטן, אָבער איך האָב שטענדיק געפילט, אַז ער איז מיר געטריי און האָט מיך ליב.

מיין ברודער איז נישט געווען גליקלעך אין זיין פאַמיליען-לעבן פון דער ערשטער מינוט, זינט ער האָט חתונה געהאַט.

זיין ווייב איז געווען אינגאַנצן דער היפוך פון אים. ער איז געווען אַ ליבער מענטש מיט אַלעמען און האָט געהאַט אַ סך מעלות פון אַ שיינעם ייִד. דערצו איז ער אין זיין חסידישער וועלט געווען אַ אידעאַליסט. ער האָט זיך תמיד פיין אויפגעפירט און פאַר יעדן האָט ער געהאַט אַ גוט וואָרט.

זיין חסידיש לעבן איז געווען פאַרגאָסן מיט אַ סך פּאָעזיע, און ער איז געווען דער אמתער חסידישער פּאָעט.

ער איז שטענדיק געווען דער ערשטער צו געבן אַ שיינע נדבה, אָדער אויף צדקה-אַנשטאַלטן, לויט זיין שטאַנד. דערצו איז ער געווען ביי זיך אַ ריינער, אַן אָפּגעהיטער. שטענדיק, אַפילו אינדערוואָכן איז ער געווען שיין און ריין געקליידט, און ער האָט זיך קיינמאָל נישט געזעצט עסן, אַז דער טיש זאָל נישט זיין געדעקט מיט אַ ווייס טישטוך און אַלץ זאָל זיין ריין און שיין.

זיין פּראַווען דעם שבתדיקן טיש, זיין דאַווענען, קידוש-מאַכן און זמירות-זינגען האָט געהאַט דעם זיבעטן חן. אַלע ווייבער האָבן זיך געבענטשט מיט אים און די גאַנצע שטאָט האָט אים ליב געהאַט. אַפילו די משכילים און אַפּיקורסים האָבן געהאַלטן פון אים, כאָטש ער איז געווען זייער אַ שטאַרקער קעגנער.

זיין ווייב, מיין שוועגערין, איז געווען אַ געוויינלעכע ייִדענע, וואָס האָט זיך גערעכנט פאַר אַ בריה אין קראָם, געקענט רעדן מיט קונים און זיי אָפּשאַכערן, ווי אַלע אַנדערע קרעמער, ווען עס האָט זיך נאָר געלאָזט.

כמעט אַלע יאָר האָט זי געשיט-מיט קינדער, נאָר קיין איינציקס פון זיי נישט דערצויגן, ווי אַ מוטער, ווייל באַלד נאָך דער קינפּעט, פלעגט זי דאָס קינד אַוועקגעבן צו אַן אַם צו איר אין הויז, און אויב זי האָט קיין ביליקע אַם נישט באַקומען אין שטאָט, פלעגט זי דאָס קינד אַוועקגעבן צו אַן אַם אין אַ קליין שטעטל. און ערשט, ווען דאָס קינד איז אַלט געוואָרן אַ יאָר צוויי-דריי, פלעגט מען עס

ברענגען אַהיים צו דער מאַמען. אַזוי אַרום איז דאָס קינד תמיד גע־וואַקסן אויף הפקר.

דער תירוץ איז געווען, וואָס די מאַמע איז אַ קרעמערקע, אַז אַן איר קען זיך די קראָם נישט באַגיין, און זי האָט קיין צייט נישט זיך אָפּצוגעבן מיט האָדעווען קינדער.

אין שטוב איז געווען אַ דינסט, וואָס האָט געקאָכט און גע־רוימט און זי האָט אויך אַכטונג געגעבן אויף די קינדער.

אַמאָל, שבת אָדער יום־טוב, פלעגט זיך אָנרופן אין מיין שוועגערין די מוטער און עס האָט זיך אַרויסגעוויזן איר געטריישאַפט צו די קינדער מיט דעם, וואָס זי פלעגט זיי אָנהייבן „שטאָפּן" מיט אַזויפיל עסן, אַז די קינדער האָבן שיעור געפּלאַצט און געשריען, אַז זיי קענען מער נישט עסן.

אָבער פון גרויס געטריישאַפט פלעגט זי זיי מיט געוואַלט ווידער שטאָפּן, גלייבנדיק, אַז וואָס קינדער עסן מער, איז עס אַלץ געזונטער.

נאָר אָפט האָט זיך אויסגעלאָזט, אַז די קינדער פלעגן פון אַזאַ מוטערלעכער געטריישאַפט קראַנק ווערן אויף די בייכלעך. אַז מען האָט געמוזט שיקן נאָכן רופא אָדער נאָכן דאָקטאָר.

די שוועגערין איז געווען די בריה אין קראָם און מיין ברודער פלעגט פאָרן פון צייט צו צייט קיין בערדיטשעוו איינקויפן פרישע סחורה פאַר דער קראָם און אַ פּאָר מאָל אין יאָר אויף די גרויסע ירידים קיין פּאָלטאַווע, כאַרקאָוו און אויף די „קיעווער קאָנטראַקטן".

אין קראָם פלעגט מיין ברודער אויך אָפט קומען, באַזונדערס אין די טעג, ווען עס פלעגן זיך שטעלן די ירידים. אָבער מיין שוועגערין איז נישט געווען צופרידן און פלעגט אים טרייבן פון קראָם, ווייל זי פלעגט זאָגן, אַז ער מאַכט איר קאַליע די פרייזן. ער ווייסט נישט ווי צו נעמען טייערער ביים קונה, ווען עס לאָזט זיך נעמען. ער פלעגט שטענדיק זאָגן אַ פעסטן פרייז מיט אַ פּאָר פּראָצענט סאָרדינסט, נישט אַראָפּגעלאָזט און נישט גענומען מער. ער פלעגט זיך קיינמאָל נישט שווערן, אַז ער דערלייגט צום פרייז, ווי זי פלעגט עס טאָן.

דעריבער האָט מיין ברודער געהאַט צייט לענגער צו דאַווענען אין קלויז, לערנען, זיך אָפּגעבן צו ביסלעך מיט כלל־זאַכן און אַכטונג געבן אויף מיר. פון זיינע קינדער פלעגט בר טייניק האַלטן. איינמאָל,

ווען ער האָט זיך געשאָמפּערט מיט דער שוועגערין, האָט ער געזאָגט, אַז זיינע קינדער זענען לעבעדיקע יתומים און פון קינדווייז אָן האָדעוועט זיי זיך ביי פרעמדע מענטשן.

דער שוועגערין פלעגט, נאַטירלעך, פאַרדריסן, וואָס ער האָט מיך מער ליב פון זיינע אייגענע קינדער און עס האָט איר שטאַרק הנאה געטאָן, וואָס איך האָב זיך שבת אַזוי אויפגעפירט, אַז מיין ברודער האָט אויף מיר אָנגעשריען, און עס האָט געבראַכט דערצו, איך זאָל אַנטלויפן פון טיש אין אַ באַזונדער צימער.

געפינענדיק זיך איצטער אַליין אין צימער, האָב איך ווייטער געליטן דערפון, וואָס מיין ברודער האָט פון מיר יסורים. איך האָב זיך אַליין אינגאַנצן באַשולדיקט. איך האָב זיך געזאָגט, אַז איך האָב זיך זייער שלעכט אויפגעפירט.

איך בין געווען גרייט איבערצובעטן דעם ברודער, אים האַלדזן און קושן, ער זאָל מיר דאָסמאָל מוחל זיין און צוזאָגן, אַז איך וועל שוין מער אַזוינס נישט טאָן, נאָר דאָס גרויסע עקשנות אין מיר און מיין גדלות האָט מיך נישט געלאָזט דערצו.

איך האָב אַרויסגעקוקט, אַז מיין ברודער זאָל מיך רופן. דעמאָלט, וועל איך גיין אים איבערבעטן. אָבער קיינער האָט מיך נישט גע-רופן.

איך בין געזעסן אַליין אין צימער און האָב שטיל געוויינט.

פלוצלונג האָב איך דערהערט, ווי עס קומען באַקאַנטע טאַלנער חסידים צו מלוה-מלכה.

איך האָב געהערט, ווי מיין ברודער האָט זיי פריילעך און פריינטלעך באַגעגנט. עס האָבן געקלונגען מעסער און גאָפּלען — מען האָט געגרייט צום טיש.

פלוצלונג האָב איך דערהערט מיין ברודערס קול. ער רופט מיך, נאָר איך גיי נישט און רוף מיך אַפילו נישט אָן...

איך האָב ווידער געהערט, ווי מיין ברודער רופט מיך, נאָר איך האָב זיך נישט אָנגערופן.

אַ ביסל שפּעטער איז אַריינגעקומען זעליק דער משרת און מיר געזאָגט, אַז דער ברודער רופט מיך צום טיש, איך האָב אים געזאָגט, ער זאָל צוועקגיין און זיך אָפּטשעפּען פון מיר.

דערנאָך איז געקומען די שוועגערין מיט טענות צו מיר:

— וואָס האָסטו זיך אַזוי אָנגעברוגזט? דיר קומט נאָך אַרויס פאַר דיין שיינער אויפפירונג? גיי שוין צום טיש!

איך האָב געזאָגט, אַז איך וויל נישט גיין.

זי איז אַוועקגעגאַנגען און אַ ביסל שפּעטער נאָך איר איז אַריינגעקומען מיין ברודער אַליין.

זיין פּנים איז געווען בלאַס, אין זיינע אויגן האָב איך געזען שטייענדיקע טרערן. מיט אַ ווייכער שטימע, פול מיט גוטסקייט, האָט ער זיך אָנגערופן צו מיר:

— קום צום טיש, דו ווילסט מיך פאַרשעמען פאַר מענטשן? נו, קום שוין! מען וואַרט מיט דער מלווה-מלכה.

ער האָט מיך האַרצלעך אָנגענומען ביי דער האַנט און געפירט מיט זיך. איך בין אים נאָכגעגאַנגען, נאָר איך האָב געפילט, ווי די טרערן שטיקן מיך און אָט, באַלד וועל איך אויסשיסן מיט אַ געוויין.

איך האָב געפילט, ווי ער איז פול מיט ליבע צו מיר, און עפּעס האָט זיך מיר געוואָלט אויסגיסן מיין גאַנץ האַרץ פאַר אים, און אים אויפדעקן מיינע אַלע ספקות וועגן די חסידים, וועגן מיינע מלמדים, ביי וועלכע איך לערן, און אַפילו וועגן דעם טאַלנער רבין מיט דער גאַנצער פרומקייט, וואָס נעמט צו מיין צייט, מיין גאַנץ לעבן.

איך האָב אים געוואָלט אויסזאָגן דעם גאַנצן אמת, אַז איך האָב היינטיקן שבת פאַרבראַכט ביי ענגעלשטיינען, וואָס איך האָב דאָרטן געזען און ווי עס ציט מיך ווידער צו גיין צו אים אין זיין הויז, ווו איך האָב געפונען אַ נייע וועלט פאַר מיר.

איך האָב געגלייבט, אַז מיין ברודער וועט אויף מיר נישט שרייען, ער וועט נישט זיין אין כעס, כאָטש ער אַליין איז איינער פון די גרעסטע און פרומסטע חסידים און דער טאַלנער רבי איז ביי אים אַ גאָט.

איך האָב געגלייבט אין דעם אַלץ־מען דערפאַר, ווייל איך האָב געפילט, אַז ער באַציט זיך צו מיר מיט אמתער ברודערלע־כער ליבע.

נאָר איך האָב קיין וואָרט נישט געזאָגט און בין אַריין אין עסשטוב, ווו אַרום טיש זענען געזעסן אַ צענדליק חסידים, פרייעלעכע און לעבעדיקע.

איך האָב זיך אויך געזעצט ביים טיש.

די חסידים האָבן געגעסן, געטרונקען און פריילעך געזונגען, און אייניקע פון זיי האָבן געטאַנצט, קלאַפנדיק איין האַנט אין דער צווייטער.

שטענדיק ביי די מלוה-מלכות אָדער אויף אַ חסידיש שמחהלע פלעג איך זינגען, טאַנצן און הוליען גלייך מיט זיי און מיט דעמזעלבן ברען און התלהבות, ווי זיי. נאָר איצטיקס מאָל בין איך געזעסן שטיל אויף מיין אָרט, נישט דערפאַר, וואָס איך בין געווען אָנגעברוגזט, נאָר גלאַט האָבן מיר די חסידים, דאָס ערשטע מאָל אין מיין לעבן, אָנגעהייבן נישט צו געפעלן. בעת זייער עסן, און באַזונדערס, זייער טרונקען, האָבן זיי ביי מיר אויסגעזען, ווי זוללֿ-וסובאניקעס. זייער זינגען און טאַנצן האָט מיר דערמאָנט אין אַ דאָרפישער קרעטשמע...

פון דעם שבת-צו-נאַכטס אָן האָב איך אָנגעהייבן צו קוקן אויף חסידים, ווי אויף ליידיקגייער, וועלכע לעבן אינדערפינסטער.

איך האָב דערפילט, אַז איך בין מער נישט ווייערער, אַז איך בין פרעמד מיין גאַנצער משפחה, אפילו מיין ברודער, כאָטש איך האָב אים זייער ליב געהאַט, און ליב געהאַט האָב איך אים נישט נאָר דערפאַר, ווייל ער איז מיין ברודער, נאָר אויך דערפאַר, ווייל ער איז נישט געווען אַזויווי די אַלע אַנדערע חסידים.

ער האָט זיך קיינמאָל נישט אויפגעפירט אַזויווי זיי.

ער איז געווען באמת פרום, ער האָט אָפט ליב געהאַט צו דאַווענען ביחידות, און מיט אַ שטיקן זיסן געזאַנג האָט ער אויסגעגאָסן זיינע תפילות פאַר דעם, וואָס לעבט אייביק און שטענדיק מיט שטייענדיקע טרערן אין די אויגן, וועלכע האָבן אים אַזוי שיין געפאַסט צו זיין הדרת-פנים.

ער האָט נישט ליב געהאַט צו מאַכן קרומע העויות ביים דאַווענען. ער האָט נישט געשיכורט, ווי אַנדערע חסידים, און ווען ער פלעגט טרונקען ווייַן אָדער בראַנפן, איז עס געווען נאָר צוליב דעם, ער זאָל מאַכן אַ ברכה, טרונקען „לחיים“ און ווינטשן ישועות ונחמות כלל ישראל.

ער האָט נישט ליב געהאַט צו רעדן אויף אַנדערע גוטע יידן. אפילו אַפּיקורסים פלעגט ער וועלטן שעלטן. ער האָט ליב געהאַט יעדן ייד, אַפילו אַפּיקורסים, ער האָט נאָר פיינט געהאַט אַן אַפּי-

קורוס להכעיס, וואָס פלעגט טאָן אַלערליי עבירות בפרהסיה און פלעגט אָפּלייקענען, אַז עס איז דאָ אַ גאָט אויף דער וועלט. ער האָט גע־שעצט יעדן געבילדעטן ייִד, ווען יענער האָט נישט גערעדט אויף גאָט און נישט אָפּגעלאַכט פון רבין.

ווען איך האָב אַמאָל געפרעגט מיין ברודער, פאַרוואָס געפינען זיך אַזעלכע חסידים, וואָס רעדן אויף אַנדערע גוטע ייִדן, טרינקען און זויפן, ווי שיכּורע גויִים אין קרעטשמע און קריגן זיך און שלאָגן זיך מיט אַנדערע חסידים, האָט ער מיר געענטפערט:

— עס זענען דאָ חסידים און חסידים־שוטים... איך אַליין האָב נישט ליב קיין חסיד־שוטה. אַ חסיד שוטה איז ערגער פון אַן אַפּי־קורוס. אונדזער רבי, זאָל לעבן, האָט אויך נישט ליב אַזעלכע חסידים. נאָר וואָס קען מען מאַכן? אַן אמתער חסיד, ווען ער טרינקט משקאות, טאַנצט און זינגט, טוט ער דאָס לשם שמים... אַלץ, וואָס אַ חסיד טוט, דערהייבט עס זיך צו דעם, וואָס לעבט אייביק. אַ חסיד־שוטה אָבער, טרינקט, ער זאָל ווערן שיכּור, טאַנצט און זינגט, עס זאָל אים זיין פריילעך און פאַרט צום רבין, ער זאָל לעבן אַ גוטן טאָג ביים רבין אין הויף, זיך אָנפרעסן, אָנשיכּורן און הוליען טאָג און נאַכט... וואָס קען מען מאַכן מיט זיי? אַזוי האָט שוין גאָט באַשאַפן זיין וועלט. עס זענען דאָ גוטע און שלעכטע. די וועלט אָבער שטייט נאָר אויף די אמתע חסידים...

מיין ברודער האָט זיך אַמאָל פאַר מיר מודה געווען, אַז צווישן די אַפּיקורסים געפונען זיך אויך לייטישע מענטשן, כאָטש זיי האַלטן נישט פון רבין, גייען בגלוי־ראש און קורץ געקליידט.

אָבער עס זענען דאָ אַזעלכע, וואָס מען טאָר אין זייערע ד׳ אמות נישט שטיין. זיי מאַכן זייערע אייגענע קינדער פאַר גויִים און אפילו פון פרעמדע קינדער, ווען זיי פאַלן אַריין אין זייערע הענט, מאַכן זיי אויך אַפּיקורסים און גויִים.

פון מיין אייגענעם ברודער האָב איך זיך דערוווסט, אַז נישט אַלע חסידים זענען פרום און לייטיש און איך האָב זיך אָנגעהייבן מער צוקוקן צו זיי.

זיי האָבן מיר לגמרי אויפגעהערט צו געפעלן, און איך האָב זיי אָנגעהייבן אויסצוווייכן. מיך האָט נעצויגן ערגעץ אַנדערש. זינט איך בין איינמאָל געווען ביי ענגעלשטיינען אין הויז, האָט עס מיך גע־צויגן, איך זאָל ווייטער קומען צו אים אין הויז.

עס האָט מיך געצויגן צו די שאַפּעס ביכער און צייטונגען, וואָס האָבן זיך געפונען אין זיין הויז. חוצדעם, אָבער, האָט מיך געצויגן צו ענגעלשטיינען אַליין. אַ קלייניקייט צו זאָגן: ענגעלשטיין האָט זיך געדרוקט אין „הצפירה" און איך האָב אַליין אין „הצפירה" געזען זיין נאָמען מיט געדרוקטע אותיות: דוד ענגעלשטיין!

אין דער לעצטער צייט האָב איך זיך אויך דערוווּסט, אַז דוד ענגעלשטיין איז אַן איידעם און זיין ווייב איז אַן אייגענע טאָכטער פון דעם גרויסן שרייבער אליעזר צבי הכהן צווייפעל, וואָס האָט גע־דרוקט אַ סך ספרים אין העברעיש און איז געווען איינער פון די אָנגעזעענסטע לערער אין דער זשיטאָמירער ראַבינערשול.

צווייפעל איז געווען באַליבט ביי אַלעמען, ביי די משכילים — די אַפּיקורסים און אויך ביי די חסידים פאַר זיין ווערק „שלום על ישראל", ווו ער האָט דער ערשטער פון די השכלה־שרייבער גערעדט אַ גוט וואָרט וועגן חסידים.

## קאַפּיטל דרייסיק.

פון דער צייט אַן האָב איך אָנגעהייבן אָפטער אַריינצוקומען צו דוד ענגלשטיינען אין הויז, דאָס הייסט, אין זיין ביבליאָטעק, וואָס האָט זיך געפונען אין שכנות מיט זיין וווינונג.

קיין בן־אדם האָט דערפון נישט געוווסט, בפרט נאָך מיין ברודער אָדער אַנדערע פון מיין משפחה, און ווער שמועסט — מיינע חברים פון קלויז.

אין דער ביבליאָטעק פלעג איך שטענדיק געפינען עטלעכע יונגעלייט און אַ פּאָר מיידלעך, וועלכע זענען געזעסן ביים טיש און האָבן געלייענט.

עס פלעגן אויך אָפט קומען אייניקע, וועלכע האָבן אָפּגעגעבן איבערגעלייענטע ביכער, גענומען נייע און זענען באַלד אַוועקגעגאַנגען, און קיינער פון די אַלע מענטשן האָט נישט געוווּסט, ווער איך בין און איך האָב נישט געוווסט, ווער זיי זענען.

די גאַנצע צייט, וואָס איך פלעג זיך געפונען אין דער ביבליאָ־טעק, בין איך געווען אַזוי שטאַרק פאַרטיפט אין לייענען צייטונגען, ביכער און זשורנאַלן, אַז איך האָב כמעט קיינעם נישט באַמערקט. די צייט איז געפלויגן פאַר מיר אַזוי אומבאַמערקט, אַז איך פלעג טיילמאָל פאַרגעסן דעם טאָג...

איך בין שטענדיק געווען דער לעצטער. איך בין געזעסן און געלייענט, ביז מען האָט פאַרמאַכט די טיר פון דער ביבליאָטעק.

מיין חשק צום לייענען איז געווען זייער גרויס. ווען איך האָב געלייענט, האָב איך פאַרגעסן אין עסן און אין אַלץ אויף דער וועלט.

איך פלעג נישט לייענען, נאָר שלינגען. דער שטאַרקער חשק צום לייענען האָט געווירקט אויף מיר אַזוי, אַז איך האָב קיינמאָל נישט געטראַכט, וואָס עס וועט זיין מיט מיר, ווען מיין ברודער אָדער מיינע חברים אין קלויז, ווו איך האָב געדאַווענט און געלערנט, וועלן זיך דערוויסן דערפון.

זאָל זיין וואָס עס וויל זיך, האָב איך געטראַכט. אגב, האָט מיין ברודער מיך אויפגעהערט צו פרעגן, ווו איך פלעג פאַרפאַלן ווערן.

געלייענט האָב איך אין דריי שפּראַכן: העברעיש, יידיש און רוסיש. און געגלוסט האָט זיך מיר מיטאַמאָל איינצושלינגען אַלע ביכער פון ענגעלשטיינס ביבליאָטעק, ווי אַ דאָרשטיקער, וואָס וויל אויסטרינקען אַ גאַנצן טייך... איך האָב געשלינגען איין בוך נאָך דעם אַנדערן און זיך קיינמאָל נישט אָנגעזעטיקט מיט זיי.

איינמאָל, ווען מען האָט שוין באַדאַרפט פאַרשליסן די טיר פון דער ביבליאָטעק, און אַלע זענען שוין אַוועקגעגאַנגען, איז אַריינגעקומען ענגעלשטיין און האָט מיך איינגעלאַדן צו זיך אין הויז אויף אַ גלעזל טיי.

איך האָב זיך געזעצט ביים טיש, ווו עס איז געזעסן זיין פרוי און צוויי קינדער.

איך האָב אַ קוק געטאָן אויף זיין פרוי: אַ שטיל רויִק קליין ווייבעלע, וואָס האָט כמעט קיין וואָרט נישט אַרויסגערעדט. און איך האָב זיך געטראַכט, אַז זי איז דאָס די טאָכטער פון דעם גרויסן מחבר און פון דעם אַלעמען באַליבטן אליעזר צבי הכהן צווייפעל.

ענגעלשטיין אַליין איז געווען אַ יונגערמאַן פון אַריבער דרייסיק יאָר, אַ לאַנגער, אַ דאַרער, און אַ שטילער. אַפילו גיין פלעגט ער שטיל אויף די שפּיץ פינגער, גערעדט האָט ער שטיל און קיינמאָל קיין איבעריק וואָרט נישט אַרויסגעלאָזט פון מויל. בכלל אַן איינגעהאַלטענער מענטש, וואָס האָט זיך קיינמאָל נישט צעהיצט.

דאָס הויז האָט אַפילו געמעגט ברענען! ער וואָלט מיר אפשר נישט געפעלן און איך וואָלט פון אים אַנטלאָפן, ווי איך בין שטענדיק אַנטלאָפן פון טרוקענע מענטשן, נאָר אין אים האָב איך געזען צוויי גוטע ליידנדיקע אויגן, וועלכע האָבן מיך צו אים צוגעצויגן מיט מיין גאַנץ האַרץ, מיט מיין גאַנצער נשמה.

אליין האָט ער געענדיקט די זשיטאָמירער ראַבינערשול, ווו צווייפעל איז געווען איינער פון די הויפּט-לערער. ענגעלשטיין, ווען ער איז נאָך אַ שילער געווען, איז אַפּט אַריינגעקומען צו זיין לע-רער אין הויז און האָט זיך פאַרליבט אין זיין טאָכטער, מיט וועל-כער ער האָט חתונה געהאַט.

טרינקענדיק טיי, האָט מיך פּלוצים ענגעלשטיין מיט זיין שטילער שטימע אָנגעהייבן אויסצופרעגן, וואָס פאַר אַ ביכער איך האָב שוין איבערגעליינט אין זיין ביבליאָטעק, און נאָכדעם, ווען איך האָב אים אויסגערעכנט אַ היבשע צאָל ביכער אויף דריי שפּראַכן, האָט ער זיך צו מיר נאָך שטילער אָנגערופן:

— עס איז זייער גוט, וואָס דו האָסט ליב צו לייענען, נאָר דו דאַרפסט אויך לערנען דקדוק, רוסישע גראַמאַטיק, מאַטעמאַטיק, גע-שיכטע, געאָגראַפיע, דו דאַרפסט ריכטיק, אָן פעלערן, לייענען און שרייבן העברעיש און רוסיש. אויב דו ווילסט, וועל איך דיך לער-נען אַ פּאָר מאָל אין וואָך אומזיסט, ווייל איך ווייס, אַז קיינער וועט פאַר דיר נישט צאָלן פאַר אַזעלכע לערנעכצן...

אין אַ ווייל ערום האָט ער צוגעגעבן:

— איך וואָלט מיט דיר מער געלערנט ווי צוויי מאָל אין וואָך, נאָר איך בין זייער פאַרנומען און האָב קיין צייט נישט. איך טו דאָס ווייל איך האָלט דיך פאַר אַ פעאיק יינגל.

פאַרשטייט זיך, אַז איך האָב מיט דאַנק אָנגענומען זיין פאָר-שלאָג.

איך האָב אָנגעהייבן קומען צו אים צוויי מאָל אין וואָך.

אין דער ערשטער צייט האָט ער געלערנט מיט מיר דקדוק און רוסישע גראַמאַטיק, ביידע זאַכן האָב איך זייער שלעכט געלערנט, ווייל עס האָט מיר זייער געוווּרעט דאָס אויסחזרן די כּללים פון דקדוק און די „פּאַדעזשן" פון דער גראַמאַטיק.

באַזונדערס איז מיר נישט געפעלן, ווען ענגעלשטיין האָט מיר געהייסן, איך זאָל אויסלערנען אויף אויסנווייניק פון אַ רוסיש ביכל „רוסקאַיאַ סלאָוואָ" אַ מעשה מיט אַ הינטל, וואָס האָט זיך גערופן „באַרבאָס" און עפּעס נאָך אַ לידל וועגן אַ „פייגעלע אין אַ שטיי-געלע".

איך האָב קיין שום חשק נישט געהאַט עס צו לערנען. איך

האָב אָבער אויך קיינעם נישט געהאַט, ווער עס זאָל מין צווינגען צו לערנען אַזעלכע זאַכן.

איך בין געווען אַ פרייער מענטש פאַר זיך, קיין אויבערהאַר איבער זיך, האָב איך נישט געהאַט, האָב איך נישט געלערנט דאָס, וואָס האָט מיר נישט געשמעקט.

מיין אומזיסטער לערער ענגעלשטיין האָט זיך אויך נישט גענומען צום האַרצן, ווען איך האָב נישט געקענט אַזוי גוט די לעקציעס.

אויב אָבער איך האָב יאָ עפּעס זיך אויסגעלערנט, האָב איך עס געטאָן נאָר פאַר בזיון, אַז ענגעלשטיין זאָל זיין צופרידן מיט מיין לערנען. מיט מאַטעמאַטיק האָב איך געמאַכט מיינע „אוראָקן" און האָב פון מיין לערער באַקומען אמאָל אַ „פיר" און אַמאָל אַפילו אַ „פינף" פאַר מיין „גוט" לערנען דקדוק און גראַמאַטיק. באמת אָבער האָב איך זייער ווייניק פאַרשטאַנען, וואָס איך האָב געלערנט.

דערפאַר, אין אַ פאָר חדשים אַרום, ווען ענגעלשטיין האָט אָנגעהייבן מיט מיר צו לערנען געאָגראַפיע און מאַטעמאַטיק, בין איך געווען ביי אים דער בעסטער שילער. באַזונדערס האָב איך זיך אויסגעצייכנט אין געאָגראַפיע, וואָס איך האָב זייער ליב געהאַט צו לערנען איבער אַ צופאַל...

נאָך אין די ערשטע צייטן, ווען איך האָב אָנגעהייבן צו גיין אין ענגעלשטיינס ביבליאָטעק, האָב איך באַמערקט, ווי אין אַ ווינקל, אויף אַ קליין טישל, איז געשטאַנען אויף איין פיסל עפּעס אַ קיילעכיקע בלויע זאַך, ענדלעך צו אַ טאָפּ.

לאַנג האָב איך געקוקט דערויף און נישט געוווּסט וואָס דאָס איז אַזוינס. איך האָב אויך קיינעם נישט געפרעגט וועגן דעם.

איינמאָל אָבער האָב איך געפרעגט אַ יונגנמאַן, וואָס איז געזעסן אין ביבליאָטעק לעבן מיר:

— וואָס איז עס פאַר אַ קויל?

— עס איז אַ גלאָבוס, — האָט ער מיר געענטפערט און ער האָט ווייטער געלייענט זיין בוך.

אָבער איצט האָב איך ערשט רעכט נישט געוווּסט, וואָס דאָס איז אַזוינס.

אַ צווייט מאָל האָט זיך אין ענגעלשטיינס ביבליאָטעק געפונען אַ בחור פון לעצטן קלאַס אין דער „שקאָלע", און אויף מיין פראַגע, וואָס איז אַזוינס אַ „גלאָבוס", האָט ער, צו מיין גרויס פאַרוווּנדערונג,

מיר דערציילט אַ שיינע מעשה וועגן דעמדאָזיקן בלויען טאָפּ. איך האָב געעפנט מויל און אויערן און האָב געשלונגען יעדעס וואָרט זיינס.

ער האָט מיר געזאָגט, אַז דער קיילעכיקער „גלאָבוס" איז די גאַנצע ערד, ווו מיר, מענטשן, מיט אַלע באַשעפענישן וווינען אויף איר. דאָ געפינען זיך אַלע ימים און אַלע טייכן און אַלע לענדער...

ער האָט מיר אָנגעוויזן, וווּ עס געפינט זיך דאָס לאַנד פון אונדזערע אָבות, דאָס הייסט ארץ־ישראל. וואָס איז מיר געווען גוט באַקאַנט נאָך פון חדר.

ער האָט מיר אויך אָנגעוויזן, ווו עס געפינען זיך אַנדערע טיילן פון דער וועלט, ווי אַפריקע, ווו עס וווינען שוואַרצע מענטשן. דערנאָך האָט ער אַ דריי געטאָן דעם „גלאָבוס" און האָט מיר געזאָגט, אַז דאָ איז אַמעריקע, וואָס קאָלאָמבוס האָט ערשט מיט אַ פּאָר הונדערט יאָר צוריק אויסגעפונען.

ער האָט מיר אויך אָנגעוויזן, ווו עס געפינען זיך די גרויסע שטעט, ווי לאָנדאָן און פּאַריז, און נאָך אַ סך אַנדערע שטעט...

אַ צווייט מאָל האָט דערזעלבער בחור מיר געוויזן נאָך אַ גרעסערן וווּנדער מיטן „גלאָבוס". ער האָט אָנגעצונדן אַ ליכטל און מיר געוויזן וויאַזוי די זון באַלייכט די ערד, און באַשיינפּערלעך האָב איך געזען, וויאַזוי עס ווערט נאַכט און טאָג... ער האָט מיר געזאָגט, אַז ווער עס לערנט געאָגראַפיע, קען עס בעסער פאַרשטיין.

איך בין פון תמיד אָן געווען זייער טשיקאַווע און האָב אַלץ געוואָלט וויסן. מיט גרויס חשק און התמדה האָב איך זיך גענומען לערנען געאָגראַפיע.

איך האָב אָבער מער געלייענט געאָגראַפיע, ווי געלערנט, ווייל איך האָב קיין געדולט נישט געהאַט צו חזרן די לעקציעס און האָב בעסער געוואָלט וויסן, ווען וואָס עס רעדט זיך ווייטער אין דער געאָגראַפיע.

און אָט אַזוי האָב איך בכלל מיינע שול־ביכער מער געלייענט, ווי געלערנט. ווער האָט מיר דען געקענט זאָגן אַ דעה, וויאַזוי איך זאָל לערנען?

ענגעלשטיין, וואָס האָט מיר געגעבן אַ פּאָר לעקציעס אין דער וואָך אומזיסט, האָט דאָס געטאָן, ווי יעדער משכיל, פאַר וועלכן עס

איז דאָן געווען אַ הייליקער חוב אַריינצוברענגען „די שיין פון ציווי-ליזאַציע אין דער פינסטערניש, וואָס האָט געהערשט צווישן יידן“.

„איך. וואָס געהער אָן צו אַן אַנגעזעצנער חסידישע פאַמיליע, האָב געהייסן „פינסטערניש“, „פאַנאַטיזם“ און דער משכיל האָט גע-הייסן „שיין“, „ליכט“...

ענגעלשטיין, דער משכיל, האָט געטאָן זיין הייליקן חוב בשלמות, מיטן גאַנצן האַרצן און דאָס איבעריקע איז געווען געווענדט אין מיר אַליין.

וויאַזוי איך האָב געוואָלט, אַזוי האָב איך געלערנט און קיינער האָט מיר קיין דעה נישט געזאָגט, צי ל'ערן איך גוט אָדער שלעכט.

דערדאָזיקער גלאָבוס האָט אָבער געמאַכט אַ געוואַלדיקן רושם אויף מיר. איך האָב מיטאַמאָל דערזען, אַז די וועלט איז גרויס און ברייט, און פון אַלץ, וואָס איך האָב געלערנט ביז איצטער ביי אַלערליי מלמדים און אין בתי-מדרשים, ווייס איך גאָרנישט. מיין חשק צו לערנען איז ביי מיר ערשט איצט געוואָרן גרויס אָן אַ שיעור, און איך האָב פעסט באַשלאָסן, אַז וואָס מיין ברודער און מיין גאַנצע משפחה זאָל נישט טאָן מיט מיר, מוז איך לערנען און בילדן זיך.

עס איז ביי מיר געבליבן, אַז כל-זמן מיין ברודער ווייסט נישט, אַז איך פאַרברענג פיל צייט ביי ענגעלשטיינען, זאָל איך שווייגן, טאָמער אָבער דערוווסט ער זיך, זאָל איך זיך נישט איבער-שרעקן און גאַנץ אָפן זאָגן דעם גאַנצן אמת, און זאָל מען טאָן מיט מיר, וואָס מען וויל.

דערווייל האָב איך זייער פיל געלייענט. צענדליקער ביכער און זשורנאַלן האָב איך איבערגעלייענט. אַלץ, וואָס האָט זיך נאָר געפונען אין ענגעלשטיינס ביבליאָטעק אין העברעיש און אין יידיש בין איך אַדורכגעלאָפן מיט די אויגן.

און ווען עס איז אָנגעקומען אַ נייַ בוך אָדער דער איינציקער זשורנאַל „השחר“ פון פרץ סמאָלענסקין און שפּעטער דער „הבוקר אור“ פון גאָטלאָבערן, איז ביי מיר געווען אַ גרויסער יום-טוב.

דעם שלל רוסישע ביכער, וואָס האָבן זיך געפונען אין דער ביבליאָטעק, האָב איך נישט געקענט דערגרונטעווען ביז צום סוף. וויפל איך זאָב די ביכער מיט די זשורנאַלן געשלינגען, איז נאָך אַלץ געבליבן אָן אַ שיעור, און וואָס אַ וואָך אָדער אַ חודש, זענען

אנגעקומען נייע ביכער, און נייע דיקע זשורנאַלן, און איך האָב זיין ווייטער געטרונקען אין ביכער.

מיין גאַנצע צייט איז כמעט אוועקגעגאַנגען אין ביבליאָטעק. דאָס געדרוקטע וואָרט איז ביי מיר געווען אַ הייליקע זאַך און די שרייבער פון די ביכער, זשורנאַלן און צייטונגען, זענען ביי מיר געווען די גרעסטע מענטשן אין דער וועלט.

די שרייבער זענען ביי מיר געשטאַנען אויף אַזאַ געוואָלטיקער הויך, אַז אַפילו אַזוינע גרויסע מענטשן, ווי קאָלאָמבוס אָדער נאַפּאָלעאָן, האָבן זיך נישט געקענט פאַרגלייכן צו זיי.

אַפילו דוד ענגעלשטיין איז ביי מיר געשטאַנען העכער פון די ווינניצער גרויסע גבירים — די בערנשטיינס, און פון רבנים און אַפילו פון „גוטע יידן”. און נאָר דערפאַר, וואָס איך האָב געזען זיין נאָמען געדרוקט אין „הצפירה”.

נאָר איינמאָל, אויף איין מינוט, אויף איין מאָמענט, בין איך אַריינגעפאַלן אין ספקות בנוגע דער גרויסקייט פון אַ שרייבער.

דאָס איז געווען ווען איך האָב דערזען אין דער ביבליאָטעק אַ נייע העברעיש בוך, וואָס איז נישט לאַנג אָנגעקומען פון ווין. דאָס איז געווען „רם ויעל” פון שעקספּיר. אויפן שער-בלאַט איז געשטאַנען דער נאָמען פון איבערזעצער, נאָר געקירצט, בלויז אַ פּאָר אותיות.

די ביכער זענען געווען זייער שיין געדרוקט, אויף גוטן פּאַפּיר, מיט נייעם שיינעם שריפט. אַלע זענען געווען אַנטציקט, מיט דעם דאָזיקן העברעישן בוך.

מיך האָט אָבער אָנגעהייבן שטאַרק צו אינטערעסירן פאַרוואָס האָט דער שרייבער נישט געוואָלט אַרויסשטעלן זיין גאַנצן נאָמען?

מיר האָט זיך אויסגעוויזן, אַז ווען איך זאָל קענען אַזוי שיין שרייבן, איך זאָל קענען מחבר זיין אַזאַ שיין בוך, וואָלט איך אויפן שער נישט נאָר געשטעלט מיין גאַנצן נאָמען מיט דער פאַמיליע, נאָר אויך מיין טאַטנס און מיין מאַמעס נאָמען, און אַפילו מיין שטעטל, ווו איך בין געבוירן געוואָרן, וואָלט איך אויך אַרויסגעשטעלט אויפן שער-בלאַט, און זאָל די וועלט וויסן.

איך האָב געהאַלטן פאַר דעם גרעסטן כבוד אין דער וועלט זוכה צו זיין, צו ווערן אַ שרייבער פון אַ בוך, אָדער, לפּחות, זיך צו דרוקן אין די צייטונגען.

* * *

דער באַרימטער איבערזעצער פון שעקספיר האָט מיך, ווי גע־זאָגט, נישט אויפגעהערט צו אינטערעסירן, פאַרוואָס ער האָט זיך אונ־טערגעשריבן מיט דריי אותיות יע״ס און נישט מיט זיין גאַנצן נאָמען.

אַנדערע יידישע מחברים האָבן זיך אונטערגעשריבן נישט נאָר מיט זייערע נעמען, נאָר אַפילו מיט זייערע עלטערנס נעמען, און טאָמער האָט גאָט געהאָלפן איינעם פון די מחברים צו זיין אַ דאָקטאָר, אַ אינזשיניער, אָדער אַפילו אַ סטודענט, האָט ער זיך אונטערגע־שריבן מיט זיין גאַנצן טיטל, און פאַר מחברים מיט אַזעלכע הויכע טיטלען האָבן די לעזער געהאַט גרויס דרך־ארץ.

אָבער דערדאָזיקער יע״ס האָט אַפילו זיין נאָמען נישט געדרוקט!

און אַט איינמאָל האָב איך ענגעלשטיינען געפרעגט:

— ווער איז דערדאָזיקער יע״ס?

און ער האָט מיר געענטפערט, אַז ער הייסט זאַלקינסאָן, אַז ער איז אַ גרויסער למדן און אַז צו זיין העברעיש איז כמעט קיין גלייכן נישטאָ, נאָר ער איז אַ משומד...

איך בין דערציטערט געוואָרן און האָב אים פאַרשאָטן מיט פראַגן:

— וואָס הייסט אַ משומד? וויאַזוי־זשע שרייבט ער העברעישע ספרים? פאַרוואָס לייענט מען ביכער אין העברעיש פון אַ משומד? וויאַזוי קען עס אַ למדן זיך שמדן?

און נאָך אַ סך פראַגן האָב איך אים געשטעלט, אָבער ענגעלשטיין האָט מיר נישט געענטפערט אַזויוויי איך האָב געוואָלט. ער האָט נאָר מיט אַ זיפץ געזאָגט:

— צום באַדויערן, איז דאָס אַזוי... אַ שאָד, אַ שאָד, וואָס אַזאַ גרויסער למדן האָט זיך געשמדט...

פון זיי׳נע תשובות בין איך אָבער געבליבן ביי מיינע ספקות: הייסט עס, האָב איך זיך געטראַכט, אַז מיין ברודער מיט די אַלע אַנדערע חסירים זענען נישט אינגאַנצן אומגערעכט, וואָס זיי פאַקן אָן אויף די משכילים מיט זייערע אפיקורסישע ביכלעך? און נישט אומזיסט וואָלט מיין ברודער אויפגעהייבן אַ גוואַלד, ווען ער זאָל

זיך דערוויסן, אז איך גיי צו ענגעלשטיינען אין ביבליאָטעק און לייען דאָרט השכלה־ביכלעך.

דאָ האָב איך ערשט אויך אָנגעהייבן צו פאַרשטיין מיין פאַרן שטאַרבענעם פאָטער. מיין ברודער, פעטערס און אַזוי חסידים האָבּ־נישט איינמאָל דערציילט, וויאַזוי מיין פאָטער פלעגט אַכטונג געבן, אַז ביי אונדז אין שטאָט זאָלן זיך נישט געפינען קיין השכלה־ספרים, וואָס זענען געשריבן געוואָרן פון גרויסע אפיקורסים. ער פלעגט זיך מיט זיי רעַנגלען אויף אַזאַ מין אופן: ער פלעגט פאַר זיין אייגן געלט אויפקויפן השכלה־ספרים און פלעגט זיי פאַרברענען...

איך בין געווען אַזוי אויפגערעגט פון דעם, וואָס אַזאַ גרויסער העברעישער שרייבער, אַזאַ גרויסער משכיל האָט זיך געשמדט, אַז איך האָב בעת־מעשה געטראַכט, אַז ווען איך האָב אַ סך געלט, וואָלט איך אויך, ווי מיין טאַטע, אויפגעקויפט די אַלע ביכער פון יע״סן און וואָלט זיי פאַרברענט.

איך האָב מיט מיינע פראַגן נישט אויפגעהערט צו פייניקן ענגעלשטיינען, ער זאָל מיר דערציילן, ווער איז געווען דער זאַל־קינסאָן־יע״ס און וואָס האָט אים געבראַכט דערצו, ער זאָל ווערן אַ משומד.

קיין סך האָט ער אָבער וועגן אים נישט געוווּסט. ער האָט באַר דערציילט, אַז ער איז אַ ליטוואַק, זיין טאַטע איז געווען אַ רב, אַ גרויסער אָרעמאַן, און יע״ס האָט געלעבט אין גרויס דחקות. נאָך יינגלווייז איז יע״ס געווען אַ גרויסער עלוי. ער איז אַנטלאָפן פון זיינע עלטערן קיין ווילנע זיך בילדן, דערנאָך קיין אויסלאַנד זיך לערנען.

איצט איז ער אין ווין, און פרץ סמאָלענסקין, דער רעדאַקטאָר פון „השחר", שרייבט וועגן אים, אַז ער איז דער גרעסטער העבּ־רעיטער איבערזעצער און קענער פון דער העברעישער שפּראַך, וואָס האָט נישט קיין גלייכן צו זיך. וויאַזוי אָבער אַזאַ מענטש איז געקומען צו שמד, ווייסט ער נישט...

דאָס, וואָס איך האָב זיך דערוווּסט פון ענגעלשטיינען, אַז דער איבערזעצער פון לעסינג איז אַ „ליטוואַק", איז מיר אַ ביסל גרינגער געוואָרן אויפן האַרצן.

איך האָב שוין לאַנג געהערט דערציילן, אַז ליטוואַקעס למדנים האָבן זיך ליב פלוצלונג, אין אַ שיינעם מיטוואָך, אונטערצושמדן.

דאך האָב איך מיט חשד אָנגעהייבן צו קוקן אויף די השכלה-ספרים. צי זענען די מחברים נישט קיין געשמדטע.

נישט נאָר אויף משה מענדעלסאָן, נאָר אַפילו אויף פּרץ סמאָלענסקין און אויף אברהם גאָטלאָבער און אויף חיים זעליק סלאָנימסקי האָב איך אינדערשטיל נאָכגעפרעגט, צי זענען זיי אַ קאָפּעטשקע נישט אונטערגעשמדט...

די געשיכטע מיט זאַלקינסאָן-יע״ס איז פאַר מיר געווען אַזוי אומגעריכט, אַז איך האָב זיך אָנגעהייבן צו שרעקן פאַר זיך אַליין: ווער ווייסט אין וואָס פאַר אַ שאול-תחתיה איך בין אַריינגעפאַלן און וואָס עס קען ווערן מיט מיר?

די גאַנצע נאַכט בין איך נישט געשלאָפן, קיין אויג נישט צוגעמאַכט. איך האָב געפילט, ווי מיין געלעגער ברענט אונטער מיר און איך אַליין בין פייער.

דערדאָזיקער זאַלקינסאָן, דער עלוי, איז געשטאַנען פאַר מיינע אויגן. און איך האָב געקאָכט פון גרויס כעס אויף אים. וואָס הייסט עס, האָב איך זיך נישט געקענט באַרויקן: אַ רבס אַ זון, אַזאַ למדן, וואָס שרייבט העברעישע ספרים, זאָל נעמען און זיך שמדן!

עס האָט מיך, ווי אַ מאַגנעט, געצויגן, איך זאָל אויסגיסן מיין גאַנצן כעס אויף אים. נאָר וויאַזוי? וויאַזוי זאָל איך זיך נוקם זיין אָן אים פאַר אַזאַ שרעקלעכע עוולה, פאַר דער בגידה לגבי זיין אייגן פאָלק, זיינע שוועסטער און ברידער!

איך ווייס נישט, וויאַזוי עס איז געשען, נאָר אויפן צווייטן טאָג האָב איך געקאָפט טינט און פעדער מיט צוויי גרויסע בויגנס פּאַפּיר, אויף וועלכע מען שרייבט „פּראָשעניעס״ און האָב אויסגעגאָסן מיין גאַנץ אָנגעזאָדן פאַרביטערט האַרץ אויף דעמדאָזיקן משומד, וואָס שעמט זיך מיט זיין יידישן נאָמען און באַהאַלט זיך, ווי אַ גנב, אונטער די אותיות „יע״ס״...

פריער האָב איך אָנגעהייבן שרייבן אויף לשון-קודש, טראַכטנדיק, אַז איך וועל בעטן ענגעלשטיינען, ער זאָל עס אַוועקשיקן אין „הצפירה״ אָדער אין „השחר״. נאָר ביי מיר איז אַרויסגעקומען אַזאַ לשון-קודש, ווי מען שרייבט „קוויטלעך״ צום רבין.

איך האָב פאַרשטאַנען, אַז מיט אַזאַ לשון קען איך, אַ פערצן-יאָריקער יינגל, נישט קומען אין „הצפירה״ אָדער אין „השחר״, מען זאָל מיך דרוקן.

איך האָב אָבער געפּילט, אַז איך מוז מיין פאַרביטערטע האַרץ אויסגיסן אויפן פּאַפּיר, און זאָל עס כאָטש דער משכיל, דער אפּיקורוס. דוד ענגעלשטיין, איבערלייענען. איך האָב דעריבער גענומען שרייבן אין יידיש.

אַ גאַנצן טאָג האָב איך געשריבן. איך האָב געשריבן מיט ברען און מיט פייער, און ערשט דערנאָך האָב איך זיך באַרויִקט.

דאָס איז געווען מיין ערשט ווערק, וואָס איך האָב „פאַרפאַסט״, ווען איך בין אַלט געווען פערצן יאָר.

מיט אומגעדולד האָב איך געוואַרט, אַז ענגעלשטיין זאָל עס איבערלייענען...

אין מיין ערשטער „פאַרפאַסונג״ האָב איך פאַרגעשטעלט אַ חסיד מיט אַן אַפּיקורוס, וואָס טענהן זיך אויס איינס מיטן צווייטן.

מיט דעם חסיד האָב איך, פאַרשטייט זיך, געמיינט מיך און דעם אַפּיקורוס — זאַלקינסאָנען, וועלכער האָט זיך געשמדט.

איך, דער חסיד, מיין איך, האָב אים דערוויזן קלאָר און דייט־לעך, וואָס פאַר אַ שרעקלעכע עוולה ער האָט געטאָן דערמיט, וואָס ער האָט אוועקגעוואָרפן זיין פאָלק, זיינע ברידער און שוועסטער און איז אַוועקגעגאַנגען צו פרעמדע. סטייטש, האָב איך געשריען פון טיפן האַרצן, וויאַזוי וואַרפט מען עס אַוועק אַ פאָלק, וואָס לעבט שוין טויזנטער יאָרן צווישן די שונאי־ישראל, וואָס האָבן אים געוואָלט פאַר־טיליקן. אַ פאָלק, וואָס איז אויסדערוועלט ביים איינציקן יידישן גאָט.

דער אַפּיקורוס האָט געענטפערט, אַז די חסידים לעבן אינדער־פינסטער, אין פאַנאַטיזם און מען דאַרף פאַר זיי עפענען די „לאָדן״ און זיי געבן ליכט פון דער „ציוויליזאַציע״, וועלכע הערט נישט אויף צו שיינען איבער דער גאַנצער וועלט.

דער חסיד האָט מיט גוטן און מיט בייזן פאַרלאַנגט פון דעם אַפּיקורוס, דעם משומד, ער זאָל זיך צוריק אומקערן צום יידישן פאָלק, צום יידישן גאָט, וואָס ער איז דער איינציקער.

און געענדיקט האָט זיך, אַז דער חסיד האָט אויסגעשריען:

— אויב דו וועסט זיך צוריק נישט אומקערן צו דיין פאָלק, פאַרשעלט איך דיך מיט אַלערליי קללות!..

מיט דערדאָזיקער „פאַרפאַסונג״ בין איך עטלעכע מאָל געגאַנגען צו ענגעלשטיינען, ביז איך האָב אים געטראָפן אין אַזאַ צייט, ווען ער איז געווען פריי.

אַ פאַרשעמטער און רויט, ווי אַ צוויק, האָב איך אים נעזאָגט, אַז איך האָב עפּעס אָנגעשריבן און בעט אים, ער זאָל עס איבער־לייענען.

מיט אַ שמייכל אויף זיינע שטענדיק פאַרגליווערטע ליפּן האָט ער מיך פאַרבעטן צו זיך אין דער וווינונג, און ביים טיש, ווו זיין פרוי און קינדער האָבן געטרונקען טיי, האָט ער מיך געבעטן זיצן.

זיין פרוי האָט מיר אויך דערלאַנגט טיי, און ענגעלשטיין האָט מיר געזאָגט, איך זאָל עס איבערלייענען פאַר דעם גאַנצן עולם.

איך בין נאָך רויטער געוואָרן, און מיט אַ ציטערנדיקער שטימע האָב איך אָנגעהייבן צו לייענען. איך האָב באַלד באַמערקט, ווי זיין פרוי הערט מיך אויך.

אַז איך האָב געענדיקט לייענען, האָט ער מיך געפרעגט:

— צוליב וואָס האָסטו עס אָנגעשריבן?

— איך קען נישט צוזען אַזאַ עוולה: אַ למדן, וואָס קען שרייבן אַזוי גוט העברעיש, זאָל זיך שמדן! — האָב איך בייז געענטפערט.

— דו ביזט אוודאי גערעכט, — האָט ער געענטפערט, — וואָס דו קענסט נישט צוזען אַזאַ עוולה. אָבער צוואָס האָסטו עס געשריבן, צוליב וואָס פאַר אַ צוועק?

אין אָנהייב איז מיר געווען שווער צו ענטפערן אויף דער־דאָזיקער פראַגע. נאָר פּלוצים האָב איך מיטאַמאָל אויסגעשאָסן:

— איך וואָלט געוואָלט מען זאָל עס דרוקן... זאָל די וועלט לייענען און וויסן... און אַז דער משומד וועט עס איבערלייענען, וועט ער אפשר חרטה האָבן און וועט צוריק ווערן אַ ייד...

אויף ענגעלשטיינס אויסגעטרוקנט פּנים, וואָס איז שטענדיק געווען פאַרגליווערט, האָט זיך אויסגעגאָסן אַ ברייטער שמייכל. זיין ווייב האָט אויף מיר געקוקט מיט גוטע אויגן.

ענגעלשטיין האָט געזאָגט:

— ביזט נאָך אַ קינד און ווייסט נישט, אַז אַזאַ זאַך חעס קיין צייטונג און קיין זשורנאַל נישט וועלן דרוקן. ערשטנס, איז עס נישט אַזוי גוט געשריבן, אַז מען זאָל עס קענען דרוקן, און, צווייטנס, וועט דער משומד פון דיין שרייבן צוריק קיין ייד נישט ווערן.

און דערביי האָט ער מיר געעצהט, אַז איך זאָל מער קיין

צייט נישט פאַרלירן אויף אַזעלכע זאַכן. איך בין נאָך אַ יינגל און דאַרף נאָר לערנען און לערנען.

זיין ווייב האָט זיך דאָס ערשטע מאָל אָנגערופן:

— פאַרוואָס זאָל טאַקע אַ קינד נישט שרייבן, ווען ער האָט חשק צום שרייבן?

— אַ קינד טאָר זיך נישט פאַרנעמען מיט אַזעלכע זאַכן. אַזאַ יינגל, ווי ער, דאַרף נאָר לערנען!—האָט ער שטרענג און קאַלט געזאָגט.

פון איין זייט בין איך פון ענגעלשטיינס ווערטער ביי זיך שטאַרק אַראָפּגעפאַלן און פון דער צווייטער זייט אָבער, האָבן מיר די ווערטער פון ענגעלשטיינס פרוי שטאַרק געפרייט. זי איז דאָך עפּעס צווייפעלס טאָכטער! — האָב איך מיט שטאָלץ זיך געטראַכט.

דאָך האָב איך מער נישט געשריבן, כאָטש פון צייט צו צייט האָט מיך געצויגן צום שרייבן.

איך האָב נישט אויפגעהערט צו באַזוכן ענגעלשטיינען. דער-הויפּט שבת בייטאָג.

צייטנווייז פלעגט מיך אויפרעגן, וואָס פאַרשידענע יונגעליייט רויכערן אום שבת און נישט איינמאָל האָב איך זיך באַשלאָסן אינ-גאַנצן אויפהערן גיין צו ענגעלשטיינען. ערשטנס, טאָמער וועט זיך מיין ברודער דערוויסן וועט עס זיין נישט פון די אָנגענעמע זאַכן, און, צווייטנס, האָב איך אָנגעהייבן מורא צו האָבן פאַר זיך אַליין, איך זאָל אויך נישט ווערן אַזאַ אַפּיקורוס ווי די, וואָס קומען צו ענגעל-שטיינען אין ביבליאָטעק.

אָבער דער גרויסער. געוואַלדיקער חשק צום לייענען ביכער און צייטונגען איז געווען שטאַרקער פון אַלץ. עס האָט מיך געצויגן צו ענגעלשטיינס ביבליאָטעק, ווי מיט צוואַנגען.

איך האָב זיך אָבער מיט אַלע כוחות געסטאַרעט. איך זאָל. חס-ושלום, נישט געשטרויכלט ווערן. איך בין געווען פרום, ווי פריער. און האָב זיך אַליין געזאָגט: מען קען זיך בילדן, מען קען זיין אַ משכיל און לייענען השכלה-ביכער, אָבער זיין דערביי אויך אַ פרומער ייד.

און דאָס בין איך געווען ביז מיין ברודער האָט זיך סוף כל סוף דערוויסט, אַז די גאַנצע טעג, וואָס איך ווער פונדערהיים פאַרפאַלן, ליג איך איבער אין ענגעלשטיינס ביבליאָטעק און לייען „אַלע אַפּיקורסישע טרפהנע ביכלעך“.

## קאפיטל איינאונדרייסיק.

און אָט איז געקומען דער מאָמענט, ווען מיין ברודער האָט זיך דערוווסט, אַז איך גיי צו דעם אפיקורוס דוד ענגעלשטיינען אין הויז און לייען דאָרטן גאַנצע טעג אפיקורסישע ביכלעך. איז ער געוואָרן אַ טויטער מענטש פון גרויס שרעק און צעחושסקייט.

איך האָב געדערכנט, אַז ער וועט זויף מיר אָנפאַלן און עס וועט פאָרקומען אַ גרויסע מחלוקות צווישן אונדז, און איך האָב מיך דערצו געגרייט. איך האָב מיך געריכט, אַז עס וועט זיך אָנהייבן אַ קאַכעניש אין דער גאַנצער משפחה און אין קלויז.

אָבער די ערשטע צייט האָט ער מיר דווקא קיין הלב וואָרט נישט געזאָגט. ער האָט זיך נאָר אינגאַנצן געענדערט, זיין פנים איז געוואָרן בלאַס.

ער האָט מיר נישט געקענט קוקן גלייך אין די אויגן, און ווען ער האָט יאָ אַמאָל געקוקט אויף מיר, איז מיר געווען שווער איבערצעטראָגן זיינע טרויעריקע בליקן.

אין זיינע אויגן האָב איך געזען שטענדיק טרערן און אַזויפיל צער און יסורים, אַז איך האָב מיך אינגאַנצן פאַרלאָרן.

נאָר איינמאָל האָט ער מיך אַריינגערופן צו זיך אין צימער, האָט פאַרשלאָסן די טיר, און, ווי אַ דערוואַקסענעם מענטשן, האָט ער מיך געבעטן זיצן.

שטיל ווי אַ טויב און מיט געטריישאַפט צו מיר האָט ער זיך אָנגערופן מיט טרערן אין די אויגן:

— מאָטעלע, איך ווייס פון אַלץ... דו דאַרפסט מיר גאָרנישט דערציילן און זיך פאַרענטפערן, נאָר איך קען מער נישט נעמען די אחריות אויף מיר... עס איז ביי מיר געבליבן, אַז דו פאָרסט אַהיים

צו דער כאַמען און זאָל זי טאָן מיט דיר, וואָס זי וויל... וואָס אַ מאַמע וועט טאָן, וועט זיין גוט, און גאָט זאָל דיר העלפן, דו זאָלסט גיין אויפן דרך-הישר, ווי דיין טאַטע, ער זאָל זיין אַ גוטער מליץ פאַר דיר און פאַר אונדז אַלעמען... טו אונדז מער נישט אָן קיין בזיונות. די מאַמע איז אַ וויסטע אלמנה, וואָס טראָגט גענוג אויפן קאָפּ... זי דאַרף מפרנס זיין אַ גאַנצע שטוב און וואָס אַמאָל, איז איר אַלץ שווערער... זי האָט גאַנץ גענוג צער פון אַלע זייטן, דאַרפסטו כאָטש איר נישט אָנטאָן קיין יסורים. ווען אַן אַנדער ייִנגל גייט צו ענגצלשטיינען און שטאָפּט זיך דאָרט אָן מיט די טריף-פסולען, איז אפשר נישט אַזאַ אומגליק, אָבער דו, מאָטעלע, דאַרפסט נישט פאַרגעסן, ווער דו ביזט און ווער דיין טאַטע איז געווען און ווער אונדזער משפחה איז! דו דאַרפסט נישט פאַרגעסן, אַז דו ביזט יענקעלע גולקעס אַ זון! און מען זאָל זיך ווען דיינע מעשים רעים, חס-ושלום, דערוויסן ביים רבין אין הויף, וועל איך מיינע אויגן דאָרטן מער נישט קענען ווייזן...

מיין ברודער האָט מיר דערביי געוווּנטשן אַלע ברכות אויפן וועג און האָט זיך שטיל צעוויינט.

איך האָב זיך נישט געקענט איינהאַלטן און האָב זיך אויך שטאַרק צעוויינט.

מיין ברודער איז פון מיינע טרערן גערירט געוואָרן.

ער האָט געזאָגט:

— אָט דאָס, וואָס דו וויינסט, איז זייער גוט... דאָס איז אַ סימן, אַז דו ביזט נאָך אַ פרום קינד און וועסט אויף אַלץ חרטה האָבן... דו וועסט פון איצטער אָן זיך אויפפירן ליַיטיש, און די מאַמע און מיר אַלע וועלן נאָך אין דיר פיל נחת דערלעבן...

איך בין געווען צעבראָכן און צעקלאַפּט. מיין האַרץ האָט זיך אין מיר צעריסן אויף שטיקער און איך בין געווען גרייט אויף אַלץ, אַבי די מאַמע, דער ברודער און קיינער פון אונדזער משפחה זאָלן פון מיר קיין יסורים נישט האָבן.

אין די מינוטן, ווען מיין ברודער האָט אַזוי שטיל גערעדט מיט מיר וועגן דער מאַמען, בין איך געווען גרייט זיך אינגאַנצן אָפּצורייסן פון די אפיקורסים און מער נישט לייענען קיין ביכלעך. אונדעסטוועגן בין איך אַוועק צו ענגעלשטיינען, האָב אים דערציילט, אַז איך פאָר אַוועק און זיך געזעגנט מיט אים און מיט זיין פאַמיליע,

טראכטנדיק, אז איך וועל זיי שוין קיינמאל אין מיין לעבן נישט זען.

מיט א זיפץ האב איך א קוק געטאן אויף מיינע פריערדיקע פריינט — די שאפעס ביכער און דער בלויער „גלאבוס“, וואס איז געשטאנען אין ווינקל, זאגנדיק זיי אין דער מחשבה א זיי-געזונט, פונקט ווי זיי וואלטן געווען לעבעדיקע באשעפענישן.

מיט הארצווייטיק און מיט טרערן אין די אויגן בין איך אוועק פון ענגעלשטיינס הויז, ווי פון א בית-הקברות, ווען מען גייט צוריק און מען לאזט איבער א סך פריינט, וועלכע מען וועט שוין קיינמאל אין לעבן נישט זען.

• •

מיין שוועגערין, דערוויסנדיק זיך, אז איך פאר אוועק, איז פלוצלונג מיטאמאל געווארן גוט צו מיר, זיסער פון לאקרעץ.

עטלעכע מאל אין טאג האט זי מיך איבערגעפרעגט, צי קלעמט מיר נישט דאס הארץ און בכלל מיר אונטערגעטראגן דאס בעסטע און דאס שענסטע, וואס זי האט נאר געהאט.

זי האט זיך מיר עטלעכע מאל דערקלערט אין ליבע. קיינעם פון איר מקנס משפחה האט זי נישט אזוי ליב, ווי מיך, און איינמאל האט זי זיך צוגעזעצט צו מיר און געפרעגט: וואס וועל איך וועגן איר דערציילן דער מאמען? צי זי איז א גוטע אדער א שלעכטע? און צי זי האט מיך אפגעהיט ווי אן אייגן קינד?

מיין שוועגערין איז געגאנגען אין לעבן, איך זאל אוועקפארן מיט א גוטער מיינונג וועגן איר. נאר וואס בעסער זי איז איצט געווען צו מיר, אלץ מער האב איך זי נישט געקענט איבערטראגן, און כדי זי זאל מיך צורו לאזן, האב איך איר אפן געזאגט, אז איך וועל דער מאמען גארנישט דערציילן וועגן איר: נישט קיין גוטס און נישט קיין שלעכטס. איך וועל נאר דער מאמען איבער-געבן א גרוס פון איר...

דאַן האָט זי זיך ערשט אויפֿ דאָסניי צוגעזעצט צו מיר.

— וואָס האָסטו צו מיר, מאָטל, איך האָב דיר דען עפּעס שלעכטס געטאָן?

— נישט קיין שלעכטס און נישט קיין גוטס, — האָב איך איר פּשוט געענטפֿערט.

זעענדיק, אַז מיט געוואַלד קען מען זיך קיין ליבע נישט קויפֿן, האָט זי צוועקגעוואָרפֿן איר הגיפה און זיך דיפּלאָמאַטיש אַדורכגעשמועסט מיט מיר.

— דו ווייסט, מאָטעלע, וואָס איך וועל דיך בעטן, — האָט זי געזאָגט, — אַז דו וועסט קומען אַהיים, זאָלסטו זען, אַז די מאַמע זאָל מיר שיקן עפּעס אַ מתּנה...

דערנאָך האָט זי אויף אַ מינוט איבערגעריסן דעם שמועס און ווייטער געזאָגט:

— איך וואָלט געוואָלט, אַז די מאַמע זאָל מיר שיקן אַ מתּנה אַ טערקישן שאַל...

איך האָב געשוויגן.

— וואָס-זשע שווייגסטו? דו ווילסט מיר גאָרנישט צוזאָגן?

— איך וועל זאָגן דער מאַמען, זי זאָל דיר שיקן אַ מתּנה, — האָב איך צולעצט זיך אָנגערופֿן.

— נאָר אַ טערקישן שאַל, זאָלסטו זאָגן.

— גוט, איך וועל זאָגן אַ טערקישן שאַל.

מיין שוועגערין האָט עפּעס ווידער געדרייט מיט דער צונג.

— דו ווילסט עפּעס זאָגן? — האָב איך געפֿרעגט.

— יאָ, איך וואָלט דיך געוואָלט בעטן, אַז אויב די מאַמע וועט מיר יאָ שענקען אַ טערקישן שאַל, וואָלט איך געוואָלט פּונקט אַזוינעם, ווי די מאַמע האָט... פֿאַרשטייסט, מאָטעלע, דו ביזט דאָך פֿאָרט ביי מיר אין שטוב געווען אַזאַ לאַנגע צייט... אמת, חס-ושלום, נישט אויסגעזיסט, די מאַמע האָט געצאָלט פֿאַר דיר, אָבער פֿאָרדינט האָבן מיר אויך נישט אָן דיר, מיר האָבן פֿאָרט געזאָרגט פֿאַר דיר... איך בין דיר געווען, ווי אַן אייגענע מאַמע... די שווינצר וועט דאָס פֿאַרשטיין און וועט מסתּמא מיר שיקן אַ מתּנה, פּונקט אַזאַ טערקישן שאַל, ווי זי האָט... דו דאַרפֿסט נישט פֿאַרגעסן און באַלד ווי דו וועסט קומען אַהיים, זאָלסטו זיך דערמאָנען...

עס האָט מיך אָנגעהייבן צו פֿאַרדריסן, אָבער איך האָב גע-

שוויגן. איך האָב נאָר געזאָגט, אַז אַזאַ שאַל, ווי די מאַמע האָט, קען זי נישט האָבן, ווײַל מען קען עס איצט נישט קויפן פאַר קיין געלט.

מײַן שווענערין האָט גוט געוווּסט, אַז אַזאַ שאַל קען מען נישט קויפן, און זי האָט געוואָלט נישט מער און נישט ווייניקער, אַז די מאַמע זאָל איר אָוועקגעבן דעם שאַל.

— וואָס־זשע טרעפט זיך דען נישט, אַז אַ שוויגער שענקט אַ שנור אַ פײַנע מתּנה?

מײַן געדולד האָט אָבער געפּלאַצט און איך האָב איר געזאָגט, אַז ווען אַפילו די מאַמע זאָל איר וועלן אָוועקשענקען דעם שאַל, וועל איך עס נישט דערלאָזן, ווײַל עס איז אַ מתּנה נאָך פון טאַטן, וועלכער האָט עס געקויפט אויף די קיעווער קאָנטראַקטן בײַ קאַווקאַזער סוחרים און אַזאַ שאַל איז היינט אַ זעלטנהייט.

מײַן ברודער איז אָנגעקומען אויף דעם שמועס, און דערוויסנדיק זיך וועגן וואָס מען רעדט דאָ, האָט ער אויך געזאָגט דאָסזעלבע, וואָס איך, דערצו האָט ער נאָך אָנגעשריען אויף איר, וואָס זי בעט מתּנות.

איך בין אָוועקגעפאָרן האַלב ברוגז מיט דער שווענערין.

מיט אַ שווערער האַרץ האָב איך זיך מיט מײַן ברודער געזעגנט. ער איז געווען זייער טרויעריק און איך האָב אין זײַנע אויגן געזען טרערן. איך האָב פאַרשטאַנען, אַז מײַן ברודער פילט זיך בײַ זיך אינדערהיים, ווי אַ פרעמדער.

פרעמד איז אים זײַן פרוי און אַפילו זײַנע אייגענע קינדער זענען אים פרעמד.

פון דער ערשטער מינוט נאָך זײַן חתונה האָט ער זײַן פרוי נישט ליב געהאַט. באַלד נאָך דער חתונה האָט ער געטראַכט וועגן אַ גט, אָבער ער האָט עס נישט געטאָן צוליב לייטיש געלעכטער און דערהויפט נישט אָנצוטאָן קיין יסורים דער מאַמען, דער אַלמנה, וועלכער עס האָט אַזוי אויך נישט געפעלט קיין צרות און קיין צער.

און דערווײַל איז די צײַט געגאַנגען און קינדער זענען אַלע מאָל צוגעקומען.

נישט קוקנדיק אויף מײַנע קינדעריאָרן, האָב איך דאָך גוט פאַרשטאַנען, אַז זײַן גאַנץ לעבן ציט זיך אומגעלומפּערט. און אין האַרצן האָבן וואָס אַמאָל, אַלץ מער געוואַקסן די ספקות.

איך האָב מיט שרעק צוגעקוקט, ווי מען מאַכט קינדער חתונה צו יונג און האָב זיך אָנגעהייבן שרעקן פאַר זיך אַליין...

איך בין דאָך שוין אַלט פערצן יאָר!...

מיט אַ צעבראָכן האַרץ בין איך אַרויסגעפאָרן פון ווינניצע. מיין ברודער מיט דער שוועגערין און נאָך אַ פּאָר מענטשן פון דער משפחה האָבן מיך באַגלייט ביז אונטער דער שטאָט, און מיין ברודער האָט מיך די גאַנצע צייט געבעטן, איך זאָל זיך אויפפירן, ווי עס שטייט אָן אונדזער טאַטן, עליו-השלום, און איך זאָל דער מאַמען קיין יסורים נישט אָנטאָן.

איך האָב געחושט, אַז מיט מיין אַוועקפאָרן וועט ער זיך פילן עלנט, ווייל מיר האָבן זיך זייער ליב געהאַט.

ווען איך בין אָפּגעפאָרן אַ פּאָר ווערסט און שוין מער נישט געזען די שטאָט הינטער זיך, נאָר פעלד און ביימער, בין איך מיטאַמאָל פריילעך געוואָרן.

עס איז געווען נאָך אַ סיבה, פאַרוואָס איך בין מיטאַמאָל פריילעך געוואָרן: דאָס ערשטע מאָל אין מיין לעבן האָב איך זיך איצט דערפילט פריי.

און נאָך אַ סיבה: אין מיין פּעקל, וואָס איז געלעגן אין וואָגן, האָבן זיך געפונען עטלעכע השכלה-ביכלעך, וואָס איך האָב פאַר מיין אַוועקפאָרן געקויפט ביי ענגעלשטיינען אין זיין בוכהאַנדלונג. איך האָב אויך געקויפט דאָס לעצטע יאָר „השחר".

ווי קום איך צו אַזאַ עשירות? די מאַמע האָט געשריבן, אַז דעם בעל-עגלה וועט זי באַצאָלן, ווען ער וועט מיך ברענגען אַהיים, און דערביי האָט זי מיר געשיקט גאַנצע צען רובל. איך זאָל עפּעס זיך מאַכן און אויך אויף הוצאות הדרך.

ווען איך האָב דערטאַפּט אַזויפיל געלט, בין איך אַוועקגעלאָפן צו ענגעלשטיינען און אויסגעגעבן גאַנצע אַכט רובל אויף ביכער.

איך האָב זיי שטיל פאַרפּאַקט אין מיין זעקל, ווו עס זענען געלעגן מיינע מלבושים און אַזוי האָב איך בשלום אַרויסגעפירט פון שטאָט די פאַרבאָטענע ביכער.

אויפן וועג האָב איך פראַנק און פריי אַרויסגענומען אַ ביכל און גענומען לייענען, נישט מורא האָבנדיק פאַר קיינעם; נישט פאַר די פאַרשוינען, וואָס זענען געפאָרן מיט מיר אין דער בויד און נישט פאַרן בעל-עגלה.

* * *

דער וועטער איז געווען באַזונדער שיין. דער וואָגן האָט זיך געקאַטשעט איבער דעם טרוקענעם אויסגעריבענעם וועג, וואָס האָט זיך ווי אַ סטענגע געצויגן און געשלענגלט צווישן פעלדער מיט פולע צייטיקע זאַנגען. אַט קאַטשעט זיך אַריין אונדזער בויד אין טיפן גרינעם וואַלד אַריין און באַלד דערנאָך פאָרן מיר ווידער אַרויס אויפן פרייען פעלד און דער וועג ווערט ליכטיקער.

איך קען זיך נישט אָפּרייסן פון די ביכלעך, וואָס איך לייען אין בויד, פאָרנדיק. נייע געדאַנקען פליען מיר אין קאָפּ, איך פיל זיך פריי און עס ציט מיך ערגעץ אין דער ווייטקייט, אין אַ נייער גרויסער וועלט.

עס ווילט זיך מיר אויפהייבן און פליען הויך, הויך. אַ גרויסער חשק פון לערנען און בילדן זיך כאַפּט מיך אַרום. אויף די פאָר יידן און ווייבער, וואָס פאָרן מיט מיר אין דער בויד, קוק איך, ווי אויף מענטשן, וואָס לעבן און בלאָנדזשען אינדערפינסטער און ווייסן נישט פון דער „ליכטיקער ציוויליזאַציע". זיי ווייסן נישט, זיי האָבן קיינמאָל נישט געלייענט, אַזעלכע ביכער, וועלכע איך לייען איצט.

איינער פון די יידן, דערזעענדיק, ווי איך לייען אַ לשון-קודש ביכל, פרעגט מיך מיט גרויס דרך-ארץ, אין וואָס פאַר אַ ספר איך קוק אַריין? און וואָס שטייט דאָרטן געשריבן?

איך געפין אָבער פאַר איבעריק אים צו ענטפערן, נישט, חס-ושלום, פון שלעכטסקייט, נאָר צוּוואָס זאָל איך אים דערציילן? ער וועט דען פאַרשטיין?

איך קום אָפּ מיט אַ פאָר ווערטער און ער בלייבט אומצופרידן. דאָך הצרט ער נישט אויף צו קוקן אויף מיר מיט גרויס דרך-ארץ.

דער ייד קען זיך אָבער נישט באַרויקן און בעט מיך, איך זאָל אים ווייזן דאָס ספר. איך גיב אים אַ העפט „השחר", און איך וואַרט, אַז ער זאָל מיך אָפּזידלען.

נאָר ער דרייט דאָס העפטל אויף אַלע זייטן, מישט איבער אייניקע בלעטלעך, קוקט אַהער און אַהין, לייענט אַ פאָר שורות,

צ״ט מיט די פלייצעס פון גרויס פארוווּנדערונג און גיט מיר אפ צוריק דאס „ספר“ נאך מיט מער דרך-ארץ, ווי פריער.

פלוצלונג טוט ער מיך א פרעג:

— וואס פאר א צדיק האט געשריבן אט דאס ספר, אין וועלכן דו קוקסט צריין?

— וואס פאר א צדיק? — האב איך איבערגעפרעגט, נישט פאר-שטייענדיק, וואס ער מיינט.

— ווער איז אט דער פרץ סמאלענסקין, וואס שטייט אויפן ספר? עפעס איז מיר דער נאמען נישט באקאנט?..

איך האב נישט געוווּסט, וואס צו ענטפערן.

— וואס, דו ווייסט נישט?

א יידענע, וואס איז געזעסן אין בויד אקעגן אונדז צוזאמען מיט א מיידעלע פון א יאר צוועלף, דערהערנדיק ווי מען רעדט פון א צדיק, האט מיט א פרום פנים א זיפץ געטאן. זי האט מיך אויך געפרעגט:

— זאג נאר, ייִנגעלע, וווּ וווינט דער צדיק? ווייט פונדאנען?

— ער איז נישט קיין צדיק — האב איך דאך געענטפערט.

— ווער-זשע האט געמאכט דאס ספר? — האט דער ייד מיך נישט אפגעלאזט.

— איר האט דאך איבערגעלייענט, פרץ סמאלענסקין!

— ווער-זשע איז ער?

— א ייד, א געבילדעטער ייד, א גרויסער געלערנטער.

דער ייד איז אנטשוויגן געוואָרן און האט עפעס אנגעהייבן קוקן אויף מיר מיט השד.

— און איך האב געמיינט, אז ער איז א צדיק... — האט די יידענע געענטפערט. — איך פאר איצט פון ווייט צום טאלנער רבין, זאל לעבן, מיט מיין קינד, באט זאל העלפן, ער זאל איר געבן די ריכטיקע רפואה... עס קאסט מיך שוין אפ אן עשירות... האב איך געמיינט, אז דער צדיק וווינט דא נישט ווייט ביים וועג, וואלט איך צו אים אויך מיט מיין קינד אריינגעפארן... איך בין שוין ביי אלע גוטע יידן געווען מיט מיין קינד און איצט פאר איך צום טאלנער, זאל לעבן, הלוואי וואלט איך שוין לאנג געפארן צו אים, וואלט שוין מיין קינד געזונט געווען און פארשפארט אזויפיל געלט ווין אויסצובראגגען...

— וואָס דולט איר אים דעם קאָפּ מיט אַ צדיק? — האָט דער ייד זיך אָנגערופן צו דער יידענע, — איר האָט דאָך געהערט, וואָס דאָס ייִנגעלע דערציילט, אַז דער, וואָס האָט געמאַכט דאָס ביכל, איז אַ גצלערטער ייד, און אפשר גאָר אַן אַפּיקורוס... אפשר האָט ער אָנגעשריבן אַן אַפּיקורסיש ביכל, ווער ווייסט?

— איך ווייס? — האָט די יידענע געענטפערט, — איך האָב געמיינט, אַז ער וועט קענען אויסהיילן מיין קינד און אַז ער וועט ביים וועג, נישט ווייט, וואָלט איך צו אים אויך אַריינגעפאָרן...

דער ייד האָט אויף איר אָנגעשריען, זי אָנגערופן „נאַרישע יידענע". און זי איז מיט אַ זיפץ אַנטשוויגן געוואָרן.

מיך האָט אָנגעהייבן צו פאַרדריסן, למאי ער האָט אָנגערופן פ״ץ סמאָלענסקין „אַפּיקורוס", און מיט הערץ האָב איך אים געזאָגט, אַז דער שרייבער פרץ סמאָלענסקין איז נישט קיין אַפּיקורוס, און אַז אַלץ, וואָס ער שרייבט, מיינט ער נאָר די טובה פון יידישן פאָלק.

— איר וואָלט איבערגעלייענט, וואָלט איר אַליין געזען, אַז איך זאָג אמת.

— איך לייען נישט אַזוינע טריפה-פסולן!.. און מיך וווּנדערס נאָר, וואָס אַזאַ קליינער שניעק, ווי דו, לייענט אזעלכע אַפּיקורסישע ביכלעך... דו ועסט אויס, ווי אַ יידיש ייִנגעלע און שלעפּסט זיך אַרום מיט אַזעלכע חטאים...

איך האָט מורא געהאַט מיט אים ווייטער צו פירן אַזאַ שמועס. איך וועל אים אַריינברענגען אין כעס, וועט ער וועלן מיינע ביכלעך צערייסן, ווי עס טוען אַ סך עלטערע יידן, ווען זיי דערזעען, ווי יונגעלייט לייענען השכלה-ביכלעך, און איך בין דאָך מער נישט, ווי אַ ייִנגעלע.

איך האָב געשוויגן און מער נישט געענטפערט. מיינע ביכלעך האָב איך צוריק אַריינגעלייגט אין זעקל. נאָך אַ זאָך האָט מיך אָנגעהייבן צו שרעקן.

מיר האָבן באַדאַרפט פאַרבייפאָרן די שטאָט הייסין, ווו מיין שוועסטער האָט געוווינט מיט מיין שוואָגער. איצט האָב איך זיך געשראָקן, טאָמער איז דער ייד אַ הייסינער און וועט דערציילן דעם שוואָגער מיט דער שוועסטער, אַז איך לייען אַפּיקורסישע ביכלעך.

מיט דעם ייד האָב איך דעם גאַנצן וועג מער נישט גערעדט, כאָטש ער האָט גפּרוּווט זיך ביי מיר דערוויסן, ווער און וואָס איך בין, און ווער עס זענען מיינע עלטערן, פונוואַנען און וווּהין און צו וועמען איך פאָר? איך האָב אים אָבער אָפּגעפּטערט מיט אַ פּאָר ווערטער, נישט אויסזאָגנדיק אים דעם גאַנצן אמת.

די יידענע האָט דעם גאַנצן וועג נישט אויפגעהערט צו דערציילן וועגן דעם אומגליק מיט איר קינד. שוין צוויי יאָר, ווי איר קינד איז אַראָפּ פון זינען. זי איז שוין אויסגעווען ביי אַלע דאָקטוירים, ביי אַלע גוטע יידן, און איצט פאָרט זי צום טאַלנער רבין, זאָל לעבן, ער זאָל איר אַרויסטרייבן דאָס משוגעת.

מיר האָבן אָנגעהייבן טרייבפאָרן קיין הייסין און איך האָב געזאָגט דעם בעל־עגלה, ער זאָל צופאָרן צו מיין שוועסטערס הויז, וואו איך וועל וואַרטן די פּאָר שעה, ביז די פערד וועלן אָפּרוען.

• • •

ווען די בויד האָט זיך אָפּגעשטעלט און איך האָב אָנגעהייבן אַרויסצוקריכן צוזאַמען מיט מיין פּעקל, איז אַרויסגעלאָפן מיין שוועסטער רייזל, און דערזעענדיק מיך, האָט זי אַ פּאַטש געגעבן מיט די הענט און זיך צעוויינט פון גרויס שמחה.

מיין שוואָגער הערצי־לייב איז אויף איר געוויין אויך אַרויסגעלאָפן, און דערזעענדיק מיך, האָט ער מיר מיט זיינע האַרטע פינגער אַ קניפּ געטאָן אין בעקל און געזאָגט:

— וואָס מאַכסטו עפּעס, ווייסער־חברהניק? קום אַריין אין שטוב, וואָס שטייסטו דאָ?

ווען איך בין נישט קיין גאַסט אויף אַ פּאָר שעה, ביז די פערד וועלן זיך אָפּרוען, וואָלט איך מיין שוואָגער פאַר אָזאַ באַגעגעניש נישט געשוויגן. איך וואָלט אים געזאָגט, אַז איך בין שוין נישט קיין יינגעלע, ווי פריער, מיט אַ יאָר צוויי, ווען איך בין געווען אין הייסין, נאָר איך בין שוין אַ גאַנצער מענטש, און וואָלט

איס דערמאנט די מעשה מיט מיין שבתדיק היטל. נאר אזויווי איך דארף אין א פאר שעה ארום אוועקפארן, האב איך כמעט קיינעם זיך נישט געוואלט צעקריגן און האב גארנישט געענטפערט.

ווען מיר זענען צלע אריין אין שטוב און איך האב געזאגט, אז איך וויל זיך א ביסל אפרוען, ווייל אין א פאר שעה וועט קומען די בויד און מיר וועלן ווייטער פארן, האט די שוועסטער אויפגעהייבן א געוואלד, אז זי וועט מיך נישט לאזן פארן, איך מוז דא פאר־ברענגען כאטש א פאר וואכן.

— וואס איז, די גרויסע געשעפטן דיינע, וואס דו האסט אזוי קיין צייט נישט? — האט די שוועסטער געפרעגט.

— די מאמע ווארט אויף מיר... — האב איך געפרוווט זאגן.

די שוועסטער האט מיך בארויקט:

— נישקשה, איך וועל מיטגעבן א בריוועלע מיט דעם בעל־עגלה, איך וועל שרייבן, אז איך האב דיך פארהאלטן ביי אונדז צוגאסט.

זי האט גענומען שרייען צום שוואגער:

— הארצי לייב! קום נאר אהער! נעם באלד שרייבן דער מאמען א בריוועלע, אז מיר האבן מאטעלען פארהאלטן ביי אונדז צוגאסט.

מיר איז איינגעפאלן א געדאנק, אז דאס, וואס מיין שוואגער איז פלוצלונג פארפאלן געווארן, איז נישט אנדערש, אז ער שמעקט ארום מיין פעקל, וואס ליגט נישט ווייט פון איס. א דערשראקענער, בין איך צוגעלאפן צום פעקל און עס צוגערוקט נענטער צו מיר.

— וואס ציטערסטו אזוי איבער דיין פעקל? — האט מיין שוואַ־גער געפרעגט. — דו פירסט דאך דארטן נישט קיין בריליאנטן!

— איך פיר דארטן א שבתדיק היטל פאר מיר, — האב איך איס א שטאך געטאן.

מיין שוועסטער האט זיך צעלאכט:

— דו געדענקסט נאך זיינע נארישקייטן?

דער שוואגער האט געמאכט א שוויג און מער מיט מיר נישט גערעדט.

ווען איך האב נישט די ביכלעך אין פעקל, וואלט איך אפשר געבליבן ביי מיין שוועסטער א פאר טעג, נאר מורא האבנדיק, אז מיין שוואגער זאל נישט קריכן צו מיין פעקל האב איך געזאגט, אז איך קען נישט בלייבן. איך מוז ווייטער פארן.

— כאָטש אויף שבת זאָלסטו בלייבן — האָט מיין שוואָגער זיך אָנגערופן.

— אַז מיר פרעגן גאָרנישט ביי דיר, — האָט די שוועסטער זיך אָנגערופן. — איך בין דיינע אַן עלטערע שוועסטער, מעג איך טאָן, וואָס איך וויל.

איך האָב נישט נעענטפערט און זיך געטראַכט: וואָס האָב איך דאָ צו רעדן אַ סך? עס וועט קומען דער בעל-עגלה, וועל איך אַריין מיט מיין פעקל אין בויד און פאָרן. מיט געוואַלד וועט מען דאָך מיך נישט צוהאַלטן.

עס האָט זיך אָבער אויסגעלאָזט אַנדערש: די בויד איז דעם גאַנצן טאָג נישט געקומען, און ערשט אויפדערנאַכט האָט מיין שוועסטער מיט נעלעכטער דערציילט, וואָס זי האָט מיר אָפגעטאָן. זי איז אַוועק צום בעל-עגלה אויף דער אכסניה, אים באַצאָלט וואָס אים קומט און מיטגעגעבן אַ בריוול צו דער מאַמען, אַז איך בין געבליבן דאָ צוגאַסט.

עס איז געווען אַ פאַרפאַלענע זאַך און איך בין געבליבן אַ גאַסט ביי מיין שוועסטער. מיין פעקל האָב איך איר איבערגעגעבן און זי געבעטן, אַז קיינער זאָל דערין נישט אַריינקוקן.

זי האָט מיר צוגעזאָגט, אַז זי וועט עס באַהאַלטן, אַז קיין רוח וועט נישט געפונען און איך האָב איר געגלייבט. ווידער האָב איך זיך געטראַכט, אַז ווען מיין שוואָגער וועט זיך דערוויסן, וואָס דאָרטן טוט זיך, האָב איך אויך פאַר אים קיין מורא נישט: איך וועל באַלד אַוועקפאָרן און שוין! וואָס קען ער מיר טאָן!

עס איז אָפגערעדט געוואָרן, אַז איך בלייב נאָר אויף אַ שבת און באַלד נאָך שבת פאָר איך אַהיים.

די שוועסטער איז געווען באַזונדערס גוט צו מיר, האָט פראָסט, ווי מען זאָגט, „געבלאָזן דאָס אָרט פון מיר". דאָס שענסטע און דאָס בעסטע האָט זי מיר אונטערגעטראָגן און האָט גאָרנישט געוווּסט וואָס צו טאָן מיט מיר.

ווער עס איז אַריינגעקומען פון אירע הייסינער פריינט, שכנים און באַקאַנטע, האָט זי זיך נאָר באַרימט מיט מיר.

— איאָ, מיין ברודערל איז אַ שיין ייִנגל!

אַפילו מיין שוואָגער האָט זיך גוט באַצויגן צו מיר. ער האָט

אויפגעהערט זיך צו ווערטלען און קנייפן אין בעקל, ווי ער איז פון תמיד אָן געוווינט.

איך האָב נישט פאַרשטאַנען אַזאַ גוטע באַציִונג צו מיר. נאָכמער האָט מיך געוווּנדערט אַן אַנדער נעשיכטע.

מיין שוועסטער האָט געהאַט צוויי מיידלעך. די עלטערע פּעסעלע, וואָס איז געווען עלטער פון מיר מיט אַ פּאָר חדשים, פלעגט זיך שטענדיק שפּילן מיט מיר, ווען זי איז אַמאָל געקומען צו אונדז קיין אומאַן, אָדער איך צו זיי קיין הייסין.

מיר פלעגן מיט אונדזער שפּילן און אַרומלויפן איבערקערן די שטוב און די גאַס. עס איז אונדז געווען פריילעך און עס איז אונדז קיינמאָל נישט נמאס געוואָרן זיך צו שפּילן.

צמאָל פלעגן מיר זיך אויך צעקריגן, צעשלאָגן און געוואָרן ברוגז, אָבער באַלד האָבן מיר זיך איבערגעבעטן און מען האָט זיך ווייטער געשפּילט און עס איז ווידער געווען פריילעך.

הייִנטיקס מאָל האָב איך פּעסלען נישט דערקענט, גאָר אַן אַנדערע איז זי געוואָרן.

מיט אַלע אין שטוב האָט זי זיך געשפּילט, געטאַנצט, געשפּרונגען, אָבער ווי עס איז נאָר געקומען צו מיר, איז זי מיטאַמאָל געוואָרן ערנסט, פאַרשעמט, אַראָפּגעלאָזט די אויגן און די בעקלעך האָבן זיך אָנגעהייבן צו רויטלען.

— פּעסעלע! — האָב איך זי איינמאָל אַ רוף געטאָן און אָנגעכאַפּט זי ביי די הענטלעך, — וואָס איז מיט דיר געוואָרן, פאַרוואָס שעמסטו זיך פאַר מיר.

פּעסעלע האָט זיך אויסגעריסן פון מיר, איז אַנטלאָפן צו דער מאַמען און זיך געטוליעט צו איר. די שוועסטער, וואָס האָט דאָס באַמערקט, האָט זיך הויך צעלאַכט.

שבת איז געווען אַ סך ווייַן ביים טיש, די שוועסטער האָט לכבוד דעם גאַסט געמאַכט דריי קוגלען. עס זענען געקומען אַ סך געסט, און מיין שוועסטער האָט פאַר יעדן איך ווידער באַרימט מיט איר ברודערל, וואָס פאַר אַ שיין יינגעלע ער איז.

אין דעמדאָזיקן שבת האָבן פּעסעלעס בעקעלעך געפלאַמט מער ווי אַלעמאָל. מיט מיר איז זי אָבער געווען טרנסט און זיך געהאַלטן פונדערווייטנס.

אויף מארגן, ווען איך בין אוועקגעפארן פון הייסין, האט מיר דער שוואגער געשענקט א ניי „ענגליש מעסערל״. די שוועסטער האט מיר אויך עפעס געשענקט, און פצסעלע האט מיר געזאגט, אז איך זאל פון איר אפגעבן א גרוס דער באבען, זאגנדיק צו מיר עטלעכע מערטער, האבן אירע בעקלעך געברענט ווי פייער.

שוין זיצנדיק אין בויד און אפפארנדיק עטלעכע ווארסט, האב איך נישט אויפגעהערט צו טראכטן פון הייסין מיט מיין שוועסטערס הויז.

איך האב זיך געזאגט: עפעס טוט זיך אונטער מיינע אויגן, נאר וואס, ווייס איך אליין נישט...